STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06107

# SHTEGN IN UTOPYE

Martin Buber

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מאַרטין בובער

# שטעגן אין אוטאָפּיע

פון דייטש: י. בירנבוים

ASOCIACION RACIONALISTA JUDIA
יידישע
ראַציאָנאַליסטישע
געזעלשאַפט
BUENOS AIRES

בוכגעמיינשאַפט
ביי דער
יידישער ראַציאָנאַליסטישער געזעלשאַפט
בוענאָס איירעס, 1959

IMPRESO EN LA ARGENTINA
PRINTED IN ARGENTINA
Copyright by:
**MARTIN BUBER, Israel**

Hecho el Depósito que marca la Ley

INDUSTRIA ARGENTINA

Este libro se terminó de imprimir en el mes de enero de 1959, en los Talleres Gráficos "ZLOTOPIORO HNOS.", San Luis 3149. Bs. Aires.

# גוסטאַוו לאַנדאַוער אין דער איצטיקער צייט

אָנשטאָט אַן אַריינפיר, דרוקן מיר דאָ איבער אַ טייל פון מאַרטין בובערס אַרטיקל, וואָס איז דערשינען אין דעם העב־רעישן זאַמלבוך „גוסטאַוו לאַנדאַוער" (תל־אָביב 1939). דער אַרטיקל איז אויך איבערגעדרוקט געוואָרן פון אַ הוספה צו דער העברעישער אויסגאַבע פון אָט דעם בוך („נתיבות באוטופיה"). אגב — די העברעישע אויסגאַבע איז טאַקע גע־ווידמעט „לזכר הידיד גוסטב לנדאַואר" (צום אָנדענק פון דעם פריינד גוסטאַוו לאַנדאַוער).

היינט, צוואַנציק יאָר נאָך דעם פריינדס טויט, פרעג איך מיך אַליין: וואָס האָט פּאַסירט אין דער צווישנצייט, וואָס קען אָפּלייקענען זיינע רייד? און וואָס האָט פּאַסירט אין דער צווישנצייט, וואָס קען זיינע רייד באַשטעטיקן? און ווי איך טראַכט מיך אַריין אין דעם, אַזוי פאַרשווינדט אַלץ, וואָס האָט אויסגעוויזן צו פאַרלייקענען לאַנדאַוערן, און אַלץ וואָס באַשטעטיקט אים, איז אויסגעקריצט אויף אַ בראָנדזענעם טאָוול. מען וויל נישט זען, וואָס עס איז אָנגעשריבן אויפן טאָוול, אָבער דאָס וועט אייך שטעכן אין די אויגן, ביז איר וועט זיי נישט קענען אָפּווענדן. עס איז אָנגעשריבן דאָרטן: „דער באַנקראָט פון סאָציאַליזם", און דאָס מיינט: דער באַנקראָט פון דעם אַנדערן סאָציאַליזם, דער, וואָס איז נישט געווען לאַנדאַוערס, דער באַנקראָט פון דעם הערשנדיקן סאָציאַליזם.

צוויי געשעענישן, וואָס האָבן זיך אָנגעהויבן שוין בעת די לעצטע יאָרן פון לאַנדאַוערס לעבן, זענען זינט דעמאָלט אַוועק אַזוי ווייט, אַז איטלעכער מענטש, וואָס האָט נישט קיין פּניות, דערקענט איבערגוואַלט, וווהין זיי פירן.

די ערשטע געשעעניש איז אין תוך די קאָנקרעטע פאַרקערפּערונג פון אַ ריזן־מלוכה, וואָס אין איר ווירקט מיט זיין גאַנצער מאַכט די אַכזרישע הערשאַפט פון דער אַבסטראַקציע „מלוכה" (דעם „דאָזיקן קעלטסטן מאָנסטער פון אַלע מאָנסטערס" (ניטשע) איבערן מענטשן, איבערן דאָזיקן שטיק פלייש און בלוט, איבערן דאָזיקן שטיק לעבן און טויט, איבערן דאָזיקן שטיק ציטערדיקער ממשותדיקייט, איבער אַלע געביטן פון זיין. די דאָזיקע מלוכה מיינט צו זיין די דערפילונג פונעם מענטש־לעכן חלום פון ברודערשאַפט צווישן מענטשן. איטלעכער ווען ווערט געדריקט פון דער מאַכט, פון דער צוזאַמענגענומענער מאַכט פון די פאַרוואַלטערס פון אָט

דער מלוכה. ס'איז שוין מער גאָרנישט פאַראַן, חוץ דער מאַכט פון איין זייט, און דעם האַרץ פון די מאַכטלאָזע פון דער אַנדערער זייט, דעם האַרץ פון די אָנמאַכטיקע, וואָס ווערט צעריסן צווישן דער אילוזיע פון זיין אַ שותף צו דער מאַכט, און צווישן דער מורא נישט אומגעבראַכט צו ווערן דורך איר. אמת, זיי זענען באַפרייט געוואָרן, ס'מיינט, זיי זענען מער נישט קיין אַרבעטערס ביי אונטערנעמערס פון פלייש און בלוט, וואָס האָבן אַלנפאַלס געהאַט אַ מאַכט בלויז אויף די הענט פון די אַרבעטערס בעת דער אַרבעט. זענען זיי אָבער איצט געוואָרן קנעכט ביי דעם גרעסטן פון אַלע אונטערנעמערס, דעם אונטערנעמער מלוכה, און אָט דער האָט אַ מאַכט אַפילו אויף זייערע קינדעריאָרן. ער האָט אַ מאַכט אויפן אויסזען פון זייער לעבן און אויף די מחשבות פון זייער האַרץ. אמת, מ'האָט זיי געגעבן דאָס רעכט צו גלייבן, אַז זיי אַליין זענען עס די מלוכה, ווייל אָט זייערע „פאַרוואַלטערס" הערשן דאָך אין איר. מ'האָט זיי געגעבן דאָס רעכט צו גלייבן, אַז זיי זענען פרייע מענטשן, ביז וואַנען דער שרעק ווייזט זיי נישט אויף דאָס פאַרקערטע. דער מאַנסטער פאַרשטעלט זיך פאַר אַ משיח און די מענטשן גלייבן אים. ניין, זיי גלייבן אים שוין נישט, אָט ווי זיי קענען שוין נישט גלייבן היינט אין יענעם באַרימטן צוזאָג פון „אונטערגאַנג" פונעם מעכטיקן מלוכישן מעכאַניזם (לעניין, „מלוכה און רעוואָלוציע"); קיין שום זאַך, אַפילו נישט דער קלענסטער אויפטו, באַווייזט נישט אויף דער לייכטסטער גרייטקייט צו אַזאַ אונטערגאַנג. און ווי קען עס גאָר איינפאַלן דעם מאַנסטער מיט זיין אייגענעם ווילן צו רעגונסירן?

לאַנדאַוער פלעגט אַלע מאָל אויפווייזן קלאָר, און מיט פולער קאָנסעקווענץ, אַז מיטן פאַרכאַפּן די מלוכה־מאַכט און מיט דער אָנווענדונג פון גוואַלט קען מען נישט פאַרווירקלעכן דעם סאָציאַליזם. „נישט אין דער מלוכה קען דען סאָציאַליזם פאַרווירקלעכט ווערן, נאָר אין דרויסן פון דער מלוכה. כל־זמן עס עקזיסטירט נאָך די־דאָזיקע פאַרעלטערטע באַרישקייט, דידאָזיקע אָרגאַניזירטע גוואַלד, כל־זמן עס עקזיסטירט נאָך אָט דער ריזן־גולם, וועט דער סאָציאַליזם געשאַפן ווערן אָן אַ זייט פון דער מלוכה" (1907). „דער סאָציאַליזם קען שפּראָצן בלויז פון פרייהייטלעכן גייסט און פרייער פאַראייניקונג. ער קען אויפקומען בלויז פון יחידים און זייערע פאַרברידערונגען" (1910). „די־דאָזיקע מענטשן האָבן דאָך אַפילו נישט קיין חוש אויף צו פילן דעם ריכטיקן טעם פון געזעלשאַפט. זיי פילן אינגאַנצן נישט, אַז אַ געזעלשאַפט קען בלויז זיין אַ פאַראייניקונג פון חברים, בלויז פאַרבאַנד, בלויז פרייהייט. זיי מיינען אַז סאָציאַליזם איז מלוכה, בעת די קולטור־דורשטיקע ווילן באַשאַפן דעם סאָציאַליזם, מחמת זיי ווילן דווקא אַרויסגיין פון דער מלוכה און אַריינגיין אין אַ פאַרבאַנד פון חברשאַפט און פון פרייען אויסוואַל.... אָבער אין דאָזיקן סאָציאַליזם זייערן טרעפן זיך ווידער אַלע געשטאַלטן פון קאַפּיטאַליזם און פון דעם געזעצן־צוים, און אַזוי ווי זיי שפּאַנען פאָרויס ביז צו דער פולקאָמער פאַרווירקלעכונג פון דער שטרעבונג צו גלייכקייט, אַזוי ווערט אויך דער פּראָלעטאַריער פון דער קאַפּיטאַליסטישער געשעפט־אונטערנעמונג פאַרוואַנדלט אין אַ פּראָלעטאַריער פון דער מלוכה" (1911).

# אַרײַנפֿיר

דאָס דאָזיקע בוך איז געשאַפֿן געוואָרן מיט דער כוונה אַרויסצוברענגען גענעטיש די אידייען פֿון דעם, וואָס מאַרקס און די מאַרקסיסטן האָבן באַצייכנט ווי „אוטאָפּישער סאָציאַליזם״ און גאָר באַזונדערס זייער פּאָסטולאַט מכוח באַנייען די געזעלשאַפֿט דורכן באַנייען איר גאַנצן קעמערלדיקן געוועב. מיר איז נישט געגאַנגען וועגן זעם צו געבן אַן איבערבליק פֿון דער אַנטוויקלונג פֿון אַן אידיי, נייערט אָנצוצייכענען דאָס בילד פֿון אַן אידיי אין איר אַנטוויקלונג. פֿאַר דער שאַפֿונג פֿון אַזאַ בילד, ווי פֿאַר דער שאַפֿונג פֿון בילדער אין אַלגעמיין, איז די תוכיקע שאלה, וואָס אַזוינס מ׳דאַרף אויסלאָזן. פֿונעם ריזיקן מאַטעריאַל האָט זיך מיר אויסגעוויזן פּאַסיק און צוגעהעריק נאָר דאָס, וואָס איז וועזנטלעך פֿאַר דער באַטראַכטונג פֿון דער אידיי. וויכטיק זײַנען נישט די זײַטיקע שטעגן, נייערט בעיקר דער הויפּטוועג, צו וועלכן זיי קומען אומבאַדינגט צו. פֿון דער געשיכטלעכער אויסוויקלונג פֿונעם גײַסט גייט־אויף פֿאַר אונדז די עצמדיקע אידיי גופֿא.

און נאָך אַ פּערספּעקטיוו, ווען אַפֿילו בלויז אַן ענגע, אַ שמאָלע, האָט געדאַרפֿט גענומען ווערן אין באַטראַכט: אַן אויסבליק צו די פּרוּוון צו פֿאַרווירקלעכן די אידיי, פּרוּוון געוואַגטע, אָבער פּראָבלעמאַטישע. ערשט דערנאָך איז געקומען דער מאָמענט אַרויסצוברענגען קריטיש די טעאָרעטישע און פּראַקטישע באַציִונג פֿונעם מאַרקסיזם צו דער אידיי מכוח דער סטרוקטורעלער באַנײַאונג, אַ באַציִונג, וועלכע האָט אין דער התחלה פֿונעם בוך בלויז געקאָנט אָנגעדייט ווערן בתורת אַרײַנפֿיר. ערשט נאָכדעם, און טאַקע אויף אָט־דעם סמך, האָב איך געדאַרפֿט רעדן וועגן באַשטימטן פּרוּוו, וועמעס דירעקטע באַקאַנשאַפֿט איז געווען דער גורם אָנצושרײַבן אָט־דאָס בוך; איך האָב אים אייגנטלעך נישט באַשריבן און נישט אינפֿאָרמירט וועגן אים, נייערט אים באַלויכטן אויפֿקלעריש אין שייכות מיט זײַן אינערלעכן

צוזאַמענהאַנג מיט דער אידיי, — ווי אַ פּרווו, וועלכער איז נישט דורכ־געפאַלן.

אַ סוף־קאַפּיטל רעזומירט מיין אייגענע באַציונג צו דער אידיי, אַ באַציונג, וועלכע האָט אינעם ווערק געקאָנט קומען צום אויסדרוק בלויז צווישן די שורות. אַגב האָט דאָך אויך געמוזט אָנגעוויזן ווערן איר באַטייט פאַר דעם איצטיקן געשיכטלעכן מאָמענט.

דאָס בוך איז פאַרענדיקט געוואָרן אין פרילינג פון יאָר 1945. די העברעישע אויפלאַגע איז אַרויס אין אַ יאָר אַרום. די שפּאַנישע אין יאָר 1950, אַזוי אויך די דייטשע אויפלאַגע, פון וועלכער אָט־די איבערזעצונג איז געמאַכט.

**ירושלים, פרילינג, 1950.**

מאַרטין בובער

## אַנמערקונג פונעם איבערזעצער:

ביי געוויסע שווערערע און קאָמפּליצירטערע שטעלן איז גענומען געוואָרן אין באַטראַכט, לשם קלאָרקייט, די העברעישע אויפלאַגע פונעם זעלביקן ווערק.

# דער באַגריף

צו די קאַפּיטלען פונעם קאָמוניסטישן מאַניפעסט, וועלכע האָבן געהאַט די גרעסטע השפּעה אויף די דורות ביז צו אונדזערע טעג, באַלאַנגט דאָס קאַפּיטל, וועלכעס ווערט באַטיטלט ווי „דער קריטיש־אוטאָפּישער סאָציאַליזם און קאָמוניזם".

ווי באַקאַנט האָט דער „בונד פון די גערעכטע" פאַרגעבן מאַרקסן און ענגלסן די אַרבעט צו „פאָרמולירן אַ קאָמוניסטישן אַני־מאַמין" (משה העס' אַ שקיץ איז אויפן סמך פון ענגעלסעס קעגנערשאַפט אָפּגעוואָרפן געוואָרן), ווי אַ וויכטיקע פאָרויסיקע פאָרמולירונג פאַרן געפּלאַנטן צונויפרוף פון אַן אַלגעמיינעם קאָמוניסטישן קאָנגרעס און פונעם „פאַרבאַנד פון אַלע אונטערדריקטע" אין יאָר 1848. אין הסכם מיטן אָנווייז פון דער פאַרוואַלטונג פונעם „בונד" האָט דאָ אויך געדאַרפט קומען צום בולטן אויסדרוק די „שטעלונג און באַציִונג צו די סאָציאַלע און קאָמוניסטישע פאַרטייען", דאָס הייסט, די אָפּגרענעצונג פון ענלעכע ריכטונגען. דערביי האָט מען קודם־כל געמיינט די פוריערִיסטן, „דידאָזיקע פלאַכע מענטשן", ווי ס'זאָגט זיך אינעם שקיץ פונעם אַני־מאַמין, וועלכן די צענטראַלע אויטאָריטעטן האָבן פאָרגעלייגט פאַרן לאָנדאָנער קאָנגרעס פונעם „בונד פון די גערעכטע". אינעם שקיץ, וועלכן ענגעלס האָט דעמאָלט אויסגעאַרבעט, רעדט זיך נאָך נישט וועגן „אוטאָפּישע" סאָציאַליסטן אָדער קאָמוניסטן; דאָרטן רעדט זיך וועגן די לייט, וועלכע לייגן־פאָר „גרויסאַרטיקע רעפאָרם־סיסטעמען", וועלכע ווילן אונטערן תירוץ צו רעאָרגאַניזירן די געזעלשאַפט, גאָר אויפהאַלטן די עיקרדיקע יסודות פון דער איצטיקער געזעלשאַפט און במילא טאַקע, די איצטיקע געזעלשאַפט" און דעריבער ווערן זיי באַצייכנט ווי „בורזשואַזע סאָציאַליסטן", וועלכע מ'דאַרף באַקעמפן; דאָס איז, אַגב,

אַ באַצייכענונג, וועלכע ווערט אין דער ענדגילטיקער פֿאָרמולירונג ספּעציעל אָנגעווענדט אויף פּרודאָנען. דער חילוק צווישן ענגעלסעס שקיץ און דער פֿאָרמולירונג, וועלכע איז געמאַכט געוואָרן בעיקר פֿון מאַרקסן, איז אַ געוואַלדיק גרויסער. די „סיסטעמען“, צווישן וועלכע ס׳ווערן דערמאָנט סען סימאָנס, פֿוריעס און אָוענס (אין מאַרקס שקיץ זיינען אויך דערמאָנט געוואָרן קאַבע, ווייטלינג און אַפֿילו באַבעף ווי איניציאַטאָרס פֿון אַזעלכע סיסטעמען), ווערן באַהאַנדלט ווי די פּרוכט פֿון אַן עפּאָכע, אין וועלכער די אינדוסטריע און דערמיט אויך דער פּראָלעטאַריאַט זיינען נאָך נישט געווען אַנטוויקלט; במילא איז לויט דעם נאָך געווען אוממעגלעך דער באַגריף און דער באַנעם פֿונעם פּראָבלעם „פּראָלעטאַריאַט“. און אָנשטאָט דעם טאַקע האָבן זיך באַוויזן יענע „סיסטעמען“, וועלכע האָבן נישט געקאָנט זיין עפּעס אַנדערש ווי אויסגעטראַכט, פֿאַנטאַסטיש, אוטאָפּיסטיש און אין תוך זיינען זיי אויסן געווען די אָפּשאַפֿונג פֿון אַ קלאַסן־סתירה, וועלכע האָט זיך פּונקט דעמאָלט ערשט אָנגעהויבן צו אַנטוויקלען און פֿון וועלכער ס׳האָט ערשט מיט דער צייט געדאַרפֿט אַרויסקומען „די אַלגעמיינע איבעראַנדערשונג פֿון דער געזעלשאַפֿט“. מאַרקס פֿאָרמולירט דאָ פֿונדאָסניי דאָס, וואָס ער האָט שוין געהאַט אַרויסגעבראַנגט פֿריִער אין זיין פּאָלעמישן מאמר קעגן פּרודאָנען: „דידאַזיקע טעאָרעטיקער זיינען אוטאָפּיסטן; זיי מוזן זוכן וויסנשאַפֿט אין זייערע קעפּ, מחמת ס׳האַלט נאָך נישט אַזוי וייט, אַז זיי זאָלן זיך בלויז דאַרפֿן אָפּגעבן חשבון מכוח דעם, וואָס ס׳פּאַסירט פֿאַר זייערע אויגן און צו פֿאַרוואַנדלען זיך אין זייער אָרגאַן“. די קריטיק פֿון די עקזיסטירנדיקע פֿאַרהעלטענישן, אויף וועלכע די סיסטעמען זיינען אַוועקגעשטעלט, ווערט אָנערקענט ווי אַ ווערטפֿולער אויפֿקלערונגס־מאַטעריאַל, בעת דאָס גאַנצע פּאָזיטיווע אין זיי ווערט פֿאַרמשפּט אין לויף פֿון דער היסטאָרישער אַנטוויקלונג צו פֿאַרלירן יעדן פּראַקטישן ווערט און יעדן מין טעאָרעטישע באַרעכטיקונג.

דעם פּאָליטישן כאַראַקטער פֿון דערדאָזיקער דעקלאַראַציע בתוך דער דעמאָלטדיקער סאָציאַליסטיש־קאָמוניסטישער באַוועגונג קאָנען מיר אָפּשאַצן נאָר בתנאי, ווען מיר נעמען אין באַטראַכט, אַז זי איז אַרויסגעטראָטן קעגן יענע אָנשויונגען, וועלכע זיינען פֿריִער געווען די הערשנדיקע טאַקע אינעם „בונד פֿון די גערעכטע“ גופֿא און זיינען פֿון דאָרט אַרויסגעשטויסן געוואָרן דורך מאַרקס אידייען. מאַרקס האָט זיי צעוואָלף יאָר נאָכן דערשיינען פֿונעם „קאָמוניסטישן מאַניפֿעסט“ באַצייכנט ווי אַ „געהיימע דאָקטרין“,

וועלכע איז באַשטאַנען פון אַ „געמיש פון פראַנצויזיש־ענגלישן סאָציאַליזם אָדער קאָמוניזם און פון דייטשער פילאָזאָפיע", און ער האָט אַרויסגעשטעלט קעגן איר „די וויסנשאַפטלעכע פאַרשטענדעניש פון דער עקאָנאָמישער כטרוקטור פון דער בירגערלעכער געזעלשאַפט ווי דעם איינציק־אָננעמבאַרן טעאָרעטישן יסוד"; ס'האָט זיך דעמאָלט געהאַנדלט, ווי' ער זאָגט, צו ווייזן, אַז „ס'גייט דאָ נישט וועגן דער דורכפירונג פון עפּעס אַן אוטאָפּישן סיסטעם, נייערט אין זעלבסטבאַוווסטער באַטייליקונג אין דעם געשיכטלעכן רעוואָלוציאָנערן פּראָצעס אין דער געזעלשאַפט, וועלכער קומט־פאָר פאַר אונדזערע אויגן". הייסט עס, בכן, אַז דאָס פּאָלעמיזירנדיקע קאַפּיטל פונעם „מאַניפעסט" קעגן „אוטאָפּיזם" איז, בכן, געווען אַן אינערלעך־פּאָליטישע אַרויסטרעטונג אינעם גענויסטן זין פונעם וואָרט: די זיגערישע פאַרענדיקונג פונעם געראַנגל, וועלכן מאַרקס, מיט ענגלסן ביי זיין זייט, האָט געפירט קעגן די אַנדערע ריכטונגען, וואָס זיי גופא אָדער אַנדערע האָבן אָנגערופן קאָמוניסטישע, טאַקע אין סאַמע „בונד פון די גערעכטע" גופא, (וועלכער האָט איצט געהייסן „בונד פון די קאָמוניסטן") דער באַגריף „אוטאָפּיסטיש" איז געווען די לעצטע און שאַרפסטע פייל, וועלכע ער האָט אויסגעשאָסן אין אָט־דעם געראַנגל.

איך האָב נאָר־וואָס געזאָגט: „מיט ענגלסן ביי זיין זייט". לכל הדעות דאַרף דאָ נישט אויסגעלאָזט ווערן אַן אָנווונק אויף אייניקע זאַצן פונעם אַריינפיר, וועלכע ענגעלס האָט, בערך צוויי יאָר פאַרן אָנשרייבן דעם „מאַניפעסט", אָוועקגעשטעלט צו זיין איבערזעצונג פון אַ מאמר פון פוריעס נאָכלאָז. אויך דאָ ווערט טאַקע גערעדט וועגן יענע דאָקטרינען, וועלכע ווערן אינעם מאַניפעסט פאַרוואָרפן ווי אוטאָפּיסטישע; אויך דאָ ווערן ביטירט פוריע, סען סימאָן, אָוען; אויך דאָ ווערט ביי זיי געמאַכט אַ חילוק צווישן דער ווערטפולער קריטיק פון דער באַשטייענדיקער געזעלשאַפט און דער פּילווייניקער חשיבותדיקער „סכעמאַטיזירונג" פון דער צוקונפטיקער געזעלשאַפט; אָבער פאַר דעם זאָגט זיך: „דאָס, וואָס די פראַנצויזן און ענגלענדער האָבן שוין געזאָגט מיט צען, צוואַנציק און אַפילו מיט פערציק יאָר צוריק —און עס געזאָגט זייער גוט, זייער קלאָר, אין אַ זייער שיינער שפּראַך, דאָס האָבן די דייטשן ענדלעך אויסגעלערנט שטיקלעכווייז און עס פאַרהעגעלט, אָדער גאָר, אין בעסטן פאַל, האָבן זיי עס שפּעטער נאָכאַמאָל אויסגעפונען און עס געלאָזט אָפּדרוקן אין אַ פיל־ערגערער, אין אַן אַבסטראַקטער פאָרעם ווי אַ גאַנץ נייע דערפינדונג".

און ענגעלס גיט־צו ווערטערלעך: „איך נעם דאָ פון דעם נישט אַרויס מיינע אייגענע אַרבעטן“. דער גערעכטער איז, בכן, אַנגעגאַנגען אויך קעגן דער אייגענער פאַרגאַנגענהייט. אָבער נאָך וויכטיקער איז אָט־דער ווייטער־דיקער פּסק־דין: „פּוריע בויט זיך אויס די צוקונפט נאָכדעם ווי ער האָט ריכטיק דערקענט די קעגנוואַרט“. דאָס מוז אָנגעשטעלט ווערן קעגנ־איבער דעם, וואָס דער „מאַניפעסט“ ברענגט־אַרויס קעגן אוטאָפּיזם. און מ׳דאַרף דערביי אויך נישט פאַרגעסן, אַז דער „מאַניפעסט“ איז אָנגעשריבן געוואָרן בסך־הכל צוויי יאָר נאָך פּוריעס טויט.

דאָס, וואָס ענגעלס זאָגט דרייסיק יאָר נאָכן מאַניפעסט אין זיין אַנטי־דירינג־בוך טאַקע וועגן די זעלביקע „דריי גרויסע אוטאָפּיסטן“ און וואָס איז באַלד נאָכדעם אַריינגענומען געוואָרן מיט אייגענע צוגאָבן אין דער־איינפלוסלעכער אַרבעט „די ענטוויקלונג דעס סאָציאַליזמוס פאַן דער אוטאָ־פּי צור וויסענשאַפט“, שטעלט מיט זיך פאָר נישט עפּעס אַנדערש ווי אַן אויסאַרבעטונג פון דעם, וואָס שטייט שוין אין מאַניפעסט. עס רופט באַלד די אויפמערקזאַמקייט, וואָס ווידעראַמאָל ווערן באַהאַנדלט נאָר די נעמלעכע דריי מענטשן, „די גרינדער פונעם סאָציאַליזם“, טאַקע יענע, וועלכע זיינען געווען „אוטאָפּיסטן“, „ווייל זיי האָבן נישט געקאָנט זיין עפּעס אַנדערש אין אַ צייט, ווען די קאַפּיטאַליסטישע פּראָדוקציע איז געווען אַזוי שוואַך אַנט־וויקלט“, יענע, וועלכע זיינען געווען געצוווּנגען „אויסצואַרבעטן אין קאָפּ די עלעמענטן פון אַ נייער געזעלשאַפט, ווייל אָט־די עלעמענטן זיינען נאָך אין דער אַלטער געזעלשאַפט גופא נישט אַרויסגעטראָטן אַזוי, אַז זיי זאָלן זיין אָנזעעוודיק פאַר אַלעמען“. פרעגט זיך: צי זיינען אין די דרייסיק יאָר צווישן „מאַניפעסט“ און „אַנטידירינג“ נישט אויפגעקומען קיין סאָציאַ־ליסטן, וועלכע האָבן לויט ענגעלס מיינונג פאַרדינט סיי די באַצייכענונג ווי „אוטאָפּיסטן“ און סיי דעם ווערט גענומען צו ווערן אין באַטראַכט, ביי וועלכע מ׳האָט אָבער נישט געקאָנט אָנווענדן די מילדערנדיקע אומשטענדן, מחמת אין זייער צייט זיינען שוין די עקאָנאָמישע פאַרהעלטענישן פאַקטיש געווען אַנטוויקלט און די „געזעלשאַפטלעכע אויפגאַבן“ זיינען שוין מער נישט „געווען פאַרהוילן“? בכדי צו דערמאָנען בלויז איינעם, בלי ספק דעם גרעסטן, — דאַרף געזאָגט ווערן, אַז פון פּרודאָנען, — מאַרקס האָט אין זיין באַרימטער פּאָלעמישער שריפט באַקעמפט איינס פון זיינע ערשטע ביכער, „די עקאָנאָמישע סתירות אָדער די פילאָזאָפיע פונעם עלנט“ נאָך פאַרן מאַניפעסט, — איז אינצווישנצייט דערשינען אַ גאַנצע ריי וואָגיקע ווערק,

אַזעלכע, וואָס וועגן זיי וואָלט אַ וויסנשאַפטלעכע דאָקטרין מכוח די גע־
זעלשאַפטלעכע פאַרהעלטענישן און צילן נישט געטאָרט זיך מאַכן נישט־
וויסנדיק; צי האָט אויך ער, (פון וועמעס בוך, וועלכעס מאַרקס האָט באַ־
קעמפט, דער „קאָמוניסטישער מאַניפעסט“, ער האָט, אגב, געצומען דעם באַ־
גריף מכוח „סאָציאַליסטישער אוטאָפיע“), באַלאַנגט צו די אוטאָפיסטן,
אָבער דווקא צו יענע, וועלכע מ׳קאָן נישט רעכטפאַרטיקן? ס׳איז אמת,
אַז אינעם „מאַניפעסט“ איז ער דערמאָנט געוואָרן ווי אַ ביישפיל פון די
„קאָנסערוואַטיווע אָדער בורזשואַזע סאָציאַליסטן“; אין דער פּאָלעמישער
שריפט האָט מאַרקס געהאַט דערקלערט, אַז פּרודאָן שטייט טיף אונטער די
סאָציאַליסטן, „מחמת נישט ער האָט גענוגנדיקן מוט, נישט גענוג פאַר־
שטענדעניש זיך צו דערהייבן איבערן בורזשואַזן האָריזאָנט, און מעג עס
אַפילו זיין בלויז שפעקולאַטיוו“; נאָך פּרודאָנס טויט האָט ער לכתחילה,
אין אַן עפנטלעכן נעקראָלאָג, פאַרזיכערט, אַז נאָך היינט אַפילו וואָלט ער
געדאַרפט אונטערשרייבן יעדעס וואָרט פון דאָזיקן פסק, און אַ יאָר נאָכדעם
האָט ער אויסגעפירט אין אַ בריוו, אַז פּרודאָן האָט „אָנגעטאָן גרויסן שאָדן“
און אַז דורך זיין „מכלומרשטער קריטיק און זיין מכלומרשטער קעגנער־
שאַפט קעגן די אוטאָפיסטן“ האָט ער אונטערגעקויפט די יוגנט און די אַר־
בעטער. און ווידער אַ יאָר נאָכדעם, ניין יאָר פאַרן אָנשרייבן דעם „אַנטי־
דירינג“ שרייבט ענגעלס אין איינער פון די זיבן רעצענזיעס, וועלכע ער
האָט פאַרעפנטלעכט אַנאָנים וועגן ערשטן באַנד „קאַפּיטאַל“, אַז מאַרקס
„האָט געוואָלט געבן די סאָציאַליסטישע שטרעבונגען אַ וויסנשאַפטלעכן
יסוד, וועלכע ס׳איז זיי ביז איצט נישט געווען אימשטאַנד צו געבן נישט
פוריע, נישט פּרודאָן און אַפילו נישט לאַסאַל“, פון וואָס ס׳דרינגט־אַרויס
קלאָר, וואָס פאַראַ ראַנג ער גיט פּרודאָנען, נישט געקוקט אויף אַלץ. פּונקט
אַזוי ווי אַמאָל, אין דער צייט פון מאַרקס פּאָלעמישער שריפט! אין 1844
האָבן מאַרקס און ענגעלס (אין „די הייליקע פאַמיליע“) אויסגעפונען אין
פּרודאָנס בוך וועגן אייגנטום אַ וויסנשאַפטלעכן פּראָגרעס, „וועלכער רע־
וואָלוציאָניזירט די נאַציאָנאַלע עקאָנאָמיע און מאַכט ערשט איצט מעגלעך
אַז אמתע וויסנשאַפט פון דער נאַציאָנאַלער עקאָנאָמיע“; אַגב האָבן זיי
אויך דערקלערט, אַז ער שרייבט נישט נאָר אין אינטערעס פונעם פּראָלע־
מאַריאַט, — ער אַליין איז אַ פּראָלעטאַריער און זיין ווערק איז „אַ וויסנ־
שאַפטלעכער מאַניפעסט פונעם פראַנצויזישן פּראָלעטאַריאַט“, וואָס האָט
אַ „היסטאָרישן באַטייט“. און אין נאָך איינעם אַן אַנאָנימען מאמר פון מי־

1846 האָט אים מאַרקס באַצייכנט ווי אַ „קאָמוניסט“ און דאָס אין אַזאַ
שייכות, וואָס פון דעם דרינגט־אַרויס, אַז פּרודאָן איז נאָך דעמאָלט, מיט
אַ האַלבן יאָר פאַרדעם איידער ער האָט אָנגעהויבן שרייבן זיין פּאָלעמישע
שריפט, אין זיינע אויגן געווען אַ רעפּרעזענטאַטיווער קאָמוניסט. וואָס
אַזוינס האָט אינצווישן פּאַסירט, וואָס האָט געקאָנט באַוועגן מאַרקסן צו
אַזאַ גרינטלעכער ענדערונג? ס׳איז אמת, אַז ס׳זיינען אַרויס פּרודאָנס
„קאָנטראַדיקציעס“, אָבער דאָסדאָזיקע בוך שטעלט מיט זיך בשום אופן
נישט פאָר קיין אַנטשיידנדיקע ענדערונג אין זיינע אָנשויאונגען און קוק
אויף זאַכן, — אויך די גרימצאָרנדיקע פּאָלעמיק קעגן דער קאָמוניסטישער
„אוטאָפּיע“ (דערמיט מיינט פּרודאָן דאָס, וואָס מיר באַצייכענען מיטן טער־
מין „קאָלעקטיוויסטיש“) איז דאָך בלויז אַן אויסגעשטאַלטיקונג פון דער
קריטיק פון די “Communante”, וועלכע מ׳קאָן לייענען אין דער ער־
שטער, — פון מאַרקסן אַזוי שטאַרק געלויבטער — אָפּהאַנדלונג וועגן אייגנ־
טום, פון יאָר 1840. אָבער פאַרן אַרויסגיין פון די „קאָנטראַדיקציעס“ האָט
פּרודאָן אָפּגעוואָרפן מאַרקס אויפפאָדערונג מכוח צוזאַמענאַרבעט. נאָך קלאָ־
רער ווערט פאַר אונדז די סיטואַציע, ווען מיר לייענען דאָס, וואָס מאַרקס
האָט געשריבן אין יולי 1870, נאָכן אויסבראָך פון דער מלחמה: „די פראַנ־
צויזן דאַרפן באַקומען קלעפּ. אויב די פּרייסן זאָלן זיגן, וועט די צענטראַ־
ליזאַציע פון דער שטאַטלעכער מאַכט („שטאַטע פּאָוער“) אויספאַלן לטובת
דער צענטראַליזאַציע פון דייטשן אַרבעטערקלאַס. חוץ דעם וועט דער דייטשער
טשער איבערגעוויכט אַריבערוואַרפן דעם שווערפּונקט פון דער מערב־
אייראָפּעישער אַרבעטערבאַוועגונג פון פראַנקרייך קיין דייטשלאַנד, און
כ׳איז גענוג בלויז צו פאַרגלייכן די באַוועגונג פון 1866, ביז איצט אין
ביידע לענדער, בכדי צו זען, אַז דער דייטשער אַרבעטערקלאַס שטייגט־
איבער דעם פראַנצויזישן אַרבעטערקלאַס טעאָרעטיש און אָרגאַניזאַטאָ־
ריש. זיין איבערגעוויכט אויף דער וועלטבינע איבערן פראַנצויזישן אַרבע־
טערקלאַס וואָלט אייניציטיק געווען דער איבערגעוויכט פון אונדזער טעאָ־
ריע איבער פּרודאָנס אאַז״וו“. עס האַנדלט זיך דאָ, בכן, קלאָר און בולט
וועגן אַ פּאָליטישער האַלטונג. במילא דאַרף מען אויך באַטראַכטן ווי אַ
לאָגישע קאָנסעקווענץ דאָס, וואָס ענגעלס האָט באַלד נאָכדעם, אין אַ
פּאָלעמיק קעגן פּרודאָנען („מכוח דער פראַגע פון די דירות“), אים באַצייכנט
ווי אַ דילעטאַנט, אַן עם־הארץ און אַ הילפלאָזער אין עקאָנאָמיע, וועלכער
דרשנט און יאָמערט דאָרט, „ווו מיר באַווייזן“. דערביי ווערט פּרודאָן דייט־

לעך געקענצייכנט ווי אַן אוטאָפּיסט: די „בעסטע וועלט״, וועלכע ער באַ־
שאַפט, „ווערט שוין צעטראָטן אין סאַמע בלי דורכן פוס פון דער פּאָרויס־
גייענדיקער אינדוסטריעלער אַנטוויקלונג״.

איך האָב זיך דאָ אָפּגעשטעלט לענגער, מחמת דאָ לאָזט זיך צום בעסטן
קלאָר מאַכן עפּעס וויכטיקס: לכתחילה האָבן אין ענגעלסעס און מאַרקס
מויל געהייסן אוטאָפּיסטן יענע, וועמעס אידייען זיינען פּאָרויסגעגאַנגען
דער אַנטשיידנדיקער אַנטוויקלונג פון אינדוסטריע, פּראָלעטאַריאַט און
קלאַסנקאַמף און זיי האָבן דעריבער נישט געקאָנט נעמען אין באַטראַכט
קיין אַנדערע פאַקטאָרן; איז דעריבער דער באַגריף אָנגעווענדט געוואָרן אָן
אַ חילוק אויף יענע אַלע, וועלכע האָבן, לויט מאַרקסן און ענגעלסן, אָט־די
פאַקטאָרן נישט גענומען אין באַטראַכט, ביי וואָס, אַגב, די שפּעטערדיקע
זיינען דאָס אָדער נישט געווען מסוגל צו טאָן אָדער עס נישט געוואָלט
טאָן אָדער ביידע זאַכן צוזאַמען. די באַצייכענונג „אוטאָפּיסט״ איז פון דע־
מאָלט אָן געוואָרן דאָס שטאַרקסטע געווער אינעם קאַמף פונעם מאַרקסיזם
קעגן דעם נישט־מאַרקסיסטישן סאָציאַליזם. איצט האַנדלט זיך שוין נישט
וועגן אַרויסשטעלן און צו באַווייזן לגבי דער קעגנערישער מיינונג די
ריכטיקייט פונעם אייגענעם צוגאַנג; בדרך־כלל געפינט מען אין אייגענעם
לאַגער, בעיקר און אויסשליסלעך, די וויסנשאַפט און במילא אויך דעם
אמת; בדרך־כלל געפינט מען אין פרעמדן לאַגער, בעיקר און אויסשליסלעך,
די אוטאָפּיע און במילא די פאַלשקייט. אין אונדזער תקופה זיין אַן „אוטאָ־
פּיסט״ הייסט זיין אָט־וואָס: נישט זיין מסוגל צו באַנעמען די מאָדערנע
עקאָנאָמישע אַנטוויקלונג; און וואָס דאָס איז אַזוינס די מאָדערנע עקאָנאָ־
מישע אַנטוויקלונג, דאָס לערנט דער מאַרקסיזם. וועגן יענע „פּרעהיסטאָ־
רישע״ אוטאָפּיסטן פעןְ־סימאָן, פוריע און אָוען האָט ענגעלס נאָך אין 1850
דערקלערט אין „דייטשן פּויערנקריג״, אַז דער דייטשער טעאָרעטישער סאָ־
ציאַליזם וועט קיינמאָל נישט פאַרגעסן, אַז ער שטייט אויף די פּלייצעס פון
אָט־דידאָזיקע מענטשן, „וועלכע באַלאַנגען, נישט געקוקט אויף זייער גאַנ־
צער פאַנטאַזירעריי״ און זייער גאַנצן אוטאָפּיזם, צו די באַדייטנדיקסטע קעפּ
פון אַלע צייטן און אַז זיי האָבן אויף אַ זשעניאַלן אופן פּאָרויסגעזאָגט אַ סך
אמתן, וועמעס ריכטיקייט מיר זיינען איצט אימשטאַנד צו באַווייזן וויסנ־
שאַפטלעך״. נו, שטעלט זיך אַרויס — און דאָס איז פּאָליטיש אַ לאָגישע
קאָנסעקווענץ — אַז ס׳קומט שוין לגמרי נישט אין באַטראַכט די מעגלעכ־
קייט, אַז ס׳קאָנען דווקא איצט לעבן מענטשן, באַקאַנטע און אומבאַקאַנטע,

וועלכע זאָגן פאַרויס אמתן, וועמעס ריכטיקייט וועט אין דער צוקונפט קאָנען וויסנשאַפטלעך באַוויזן ווערן, בעת איצט איז „די וויסנשאַפט״, — דאָס הייסט, אַ וויסנשאַפטלעכע ריכטונג, וועלכע, ווי דאָס פּאַסירט נישט־זעלטן, אידענטיפיצירט זיך בכלל מיט דער וויסנשאַפט — אַנטשלאָסן זיי צו באַטראַכטן פאַר אומריכטיקע, טאַקע פּונקט אַזוי ווי ס׳האָט בשעתו פּאַסירט מיט יענע „גרינדער פונעם סאָציאַליזם״. יענע זיינען געווען אוטאָפּיסטן ווי פאָרויסגייער; די איצטיקע זיינען אוטאָפּיסטן ווי שטערער; יענע האָבן אויסגעלייגט דעם וועג פאַר דער וויסנשאַפט, בעת די איצטיקע פאַרשטעלן איר דעם וועג. אָבער גליקלעכערווייז איז גענוג זיי צו באַצייכענען ווי אוטאָפּיסטן, בכדי זיי צו מאַכן אומשעדלעך.

זאָל־זשע מיר זיין דערלויבט צו ברענגען אַ קליינע פּערזענלעכע אײַבערלעבעניש ווי אַביישפּיל פון דאָזיקן מעטאָד — פּאַרטיליקן דורך אַוועקשטעלן אַן עטיקעט־באַצייכענונג. שבועת פון יאָר 1928 איז פאָרגעקומען אין מיין דעמאָלטדיקן וווינאָרט, אין העפּפּענהיים, אַזאַ מין צונויפטרעף פון מענטשן, וועלכע זיינען געקומען בעיקר פון די קרייזן פון רעליגיעזע סאָציאַליסטן, כדי אַרומצורעדן דעם ענין, ווי אַזוי מ׳וואָלט פונדאַסניי געקאָנט שטאַרקן די אינערלעכע כוחות פונעם מענטשן, אויף וועלכע ס׳איז זיך סומך די אמונה אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג *). אין מיין רעדע, אין וועלכער איך האָב באַזונדער באַהאַנדלט די בדרך־כלל פּאָרנאַכלאַזיקטע העכסטקאָנקרעטע ענינים מכוח דער דעצענטראַליזאַציע און דער פאָרעם פון אַרבעט, האָב איך געזאָגט: „ס׳איז נישט דערלאָזבאַר צו באַצייכענען ווי אוטאָפּיסטיש דאָס, ביי וועלכן מיר האָבן נאָך נישט אויסגעפּרוווט אונדזער כוח״. דאָס האָט מיך פונדעסטוועגן נישט געראַטעוועט פון אַ קריטישער באַמערקונג מצד דעם פּאָרזיצער, וועלכער האָט מיך פּראָסט און פשוט אַריינגעשטויסן צווישן די אוטאָפּיסטן און אַזויאַרום דערליידיקט דעם ענין.

בכדי אָבער דער סאָציאַליזם זאָל אַרויס פונעם טעמפּן ווינקל, אין וועלכן ער איז אַריינגעקראָכן, מוז צווישן אַנדערע ענינים אויך די לאָזונג מכוח „אוטאָפּיסטן״ אַנאַליזירט ווערן בהסכם מיט זיין אמתן אינהאַלט.

---

*) דער פּראָטאָקאָל איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין יאָר 1929 אין ציריך אונטערן טיטל „סאָציאַליזם, וואָס קומט פון אמונה״.

# דער סוד פֿון אוטאָפּיע אינעם סאָציאַליזם

בײַ די אוטאָפּיעס, וועלכע זײַנען אַרײַן אין דער גײַסטיקער געשיכטע פֿונעם מענטשלעכן מין, איז אויפֿן ערשטן אויגנבליק צו מערקן דאָס בשותּפֿותדיקע, אַז זיי זײַנען בילדער, און, פֿאַקטיש, בילדער פֿון עפּעס אַזוינס, וואָס איז נישט פֿאַראַן, נייערט ווערט זיך בלויז פֿאָרגעשטעלט. אַזעלכע בילדער פֿלעגט מען בדרך־כּלל באַצייכענען ווי פֿאַנטאַזיע־בילדער, הגם דערמיט איז נאָך ווייניק־וואָס געזאָגט. אָט־די פֿאַנטאַזיע קווענקלט זיך נישט; זי ווערט נישט געטריבן אַהין און אַהער פֿון זיך בײַטנדיקע אײַנפֿאַלן; זי צענטרירט זיך טעקטאָניש פֿעסט און זיכער, עפּעס אַן ערשטן און אור־שפּרינגלעכן, וואָס איז איר פֿאַרגעבן געוואָרן אויפֿצובויען, און דאָסדאָזיקע ערשטע איז אַ ווונטש. דאָס אוטאָפּישע בילד איז אַ בילד פֿון דעם, וואָס „דאַרף זײַן", פֿון וועלכן דער שאַפֿנדיקער דרינגט־אַרויס, אַז ס'איז פֿאַקטיש דאָ. מ'פֿלעגט גאַנץ אָפֿט רעדן וועגן אײַנגעשמועסטע פֿאַנטאַזיע־בילדער, אָבער אויך מיט דעם איז נאָך נישט געזאָגט געוואָרן אַלעס. בײַ אַ פֿאַנטאַזיע־בילד טראַכטן מיר וועגן עפּעס, וועלכעס קומט אַרויס אויף דער אויבערפֿלאַך פֿון דער טיפֿעניש פֿונעם אומבאַוווּסטזײַן און אַטאַקירט די פֿאַרדעם נישט־צוגעגרייטע נשמה אין דער פֿאָרעם פֿון אַ חלום, פֿון אַ וואַכנדיקן חלום, פֿון אַ מין דיבוק און קאָן אַפֿילו שפּעטער פֿון אים גופֿא גערופֿן, אַרויפֿגעבראַכט, אַרויסגעשפּונען ווערן. דער בילדערשאַפֿנדיקער אוטאָפּישער פֿאַרלאַנג אין דער גײַסטיקער געשיכטע פֿון דער מענטשהייט הגם אויך ער איז, פּונקט ווי יעדער פֿאַקטאָר, וואָס באַשאַפֿט בילדער, האָט גאָרנישט פֿונעם דראַנג און גאָרנישט פֿון דער זעלבסטבאַפֿרידיקונג. ער איז צוגעבונדן צו עפּעס אַן אומפּערזענלעכן, וועלכעס איז פֿאַרבונדן מיט דער נשמה, אָבער נישט אָפּהענגיק פֿון איר. דאָס, וואָס שאַלט און וואַלט

דאָ. איז די גאַרעניש צום רעכטפאַרטיקן, וואָס ווערט באַנומען אין רעליגיעזער אָדער פילאָזאָפישער וויזיע, ווי אַן אַנטפּלעקונג אָדער ווי אַן אידייע, און וועלכעס קאָן זיך לויט זיין מהות נישט פאַרווירקלעכן ביים יחיד, נייערט אין דעם מענטשלעכן ציבור, ביים כלל ווי אַ גאַנצן. די וויזיע פון דעם, וואָס וואָלט געדאַרפט זיין, און מעג זי זיך צומאָלס אויסווייזן נאָך אַזוי שטאַרק אומאָפּהענגיק פונעם פּערזענלעכן ווילן, קאָן באַין אופן נישט אָפּגעזונדערט ווערן פון אַ קריטישן סיבותדיקן פאַרהעלטעניש צו דער היינטצייטיקער וועזנטלעכקייט פון דער מענטשלעכער וועלט. די עינוים צוליב אַן אַבסורדן סדר־העולם גרייטן־צו די נשמה פאַר דער וויזיע, און דאָס, וואָס זי זעט, נעמט־אויף אין זיך, פאַרשטאַרקט און פאַרטיפט די איבערצייגונג אין דער אומפּאַסיקייט פון דעם שלעכטן, פאַלשן סדר. די לעכצעניש צו זען פאַרווירקלעכט די וויזיע געשטאַלטיקט־אויס דאָס בילד.

די וויזיע פונעם רעכטפאַרטיקן אין דער אַנטפּלעקונג איז זיך משלים אינעם בילד פון אַ שלימותדיקער צייט — ווי אַ משיחישע עסכאַטאָלאָגיע; די וויזיע פונעם רעכטפאַרטיקן אין דער אידייע פאַרענדיקט זיך אינעם בילד פון אַ שלימותדיקן שטח, — ווי אַן אוטאָפּיע. לויט איר מהות שטייגט די ערשטע אַריבער דאָס סאָציאַלע, דערגרייכט צום באַשאַפעריש, אַפילו צום קאָסמישן, בעת די צווייטע בלייבט לויט איר מהות באַגרענעצט אויף דער סביבה פון דער געזעלשאַפט, ווען אַפילו זי נעמט צומאָלס אַריין אין איר פאַרשטעלונג די אינערלעכע טראַנספאָרמאַציע פונעם מענטשן. עסכאַטאָלאָגיע באַטייט פאַרענדיקונג פון דער באַשאַפונג; אוטאָפּיע, אויסוויקלונג פון די מעגלעכקייטן, וואָס זיינען פאַראַן אינעם צוזאַמענלעבן פון די מענטשן אין אַ „רעכטפאַרטיקן" אַ יושרדיקן סדר. און אַן אַנדערער חילוק איז נאָך וויכטיקער. לויט דער עסכאַטאָלאָגיע קומט דער אַנטשיידנדיקער אַקט פון אויבן, — ווען אַפילו זי זאָגט־צו דעם מענטשן, אין איר עלעמענטאַרער פּראָפעטישער פאָרעם, אַ באַדייטנדיקן אַקטיוון אָנטייל אינעם אָנקום פון דער גאולה, — בעת פאַר דער אוטאָפּיע איז אַלעס אָפּהענגיק פונעם באַוווסטזיניקן מענטשלעכן ווילן און מ'קאָן זי אַפילו קוואַליפיצירן ווי אַ געזעלשאַפטלעכע געשטאַלטיקונג, וועלכע איז אויסגעסדרט אַזוי, גלייך ווי ס'וואָלטן נישט עקזיסטירט קיין אַנדערע פאַקטאָרן ווי נאָר דער באַוווסטזיניקער מענטשלעכער ווילן. אָבערביידע שוועבן נישט אין די וואָלקנס, — פונקט אַזוי ווי זיי ווילן אויפוועקן אָדער פאַרשטאַרקן ביים הערער אָדער ביים לייענער די קריטישע באַציִונג צו זיין היינטצייטיקייט, צום איצט,

פונקט אַזוי ווילן זיי אים ווייזן די שלימות טאַקע אין דער לייכטנדיקער קראַפט פונעם אומבאַדינגטן, דעם אַבסאָלוטן, אָבער ווי עפּעס אַזוינס, צו וועלכן עס'פירט אַן אַקטיווער וועג פון זיין הייטצייטיקייט. און דאָס, וואָס קאָן זיך אויסווייזן אוממעגלעך ווי אַ באַגריף, דאָס רעגט־אָן, סטימולירט ווי אַ פאָרשטעלונג דעם כוח פון דער אמונה און באַשטימט די כוונה און דעם פּלאַן. דאָס איז מעגלעך דערפאַר, ווייל עס שטייט אין פאַרבינדונג מיט כוחות אין דער טיפעניש פון דערווירקלעכקייט. עסכאַטאָלאָגיע, אין ווי ווייט זי איז נביאיש, אוטאָפּיע, אין ווי ווייט זי איז פילאָזאָפיש — ביידע האָבן אַ ממשותדיקן כאַראַקטער.

די תקופה פון השכלה און דאָס, וואָס איז געקומען נאָך איר, האָט כסדר און אומאויפהערלעך באַרויבט די רעליגיעזע עסכאַטאָלאָגיע פון איר ווירקונגסספערע; אין משך פון צען גענעראַציעס איז דעם מענטשן וואָס ווייטער געוואָרן אַלץ שווערער צו גלייבן אין דעם, אַז לעתיד לבוא וועט אַ געשעעניש פון אויבן אויסלייזן די מענטשלעכע וועלט, דאָס הייסט, אַז זי וועט זי פאַרוואַנדלען פון אַן אומזיניקער אין אַ לאָגישער, פון אַ דיס־האַרמאָנישער אין אַ האַרמאָנישער; דאָסדאָזיקע באַוווסטזיין פון דער אומ־מעגלעכקייט איז אַפילו פיזיש שטאַרק אויסגעוואַקסן און שטאַרק געוואָרן סיי ביי די רעליגיעז־גלויבנדיקע מענטשן און סיי ביי די נישט רעליגיעזע, מיטן בלויזן חילוק, וואָס ביי די ערשטע ווערט עס פאַרהוילן פונעם באַ־וווסטזיין צוליב דעם שייכות, וואָס זיי האָבן מיט דער אָנהאַלטנדיקער טראַ־דיציע. און פון דער אַנדערער זייט האָט די תקופה פון דער מאַשינטעכניק און פון די אויפגעקומענע סאָציאַלע סתירות שטאַרק באַווירקט די אוטאָ־פּיע. אונטער דער ווירקונג פון דער פאַנטעכנישער גייסטיקער ריכטונג ווערט אויך די אוטאָפּיע גאַנץ אָפט פאַרוואַנדלט אין בלויז טעכניק; דער באַוווסטזיניקער מענטשלעכער ווילן, אויף וועלכן זי איז פון אייביק אויף געווען באַגרינדעט, ווערט איצט פאַרשטאַנען אין טעכנישן זין; פונקט ווי די נאַטור זאָל אויך די געזעלשאַפט באַהערשט ווערן דורך טעכנישער אויסרע־כענונג און טעכנישער קאָנסטרוקציע. אָבער די געזעלשאַפט האָט זיך מיט אי־רע איצטיקע סתירות, אַוועקגעשטעלט פאַרן מענטשן ווי אַן אומאָפּפרעגבאַרער פּראָבלעם: אויף יעדן מין דענק־אופן מכוח דער צוקונפט און אויף אַלערליי פּלענער מכוח דער צוקונפט מוז דער מענטש זוכן אַן ענטפער, און אויך אין דער אוטאָפּיע מוזן, ווילנדיק צי נישט־ווילנדיק, די ענינים מכוח פּאָליטי־שער און קולטורעלער געשטאַלטיקונג אָפּגערוקט ווערן אין הינטערגרונט

לגבי דער אויפגאַבע אויסצואַרבעטן אַ „ריכטיקן" סדר פון דער געזעלשאַפט. אָבער דאָ שטעלט זיך דער געזעלשאַפטלעכער אופן פון דענקען אַרויס אין אַ העכערראַנגיקער קאַטעגאָריע אין פאַרגלייך צום טעכנישן דענק־אופן; די אוטאָפּיע, וועלכע ענטפערט זיך איבער צום שווילטאָג פון דער טעכנישער פאַנטאַזיע, געפינט איר תיקון און אויסדרוק בלויז נאָר אין אַן על פי רוב אָרעמלעכן ראָמאַן־זשאַנער, אין וועלכן מ'קאָן נאָך קוים געפינען עפּעס פון דער מאָלערישער קרעפטיקייט פון די גרויסע אַלטע אוטאָפּיעס; און עס פּאַסירט אָבער, אַז יענע אוטאָפּיע, וועלכע פאַרנעמט זיך אָנצוּוואַרפן דעם פּלאַן פון אַ פערפעקטן געזעלשאַפטלעכן בנין, פאַרוואַנדלט זיך אין אַ סיסטעם. אָבער אין אַט־דער אוטאָפּיע, אין אַט־דעם „אוטאָפּישן" סאָציאַלן סיסטעם, קאָנצענטרירט זיך די גאַנצע קראַפט פונעם אויסגעליידיקטן משיחיזם. דער סאָציאַלער סיסטעם פונעם מאָדערנעם סאָציאַליזם און קאָמוניזם האָט, פונקט ווי די עסכאַטאָלאָגיע, דעם כאַראַקטער פון אַ פּראָקלאַמאַציע און אַן אויפרוף. ס'איז אמת, אַז שוין פּלאַטאָן איז געווען באַהערשט פון דער גאַרעניש צו באַשאַפן אַזאַ ממשותדיקייט, וועלכע זאָל זיין בהסכם מיט דער אידייע; ס'איז אמת, אַז אויך ער האָט שוין געזוכט ביז צום סוף פון זיין לעבן מיט אַן אומדערמידלעכער ליידנשאַפט צו געפינען מענטשלעכע אינסטרומענטן פאַר דער פאַרווירקלעכונג, אָבער ערשט מיט די מאָדערנע געזעלשאַפטלעכע סאָציאַלע סיסטעמען הייבט זיך אָן אַט־די אינטענסיווע פאַרקניפּונג פון דאָקטרין און אַקציע, פּלאַן און עקספּערימענט. פאַר טאָמאַס מאָר איז נאָך מעגלעך געווען צו מישן ערנסטע באַלערנונג מיט זייטיקן, נישט־צוגעהעריקן שפּיל און מיט אַ מין דעליקאַטער איראָניע אַרויסברענגען „שטאַרק־אַבסורדע" אַנשטאַלטן און זיי לאָזן פאַרבייטן מיט אַנדערע, אַזעלכע, וועלכע ער וואָלט „גיכער פאַרלאַנגט איידער דערוואַרט" צו זען נאָכגעמאַכט; פאַר פוריען איז שוין דאָס אויך נישט מעגלעך; ביי אים איז אַלץ פּראַקטישע קאָנסעקווענץ און לאָגישע החלטה, מחמת ביי אים האַנדלט זיך וועגן „אַרויסרייסן זיך, סוף־כל־סוף, פון אַ ציוויליזאַציע", וועלכע איז „ווייט־ווייט פון צו זיין דעם מענטשנס געזעלשאַפטלעכער גורל, נייערט איז גיכער דעם מענטשלעכן געשלעכטס אַ קינדערקראַנקייט".

מאַרקס און ענגעלס ווירקונגספולע פּאָלעמיק האָט דערפירט צו דעם, אַז סיי בתוך און סיי מחוץ דעם מאַרקסיזם זאָל די באַצייכענונג „אוטאָפּיש" באַטראַכט ווערן פאַר יענעם מין סאָציאַליזם, וועלכער אַפּעלירט צום מענטשס שכל, צו גערעכטיקייט, צום ווילן זיינעם, בכדי אַרויפצופירן אויפן

ריכטיקן דרך די געזעלשאַפט, וועלכע איז אַראָפּ פון די רעלצן, אָנשטאָט זיך בלויז צו באַנוגענען מיטן מאַכן אַריינדרינגען אין באַוווסטזיין דאָס, וואָס איז שוין דיאַלעקטיש צוגעגרייט געוואָרן בתוך די פאַרהעלטענישן פון דער פּראָדוקציע. ווי אוטאָפּיש גילט דאָ יעדער וואָלונטאַריסטישער סאָציאַליזם. פונדעסטוועגן איז עס בשום אופן נישט אַזוי, אויף אַזוי ווייט, אַז מ׳זאָל דעם אים קעגנאיבערשטייענדיקן סאָציאַליזם, וועלכן מ׳קאָן אָנרופן דעם באַדערפענישטיקן (נעצעסיטאַריסטישן), ווייל ער דערקלערט, אַז ער וויל מער גאָרנישט ווי נאָר דורכצופירן ממשותדיק דאָס אומבאַדינגט נייטיקע פאַר דער אַנטוויקלונג, קאָנען „קוואַליפיצירן״, אַז ער איז פריי פון אוטאָפּישקייט. דער חילוק איז בלויז דער, אַז די אוטאָפּיסטישע עלעמענטן אין אים זיינען פון אַן אַנדערן מין און די באַציִונג צווישן זיי איז אַן אַנדערשדיקע.

איך האָב שוין אָנגעוויזן אויף דעם, אַז די קראַפט פון דער אויסגעליידיקטער עסכאַטאָלאָגיע האָט זיך אין דער צייט פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע פאַרוואַנדלט אין אוטאָפּיע. ס׳זיינען אָבער פאַראַן, ווי שוין אָנגעוויזן, צוויי עיקרדיקע פאָרמען פון דער עסכאַטאָלאָגיע, — אַ נביאישע, וועלכע מאַכט אָפּהענגיק די צוגרייטונג פון דער דערלייזונג אין וועלכן ס׳איז אויגנבליק און אין אַ מאָס, וועלכע ס׳איז נישט מעגלעך צו באַשטימען, פון דער אַנטשיידונגס־קראַפט פון יעדן מענטש, צו וועמען מ׳ווענדט זיך, און אַ צווייטע, אַן אַפּאָקאַליפּטישע, לויט וועלכער דער גאולה־פּראָצעס איז באַשטימט געוואָרן פון קדמונים מיט אַלע זיינע פּרטים, אַפילו לויט אַן אָנגעצייכנטער שעה און אויסוויקלונג, און פאַר וועמעס דורכפירונג די מענטשן ווערן בלויז פאַרווענדט ווי וועדקצייג, — לכל הדעות דאַרף פאַר זיי העכסטנס פריִער „אַנטפּלעקט״, אַנטדעקט ווערן דאָס אומפאַרענדערבאַר־עקזיסטירנדיקע און ס׳דאַרף זיי אָנגעוויזן ווערן זייער פונקציע. די ערשטע פון אָט־די עיקרדיקע פאָרמען שטאַמט פון ישראל; די צווייטע — פונעם אַלטן איראַן. די חילוקי־דעות, אויסגלייכן, צונויפמישונגען און פונאַנדערגייענישן צווישן זיי זיינען אַ וויכטיקער באַשטאַנדטייל פונעם קריסטנטומס אינערלעכער געשיכטע. אין דער סאָציאַליסטישער סעקולאַריזירונג פון דער עסכאַטאָלאָגיע ווירקן זיי יעדע איינע באַזונדער, — די נביאישע עיקרדיקע פאָרעם אין אייניקע פון די סיסטעמען פון די אַזויגערופענע אוטאָפּיסטן, בפרט די אַפּאָקאַליפּטישע אינעם מאַרקסיזם, (וואָס דערמיט וויל נישט געזאָגט ווערן, אַז אין אים איז נישט אַריינגענומען געוואָרן

קיין שום נביאישער עלעמענט; ס׳איז אָבער איבערגעוועלטיקט געוואָרן פו־נעם אַפּאָקאַליפּטישן). די אמונה אינעם וועג פון דער מענטשהייט דורכן ווידערשפּרוך צו איר איבערשטייגן זיך נעמט ביי מאַרקסן אָן די געשטאַלט פון דער העגעלשער דיאַלעקטיק, ווען ער באַנוצט זיך מיט אַ וויסנשאַפט־לעכער אויספאָרשונג מכוח די ענדערונגען פונעם פּראָצעס פון דער פּראָ־דוקציע; אָבער דאָס זען די קומענדיקע, פּונקט אַזוי ווי די שוין פאַרגעקו־מענע איבערקערעניש ״אין דער קייט פון די אַבסאָלוטע נויטווענדיקייטן״, ווי העגעל זאָגט, איז נישט איבערגענומען געוואָרן פון אים. מאַרקס אַפּאָ־קאַליפּטישע עיקרדיקע שטעלונג איז ריינער און שטאַרקער ווי העגעלס, וועלכער האָט נישט קיין אייגנטלעכן אימפּולס צו דער צוקונפט; מיט רעכט האָט פראַנץ ראָזענבערג אָנגעוויזן אויף דעם, אַז מאַרקס האָט געטרייער אָפּגעהיט העגעלס היסטאָרישע אמונה אינעם גורל ווי העגעל גופא: ״קיינער האָט עס נישט געזען מיט אַזעלכע אויגן ווי ער, ווו און ווי אַזוי און אין וועלכער געשטאַלט דער אחרית־הימים וועט זיך באַווייזן אויפן הימל פון דער געשיכטע״. דער פּונקט, ביי וועלכן ס׳קומט לויטן מאַרקסן די אוטאָפּי־זירטע אַפּאָקאַליפּטיק און פאַרוואַנדלט די גאַנצע עקאָנאָמיש־וויסנשאַפטלע־כע טאָפּיק אין אוטאָפּיק, איז די איבעראַנדערשונג פון אַלע זאַכן נאָך דער סאָציאַלער רעוואָלוציע. די אוטאָפּיע פון די אַזויגערופענע אוטאָפּיסטן איז ערב־רעוואָלוציאָנער, בעת די מאַרקסיסטישע איז נאָכרעוואָלוציאָנער. דאָס ״אָפּשטאַרבן״ פון דער מלוכה, ״דער שפּרונג פון דער מענטשהייט פונעם קעניגרייך פון דער באַדערפעניש אינעם קעניגרייך פון דער פרייהייט״ איז אַפילו נאָך באַגרינדעט דיאַלעקטיש, אָבער שוין נישט וויסנשאַפטלעך. ס׳קאָן, ווי דאָס זאָגט אַ מאַרקסיסטישער דענקער, פּאַול טילליך, ״בשום אופן נישט געמאַכט ווערן פאַרשטענדלעך אויפן יסוד פון דער עקזיסטירנ־דיקער ווירקלעכקייט״, ווייל ״צווישן ווירקלעכקייט און דערוואַרטונג איז פאַראַן דער תהום״; ״מהאי טעמה האָט דער מאַרקסיזם, נישט געקוקט אויף זיין שינאה צו אוטאָפּיע, זיך קיינמאָל נישט געקאָנט אויסהיטן פונעם חשד פון אַ פאַרהוילענער אמונה אין אויטאָפּיע״. אָדער, געזאָגט דאָס נעמלעכע מיט די ווערטער פון אַן אַנדערן מאַרקסיסטישן סאָציאָלאָג, עדוואַרד היימאַן קומט־אויס: ״מיט מענטשן אַזוי ווי זיי זיינען איז אוממעגלעך זיך פאָרצו־שטעלן דאָס אָפּשטאַרבן פון דער מלוכה. ווען מיר שטעלן זיך פאָר אַ גרונ־טיקע און טיפאינערלעכע ענדערונג פון דער מענטשלעכער נאַטור, שפּאַנען מיר אַריבער די גרענעצן פון דער עמפּירישער פאָרשונג און דרינגען־אַריין

אינעם שטח פון דער נביאישער וויזיע, ווו ס״ווערן באַשריבן מיט שטאַמלענדיקע מעטאַפאָרן דער אמתער באַטייט און די השגחהדיקע באַשטימונג פונעם מענטשן״. אָבער דאָס, וואָס האָט פאַר אונדז אַן אַנטשיידנדיקן באַטייט, איז דער חילוק צווישן אָט־דעם אוטאָפּיזם און דעם אוטאָפּיזם פון די נישט־מאַרקסיסטישע סאָציאַליסטן. מיר וועלן זיך נאָך דאַרפן אָפּשטעלן אויף אים גענויער.

ווען מיר באַטראַכטן דאָס, וואָס די מאַרקסיסטישע קריטיק באַצייכנט ווי דאָס אוטאָפּישע אינעם נישט־מאַרקסיסטישן סאָציאַליזם, זעען מיר, אַז ס׳איז לגמרי נישט קיין פּשוטס און אייגהייטלעכס. דאָ זיינען בולט פאַראַן צוויי פאַרשיידנדיקע עלעמענטן. דער מהות פון איינעם איז סכעמאַטישע פּיקציע; דער מהות פונעם צווייטן — אָרגאַנישע פּלאַנירונג. דאָס ערשטע, אַזוי ווי מיר באַגעגענען עס באַזונדערס ביי פוריען, שטאַמט־אָפּ פון אַזאַ מין אַבסטראַקטער איינבילדונגסקראַפט, וועלכע האָט איר שורש אין טעאָריע וועגן מהות פונעם מענטשן, זיינע פעיִקייטן און באַדערפענישן פון אַ געזעלשאַפטלעכן סדר, וועלכער זאָל געבן באַשעפטיקונג אַלע פעיִקייטן און באַפרידיקן אַלע באַדערפענישן; דידאָזיקע טעאָריע ווערט אַפילו ביי פוריען געשטיצט אויף אַן אַ שיעור באַאָבאַכטונגס־שטאָף, אָבער יעדע באַאָבאַכטונג באַקומט, ווי נאָר זי דרינגט־אַריין אין אָט־דער ספערע, עפּעס אַזוינס ווי אוממשותדיקס און אומגלייבלעכס; אָבער אין אַ געזעלשאַפטלעכן סדר, וועלכער פּרעטענדירט צו זיין סאָציאַלע אַרכיטעקטור און וועלכע איז אינדעראמתן נישט עפּעס אַנדער ווי געשטאַלטלאָזיקע סכעמע, באַקומען „אַלע פּראָבלעמען, ווי פוריע גופא זאָגט, די נעמלעכע ליזונג״, דאָס הייסט, אַז אַנשטאָט פּראָבלעמען אינעם לעבן פונעם מענטשן ווערן זיי כמו־פּראָבלעמען אין דער לעבנס־עקזיסטענץ פון אינסטינקט־אויטאָמאָטן, כמו־פּראָבלעמען, אויף וועלכע ס׳איז חל די נעמלעכע ליזונג, מחמת זיי קומען דאָך אַרויס פון דערזעלביקער מעכאַניסטישער דיספּאָזיציע. אַ גאַנץ אַנדערן און טאַקע אַ היפּוכדיקן כאַראַקטער, האָט דער אַנדערער עלעמענט. דאָ איז מען אויסן צו נעמען דעם הייִנטיקן מענטשן אַזוי ווי ער איז און די קאָנדיציעס אויך אַזוי ווי זיי זיינען, פריי פון פאָראורטיילן און פון דאָגמאַטיזם און אַזוי אַרום אויסצולייגן אַ וועג פאַר זייער ביידנס איבעראַנדערשונג, בכדי דערמיט בייצוקומען די סתירות, וועלכע זיינען דער סאַמע מהות פון אונדזער געזעלשאַפטלעכן סדר. זיך אַוועקשטעלנדיק אויסדריקלעך אויף דער ממשותדיקייט פון דער הייִנטצייטיקער געזעלשאַפטלעכער סיטואַציע,

שטעלט זיך אָט־די גייסטיקע ריכטונג אָפּ מיט אַ קלאָרקייט פונעם בליק, וועלכער איז נישט פאַרטונקלט דורך קיין שום דאָגמאַטישער איינווענדונג, אויף די אין דער טיפּעניש פון דערווירקלעכקייט נאָך פאַרבאָרגן־ליגנדיקע טענדענצן, בולטע און מעכטיקע, הגם נאָך פאַרטונקלטע, וועלכע ווירקן טאַקע אויף יענער טראַנספאָרמאַציע. מיט רעכט האָט מען געזאָגט, אַז אין אַ פּאָזיטיוון זין איז יעדער פּלאַנירנדיקער שכל־הישר אוטאָפּיש. דאָ קאָן מען צוגעבן, אַז דער פּלאַנירנדיקער שכל־הישר פון יענע סאָציאַליס־טישע „אוטאָפּיסטן", וועגן וועלכע ס'איז דאָ די רייד, האָט אויפגעהיט זיין פּאָזיטיוון אוטאָפּיזם טאַקע אין דעם, וואָס ער ווייס אָדער פילט לפּחות פאַרויס, אין יעדן פּרט וועגן דער פאַרשיידנקייט, אַפילו סתירהדיקייט פון די אין יעדער צייט מערקעוודיקע אַנטוויקלונגס־טענדענצן, פאַרנאַכלאָזיקט נישט די פאַרשטענדעניש און אַריינדרינגונג אין די פון זיי אַנטדעקטע פאַרהוילענע טענדענצן און פאַרשט זיי דערנאָך אויס, צי און אינוויווייט זיי, און טאַקע זיי, דערפירן צו אַ סדר, אין וועלכן די סתירות פון דער היינט־צייטיקער געזעלשאַפט וועלן באמת קאָנען בייגעקומען ווערן.

אין דעם דאָ געזאָגטן זיינען פאַראַן אייניקע פּרטים, וועלכע נייטיקן זיך אין אַ ווייטערדיקער אויפקלערונג און דערגאַנצונג סיי אָן און פאַר זיך און סיי אויף אָפּצוגרענעצן זיי פונעם מאַרקסיזם.

אין משך פון דער אַנטוויקלונג פונעם אַזויגערופענעם אוטאָפּישן סאָציאַ־ליזם האָט זיך ביי זיינע אָנפירנדיקע פאַרטרעטער וואָס ווייטער אַלץ שטאַר־קער אויסגעקריסטאַליזירט די איבערצייגונג, אַז נישט די סאָציאַלע פּראָב־לעמאַטיק און נאָך ווייניקער איר לייזונג קאָן רעדוצירט ווערן צו אַ מינימאַלן קעגנזייטיקן דענאָמינאַטאָר און אַז יעדע, אַפילו די גייסטיק־באַדייטנדיקסטע פאַראיינפאַכונג פוןביידע, פון דערקענטעניש און האַנדלונג, ווירקט אומגינ־ציק. ווען מאַרקס האָט אין יאָר 1846, בערך אַ האַלב יאָר פאַר דעם איידער ער האָט אָנגעהויבן די שריפטלעכע פּאָלעמיק קעגן פּרודאָנען, אים פאַרבעטן מיט־צואַרבעטן אין אַ „קאָרעספּאָנדענץ", וועלכע זאָל דינען „פאַר אַן אויסטויש פון אידייען און פאַר אַן אומפּאַרטייאישער קריטיק", און פאַר וועלכער — אַזוי האָט מאַרקס געשריבן — מיר אַלע האַלטן, „אַז וואָס נוגע פראַנקרייך וועלן מיר נישט קאָנען געפינען קיין בעסערן קאָרעספּאָנדענט ווי אייך", האָט ער באַקומען אַזאַ ענטפער: „לאָמיר צוזאַמען זוכן, אויב איר ווילט, די געזעצן פון דער געזעלשאַפט, דעם אופן, ווי אַזוי די געזעצן ווערן פאַר־ווירקלעכט, אָבער, למען השם, נאָכדעם ווי מיר וועלן האָבן אָפּגעפּאַרטיקט

אַט־די אַלע דאָגמאַטיזמען „אַפּריאָרי", לאָמיר דערנאָך , פון אונדזער זייט, נישט טראַכטן וועגן פּאַרוויקלען דאָס פאָלק אין דאָקטרינען. לאָמיר נישט אַריינפאַלן אינעם ווידערשפּרוך פון אייער לאַנדסמאַן מאַרטין לוטער, וועלכער האָט, נאָכדעם ווי ער האָט אומגעוואָרפן די קאַטוילישע טעאָלאָגיע, זיך תיכף גענומען צו דער אַרבעט, מיט אָן אַ שיער עקסקאָמוניקאַציעס און חרמס, צו שאַפן אַ פּראָטעסטאַנטישע טעאָלאָגיע... לאָמיר נישט ווערן, צוליב דעם פאַקט, וואָס מיר שטייען בראש פון אַ באַוועגונג, קיין קעפ פון אַ נייער אומטאָלעראַנץ; לאָמיר זיך נישט אויפפירן ווי אַפּאָסטאָלן פון אַ נייער רעליגיע, און מעג דידאָזיקע רעליגיע אַפילו זיין די רעליגיע פון דער לאָגיק, די רעליגיע פון דער פאַרנונפט". דאָ האַנדלט זיך בעיקר וועגן פּאָליטישן מעטאָד, אָבער פון פּרודאָנס אַ סך אויסדרוקן קאָן מען אַרויסזען, אַז אויך דעם ציל האָט ער געזען אין נעמלעכן ליכט פון דער פרייהייט און פאַרשיידנאַרטיקייט. און פופציק יאָר נאָך יענעם בריוו קאָנצענטרירט קראָפּאָטקין דעם עיקרדיקן געדאַנק פונעם ציל אין בלויז איין זאַץ: די פולשטענדיקע אַנטוויקלונג פון דער אינדיווידואַליטעט זאָל זיך „פאַרבינדן מיט דער העכסטער אַנטוויקלונג פון דער פרייוויליקער געזעלשאַפטלעכקייט אונטער אַלע אומשטענדן, אין אַלע מעגלעכע מדרגות און פאַר אַלע מעגלעכע צוועקן. אַ געזעלשאַפטלעכקייט אין כסדרדיקן און באַשטענדיקן אומבייט, וועלכעס זאָל אין זיך גופא אַנטהאַלטן די עלעמענטן פון איר דויערהאַפטיקייט און וועלכע זאָל אָננעמען יענע פאָרמען, וועלכע זאָלן אין יעדן מאָמענט זיין צום בעסטן צוגעפּאַסט צו אַלעמענס פילפאַכיקע שטרעבונגען".

דאָס איז גענוי דאָס נעמלעכע, וואָס פּרודאָן האָט געוואָלט אין דער רייפקייט פון זיינע געדאַנקען. מ'מעג, אַז מ'וויל, זאָגן, אַז אויך דער מאַרקסיסטישער ענדציל איז אין תוך נישט שטאַרק אַנדערשדיק אין זיין פאָרמולירונג; אָבער דאָ הויערט אַ טיפער, טאַקע נאָר דורך יענער באַזונדערער מאַרקסיסטישער אוטאָפּיק אַריבערשפּאַנבאַרער תהום צווישן דער לעתיד לבואדיקער טראַנספאָרמאַציע, וועלכע וועט פאָרקומען, ווער ווייסט ווען און ווער ווייסט ווי לאַנג נאָכן ענדגילטיקן ניצחון פונעם איבערקער פון איין זייט, און דעם וועג, וואָס פירט צו דער רעוואָלוציע, און דורך איר, אַגב אַ וועג, וועלכער כאַראַקטעריזירט זיך דורכן דורכויסיקן צענטראַליזם, וועלכער טאָלערירט נישט קיין פערזענלעכן אַספּעקט און קיין שום איניציאַטיוו פון קיין שום צד. איינפאָרמיקייט ווי אַ דרך פירט עפּעס על־פּי־נס צו פילפאַכיקייט ווי אַ ציל; צוואַנג ווי אַ דרך פירט מיסטעריעז צו פרייהייט

ווי אַ ציל. לגבי דעם וויל דער „אוטאָפּישער״ נישט־מאַרקסיסטישער סאָציאַליזם זיך פאַרנעמען אויפן דרך, וועלכער זאָל זיין בהסכם מיט זיין ציל; ער וויל נישט גלייבן אין דעם, אַז זיך פאַרלאָזנדיק אויפן לעתיד־לבואדיקן „שפּרונג״ קאָן קומען דער היפוך פון דעם, וואָס מ׳איז אויסן; אדרבא, ער האַלט מער, אַז פאַר דעם, וואָס מ׳איז אויסן, מוז מען שוין איצט גנמען שאַפן דעם שטח, וואָס איז איצט מעגלעך צו שאַפן, בכדי ס׳זאָל להבא מקוים ווערן; ער גלייבט נישט אינעם נאַכרעוואָלוציאָנערן שפּרונג, אָבער ער גלייבט אין דער רעוואָלוציאָנערער קאָנטינויִטעט. בעסער געזאָגט: אין אַ קאָנטינויִטעט, בהסכם מיט וועלכער רעוואָלוציע באַטייט בלויז די דורכפירונג, די באַפרייאונג און אויסברייטערונג פון אַ ווירקלעכקייט, וועלכע איז שוין פון פריִער אין דער ווייט־גרעסטער מאָס אַנטוויקלט.

צוגייענדיק צום ענין פון אַן אַנדערן קוקווינקל, קאָן אָט־דער חילוק נאָך בעסער אויפגעקלערט ווערן. ווען מיר פאָרשן די קאַפּיטאַליסטישע געזעלשאַפט, אין וועלכער דער סאָציאַליזם איז אויפגעקומען, ווי אַ געזעלשאַפט, זעען מיר, אַז אין תוך איז אָט די געזעלשאַפט אַן אָרעמע, און זי ווערט בסדר אָרעמער. אונטערן באַגריף סטרוקטור פון אַ געזעלשאַפט איז צו פאַרשטיין איר געזעלשאַפטלעכקייט, איר עשירות אין געזעלשאַפטלעכע און מוניציפּאַלע אָרגאַניזמען; רייך אין סטרוקטור איז אַ געזעלשאַפט אינוויוויט זי איז צונויפגעשטעלט פון עכטע געזעלשאַפטן, פאַרבאַנדן, דאָס הייסט, פון לאָקאַלע און בשותפותדיקע אַרבעט־פאַרבאַנדן און פון זייער בהדרגהדיקן צונויפנעמען זיך אין כללישע צונויפגיסונגען. דאָס, וואָס גירקע זאָגט וועגן דער צעכישער פאַראייניקונגס־באַוועגונג פונעם מיטלאַלטער, איז גילטיק פאַר יעדער גוט־קאָנסטרויִרטער געזעלשאַפט: „זי לאָזט זיך מערקן מיט איר קענצייכן דערמיט, וואָס ס׳איז אין איר פאַראַן אַ טענדענץ צו דער אויסברייטערונג און אויסשפּרייטונג פון די פאַרבאַנדן, צו דער שאַבונג פון ווייטערדיקע פאַרבינדונגען, וועלכע זאָלן איבערשטייגן די ענגערע צעכן, פון פעדעראַציעס פון די איינצלנע פאַריינען, פון אַרומנעמענדיקע כללישע פאַרבאַנדן איבער די יחידישע״. פון וועלכן קוקווינקל מ׳אונטערזוכט דעם צונויפשטעל פון אַזאַ געזעלשאַפט, געפינט מען אומעטום דאָס קעמערלדיקע געוועב „געזעלשאַפט״, דאָס הייסט, אַ לעבנסמעסיקע צונויפגענומענקייט, אַ ברייטפאַרנעמיקער אויטאָנאָמער געזאַמל פון מענטשן, וועלכער שאַפט זיך און שאַפט זיך באַנייס איבער פון זיין אייגענעם אינעווייניקסטן אימפּולס. ווייל לויט איר עצם מהות באַשטייט געזעלשאַפט נישט

פון איזאָלירטע יחידים, נייערט פון געזעלשאַפטלעכע מוסדות און זייערע גרופּירונגען. אַט־דערדאָזיקער מהות אירער איז דורכן צוואַנג און געוואַלד פון דער קאַפּיטאַליסטישער עקאָנאָמיע און פון איר מלוכה כּסדר אויסגע־לײדיקט געוואָרן, אַזוי אַז דער מאָדערנער פּראָצעס פון אינדיווידואַליזירונג איז פאַרגעקומען ווי אַ פּראָצעס פון אַטאָמיזירונג. דערביי זיינען די אַלטע אָרגאַנישע פאָרמען על פּי רוב געבליבן אויפגעהיט אין זייער פרי־ערדיקן אויסערלעכן באַשטאַנד, אָבער זיי זיינען געוואָרן הויל און פּוסט, אויסגע־לײדיקט פון זין און נשמה, — זיך צעפּאַלנדיק געוועב. נישט בלויז דאָס, וואָס מ׳פּלעגט אָנרופן מאַסן, המון, נייערט די גאַנצע געזעלשאַפט איז אין תוך אַמאָרף, צעפּלאָסן, אָן יעדן מין צונויפנעמענדיקער סטרוקטור. טאַקע דערפאַר העלפט דאָ אויך נישט דאָס צונויפגיסן זיך פון פאַרבאַנדן, וואָס קומען־אַרויס פון עקאָנאָמישע אָדער גייסטיקע אינטערעסן, וועמעס שטאַרק־סטער פאַקטאָר איז די פּאַרטיי — דער צונויפנעם פון מענטשן אין זיי איז שוין מער נישט קיין לעבעדיקע זאַך, און די קאָמפּענזאַציע פאַר די פאַר־לוירענע געמיינשאַפטלעכע פאָרמען, וואָס מ׳זוכט אין זיי, קאָן אין קיין איי־נעם פון זיי נישט געפינען ווערן. פּנים אל פּנים מיט אַזאַ צושטאַנד, וועלכער פאַרוואַנדלט די געזעלשאַפט אין אַ ווידערשפּרוך אין זיך גופא, האָבן די אוטאָפּישע סאָציאַליסטן געשטרעבט וואָס ווייטער אַלץ מער צו אַן איבער־בוי, אַן איבעראַנדערשונג פון דער געזעלשאַפט, — נישט ווי די מאַרקסיס־טישע קריטיק וויל האָבן, אין אַ ראָמאַנטישן פּרווו צו באַנייען שוין אַלטפאַר־צייטיקע איבערגעקומענע אַנטוויקלונגס־סטאַדיעס, נייערט צוזאַמען און מיט דער הילף פון די דעצענטראַליסטישע קעגנטענדענצן, וועלכע מ׳קאָן מערקן אין די טיפענישן פונעם עקאָנאָמישן און געזעלשאַפטלעכן פּראָצעס, אָבער אויך צוזאַמען און מיט דער הילף פון דער פאַמעלעך אין דער טיפקייט פון דער מענטשלעכער נשמה שטאַרקער ווערנדיקער אינערלעכסטער פון אַלע מרידות — די מרידה קעגן דער מאַסירטער אָדער קאָלעקטיוויזירטער איינזאַמקייט.

וויקטאָר הוגאָ האָט די אוטאָפּיע באַצייכנט ווי „דער אמת פונעם מאָרגן". די אָנשטרענגונג פונעם גייסט, וועלכער איז, משמעות, פאַראור־טײלט באַטראַכט צו ווערן ווי מחוץ דער אַקטואַליטעט פון דער צייט, וועלכע מ׳רופט־אָן אוטאָפּישער סאָציאַליזם, גרייט פונדעסטוועגן צו די קומענדיקע סטרוקטור פון דער געזעלשאַפט, מחמת ס׳איז נישט פאַראַן קיין אָן און פאַר זיך אומבאַדינגט־נייטיקע געשיכטלעכע אויסוויקלונג, וועלכע זאָל זיין

אומאָפּהענגיק פון דער מענטשלעכער אַנטשיידונג. ס׳איז באַשיינפּערלעך, אַז אויך דאָ מוז זיך האַנדלען מכוח דער אויפהיטונג פון נאָך פאַראַנענע בשותפותדיקע געזעלשאַפטלעכע פאָרמען און וועגן זייער באַנייאיקער אָנפילונג מיט גייסט, מיט נייעם גייסט. איבערן טויער פונעם מאַרקסיסטישן צענטראַליזם איז אַוועקגעשטעלט אויף אַן אומבאַשטימטער צייט די אויפשריפט, אין וועלכער ענגעלס האָט איינמאָל רעזומירט דעם טיראַנישן כאַראַקטער פונעם אויטאָמאַטישן מעכאַניזם פון אַ גרויסער פאַבריק: "Lesciate ogni autonomia voi ch'entrate" (איר, די, וואָס גייט דאָ אַריין, זאָגט זיך אָפּ פון יעדער אויטאָנאָמיע); דער אוטאָפּישער סאָציאַליזם קעמפט פאַרן מעגלעכסטן מאַקסימום פון דער געמיינשאַפטלעכער אויטאָנאָמיע בתוך אַ רעסטרוקטוראַציע פון דער געזעלשאַפט.

אויף יענעם שוין פּרעדערמאָנטן סאָציאַליסטישן צונויפקום אין יאָר 1928 האָב איך געזאָגט:

„ס׳זיינען מעגלעך אילוזאָרישע רעאַליזירונגען פון סאָציאַליזם, אין וועלכע דאָס אמתע צוזאַמענלעבן בין אדם לחברו זאָל זיך זייער ווייניק ענדערן; אמתדיק בשותפותדיק צוזאַמענלעבן צווישן מענטש און מענטש קאָן נאָר דאָרט געדייען, וווּ די מענטשן לעבן־איבער זייערע ממשותדיקע ענינים צוזאַמען, באַראַטן זיך צווישנאייינאַנדער, פאַרוואַלטן אַליין; וווּ ס׳זיינען פאַראַן אמתדיקע שכנישע ישובים, אמתע פּראָפעסיאָנעלע פאַרבאַנדן. זעען מיר דאָך ביים רוסישן רעאַליזירונגס־עקספּערימענט, אַז די באַציונגען צווישן די מענטשן בלייבן אין תוך אומפאַרענדערט, מחמת זיי זיינען אַריינגעצווּנגען אין אַ סאָציאַליסטיש־צענטראַליסטישן סדר, וועלכער באַשטימט דאָס לעבן פון די מענטשן און דאָס לעבן פון די נאַטירלעכע סאָציאַלע גרופּירונגען. ס׳איז נאַטירלעך, אַז מיר קאָנען נישט און ווילן זיך נישט אומקערן צום פּרימיטיוון אַגראַר־קאָמוניזם און אויך נישט צו דער מלוכה פון די שטאַנדן פונעם קריסטלעכן מיטלאַלטער. מיר מוזן לגמרי אומראָמאַנטיש, לגמרי לעבנדיק אין דער היינטצייטיקייט, אויפבויען אונדזער עכטע געזעלשאַפט מיטן נישט לייכטן מאַטעריאַל פון אונדזער געשיכטלעכן מאָמענט“.

# די ערשטע

איך האָב שוין אָנגעוויזן אויף דעם, אַז ס'איז אינעם „אוטאָפּיסטישן" סאָציאַליזם פֿאַראַן אַן אָרגאַניש־בויענדיקער, אַן אָרגאַניש־פּלאַנירנדיקער עלעמענט, וועלכער איז אויסן צו רעקאָנסטרויִרן די געזעלשאַפֿט און, אַגבֿ, נישט אַזאַ, וואָס וועט רעאַליזירט ווערן ערשט אין אַן אומבאַשטימטער צוקונפֿט נאָכן „אויסגיין" פֿון דער פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור, נייערט אַזאַ, וועלכע זאָל זיך אָנהייבן שוין, איצט און דאָ, ביי די איצט און דאָ פֿאַראַנענע באַדינגונגען. אויב דאָס איז טאַקע ריכטיק אַזוי, מוז זיך, בכן, לאָזן אין דער געשיכטע פֿונעם „אוטאָפּיסטישן" סאָציאַליזם אויפֿווייזן אַן אַנטוויקלונגס־ליניע פֿון אָט־דעמדאָזיקן עלעמענט.

איןַ דער געשיכטע פֿונעם „אוטאָפּיסטישן" סאָציאַליזם שטעלן זיך אַרויס דריי פּאָר אַקטיווע דענקער, פֿון וועלכע יעדע אײנע איז צווישן זיך פֿאַרבונדן אויף אַן אייגנאַרטיקן אופֿן — גענעראַציעמעסיק: סען־סימאָן און פֿוריע, אָוען און פּרודאָן, קראָפּאָטקין און לאַנדאַוער. אינדערמיט פֿון צווייטן פֿון אָט־דער פּאָר איז פֿאַראַן דער אַנטשיידנדיקער איינשניט, וועלכער שיידט פֿונאַנדער די ערשטע פֿאַזע פֿון דאָזיקן סאָציאַליזם, — וועלכע פֿאַלט־אויס איבער אַן איבערגאַנג צום הויכקאַפּיטאַליזם — פֿון דער צווייטער, פֿון דער פֿאַזע, וועלכע שיידט זי אָפּ פֿונעם אָנהייב פֿונעם הויכקאַפּיטאַליזם; אין דער ערשטער פֿאַזע טראָגט־צו יעדער איינער פֿון די דענקער אַן איינציקן קאָנסטרוקטיוון געדאַנק, און די געדאַנקען שטעלן זיך אויס שורות־ווייז, לכתחילה נאָך פֿרעמד און אָן אַ דריסת־הרגל צו און צווישן זיך, בעת אין דער צווייטער פֿאַזע ווערט מצד פּרודאָנען און זיינע נאָכגייער אויסגע־אַרבעט דער אַרומנעמענדיקער סינטעז, די סינטעטישע אידיי מכוח דער

רעסטרוקטוראַציע. יעדע פאַזע איז אַוועקגעשטעלט אויף איר אומפאַרבײַט־באַרן אָרט.

אייניקע ציפערן פאַר דער אויפקלערונג פונעם גענעראַציע־פאַרהעל־טעניש וועלן דאָ נישט זיין איבעריק. סען־סימאָן איז געבוירן געוואָרן 12 יאָר פאַר פוריען און געשטאָרבן 12 יאָר פריִער פאַר אים, און פונדעסטוועגן באַלאַנגען זיי ביידע צו דער נעמלעכער גענעראַציע פון יענע, וועלכע זיינען געבוירן געוואָרן פאַר דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע און געשטאָרבן פאַרן יאָר 1848, מיטן בלויזן חילוק, וואָס דער יינגערער, אין דעם פאַל, פוריע, באַלאַנגט לויט זיין וועזנטלעכן סטיל צום אַכצנטן, בעת דער עלטערער, סען־סימאָן, באַלאַנגט לויט זיין וועזנטלעכקייט צום ניינצנטן יאָרהונדערט. אָועָן איז געבוירן געוואָרן פאַר דער גרויסער רעוואָלוציע, פּרודאָן אין דער צייט פון די נאַפּאָלעאָנישע ניצחונות; זיי באַלאַנגען, הייסט עס, לויט זייער געבורט, צו די פאַרשידענע גענעראַציעס, אָבער געשטאָרבן זיינען זיי בײַ־דע צווישן 1848 און 1870 און דאָס פאַראייניקט זיי ווידער אין איין גענע־ראַציע. דאָס נעמלעכע חזרט זיך איבער ביי קראָפּאָטקינען, וועלכער איז געבוירן געוואָרן פאַר 1848, און לאַנדאַוער, וועלכער איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1870 און ביידע זיינען געשטאָרבן קורץ נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה.

סען־סימאָן, — וועגן וועמען דער באַגרינדער פון דער סאָציאָלאָגיע ווי אַ וויסנשאַפט לאָרענץ פאָן שטיין זאָגט מיט רעכט, אַז ער איז געווען דער ערשטער, וועלכער האָט „האַלב־פאַרשטאַנען און האַלב־פאַרויסגעפילט די געזעלשאַפט (דאָס הייסט, די געזעלשאַפט ווי אַזעלכע אין איר להיפּוכ־דיקייט צום שטאַט) אין איר מאַכט, אין אירע עלעמענטן און אין אירע סתירות“ — סען־סימאָן ברענגט דאָ דעם ערשטן און פאַר זיין תקופה וויכ־טיקסטן ביישטייער. דער „קריזיס פון דער פובעריטעט“, צו וועלכן ס'איז צוגעקומען דער מענטשלעכער מין, באַטייט פאַר אים, אַז דער „לע רעזשים אינדוסטריעל“, די קאָנסטיטוציע פון די פּראָדוצירער, דאַרף איצט קומען אויפן אָרט פון די איצטיקע קאָנסטיטוציעס. מיר קאָנען דאָס אויך פאָרמו־לירן בזה האופן: די שפּאַלטונג פונעם סאָציאַלן געזאַמל אין צוויי וועזנטלעך־פאַרשידנדיקע און זיך באַקעמפנדיקע שיטות, די געוואַלט־שיטה פון דער מלוכה און די ספּאָנטאַנע שיטה פון דער געזעלשאַפט, זאָל פאַרביטן ווערן דורך אַן איינהייטלעכער סטרוקטור. ביז איצט איז די געזעלשאַפט געשטאַ־נען אונטער אַ „רעגירונג“, נו, זאָל זי איצטער שטיין אונטער אַ „פאַרוואַל־

טונג״ און די פאַרוואַלטונג זאָל נישט איבערגעענטפערט ווערן צו אַזאַ שיכט ווי יענע, וועלכע זאָל שטיין אין אָפּאָזיציע צו דער געזעלשאַפט, אַ צוזאַמענגעשטעלטע פון „לעגיסטן״ און מיליטערלייט, נייערט צו די נאַטירלעכע פירער פון דער געזעלשאַפט גופא, די פירער פון איר פראָדוקציע. עס זאָל אימער נישט פאַסירן ווי ס׳האָט פאַסירט ביז איצט בעת די היסטאָרישע איבערקערענישן, ווען איין גרופע פון די הערשנדיקע ווערט פאַרשטויסן דורך אַן אַנדערער גרופע רעגירנדיקע; דאָס, וואָס מ׳נייטיקט זיך ווייטער אין פאָליציי, דאַרף נישט זיין קיין גורם פון קיין שום רעגירונג אינעם זעלביקן זין ווי ביז איצט. „די פראָדוצענטן גיבן נישט קיין שום ווערט דעם פאַקט, וואָס זיי וועלן איצט אויסגעזייגט ווערן פון וועלכן ס׳איז קלאַס פאַראַזיטן, אָנשטאָט פון וועלכן ס׳איז אַנדערן קלאַס... ס׳איז קלאָר, אַז דער געראַנגל מוז זיך ענדיקן מיט דעם, אַז ער זאָל פאָרקומען צווישן דער גאַנצער מאַסע פאַראַזיטן פון איין זייט און דער מאַסע פון די פראָדוצענטן פון דער אַנדערער זייט, בכדי איינמאָל פאַר אַלע צו אַנטשיידן, צי די לעצטע דאַרפן אויך אויף ווייטער זיין די קרבנות און דער זאַקרויב פון די ערשטע אָדער איבערנעמען די אויבערשטע אָנפירונג פון דער געזעלשאַפט״. סען־סימאָנס באַזוּנדערע ווענדונג „צו די הערן אַרבעטער״ צו מאַכן די אונטערנעמער פאַר זייערע אָנפירער, וועלכע איז אויסן צונויפצומישן דעם אַקטיוון טייל פון די קאַפּיטאַליסטן מיט די פּראָלעטאַריער אין איין קלאַס, נעמט אַריין אין זיך, נישט געקוקט אויף איר מאָדנעקייט און ווייטקייט פון דער רעאַליטעט, די פאָרויסזעונג פון אַ קומענדיקער אָרדענונג, אין וועלכער ס׳וועלן מער נישט זיין קיין אַנדערע פירער ווי נאָר יענע, וועלכע זיינען נייטיק פאַר די געזעלשאַפטלעכע פונקציעס גופא, און די פּאָליטיק וועט פאַקטיש ווערן דאָס, וואָס זי איז אינדעראמתן לויט סען־סימאָנס דעפיניציע: „די וויסנשאַפט פון דער פראָדוקציע״, דאָס הייסט, פון די הנחות און תנאים, וואָס זאָלן זיין גינציק פאַר איר. רעגירונגען זיינען לויט זייער מהות נישט מסוגל צו פירן אַזאַ פּאָליטיק; „די רעגירונג ברענגט תמיד שאָדן דער אינדוסטריע, ווען זי מישט זיך אַריין אין אירע ענינים; זי ברענגט איר שאָדן אַפילו אין יענעם פאַל, ווען זי מאַכט אָנשטרענגונגען זי צו דערמוטיקן״. נאָר דאָס בייקומען, דאָס איבערשטייגן די „רעגירונג״ ווי אַזאַ איז ביכולת אַרויסצופירן די געזעלשאַפט פון דער „עקסטרעמער אומאָרדענונג״, אין וועלכער זי געפינט זיך; פונעם צושטאַנד פון אַ לאַנד, וועלכעס איז „וועזנטלעך אינדוסטריעל״, און פון זיין רעגירונג, וועלכע איז „וועזנטלעך פעודאַל״; פון דער פונאַנדער־

טיילונג אין צוויי קלאַסן, — פון איינער, וועלכע באַפעלט, און פון דער אַנדערער, וועלכע געהאָרכט" (דער סען־סימאָניסט באַזאַר האָט דעמזעלביקן געדאַנק באַלד נאָכן לערערס טויט, אין 1829, נאָך שאַרפער פאָרמולירט: „צוויי קלאַסן, די עקספּלואַטירער און די עקספּלואַטירטע"). די היינטצייטיקע תקופה איז אַן איבערגאַנגס־תקופה, אָבער נישט פון דעם איבערגאַנגס־מין פון איין קאָנסטיטוציע צו אַן אַנדערער, נייערט פון איבערגאַנג פון דער מכלומרשטער אָרדענונג צו אַן אמתער אָרדענונג, אין וועלכער „די אַרבעט וועט זיין דער יסוד פון יעדן מין רעכטפאַרטיקייט" און „דער שטאַט — די חברשאַפטלעכקייט פון די אַרבעטער" (די פאָרמול פון די סען־סימאָניסטן). דאָס קאָן נישט זיין קיין עסק פון בלויז איינאונאיינציקן פאָלק, וועלכעס זאָל באַקעמפט ווערן פון די אַנדערע פעלקער; אין גאַנץ אייראָפּע מוז אויפגעריכט ווערן דאָס אינדוסטריעלע סיסטעם און פאַרלענדט ווערן דאָס פעאָדאַלע סיסטעם, וועלכעס האַלט זיך אויף אינעם בירגערלעכן סיסטעם, דאָס רופט סען־סימאָן אַן „אייראָפּעיִזם".

ער פאַרשטייט אָבער, אַגב, אַז דערמיט מיינט מען נישט בלויז די ענדערונג פון די פאַרהעלטענישן צווישן דער אָנפירונג און די געפירטע, נייערט אַז די ענדערונג מוז קודם־כל דורכדרינגען די גאַנצע אינעווייניקסטע סטרוקטור פון דער געזעלשאַפט. דער מאָמענט, ווען די אינדוסטריעלע קאָנסטיטוציע איז צייטיק, דאָס הייסט, ווען די געזעלשאַפט איז צייטיק און פאַסיק פאַר איר, דער מאָמענט „קאָן באַשטימט ווערן מיט אַ געוויסער גענויאיקייט דורך אָט־דעם פונדאַמענטאַלן באַדינג: ווען אינעם זייער גרויסן רוב פונעם פאָלק האָבן זיך די יחידים צונויפגענומען אין מער אָדער וויניקער גרויסע אינדוסטריעלע אַסאָסיאַציעס, וועלכע זיינען פאַרבונדן צווישן זיך צו צוויי, צו דריי אאַז״וו, דורך אינדוסטריעלע באַציִונגען. אָט־דאָס דערמעגלעכט צו שאַפן אַן אַלגעמיינעם סיסטעם, וואָס זאָל אָריענטירן דידאָזיקע אַסאָסיאַציעס בהסכם מיט אַ גרויסן געמיינזאַמען אינדוסטריעלן ציל, וואָס פאַר דעם צוועק קאָאָרדינירן זיי זיך אַליין, לויט זייערע באַטרעפנדיקע פונקציעס". דאָ דערגייט סען־סימאָן זייער נאָענט צום געדאַנק מכוח דער רעסטרוקטוראַציע. דאָס, וואָס ס׳פעלט אים, איז דער באַנעם מכוח ריכטיקע אָרגאַנישע סאָציאַלע קערפּערשאַפטן, פון וועלכע ס׳זאָל קאָנען אויפקומען דידאָזיקע רעסטרוקטוראַציע; דער באַגריף מכוח „אינדוסטריעלער אַסאָסיאַציע" שאַפט נישט דאָס, וואָס ווערט דאָ פאַרלאַנגט. סען־סימאָן האָט פאַרויסגעפילט דעם באַטייט פון די קליינע געזעלשאַפט־

לעכע איינסן פאַר דער ענדערונג פון דער געזעלשאַפט, אָבער ער האָט זיי נישט דערקענט.

אָט טאָקע דידאַזיקע געזעלשאַפטלעכע קערפּערשאַפט איז פאַר פוריען אַלץ. ער האָט געגלויבט „צו האָבן געפינען דעם סוד פון דער אַסאָסיאַ־ציע" און אין אים האָט ער געזען „דעם סוד פון דער פאַראייניקונג פון די אינטערעסן" — אַ פאָרמול, וועלכע שטאַמט פון דערזעלביקער צייט, אַרום 1820, ווען סען־סימאָן האָט זיין „אינדוסטריעלן סיסטעם" געגעבן די ענדגילטיקע פאָרמולירונג. שאַרל זשיד האָט מיט רעכט אָנגעוויזן אויף דעם, אַז דערמיט האָט זיך פוריע אַרויסגעשטעלט קעגן דער צוואה פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, וועלכע האָט זיך געשטעלט קעגן דעם רעכט פון אָרגאַניזאַציע און פאַרווערט די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען. און ער האָט זיך אַרויסגעשטעלט קעגן דעם דערפאַר, ווייל ווען ס'וועלן צעבראָכן ווערן די גרופּירונגען פון דער אַלטער קאָרפּאָראַציע, וועט אַרויסקומען צום פאָר־דערגרונט דער „אַנאַרכישער" פּרינציפּ פון דער פרייער קאָנקורענץ, וועל־כער, — לויט ווי דאָס האָט פאָרויסגעזאָגט פוריעס ווערטפולסטער שילער, קאָנסידעראַן, אין יאָר 1943, אין זיין מאַניפעסט וועגן די יסודות פונעם סאָציאַליזם, (פון וועלכן דער קאָמוניסטישער מאַניפעסט איז, משמעות, באַ־איינפלוסט געוואָרן), — וואָלט געמוזט דערפירן צום עקסטרעמסטן היפוך פון דעם, וואָס מ'איז אויסן געווען מיט זיין איינפיר, דהיינו אין דער „אַלגע־מיינער אָרגאַניזאַציע פון די גרויסע מאַנאָפּאָלן, אין אַלע צווייגן". דאָס, וואָס פוריע האָט אַרויסגעשטעלט קעגן אָט־דעם פּרינציפּ, איז (אַזוי ווי קאָנסידע־ראַן האָט עס טאָקע פאָרמולירט אין 1848): „די שאַפונג פון קאָמונאַלע געזעלשאַפטלעכע קערפּערשאַפטן, וועלכע זאָלן זיין פאַרגרונטפעסטיקט אויף דער פאַרבינדונג צווישן פּראָדוקציע און קאָנסומציע". דאָס איז אַ נייע פאָר־מירונג פון דער דאָרפישער קאָמונע, וועלכע ווערט באַטראַכט ווי אַ קע־מערלדיקער עלעמענט פון דער געזעלשאַפט, אַגב, אַ באַגריף, וועלכער איז, פאַרשטייט זיך, נישט צו געפינען ביי פוריען גופא, נייערט ערשט אין זיין שול, אַ באַאיינפלוסטע פון אָוענען (וועמען פוריע אַליין האָט נישט געוואָלט לייענען). נאָר די פרייע און פרייוויליקע אַסאָסיאַציע — אַזוי ווערט עס אונדז געזאָגט אין יאָר 1848 — איז ביכולת צו לייזן דאָס גרויסע אָרגאַנישע פּראָבלעם פון דער צוקונפט, „דאָס פּראָבלעם פון דער אָרגאַניזאַציע פונעם נייעם סדר, דעם סדר, אין וועלכן דער אינדיווידואַליזם וועט זיך (אַזוי) ספּאָנטאַן פאַרבינדן מיטן קאָלעקטיוויזם". נאָר בזה האופן קאָן „פאָרקומען

„די דריטע און לעצטע עמאַנציפּאַטאָרישע עוואָלוציע פון דער געשיכטע", וועלכע זאָל איצט זיין מסוגל „אָפּצושאַפן דעם פּראָלעטאַריאַט און פאַר־וואַנדלען די לוינאַרבעטער אין חברים, שותפים, פּונקט אַזוי ווי די ערשטע עוואָלוציע האָט פון קנעכט געמאַכט לייבאייגענע און די צווייטע — פון לייבאייגענע — לוינאַרבעטער (אַט־די באַגריפן געפינען מיר ביי באַזאַרן שוין אין יאָר 1829). אָבער אומזיסט וועט מען אין פוריעס אייגענע עקספּאָ־זיציעס פון זיין סיסטעם און אָנוווּרפן פון זיינע פלענער זוכן די רעאַלי־זירונג פון זיין קעגנפּרינציפּ. מ'האָט זיין „פאַלאַנסטערן" פאַרגלייכט מיט אַ גרויסן האָטעל; און אינדעראמתן איז פאַקטיש פאַראַן אַ געוויסע ענלעכ־קייט מיט יענע ערשט אין אונדזערע טעג געשאַפענע האָטעלן, וועלכע דעקן דעם על פּי רוב גרעסטן טייל פון זייערע באַדערפענישן מיט אייגענער פּראָ־דוקציע, מיטן בלויזן חילוק, וואָס דאָ ווערט די פּראָדוקציע געדעקט דורך די געסט גופא פון די האָטעלן און אָנשטאָט דער קליינער צאָל מינימאַלע פאַרשריפטן, וועלכע זיינען אונדז באַקאַנט פון די צעטלען אין די צימערן פון די האָטעלן, איז פאַראַן אַן אָן און פאַר זיך גענוי אויסגעסדרט פּעלערנ־לאַז געזעץ, וועלכעס איז טאַקע באַפּוצט מיט אַ געוויסן חן און רירט פּרינ־ציפּיעל נישט אָן די פרייע אַנטשיידונג, אָבער עס רעגולירט אַלע פּרטים פונעם פאַרלויף פון טאָג; די העכערע אינסטאַנץ פונעם „אַרעאָפּאַג" באַפעלט טאַקע נישט, נייערט גיט בלויז אָנווייזונגען, און יעדע גרופּע פאַר זיך „איז זיך נוהג בהסכם מיט איר ווילן", אָבער אָט־דער ווילן קאָן דאָך בשום אופן נישט זיין אַנדערשדיק פונעם „אַרעאָפּאַגס" ווילן, ווייל דאָס וואָלט געהייסן שטעלן אויף דער אייגענער מיינונג 1), און ווי מאָדנע אַ סך פּרטים פון אָט־דעם געזעץ זאָלן ווירקן אויף אונדז, קומען אָבער אויך אין אים צום אויסדרוק וויכטיקע און פּרוכפּעריקע איינפאַלן. אַזעלכע ווי דער בייט פון פאַרשידענע טעאונגען, אַן איינפאַל, וועלכער ווערט אָנגע־וואָרפן אין קראָפּאָטקינס געדאַנק מכוח דער „אַרבעטסטיילונג אין דער צייט". אָבער פון דער אַנדערער זייט, און טאַקע אַרויסגייענדיק פון אָט־דעם קוק־ווינקל, איז דער „פאַלאַנסטער" אַ דורכאויס און בפירושער נישט־סאָציאַליס־טישער איינפיר. די טיילונג פון דער אַרבעט אין לויף פון אַ זומערדיקן טאָג פירט דעם אָרעמאַן לוקאַס פון שטאַל אין די גערטנער, פון דאַנען צו די שניטער, צו די געמיזעציכטער, צו די מאַנופאַקטוריסטן אאַז"וו, בעת

1) Puisance d'apinion.

די פּאַרטיילונג פון דער אַרבעט אין לויף פון אַ זומערדיקן טאָג פירט דעם רייכן מאַנדאַר פונעם „אינדוסטריעלן פּאַראַד" צום גטיעג, פון דאַנען צום כאַפּן פיש, צו דער ביבליאָטעק, צו די ראַפינעריעס אאַז"וו. ווען מ'לייענט, אַז די אָרעמע „וואָלטן געדאַרפט געניסן פון אַ גראַדואירטן ווילשטאַנד, בכדי די רייכע זאָלן זיין גליקלעך" אָדער גאָר, אַז נאָר דורך „דער עקסט־רעמסטער אומגלייכקייט פון דער עשירות קאָן מען דערגיין צו „אָט־דעם שיינעם איינפאַרשטייעניש מכוח אידלמוטיקייט", דאָס הייסט, צום אָפּזאָג מצד די רייכע אויפן גרויסן טייל פון זייערע דיווידענדן לטובת דער אַר־בעט און פעיקייט, דעמאָלט מערקט מען, אַז אָט־די קערפּערשאַפטן, אויס־געאַרבעטע אין דער פּרעסמאַשין פון אַ מעכאַנישער פאַנטאַזיע, האָבן לגמרי נישט קיין רעכט צו פּרעטענדירן צו זיין קעמערלעך פון אַ בייער, לויט אַ יושרדיקן סדר איינגעאָרדנטער געזעלשאַפט. אָבער זייער איינפאַרמיקייט (מחמת, נישט געקוקט אויף זייער אויסערלעכער פאַרשיידנאַרטיקייט, זיינען זיי שטיק נאָך שטיק, מאַשין נאָך מאַשין אין מוסטער) מאַכט זיי אומפּאַסיק פאַר דער רעקאָנסטרוקציע פון דער געזעלשאַפט. פוריעס „אַלגעמיינע האַר־מאָניע", וועלכע נעמט־אַרום דעם קאָסמאָס און די געזעלשאַפט, איז חל נאָר אויף דער האַרמאָניע פון יחידים, וואָס ווינען צוזאַמען אין דער געזעל־שאַפט, אָבער מיינט נישט קיין האַרמאָניע צווישן די איינסן (הגם ס'זיינען געווען אַזעלכע, וועלכע האָבן זיך דאָ פאָרגעשטעלט אַ „פעדעראַציע פון די פאַלאַנגעס"). די שייכות צווישן די גרופּירונגען (איינסן) האָט נישט קיין פּלאַץ אין דעמדאָזיקן סיסטעם, מחמת יעדע איינע איז אַ וועלט פאַר זיך, שטענדיק און כסדר דיזעלביקע וועלט, אָבער מכוח דער אַטראַק־ציע, וועלכע באַהערשט דעם אוניווערס, הערן מיר גאָרנישט צווישן זיי; זיי נעמען זיך נישט צונויף אין קיין פאַרבאַנד, אין גרעסערע איינסן; זיי קאָנען דאָס אַפילו נישט טאָן, מחמת זיי זיינען נישט, ווי די יחידים, פאַר־שידן צווישן זיך; זיי דערגאַנצן נישט איינער דעם אַנדערן און קאָנען דע־ריבער אויך נישט האַרמאָנירן צווישן זיך. פוריעס געדאַנק האָט געגעבן אַ שטאַרקן שטויס פאָרויס די קאָאָפּעראַטיוויסטישע באַוועגונג און אירע אויפטועך, בפרט די קאָנסום־קאָאָפּעראַטיוועס, אָבער די קאָנסטרוקטיווע אידיי פונעם „אוטאָפּיסטישן סאָציאַליזם" האָט אים בלויז געקאָנט אויפנעמען אין זיך דורך איבערשטייגן אים.

אין יאָר 1822 איז אַרויס פוריעס הויפּטווערק, די „אָפּהאַנדלונג פון דעם היימיש־לאַנדווירטשאַפטלעכן פאַרבאַנד", אין 1812 און 1822 סען־

סימאָנס „לע סיסטעם אינדוסטריעל” און פון 1820 דאַטירט ראָבערט אָוענס „באַריכט צו דער גראַפשאַפט וואַנאַרק”, וועלכער איז אַרויס אין 1821 און איז דער אויסגעצייטיקטער פאָרלייג פון זיין „פּלאַן”. אָבער פוריעס "La théorie de cuatre mouvements et des destinées generales", וועלכע אַנטהאַלט שוין זיין סיסטעם אין שורש, איז נאָך דערשינען אין 1808, סען־סימאָנס „מכוח דער רעאָרגאַניזאַציע פון דער אייראָפּעישער געזעלשאַפט” אין 1814, אָוענס טעאָרעטישע באַגרינדונג פון זיינע פּלענער „דאָס נייע לעבן פון דער געזעלשאַפט” אין 1813 און 1814. ווען מיר גייען אַזוי ווייטער צוריק אין דער צייט, טרעפן מיר זיך אָן באַלד נאָכן אָנהייב פונעם יאָרהונדערט אויף סען־סימאָנס ערשטן ווערק, אין וועלכן ס׳ווערט שוין פאָרויסגעזאָגט דער אָנקומענדיקער קריזיס פון דער מענטשהייט, און אויף פוריעס מאמר וועגן דער אַלגעמיינער האַרמאָניע, וועלכער דאַרף באַטראַכט ווערן ווי דער ערשטער עסיי פון זיין דאָקטרין; אָבער איינצייטיק טרעפן מיר זיך אויך אָן מיט אָוענען אין זיין ריינפּראַקטישער טעטיקייט ווי אַן אָנפירער פון דער בייַנוולשפּינערײַ אין ניו לאַנאַרק, וווּ ער האָט געשאַפן מוסטערהאַפטע סאָציאַלע איינאָרדענונגען. זיין דאָקטרין איז, לחלוטין אַנדערשדיק ווי סען־סימאָנס און פוריעס, אַרויסגעקומען פון אָט־דער פּראַקטיק זייגער, פון פּרוּוון און דערפאַרונגען. זי איז, אָן אַ חילוק, צי ער האָט יאָ אָדער נישט געוווּסט עפּעס מכוח פוריעס טעאָריעס, פון גייסטיק־געשיכטלעכן קוקווינקל, זיין ענטפער אויף יענע, די עמפּירישע היפּוכדיקע לייזונג פונעם פּראָבלעם, וועלכע שטעלט זיך אַרויס קעגן אַ ספּעקולאַטיווער, צוגעטראַכטער לייזונג. די סאָציאַלע איינסן, פון וועלכע די געזעלשאַפט דאַרף איצט פונדאָסניי אויפגעבויט ווערן, דאַרף מען דאָ באַצייכענען ווי אָרגאַנישע; דאָס זיינען לויט זייער צאָל קליינע געמיינדעס, אַוועקגעשטעלט אויף אַ לאַנדווירטשאַפטלעכן יסוד, וועלכע אָריענטירן זיך אויפן „פּרינציפּ פון דער פאַראייניקונג פון אַרבעט, קאָנסום און אייגנטום פונקט ווי גלייכע רעכט”, אין וועלכע אַלע מיטגלידער דאַרפן האָבן „קעגנזייטיקע און בשותפותדיקע אינטערעסן”. שוין דאָ זעען מיר, ווי אָוען, להיפּוך צו פוריען, דערגייט צו די פשוטע הנחות פון עכטער געמיינשאַפטלעכקייט, צווישן וועלכע עס פיגורירט נישט דאָס אומבאַדינגט־אויסשליסלעכע בשותפותדיקע אייגנטום, אָבער ס׳איז יאָ פאַראַן אַ געוויסע פאָרעם פון דער פאַראייניקונג און פאַרגעזעלשאַפטלעכונג פון דער עשירות, און פונקט אַזוי אויך נישט קיין באַדערפעניש פון אַ גלייכהייט פונעם קאָנסום, אָבער יאָ די גלייכהייט פונעם רעכט

און פון מעגלעכקייטן. „בשותפותדיק לעבן", זאָגט טעניעס וועגן די היסטאָרישע פאָרמעז פון דער „קאָמוניטעט", דאָס הייסט, דאָס „אַנהאַלטנדיקע און עכטע צוזאַמענלעבן" פון די מענטשן, „איז קעגנזייטיק אייגנטום און גענוס און איז באַזיץ און גענוס פון בשותפותדיקן פאַרמעגן"; מיט אַנדערע ווערטער: ס'איז בשותפותדיקע שטוביקע ווירטשאַפט, אין וועלכער ס'איז דאָ פלאַץ פאַר פערזענלעכן און בשותפותדיקן אייגנטום, הגם דורכן איינפיר פון בשותפותדיקער ווירטשאַפט (לגמרי אַנדער ווי אין פויעס סכעמע) ווערן אָנגעצייכנט שמאָלע גרענעצן פאַרן פערזענלעכן דיפערענץ אינעם אייגנטום, און אויפן סמך פון דער קעגנזייטיקייט, פון דער קעגנזייטיקער הילף און מיטאַרבעט אינעם אַרומנעמענדיקן זין; אויפן סמך פון קעגנזייטיקן געבן און נעמען ווערט געשאַפן דאָס, וואָס ווערט דאָ באַצייכנט ווי „קעגנזייטיק אייגנטום און גענוס", דאָס הייסט, אַן אַנטשפּרעכנדיקע באַטייליקונג פון די מיטגלידער צווישן זיך. טאַקע אָט־דער באַנעם ליגט אינעם יסוד פון אָוענס פלאַן. (שפּעטער גייט ער אַוועק ווייטער און נעמט־אַריין „בשותפותדיקייט פונעם אייגנטום און קאָאָפּעראַטיווע פאַראייניקונג" צווישן די העכסטע פּרינציפּן פון דער פּראָיעקטירטער התישבות).

ער פאַרלייקנט נישט, אַז בכדי דאָס דורכצופירן איז נייטיק אַ גרויסע דערציִערישע טעטיקייט. „מ'איז נאָך ביז איצט נישט אויסגעבילדעט געוואָרן אין הסכם מיט פּרינציפּן, וועלכע זאָלן דערלויבן זיך אויפצופירן אויף אַ פאַרייניקטן אופן, סיידן זיך צו פאַרטיידיקן און צו פאַרלענדן אַנדערע. אָבער פונקט אַזאַ מעכטיקע נויטווענדיקייט וועט איצט פונדעסטוועגן צווינגען די מענטשן צוצוגעווינען זיך צו לעבן בשותפותדיק, בכדי צו שאַפן און אויפצוהאַלטן דאָס באַשאַפענע". אָוען ווייסט, אַז דאָ האַנדלט זיך וועגן דער איבעראַנדערשונג פון דער גאַנצער געזעלשאַפטלעכער אָרדענונג, בפרט אויך בנוגע דעם פאַרהעלטעניש צווישן די הערשער און באַהערשטע. „דער אינטערעס פון יענע, וועלכע הערשן, האָט זיך תמיד אַרויסגעוויזן, און וועט זיך ביים היינטצייטיקן סיסטעם תמיד אַרויסווייזן, להיפוך צום אינטערעס פון יענע, איבער וועלכע זיי הערשן". דאָס מוז אָנהאַלטן אַזוי לאַנג כל־זמן דער מענטש וועט פאַרבלייבן אינדיווידואַליזירט", דאָס הייסט, כל־זמן די געזעלשאַפט וועט נישט אויפגעבויט ווערן אויפן סמך פון אמתע שייכותן צווישן די יחידים. דידאַזיקע איבעראַנדערשונג וועט פאַרקומען אין יעדן איינעם פון די געפלאַנטע קאָמונאַלע דערפער איידער זי וועט אַרומכאַפּן דעם גאַנצן כלל. די פאַרוואַלטונג, וועלכע פירט־אָן מיטן איינצלנעם דאָרף,

וועט „שאַפן אַ פּערמאַנענטע לאָקאַלע רעגירונג", וועלכע וועט נישט זיין קעגנעריש צו יעדער רעגירטער פּערזאָן, נייערט זיין ענג פאַרבונדן מיט איר". אַוודאי בלייבן קודם־כּל די פּראָבלעמען, וועלכע אָוען רופט־אָן „די באַציִונג פון די נייע אַנשטאַלטן צו דער רעגירונג פונעם לאַנד און צו דער אַלטער געזעלשאַפט", אָבער פון דער עצמדיקער באַצייכענונג „די אַלטע געזעלשאַפט" ווערט קלאָר און דייטלעך, אַז אָוען באַטראַכט די נייע געזעל־שאַפט ווי אַזאַ, וועלכע אַנטוויקלט זיך בתוך דער אַלטער און אַז זי באַנייט זי פון אינעווייניק אַרויס. דערביי וועלן נויטווענדיקערוויז מוזן עקזיסטירן נעבנאַנאַנדער פאַרשידנדיקע אַנטוויקלונגס־מדרגות פון דער נייער געזעל־שאַפט. אַ כאַראַקטעריסטישער ביישפּיל פאַר דעם ברענגט דער פון אָוענען אינספּירירטער סטאַטוטן־פּראָיעקט פון דער אין יאָר 1835 געגרינדעטער „אַסאָסיאַציע פון אַלע קלאַסן פון אַלע לענדער", וועלכע האָט זיך באַלד נאָכדעם געגומען רופן מיטן דעמאָלט אָקערשט־אויפגעקומענעם נאָמען אין נעמלעכן זין „די סאָציאַליסטן". פון די דריי אָפּטיילן פון אָט־דער אַסאָ־סיאַציע האָבן די צוויי ווייניקער וויכטיקע בלויז די פונקציע פון קאָנסום־פאַריינען, בעת די דריטע און וויכטיקסטע איז זיך מכוון צו שאַפן אַזאַ מין ברידער־ און שוועסטערשאַפט, וועלכע זאָל צונויפשטעלן צווישן זיך אַ קלאַס פון פּראָדוצענטן און קאָנסומענטן, וועלכע זאָל זיך אונטערשיידן בלויז לויט זייער פאַרשידענער עלטער, „אָן גייסטלעכע, אַדוואָקאַטן, מיליטערלייט, קווי־פער און פאַרקויפער". אַוודאי איז דאָס אוטאָפּיע, אָבער איינער פון יענעם מין אוטאָפּיעס, אָן וועלכער קיין שום „וויסנשאַפט" איז נישט ביכולת צו איבעראַנדערשן די געזעלשאַפט.

די אַנטוויקלונגסליניע, וועלכע פירט פון סען־סימאָנען צו פוריען און צו אָוענען, איז זיך נישט סומך אויף אַ צייטפאַרלויף; די דריי מענטשן, וועלכע ענגעלס האָט אָנגערופן די גרינדער פונעם סאָציאַליזם, האָבן אויף אַ געוויסן אופן געווירקט אין דער נעמלעכער צייט; ס'איז, וואָלט מען כמעט געקאָנט זאָגן, אַן אַנטוויקלונג אין דער איינצייטיקייט. סען־סימאָן האָט אָנגעהויבן: די געזעלשאַפט זאָל פון אַ דואַלער ווערן אַן איינהייטלעכע געזעלשאַפט; די אָנפירונג פונעם כּלל זאָל קומען פון די געזעלשאַפטלעכע פונקציעס גופא, באופן, אַז דער פּאָליטישער סדר זאָל זיך דאָ נישט אימפּאָנירן ווי אַ וועזנט־לעך־פאַרשידנדיקער אָפּגעזונדערטער שיכט. אויף דעם גיבן סיי פוריע און סיי אָוען די תּשובה, אַז דאָס איז מעגלעך און דערלאָזבאַר נאָר מצד אַזאַ געזעלשאַפט, וועלכע איז אויפגעבויט אויף דער צוזאַמענגענומענקייט פון

פראָדוקציע און קאָנסום, דאָס הייסט, אַ צוזאַמענגעשטעלטע פון גרופּירונגען, אין וועלכע ביידע פאַרבינדן זיך מיט אַנאַנדער, במילא פון קליינע געמיינ־דעס, וועלכע צילן צו אַ גרויסער מאָס פון זעלבסטבאַנוגענונג. פּוריעס ענטפער גיט נאָך צו, אַז יעדע איינע פון דידאָזיקע גרופּירונגען זאָל בנוגע אייגנטום און דער פּרעטענזיע פונעם יחיד זיין צונויפגעשטעלט אַזוי ווי די איצטיקע גע־זעלשאַפט, אָבער אַז זי זאָל דורך דעם אויסגלייך, דער איינהייטלעכקייט פון די אינסטינקטן און טעטיקייטן אַריבערגיין פון סתירה צו האַרמאָניע. אָבער אָוענס ענטפער ברענגט־אַרויס, אַז די איבעראַנדערשונג פון דער געזעל־שאַפט מוז דורכגעפירט ווערן פונקט אַזוי אין איר כללישער סטרוקטור ווי אין יעדן איינעם פון אירע קעמערלעך, — בלויז אַ געזעלשאַפט סדר אין די איינצלנע גרופּירונגען קאָן זיין אַ יסוד פאַר אַ גערעכטער אָרדענונג אין אַלגעמיין. דאָס איז די גרינדונג פונעם סאָציאַליזם.

## פּרודאָן *

„ווען די סתירות פון דער געזעלשאַפט און פון דער דעמאָקראַטיע", — האָט פּרודאָן געשריבן אין אַ בריוו אין יאָר 1844, „נאָכדעם ווי זיי וועלן סוף־כל־סוף אַרויסגעברענגט ווערן, וועלן האָבן דעם נעמלעכן גורל וואָס סען־סימאָנס און פוריעס אוטאָפּיעס, דעמאָלט וועט דער סאָציאַליזם, וועלכער וועט זיך דערהייבן צום ניוואָ פון אַ וויסנשאַפט, דער סאָציאַליזם, וועלכער איז דאָך נישט עפּעס אַנדערש ווי די פּאָליטישע עקאָנאָמיע, איבערנעמען די געזעלשאַפט און זי מיט אַן אומבאַזיגבאַרער קראַפט שטויסן צו איר ווייטערדיקער באַשטימונג... דער סאָציאַליזם האָט נאָך נישט זיין אייגענעם זעלבסטבאַוווסטזיין: היינט רופט ער זיך קאָמוניזם". דער ערשטער זאַץ דערמאָנט אין געוויסע פּרטים אין מאַרקס שפּעטערדיקע פאָרמולירונגען. מיט דריי חדשים פאַרדעם איידער דער בריוו איז געשריבן געוואָרן, האָט מאַרקס אין פּאַריז באַגעגנט דעם כמעט מיט צען יאָר פון אים עלטערן פּרודאָן, בכדי באַלד נאָכדעם במשך פון גאַנצע נעכט צו פירן שמועסן מיט אים.

און הגם פּרודאָן איז נישט געווען קיין גרויסער בעלן זיך אומצוקערן צו די „אוטאָפּישע" סיסטעמען און ווי שטאַרק ער איז געשטאַנען אין אָפּאָזיציע צו די וועזנטלעכע פּרינציפּן פון אָט־די סיסטעמען, האָט ער זיך פונדעסטוועגן געהאַלטן פעסט און אָנגעגאַנגען ווייטער אויף דער פון זיי אָנגעהויבענער אַנטוויקלונגס־ליניע. ער איז ווייטער אָנגעגאַנגען מיט דער ליניע באופן, וואָס ער האָט זיך באַנייס פאַרנומען אויף איר, אָבער אויף אַ העכערער פלאַך, אויף וועלכער אַלץ ביזאַהעריקע ווערט שוין פאַרייסגעזען ווי אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט. ער האָט זיך אָבער שטאַרק געהיט נישט צוצוגעבן פון זיין זייט קיין נייעם סיסטעם צום אַלטן. „סיסטעם — האָט ער

געשריבן אין יאָר 1849 — איך האָב נישט אַזעלכעס, איך וויל נישט אַזעלכעס, איך וואַרף בפירוש אָפּ דעמדאָזיקן חשד. דער סיסטעם פון דער מענטשהייט וועט באַקאַנט ווערן ערשטביים סוף פון דער מענטשהייט... וואָס מיך אינטערעסירט, איז צו דערקאָנען איר וועג און, אויב מעגלעך, אים צו עפּענען, אויסצולייגן". דער אמתער פּרודאָן איז זייער ווייט פון דעם, ווען מאַרקס האָט באַקעמפט אין דער פּאָלעמישער שריפט און נאָך פריער אין אַ בריוו צו אַ רוסישן פריינט, פון יענעם מענטש, ווי ס'זאָגט זיך אינעם בריוו, פאַר וועמען „קאַטעגאָריעס און אַבסטראַקציעס זיינען די פּרימערע פאַקטן", „די טרייבנדיקע כוחות", „וועלכע מאַכן געשיכטע", און וועלכע מ'דאַרף בלויז ענדערן, בכדי ס'זאָלן נאָכדעם פאָרקומען ענדערונגען אינעםווירקלעכן לעבן. אָט־די העגעליזירונג פּרודאָנס איז בפירוש אַן אומזיניקע. קיינער, קיין שום מענטש, האָט נישט אַזוי ווי ער מיט אַזוי פיל אויפריכטיקייט און מיט אַזויפיל אייפערדיקייט נאָכגעזוכט די סודות פון דער סאָציאַלער ווירקלעכקייט פון זיין צייט. „די עקאָנאָמישע קאַטעגאָריעס, דערקלערט מאַרקס אין זיין פּאָלעמישער שריפט, זיינען בלויז טעאָרעטישע אויסדרוקן פון די סאָציאַלע באַציִונגען פון דער פּראָדוקציע", בעת פּרודאָן זעט, לויט ווי ער זאָגט, אין די באַציִונגען בלויז די פאַרקערפּערונג פון דידאָזיקע פּרינציפּן; אָבער די באַשטימטע סאָציאַלע באַציִונגען ווערן פּונקט אַזוי אַרויסגעבראַכט פונעם מענטש ווי דאָס געוואַנט, די לייוונט אאַז"וו. מיט רעכט האָט פּרודאָן ביים ראַנד פון זיין עקזעמפּליאַר פון דער פּאָלעמישער שריפט אָנגעשריבן: „דאָס איז דאָך פּונקט דאָס נעמלעכע, וואָס איך זאָג: די געזעלשאַפט ברענגט אַרויס די געזעצן און די שטאָפן פון איר דערפאַרונג". אין אַ שפּעטערדיקן מאמר, איינער פון זיינע צייטיקסטע שריפטן, אין „לע פּרינסיפּ פעדעראַטיף", (1863), ברענגט ער אַרויס די זעלביקע מיינונג, אַרויסגייענדיק פון אַן אַנדערן קוקווינקל, ווען ער רעדט מכוח דעם שכל־הישר און זאָגט, אַז ער פירט די היסטאָרישע באַוועגונג צו דער פרייהייט, אָבער בתנאי, אויב זי נעמט אין באַטראַכט די קוואַליטעט פון די כוחות און רעספּעקטירט אירע געזעצן.

פּרודאָנס מורא פאַר די „סיסטעמען" האָט איר שורש אין זיין עלעמענטאַרער באַציִונג צו דער סאָציאַלער ווירקלעכקייט. ער זעט זיי אין זייערע סתירות און ווידערשפּרוכן און ער רוט נישט אַזוי לאַנג, ביז ער האָט זיי דערקענט און זיך וועגן זיי אַרויסגעזאָגט. פּרודאָן האָט געהאַט דעם כוח און דעם מוט זיך צו פאַרטיפן אינעם ווידערשפּרוך און אים אויסצוהאַלטן. ער

איז, אמת, נישט געבליבן בתוך דעם, ווי דאָס מיינט אונאַמונאָ, וועלכער
פאַרגלייכט אים דעריבער מיט פּאַסקאַלן; אָבער ער איז אַזוי לאַנג געבליבן
בתוך דעם ווי לאַנג ס׳איז געווען נייטיק, בכדי אים צו באַגרייפן, אַרומ־
צונעמען אין זיין גאַנצער אַכזריותדיקייט, אַזוי לאַנג ס׳איז נייטיק געווען,
בכדי אין דער מחשבה פולשטענדיק קלאָר צו ווערן מכוח „דעם געראַנגל
פון די עלעמענטן, דעם ווידעראַנאַנד פון די סתירות״, און דאָס האָט צוי־
מאָלס געדויערט צו לאַנג, ווען מ׳מעסט עס מיט דער קורצקייט פונעם
מענטשלעכן לעבן. דאָס, וואָס אונאַמונאָ זאָגט וועגן פּאַסקאַלן, אַז זיין לאָגיק
איז נישט געווען קיין דיאַלעקטיק, נייערט אַ פּאָלעמיק, איז אויף אַ געוויסן
אופן אויך חל אויף פּרודאָנען; אָבער דאָס, וואָס אונאַמונאָ זאָגט ווייטער
וועגן פּאַסקאַלן, אַז ער האָט צווישן טעזע און אַנטיטעזע נישט געזוכט קיין
סינטעזע, איז אָבער, למען האמת, נישט חל אויף פּרודאָנען. ער האָט נישט
געזוכט קיין סינטעז אין העגעלשן זין; קיין נעגאַציע פון דער נעגאַציע, ער
האָט געזוכט, ווי ער זאָגט עס אין יאָר 1844 אין אַ בריוו, „סינטעטישע
רעזאָלוציעס אין אַלע סתירות״, און וואָס ער האָט אייגנטלעך דערמיט גע־
מיינט איז דאָך נישט עפּעס אַנדערש ווי אַז ער האָט געזוכט דעם וועג, דעם
אויסוועג, פון דער בפירוש־דערקענטער סתירה, פון די סאָציאַלע „אַנטי־
נאָמיעס״, ווי ער האָט געזאָגט, באופן, אַז ער האָט דעמדאָזיקן באַגריף אַרי־
בערגעטראָגן פון קאַנטס דערקענטעניש־טעאָרעטישער ספערע אין דער סאָ־
ציאָלאָגישער ספערע. טעזע און אַנטיטעזע זיינען פאַר אים געווען קאַטעגאָ־
ריעס, וועלכע פאַרקערפּערן זיך נישט אין פאַרשידענע היסטאָרישע עפּאָכעס,
נייערט עקזיסטירן נעבן־ און בייאַנאַנדער. פון העגלען האָט ער איבערגע־
נומען בלויז עפּעס פאָרמעלס, אָבער כמעט גאָרנישט פונעם היסטאָריקער
העגעל. פּרודאָן איז נישט געווען, (נישט געקוקט אויף זיינע קווענקלענישן),
קיין היסטאָרישער, נייערט גיכער אַ סאָציאַלקריטישער דענקער. דאָס איז
געווען זיין שטאַרקייט און אויך זיין שוואַכקייט. דער באַגריף פון דער
סתירה, וועלכע ס׳איז מעגלעך צו באַנעמען אין אַ געוויסער סאָציאַלער
ווירקלעכקייט, איז פאַר אים די דערקענטענישמעסיקע הנחה פאַרן אויסגע־
פינען דעם דרך. דעריבער שטעלט ער די טענדענצן און אַנטיטענדענצן
אַנטוויקלט נעבנאַנאַנדער און ער וואַרפט־אָפּ איינע פון די צוויי שיטות צו
דערהייבן צום אַבסאָלוטן. „אַלע אידייען״, שרייבט ער אין דער „פילאָזאָפיע
פונעם פּראָגרעס״ (1851), „זיינען פאַלש, דאָס הייסט, סתירותדיק און אומ־
ראַציאָנעל, ווען מ׳באַנעמט זיי אין אַן אויסשליסלעכן און אַבסאָלוטן זין,

אָדער ווען מ׳לאָזט זיך מיטרייסן פון אָט־דעם זין״; יעדע טענדענץ צו אויסשליסלעכקייט, צו אוממאָביליזם איז אַ טענדענץ צום אונטערגאַנג. און פונקט אַזוי ווי מ׳דאַרף נישט באַטראַכטן קיין גייסטיקע פאַקטאָרן ווי אַזעלכע, וועלכע ווירקן מיט אַבסאָלוטער נויטווענדיקייט, פונקט אַזוי דאַרף מען אויך נישט קיין מאַטעריעלע פאַקטאָרן באַטראַכטן ווי אַזעלכע. פּרודאָן גלייבט נישט נישט אין דער בלינדער השגחה פון אונטן, וועלכע וואַרעמט־אויס די דערלייזונגען פון דער מענטשהייט אויפן יסוד פון טעכניש־מאַטעריעלע ענדערונגען, פונקט אַזוי ווי ער האַלט נישט פונעם פּריישוועבנדיקן גייסט פונעם מענטשן, וועלכער טראַכט־אויס אַבסאָלוט־גילטיקע סיסטעמען און צווינגט זיי אַרויף אויפן מענטש. דעם ענדגילטיקן וועג פון דער מענטשהייט זעט ער אין דער באַפרייאונג פון דער פאַלשער אמונה אינעם אַבסאָלוטן, פון דער ממשלה פון דער פאַטאַליטעט. „דער מענטש וויל שוין נישט, אַז מ׳זאָל אים מעכאַניזירן; זיין שטרעבן איז איצט געווענדט צו דער דעפאַטאַליזאַציע״. טאַקע פון דאַנען קומט אויך „דער אַלגעמיינער ווידערווילן קעגן אַלע אוטאָפּיעס פון פּאָליטישע אָרגאַניזאַציעס און סאָציאַלע אמונות״, צווישן וועלכע פּרודאָן שטעלט־אַוועק (1858) אָוענען, פוריען און דעם סען־סימאָניסט ענפענטין, אָבער אויך אַגוסט קאָמטן.

קיין שום היסטאָרישער פּרינציפּ, אַזוי לערנט פּרודאָן, קאָן נישט באַנומען ווערן ווי ס׳געהער צו זיין אין אַ געדאַנקלעכן סיסטעם, אָבער יעדער איינער באַדאַרף אויסגעטייטשט ווערן; יעדער איינער קאָן ריכטיק און פאַלש אויסגעטייטשט ווערן; און די אויסטייטשונגען ווירקן אויפן היסטאָרישן וועג פונעם פּרינציפּ אוממיטלבאַר אָדער מיטלבאַר. דערביי דאַרף אָבער גענומען ווערן אין באַטראַכט ווי נאָך אַ קאָמפּליקאַציע, אַז אין קיין שום צייט איז בלויז איין פּרינציפּ דער אַליינהערשנדיקער. „אַלע פּרינציפּן״, שרייבט פּרודאָן אין זיינע איבערגעלאָזענע אַרבעטן וועגן צעזאַריזם און קריסטנטום, „זיינען איינצייטיק סיי אין דער געשיכטע און סיי אין דער פאַרגאַנגענהייט״. זיי האָבן בלויז אין פאַרשידנדיקע עפּאָכן אַ פאַרשידנדיקע שטאַרקייט אין דער פאַרהעלטעניש צווישן זיך, ביים פאַרגלייכן זיי. אין דער צייט, ווען אַ פּרינציפּ ראַנגלט זיך פאַר דער העגעמאָניע, גייט עס בעיקר אין דעם, אַז ער זאָל אַריינדרינגען אינעם באַוווסטזיין פון די מענטשן בהסכם מיט זיין אמתן מהות און נישט ווי אַ פאַרקריפּלונג, און אַזוי אַרום ווירקן אויף זייער ווילן. די „סאָציאַלע תקופה״, וועלכע האָט זיך אָנגעהויבן מיט דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, — אַגב אַ תקופה, פאַר

װעלכער ס׳איז פרי׳ער געװען אַן איבערגאַנגסצייט, די „עפּאָכע פון דער קאָנסטיטוציע״, פונקט אַזוי װי די אויגוסטישע עפּאָכע קומט פאַר דער קריסטלעכער: װי אַ באַנייאונג, אָבער אַזאַ, װאָס דערגייט נישט צו דער טיפעניש פון דער עקזיסטענץ — װערט כאַראַקטעריזירט דורך דער איבער־מאַכט פונעם עקאָנאָמישן פרינציפּ איבערן פרינציפּ פון דער רעליגיע און פון דער רעגירונג. דערדאָזיקער פרינציפּ איז עס טאַקע, „װעלכער דאַרף אונטערן נאָמען פונעם סאָציאַליזם אויפטרייסלען אייראָפּע מיט אַ נייער רע־װאָלוציע און נאָכדעם װי זי װעט האָבן דערגרייכט די פעדעראַטיװע רעפּוב־ליק פון די ציװיליזירטע מלוכות, װעט זי דאַרפן אָרגאַניזירן די איינהייט און סאָלידאַריטעט פונעם מענטשלעכן מין אויפן גאַנצן שטח פונעם ערד־קײַלעך״. עס גייט היינט בעיקר אין דעם אַרומצונעמען און פאַרשטיין דעם עקאָנאָמישן פרינציפּ און זיין אמתן מהות און זיך אויסצוהיטן פון אַן אומ־גליקברענגענדיקן גרײַזגל צווישן אים און אַ צווייטן, װעלכער פיגורירט אונטערן זעלביקן נאָמען אָבער פאַרפעלשטן באַגריף.

פּרודאָן האָט, װי געזאָגט, זיך נישט געװידמעט בלויז פּראָסט און פּשוט אָנצוהאַלטן װייטער די אַנטװיקלונגס־ליניע פונעם „אוטאָפּישן״ סאָ־ציאַליזם, נייערט ער האָט לגמרי אָנגעהויבן פון פאַרנט, אָבער בזה האופן, אַז דאָס ביזאַיצטיקע איז אַרויסגעקומען פונדאָסניי באַאַרבעט און רעפאָר־מירט. ער הייבט נישט אָן געגנוי ביים פונקט, װוּ סען־סימאָן האָט אויפגע־הערט, נייערט ער שטעלט־אַװעק פונדאָסניי אויף אַ ברייטפאַרנעמענדיקערן און צו אַ גרעסערער טיפקייט פון דעם סאָציאַלער װירקלעכקייט דער גייסט־דיקן אופן סען־סימאָנס פאָדערונג מכוח אַ סדר, װאָס זאָל זיך סומך זיין אויף דער עקאָנאָמיע און באַשטימט װערן דורך דער מיטגלידערשאַפט. סען־סימאָן איז אַרויסגעגאַנגען פונעם קוקװינקל פון דער רעפאָרם פון דער מלוכה, בעת פּרודאָן איז אַרויסגעגאַנגען פונעם קוקװינקל פון דער איבער־אַנדערשונג פון דער געזעלשאַפט. און אַן אמתע נייע אויסגעשטאַלטיקונג פון דער געזעלשאַפט קאָן מעגלעך זיין נאָר באופן, װען ס׳קומט־פאַר אַ גרינטלעכע ענדערונג אין די פאַרהעלטענישן צווישן דער סאָציאַלער און פּאָליטישער אָרדענונג. דאָ קאָן זיך שוין נישט האַנדלען מכוח דעם פאַר־בייטן אַ פּאָליטישע קאָנסטיטוציע דורך אַן אַנדערער, נייערט מכוח דעם, אַז אויפן אָרט פון אַ מיט געװאַלט אויף דער געזעלשאַפט אַרויפגעצװוּנגענער פּאָליטישער קאָנסטיטוציע, זאָל קומען אַ נייע, אַן אייגענע, פון דער געזעל־שאַפט גופא. „די ערשטע סיבה פון יעדן מין אומאָרדענונג״, זאָגט פּרודאָן,

„וועלכע פאַרפייניקט די געזעלשאַפט, די סיבה פון דער אונטערדריקונג פון די בירגער און פונעם חורבן פון די לענדער, דאַרף מען זען אין דער איינציקער און יעראַרכישער צענטראַליזאַציע פון דער מאַכט, און ס'איז נייטיק אַזוי גיך ווי מעגלעך צו מאַכן אַ סוף צום דאָזיקן מאָוימדיקן פאַראַזיטיזם". עס ווערט אונדז נישט דערקלערט, פון ווען אָן און פאַרוואָס אָט־די פאָדערונג איז געוואָרן אַזוי צודרינגנדיק, אָבער מיר קאָנען דאָס לייכט אויסגעפינען, ווען מיר נעמען אין באַטראַכט צוויי פאַקטאָרן, — ראשית: כל־זמן די געזעלשאַפט איז געווען אויפגעבויט בשפע, ברחבות; אַזוי לאַנג זי איז געווען צוזאַמענגעשטעלט פון פאַרשידנמיניקע קהילות און פאַרבאַנדן פון קהילות, און די אַלע האָבן געהאַט אַ שטאַרקע וויטאַליטעט, איז די מלוכה געווען אַ מויער, וועלכע האָט פאַרשטעלט די ראיה און געשטערט דעם גאַנג, אָבער בתוך איר האָט זיך דאָס ספּאָנטאַנע געזעלשאַפטלעכע לעבן געקאָנט באַוועגן און אויסגעשטאַלטיקן; אָבער בהסכם דערמיט ווי די סטרוקטור איז פאַראָרעמט געוואָרן, איז זי, די מלוכה, פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ געפענגעניש. והשנית: טאַקע דידאָזיקע סטרוקטוראַרטיק־אָרעמע געזעלשאַפט איז אין דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע אויפגעוועקט געוואָרן צום זעלבסטבאַוווסטזיין, צום באַוווסטזיין פון איר עקזיסטענץ ווי אַ געזעלשאַפט להיפוך דער מלוכה און צום באַוווסטזיין, אַז זי קאָן איצט דערוואַרטן איר באַנייאיקן איבערבוי, איר איבעראַנדערשונג נאָר פון דער אָפּשוואַכונג פון דער מלוכה, פון דער באַגרענעצונג פון אָט־דעם געזעלשאַפטלעך־פרעמדן סדר נאָר צו יענע פונקציעס, וועלכע די געזעלשאַפט גופא קאָן נישט דורכפירן, בעת די אייגנטלעכע אָנפירונג פון די עסקים זאָל זיך געפינען אין רשות פון דער אַרבעטנדיקער געזעלשאַפט גופא, וועלכע זאָל שאַפן אירע אייגענע אָרגאַנען. „די פאַרשמעלערונג פון די מלוכהשע פונקציעס איז אַ פראַגע פון לעבן און טויט פאַר דער פרייהייט, דער קאָלעקטיווער און אינדיווידועלער". דאָ ווערט שוין בולט און קלאָר, אַז פרודאָנס עיקרדיקער געדאַנק איז נישט קיין אינדיווידואַליסטישער. דאָס, וואָס ער שטעלט־אַרויס לגבי דער מלוכה, איז נישט דעם יחיד ווי אַזעלכן, נייערט דעם אינדיוויד אין אָרגאַנישן שייכות מיט זיין גרופּע ווי אַ פרייוויליקער צונויפנעם פון יחידים. „פון זינט דער רעפאָרמאַציע, בפרט פון זינט דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, איז אויפגעגאַנגען אַ נייער גייסט איבער דער וועלט. די פרייהייט האָט זיך אַוועקגעשטעלט קעגן דער מלוכה און היות איר אידייע האָט זיך שנעל אויסגעשפּרייט און איז פאַראַלגעמיינערט געוואָרן, האָט מען

פאַרשטאַנען, אַז זי איז נישט בלויז אַן ענין פון יחיד, נייערט, אדרבא, אַז זי מוז אויך עקזיסטירן אין דער גרופּירונג". אין פּרודאָנס פּריערדיקע מאמרים איז צו מערקן נאָך אַן אַנדערער מין אינדיווידואַליזם, פונדעסט־וועגן ווייסט ער שוין אָט־וואָס: „דורכן מאָנאָפּאָל האָט דער מענטשלעכער מין איבערגענומען אין זיין רשות דעם ערדקיילעך, דורך דער אַסאָסיאַציע וועט ער ווערן זיין פולשטענדיקער באַלעבאָס". אָבער אין משך פון פּרודאָנס אַנטוויקלונג רוקט זיך דער אינדיווידואַליזם (נישט געקוקט אויף אַלע באַ־וואָרענישן לטובת דעם פויערישן אינדיווידועלן באַזיץ פונעם באָדן) כסדר אָפּ אין הינטערגרונט כלפּי אַ באַנעם, אין וועלכן דאָס פּראָבלעמאַטישע פאַר־העלטעניש צווישן יחיד און ציבור זאָל אויסגעגליכט ווערן דורך אַ ברייט־פאַרנעמיק־אויטאָנאָמישער גרופּירונג — קהילה אָדער קאָאָפּעראַטיוו, — וועלכע איז לעבנספּעציק אופן סמך פון אירע אינערלעכע באַציונגען. און הגם ס'קומט נישט ביי פּרודאָנען צום אויסדרוק דער סטרוקטוראַליסטישער צוגאַנג, מערקן מיר, פונדעסטוועגן, אַז ער קומט וואָס ווייטער אַלץ נענטער צו אים. — זיין אַנטיצענטראַליזם ווערט כסדר אַלץ נענטער צום קאָמונאַ־ליזם און פעדעראַליזם, (וועלכער האָט, פאַרשטייט זיך, ווי ער שרייבט אין אַ בריוו אין יאָר 1865, „30 יאָר געזאָטן אין זיינע אָדערן"), דאָס הייסט, ער ווערט כסדר אַלץ סטרוקטוראַליסטישער. די שטאַרקע צענטראַליזאַציע, שרייבט ער אין 1860, זאָל פאַרשווינדן, „אַ פאַרביטענע דורך די פעדעראַ־ליסטישע אינסטיטוציעס און די קאָמונאַלע מינהגים". מערקווירדיק איז דאָ די פאַרבינדונג צווישן די נייע אַנשטאַלטן, וועלכע דאַרפן געשאַפן ווערן, די „אינסטיטוציעס", מיט די ציבורדיקע פאָרמען, די „מינהגים", וועלכע דאַרפן אויפגעהיט ווערן.

ווי שטאַרק פּרודאָן האָט געפילט דעם אָפּגעלעבטן כאַראַקטער פונעם הייִנטיקן געזעלשאַפטלעכן סדר קאָן מען אפשר צום בעסטן אַרויסזען פון זיין שטעלונג צום ענין פון אַלגעמיינעם וואַלרעכט: „דאָס אַלגעמיינע וואַלרעכט" — זאָגט ער אינעם קליינעם ביכל „די לייזונג פונעם סאָציאַלן פּראָבלעם" (1848) „איז אַזאַ מין אַטאָמיזם, דורך וועלכן דער געזעצגעבער, היות ער קאָן נישט לאָזן רעדן דאָס פאָלק אין דער איינהייטלעכקייט פון זיין מהות, פאָדערט־אויף די בירגער אַרויסצוזאָגן זייער מיינונג „פּראָ קאָפּ", וויריטים, פונקט אַזוי ווי דער עפּיקורעישער פילאָזאָף דערקלערט דעם געדאַנק, דעם ווילן, דעם פאַרשטאַנד דורך קאָמבינאַציעס פון אַטאָמען". דאָס וואַלרעכט נייטיקט זיך, ווי פּרודאָן האָט געזאָגט אין זיין רעדע אין

דער נאַציאָנאַל־פּאַרזאַמלונג אין 1848, אין אַן „אָרגאַניזאַציאָנעלן פּרינציפּ". דערדאָזיקער פּרינציפּ קאָן זיין באַגרונטפעסטיקט נאָר אויף דער פּאַקטי־שער סטרוקטוראַציע פון דער געזעלשאַפט. „די אויפהאַלטונג פון די נאַטיר־לעכע גרופּן", שרייבט פּרודאָן אין 1863, „האָט די גרעסטע וויכטיקייט פאַר דער אויסנוצונג פון דער מעגלעכקייט צו שטימען, דאָס איז אַ וועזנטלעכער פאָרויסיקער תנאי פון דעם וואָטום. אָן דעם איז נישט פאַראַן קיין שורש־דיקייט, קיין פּריווילעקייט, קיין בפירוש־בולטער באַטייט אין די שטימען... די צעשטערונג פון די נאַטירלעכע גרופּעס אין דער וואַלטעטיקייט וואָלט געווען דאָס נעמלעכע ווי די צעשטערונג פון דער נאַציאָנאַליטעט גופא, די נעגאַציע פון דער אידייע פון דער רעוואָלוציע". די אומגעלומפּערטע באַ־גרינדונג פון די וואַלן „איז אויסן נישט עפּעס אַנדערש ווי נאָר חרוב צו מאַכן דאָס פּאָליטישע לעבן אין די שטעט, געמיינדעס און ראַיאָנען און דורך אָט־דער פאַרלענדערונג פון יעדן מין מוניציפּאַלער און געגנטלעכער אויטאָנאָמיע אָפּצושטעלן דאָס אַלגעמיינע וואַלרעכט אין זיין אַנטוויקלונג". די קערפּערשאַפט פון דער נאַציע וואָלט אַזוי אַרום געווען נישט מער ווי אַ קאָנגלאָמעראַט פון מאָלעקולן, אַ „הויפן שטויב, וועלכער ווערט באַוועגט פון דרויסן פון אַ איבער אים הערשנדיקן געדאַנק, פונעם צענטראַלן גע־דאַנק. צוליב דעם עצם כסדרדיקן זוכן די איינהייט, האָבן מיר מקריב געווען די איינהייט גופא". ערשט ווי דער אויסדרוק פון פּאַקטישער צונויפגלידע־רונג וועט דאָס אַלגעמיינע וואַלרעכט, וועלכעס איז איצט „די דערשטיקונג פונעם פאָלקס־געוויסן, דער זעלבסטמאָרד פונעם פאָלקס סוווערעניטעט", ערשט אַזוי וועט דאָס אַלגעמיינע וואַלרעכט ווערן ראַציאָנעל, מאָראַליש און רעוואָלוציאָנער. בתנאי, פאַרשטייט זיך, „ס'זאָל אָרגאַניזירט ווערן דאָס גלייכגעוויכט פון דער באַדינונג און אָפּגעשאַפט ווערן די פּריווילעגיעס".

פּרודאָן לייקנט בשום אופן נישט, אַז פאַרן פעדעראַליזם „איז דאָס אמתע פּראָבלעם, וואָס דאַרף געלייזט ווערן, נישט דאָס פּאָליטישע, נייערט דאָס עקאָנאָמישע". וואָס מ'דאַרף טאָן, בכדי די קאָנפעדעראַציע צו מאַכן אומצעשטערבאַר, זאָגט ער, איז צו דערקלערן דאָס עקאָנאָמישע רעכט „ווי אַן עיקרדיקער יסוד פונעם פעדעראַטיוון רעכט און פון יעדן מין פּאָליטישן סדר". די איבערגעשטאַלטיקונג פונעם עקאָנאָמישן רעכט מוז קומען דורך דער תשובה אויף צוויי שאלות, וועלכע ווערן אַוועקגעשטעלט פאַר די אָרגאַ־ניזאַציעס פון די אַרבעטער: צי די אַרבעט איז ביכולת, ווי דאָס טוט איצט דאָס קאַפּיטאַל, דורך זיך גופא צו פינאַנצירן די אונטערנעמונגען, און צי

דער באַזיץ און די אָנפירונג קאָנען ווערן קאָלעקטיווע. „פונעם ענטפער אויף אָט־די שאלות“, זאָגט פרודאָן אינעם מערקווירדיקן ביכל „האַנטבוך פונעם בערזן־שפעקוליאַנט“ (1853), „איז אָפהענגיק דער גאַנצער עתיד פון די אַרבעטער. איז די תשובה אַ פאָזיטיווע, עפנט זיך, בכן, פאַר דער מענטשהייט אַ נייע וועלט; איז זי אַ נעגאַטיווע, דעמאָלט מעג דער פּראָלעטאַריאַט זיך פאַרטראַכטן מכוח דעם. אין דעם פאַל מעג ער זיך איבערענטפערן אין רשות פון גאָט און דער קירך; אין אָט־דעם יאָמערטאָל איז שוין פאַר אים נישט פאַראַן קיין שום האָפענונג“. פרודאָנס פּראָיעקט פאַר דער פאָזיטיווער תשובה איז דער „מוטואַליזם“ אין זיין צייטיקער געשטאַלט. „ס'איז פאַראַן מוטואַליטעט, קעגנזייטיקייט“, שרייבט ער, „אין דעם פאַל, ווען איין אַן אינדוסטריע אַרבעטן אַלע אַרבעטער פאַר זיך, אַנשטאָט פאַר אַן אונטערנעמער, וועלכער באַצאָלט זיי און באַהאַלט פאַר זיך זייער פּראָדוקט, און אַזוי אַרום שאַפן זיי אַ בשותפותדיקן פּראָדוקט און זיי טיילן־איין צווישן זיך דעם ריווח. נו, ברייטערט איצט אויס דעם פּרינציפּ פון דער קעגנזייטיקייט, וועלכע פאַראייניקט די אַרבעטער פון יעדער גרופּירונג, אויף די אַרבעטקאָאָפּעראַטיוון, באַנומען ווי איינסן, און ס'וועט דערמיט האָבן געשאַפן געוואָרן אַזאַ פאָרעם פון ציוויליזאַציע, וועלכע וועט זיך פון יעדן קוקווינקל, — דעם פּאָליטישן, דעם עקאָנאָמישן, דעם עסטעטישן, לגמרי אונטערשיידן פון די פריערדיקע ציוויליזאַציעס“. דאָס איז פרודאָנס לייזונג פונעם פּראָבלעם, וועלכע ער פאָרמולירט אָט אַזוי: „אַלע פאַרבונדן און אַלע פריי“. אָבער בכדי דאָס זאָל טאַקע זיין אַזוי, טאָר די פאַראייניקונג נישט ווערן קיין אַרויפגעצוווּנגענער סיסטעם, נייערט, אדרבא, די מענטשן דאַרפן נאָר אויף אַזוי ווייט אַריינגענומען ווערן ווי מיטגלידער איז די אַרבעטער־אַסאָסיאַציעס ווי „סטאַדעס פון דער פּראָדוקציע“ (אַזוי שרייבט פרודאָן אין יאָר 1864) אויף ווי ווייט דאָס איז בהסכם מיט „דער פאַדערונג פון דער פּראָדוקציע, מיט דער וואָלוולקייט פון די פּראָדוקטן, מיט די באַדערפענישן פונעם קאָנסום, מיט דער זיכערקייט פון די פּראָדוצענטן גופא“. דערמיט, וואָס די אַרבעטער אָרגאַניזירן זיך אויף אַזאַ אופן, האַלטן זיי זיך בלויז ביים „רעזאָן דע שאָסע“ גופא און דעריבער „זיינען זיי ביכולת אויפצוהיטן זייער פרייהייט ביז אין דער סאַמע טיפקייט פון דער אָרגאַניזאַציע“. און ווייל ער האָט אַזוי געהאַלטן, האָט פרודאָן אין 1848 געמוזט אַרויסטרעטן קעגן די פון דער מלוכה פינאַנצירטע „סאָציאַלע וואַרשטאַטן“, וועלכע ס'האָט פאַרלאַנגט לואי בלאַן (פונקט אַזוי ווי דאָס האָט שפּעטער פאַרלאַנגט לאַסאַל).

ער האָט אין זיי געזען בלויז אַ נייע פאָרעם פון צענטראַליזאַציעס. עס וועט דעמאָלט עקזיסטירן, זאָגט ער, אַ געוויסע צאָל גרויסע אַסאָסיאַציעס, „אין וועלכע די אַרבעטערשאַפט וועט זיין אַריינגעקוועטשט און דורך דער שטאַטס־ראַזאָן פון ברידערלעכקייט ענדגילטיק פאַרקנעכט, פונקט אַזוי ווי זי האַלט דאָס איצט אין ווערן דורך דער שטאַטסראַזאָן פונעם קאַפיטאַל. וואָס וואָלט פון דעם געווונען די פרייהייט, דאָס אַלגעמיינע גליק, די ציוויליזאַציע? גאָרנישט. מיר וואָלטן בלויז געביטן די קייטן און די סאָציאַלע אידייע וואָלט נישט געמאַכט אַפילו קיין איין שפאַן פאָרויס; מיר וואָלטן נאָך אַלץ געווען אונטערגעוואָרפן אונטער דער נעמלעכער אייגנווייליקער ממשלה, כדי נישט צו זאָגן אונטערן נעמלעכן עקאָנאָמישן פאַטאַליזם". פרודאָן זאָגט דאָ אַרויס די מיינונג, וועלכע מיר האָבן פונדאָסניי געפונען 20 יאָר שפּעטער אין דער טעאָרעטישער פאָרמולירונג ביי גירקען אין זיין גרויסן ווערק. „נאָר די פרייע אַסאָסיאַציע, זאָגט גירקע, שאַפט געמיינשאַפטלעכקייט, בשותפותדי־קייט, אין וועלכע עס עקזיסטירט ווייטער די עקאָנאָמישע פרייהייט. מחמת די אָרגאַניזמען, וועלכע קומען־אַרויס פון דער איניציאַטיוו און געשטאַלטי־קונג פון אירע אייגענע מיטגלידער, דערהייבן צוזאַמען מיטן נייגעשאַפענעם קהילה־לעבן אויך דאָס יחידישע לעבן פון די מיטגלידער".

בהסכם דערמיט ווייזט זיך דער קאָמוניסטישער צענטראַליזם פאַר פרודאָנען אויס ווי אַ פאַרזעעניש־וואַריאַנט פונעם אַבסאָלוטיסטישן צענט־ראַליזם, וואָס איז דערפירט צו אַ מאָוימדיקער, אַ מאָנסטרועזער שלימות. דאָסדאָזיקע „דיקטאַטאָרישע, אויטאָריטערע, דאָקטרינערע סיסטעם גייט־אַרויס פון דער הנחה, אַז דער אינדיווידו איז אין תוך אונטערגעיאָכט אונ־טער דער קאָלעקטיוויטעט און אַז בלויז איר גופא האָט ער צו פאַרדאַנקען זיין רעכט און זיין לעבן; דער בירגער באַלאַנגט צו דער מלוכה ווי דאָס קינד צו דער משפחה; ער איז אין איר געוואַלטזאַמען רשות און באַזיץ, „אין מאַנו" און איז מחויב צו זיין אונטערגעיאָכט און געהאָרכיק אין אַלע ענינים". פונקט ווי ס'איז פון אָט־דעם קוקווינקל צו פאַרשטיין דאָס, וואָס מאַרקס זאָגט וועגן פרודאָנען (אין אַ פראַזע, וואָס איז געווען באַשטימט פאַר דער פאָלעמישער שריפט, אָבער איז אין איר נישט אַריין), אַז ער איז „אומפעיק צו פאַרשטיין די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג", פונקט אַזוי איז עס אויך פונעם נעמלעכן קוקווינקל צו פאַרשטיין, פאַרוואָס פרודאָן האָט [אין אַ פאַרנאָטירונג אין זיין טאָגבוך] אָנגערופן מאַרקסן „שרץ פונעם סאָציאַליזם". אינעם קאָמוניסטישן סיסטעם דאַרף דאָס קאָלעקטיווע אייגנ־

טום מאַכן אַ סוף צו יעדן מין באַזיץ, צום פּערזענלעכן פּונקט אַזוי ווי צום קהילהדיקן און קאָאָפּעראַטיוון; די אוניווערסאַלע אַסאָסיאַציע דאַרף פאַר־שלינגען אַלע באַזונדערע אַסאָסיאַציעס; די קאָלעקטיווע פרייהייט — אַלע קאָרפּאָראַטיווע, לאָקאַלע, און פּריוואַטע פרייהייטן. דאָס פּאָליטישע סיסטעם פונעם צענטראַליסטישן קאָמוניזם האָט פּרודאָן אין 1864 דעפינירט אין אַט־די געדענקווערטיקע ווערטער: „אַ קאָמפּאַקטע דעמאָקראַטיע, אַ לויטן אויסזען באַגרינדעטע אויף דער דיקטאַטור פון די מאַסן, אָבער וווּ די מאַסן האָבן נישט מער מאַכט ווי דאָס איז נייטיק, בכדי צו פאַרזיכערן די אַלגע־מיינע קנעכטשאַפט, בהסכם מיט די ווייטערדיקע פאָרמולעס און כללים, וועלכע זיינען איבערגענומען געוואָרן פונעם אַלטן אַבסאָלוטיזם: אומצע־טיילטקייט פון דער מאַכט, אַבסאָרבירנדיקער צענטראַליזם, סיסטעמאַטישע צעשטערונג פון יעדן מין אינדיווידועלן, קאָרפּאָראַטיוון און לאָקאַלן געדאַנ־קענגאַנג, וועלכער קאָן באַטראַכט ווערן ווי אַן אָנרעגער פון אַ שפּאַלטונג, אינקוויזיטאָרישע פּאָליציי". פּרודאָן מיינט, אַז מיר זיינען נישט זייער שטאַרק דערווייטערט פונעם ריינעם צענטראַליסטישן קאָמוניזם, דעם פּאָליטישן און דעם עקאָנאָמישן, אָבער ער איז איבערצייגט, אַז „נאָך אַ לעצטן קריזיס, אונטער דער ווירקונג פון נייע פּרינציפּן, וועט זיך אָנהייבן אַ באַוועגונג אין אַ פאַרקערטער ריכטונג".

דאָס בוך, (וועלכעס איז, אַגב, פאַרענדיקט געוואָרן קורץ פאַר פּרודאָנס טויט), אין וועלכן עס פיגורירן דידאַזיקע רייד און וועלכע ער האָט צוגע־שריבן אַ גאַר באַזונדערע וויכטיקייט ווי אַן עקספּאָזיציע פון דער „אידייע פון דער נייער דעמאָקראַטיע", דאָס בוך „מכוח דער פּאָליטישער קאַפּאַצי־טעט פון די אַרבעטנדיקע קלאַסן", האָט ער, ווי ער אַליין זאָגט, פאַרטראַכט און אָנגעשריבן אונטער דער אינספּיראַציע פונעם „מאַניפעסט פון די זעכ־ציק", דער וואַלפּראָקלאַמאַציע פון אַ גרופּע אַרבעטער, וועלכע איז על פּי רוב געשטאַנען נאָענט צו זיינע אידייען (1861). דערדאָזיקער מאַניפעסט איז געווען דער פערטער אין דער ריי פון די פיר סאָציאַליסטישע „מאַני־פעסטן" (דער ערשטער איז באַבעפס „דער מאַניפעסט פון די גלייכע"; דער צווייטער — דער מאַניפעסט פון פוריעריסט קאָנסידעראַן און דער דריטער — „דער קאָמוניסטישער מאַניפעסט"), און דער ערשטער, וועלכער איז אַרויסגעקומען פונעם סאַמע מיט פון פּראָלעטאַריאַט גופא. אין אַט־דער פּראָקלאַמאַציע, אין וועלכער פּרודאָן האָט באַגריסט אַן „אויפוואַך פונעם סאָציאַליזם" אין פראַנקרייך און אַן „אַנטפּלעקונג פונעם קאָרפּאָראַטיוון

באַוווסטזיין״ ביים אַרבעטערקלאַס, ווערט צווישן אַנדערן פאַרלאַנגט דער איינפיר פון אַ סינדיקאַלער קאַמער, אָבער נישט ווי דאָס האָט פאָרגעלייגט עמעצער אין אַ „משונה־מאָדנער צעמישונג״ (דאָ קערט זיך ווידער אום באַנייס סען־סימאָנס באַנעם) צו שאַפן אַ קאַמער, וואָס זאָל זיין צוזאַמענגעשטעלט פון אַרבעטסגעבער און אַרבעטער, ניין, — „וואָס מיר פאַרלאַנגען איז אַ קאַמער, וואָס זאָל זיין צוזאַמענגעשטעלט אויסשליסלעך פון אַרבעטער, אויסגעקליבענע בהסכם מיטן אַלגעמיינעם וואַלרעכט, אַ קאַמער פון אַרבעט״. אָט־די פאָדערונג איז דער בעסטער באַווייז פאַר דער אַנטוויקלונג פונעם סאָציאַליסטישן געדאַנקענגאַנג פון סען־סימאָנען ביז פרודאָנען.

פרודאָן האָט געמאַכט דעם אַנטשיידנדיקן שריט אויפן וועג, וועלכער פירט פונעם באַנעם מכוח דער רעאָרגאַניזאַציע פון דער געזעלשאַפט, צום באַנעם מכוח איר רעקאָנסטרוּיזאַציע. „אינדוסטריעלע קאָנסטיטוציע״ באַטייט נאָך נישט סטרוקטוראַציע, אָבער „פעדעראַליזם״ באַטייט זי יאָ.

פרודאָן מאַכט אויף אַ נאַטירלעכן אופן אַ חילוק צווישן צוויי סטרוקטור־מינים, וועלכע מישן זיך צונויף, — די עקאָנאָמישע ווי אַ פעדעראַציע פון אַרבעטסגרופן, — וועלכע ער רופט־אָן „אַגראַריש־אינדוסטריעלע פעדע־ראַציע״, און די פּאָליטישע, וועלכע איז זיך סומך אויף אַ דעצענטראַליזאַציע פון דער מאַכט, אויף אַ טיילונג פון די מאַכטהאָבנדיקע כוחות, אויף דער באַווייליקונג פון דער ווייטמעגלעכסטער מאָס סוווערעניטעט צו די געמיינ־דעס, און די ראַיאָנע פאַרבאַנדן, אויף דעם ברייטפאַרנעמיקסטן פאַרבייט פון דער ביוראָקראַטיע דורך אַ לויזערער, מער דירעקטער אָנפירונג פון די עסקים מצד די נאַטירלעכע גרופן. די „קאָנסטיטוציאָנעלע וויסנשאַפט״ קאָן לויט פרודאָנען קאָנדענסירט ווערן אין דריי זאַצן: דהיינו, — „1. שאַפן קליינע, רעלאַטיוו־זעלבסטשטענדיקע גרופן און זיי צו פאַראייניקן אין אַ פעדעראַציע; 2. אין יעדן פעדערירטן שטאַט צו אָרגאַניזירן די רעגירונג בהסכם מיטן פרינציפ פון פונאַנדערטיילונג פון די אָרגאַנען, דאָס הייסט: בתוך דער מלוכהשער מאַכט — פונאַנדערטיילן אַלעס, וואָס קאָן פונאַנדערגעטיילט ווערן; באַשטימען אַלעס, וואָס קאָן באַשטימט ווערן; צווישן פאַרשידענע אָרגאַנען אָדער פונקציאָנאַרן פאַרטיילן אַלעס, וואָס קאָן פונאַנדערגעטיילט אָדער באַשטימט ווערן; נישט איבערלאָזן גאָרנישט אומפונאַנדערגעטיילט; אַרומרינגלען די קהילהשע אַדמיניסטראַציע מיט אַלע באַדינגונגען פון דער עפנטלעכקייט און קאָנטראָל; 3. אָנשטאָט די פעדערירטע שטאַטן אָדער פראָ־ווינציעלע און מוניציפאַלע אויטאָריטעטן צונויפצוגיסן אין איין צענטראַלער

קערפערשאַפט, בעסער באַגרעניצן זייערע פונקציעס צו דער איינפאַכער מיסיע פון אַלגעמיינער איניציאַטיוו, פון קעגנזייטיקער גאַראַנטיע און אָפּ־היטונג". דאָס לעבן פון דער געזעלשאַפט וויקלט זיך אויס אינעם צונויפנעם פון יחידים אין גרופן, פון גרופן אין פאַרבאַנדן. „פונקט אַזוי ווי אַ גרעס־סערע צאָל מענטשן שאַפט אַ ציבור, אַ כלל, ווען זי פאַראייניקט אירע אָנשטרענגונגען, אַ ציבור, וועלכער איז אין קוואַליטעט און אין קרעפטיקייט מערווערטיק ווי די סומע פון זיינע רעספּעקטיווע כוחות, פונקט אַזוי שאַפן אַרבעטגרופּירונגען, וועלכע שטעלן־איין צווישן זיך אַ באַציִונג פון אויס־טויש, אַ כוח פון העכערן סדר און מין", וועלכע קאָן באַזונדערס באַטראַכט ווערן ווי אַ „סאָציאַלע מאַכט". מוטואַליזם, אָרגאַניזאַציע פון דער ווירט־שאַפט אויפן סמך פון דער קעגנזייטיקער הילף און פעדעראַליזם, אָרגאַני־זאַציע פונעם פּאָליטישן סדר אויפן יסוד פון דער פאַרבינדונג פון די גרופן, — דאָס זיינען בלויז צוויי זייטן פון דער נעמלעכער סטרוקטור. „דורך דער גרופּירונג פון די אינדיווידועלע כוחות באַקומט דאָס גאַנצע לאַנד אַ קער־פּערלעכע געשטאַלטיקונג". און פון די פעלקער שאַפט זיך אַ ממשותדיקע מענטשהייט ווי אַ פעדעראַציע פון פעדעראַציעס.

דאָס פּראָבלעם מכוח דער רעאַליזירונג פון דער דעצענטראַליזאַציע־מחשבה האָט פּרודאָן באַהאַנדלט ספּעציעל אין זיין „טעאָריע פונעם שטייער־וועזן" (1861). ער לייקנט נישט, זאָגט ער דאָ, אַז די פּאָליטישע צענטראַלי־זאַציע האָט מעלות, אָבער זיי קאָסטן טייער. זי ווייזט זיך אויס פאַרן פאָלק אָננעמבאַר נישט בלויז דערפאַר, ווייל זי חנפעט־צו דער קאָלעקטיווער פּוס־טער איינריידעניש, נייערט אויך דערפאַר, ווייל „דער שכל־הישר פון די קינדער און פון פאָלק זוכט אין אַלץ די איינהייטלעכקייט, די פּשוטקייט, די גלייכפאָרמיקייט, די אידענטיטעט, די היעראַרכיע, פונקט אַזוי ווי די גרויס־קייט און די מאַסע" און דעריבער איז די צענטראַליזאַציע, לויט וועמעס טיפּ ס'זיינען אויפגעקומען אַלע אַלטע קעניגרייכן, געוואָרן אַ ווירקזאַם מיטל פאַר דער דיסציפּלין. „דאָס פאָלק האָט ליב די פּשוטע אידייען און ס'איז גערעכט. צום אומגליק קאָן מען דידאַזיקע פּשוטקייט, וועלכע עס זוכט, געפי־נען נאָר אין די פּשוטע זאַכן, און די וועלט, די געזעלשאַפט, דער מענטש זיינען צונויפגעשטעלט פון אומצעלייגבאַרע עלעמענטן, פון היפּוכדיקע פּרינ־ציפּן און ווידעראַנאַנדיקע כוחות. אָרגאַניזם באַטייט קאָמפּליקאַציע; פילאָר־טיקייט באַטייט סתירה, היפּוכדיקייט, ווידעראַנאַנד, אומאָפּהענגיקייט. דאָס צענטראַליסטישע סיסטעם איז זייער שיין לויט זיין גרויסקייט, לויט זיין

פשטות און אַנטוויקלונג. בלויז איינס פעלט אים: דער מענטש באַלאַנגט אין אים נישט צו זיך אַליין; ער פילט זיך אין אים נישט; ער לעבט נישט אין דעם; ער קומט אין אים נישט אין באַטראַכט". אָבער די אידייע און די פאָדערונג פון אַ כלל־סיסטעם, אין וועלכן דער מענטש זאָל קאָנען באַלאַנגען צו זיך אַליין, אין וועלכן ער זאָל זיך פילן, אין וועלכן ער זאָל זיך קאָנען אויסלעבן; פון אַ כלל־סיסטעם, וועלכעס זאָל אים נעמען אין באַטראַכט ווי אַ מענטש — אַזאַ אידייע שוועבט נישט אין אַ צעשוווּמענער· צעפלאָסענער געדאַנקען־ספערע, וואָס איז צו גאָרנישט מתחייב, — זי איז פאַרבונדן מיט פאַקטן און טענדענצן פון דער סאָציאַלערווירקלעכקייט. אינעם מאָדערנעם יורידישן שטאַט „באַדאַרפן נישט די פאַרשידענע גרופן באַקומען קיין באַפעלן פאַר דער דורכפירונג פון אַ שלל זאַכן; זיי זיינען ביכולת אָנצופירן מיט זיך אַליין, אָן שום אַנדערער אינספּיראַציע ווי זייער געוויסן און זייער שכל־הישר". אין יעדער מלוכה, וואָס איז אָרגאַניזירט לויט די כללים פון דער מאָדערנער יוריספּרודענץ, קומט כסדר פאַר אַ פאַרשמעלערונג פון דער רעגירונגס־פונקציע, אַ דעצענטראַליזאַציע. און אַ נעמלעכע אַנטוויקלונג קאָן מען אויך זען אין דער עקאָנאָמיע. די אַנטוויקלונג פון דער טעכניק אין אונדזער תקופה (אויף דעם ווייזט שוין אָן פּרודאָן אין יאָר 1855 אין זיין בוך וועגן דער רעפאָרעם פונעם באַנסיסטעם, הגם דאָס איז געוואָרן שטאַרק אַקטועל ערשט אַ סך יאָרן נאָך זיין טויט, דורך דער מאָטאָריזירונג פונעם טראַנספּאָרט און דורך דער פאַרויסגעזעענער עלעקטריפיקאַציע פון דער פּראָדוקציע) גייט אין דער ריכטונג צו באַזייטיקן די באַדערפעניש צוזאַמענצוקוועטשן די באַפעלקערונג אין די גרויסע שטעט; „דער פינאַנדערשפּרייט פון די מאַסן, פונקט אַזוי ווי זייער נייע פונאַנדערטיילונג, הייבט זיך אָן". די פּאָליטישע געוויכטיקייט מוז ביסלעכוויַז איבערגיין פון די שטעט אויף „די נייע לאַנדווירטשאַפטלעכע און אינדוסטריעלע גרופּעס".

פּרודאָן איז אָבער בשום אופן נישט מיט דער מיינונג, אַז דער פּראָצעס פון דער דעצענטראַליזאַציע איז שוין דערגאַנגען צו זיין אויסצייטיקונג אויף די פאַרשידנדיקע שטחים. אדרבא, אויפן געביט פון דער פּאָליטיק זעט ער אינעם באַוווּסטזיין און ווילן פון די מענטשן אַ היפּוכדיקע באַוועגונג, וועלכע האָט אַ טראַנסצענדענטאַלן באַטייט. „אַ פיבער פון צענטראַליזאַציע", שרייבט ער אין 1861, „מערקט זיך אויף דער וועלט; מ'וואָלט געקאָנט זאָגן, אַז מענטשן זיינען מיד פון דעם ביסל פרייהייט, וואָס זיי האָבן נאָך, און זייער באַגער איז בלויז עס צו פאַרלירן... צי איז דאָס די באַדערפעניש פון אוי־

טאָריטעט, וועלכע לאָזט זיך אומעטום מערקן, די איבערדריסיקייט, מידקייט פון דער אומאָפּהענגיקייט, אָדער בלויז די אומפעיִקייט אָנצופירן מיט זיך אַליין?" דאָ, קעגן אָט־דעם פיבער, קעגן אָט־דער שווערער שלאַפקייט פונעם מענטשלעכן גייסט, קאָנען זיין אַ סגולה און העלפּ נאָר די קאָנסטרוקטיווע, די רעסטרוקטורירנדיקע כוחות, וועלכע געפינען זיך אין די טיפענישן. זייער אויסדרוק איז „די אידייע", וועגן וועלכער פּרודאָן זאָגט ביים סוף פון אַ פּאָליטישן מאמר אין יאָר 1863: „די דאָזיקע אידייע איז פאַראַן, זי צירקולירט שוין", אָבער בכדי זי זאָל אַריין אין דער בחינה פון פאַרווירקלעכנדיקער מעכטיקייט, מוז זי „אַרויסדרינגען פון די אינגעווײדן פון דער סיטואַציע".

דעמאָלט, אויפן העכסטן פונקט פון זיין דערקענטעניש, האָט פּרודאָן בשום אופן נישט געהאַלטן, אַז אָט־די סיטואַציע איז טאַקע אַ בקרובדיקע, אַן אומבאַדינגטע. פון אייניקע פון זיינען בריוו פון יאָר 1860 ווייזן מיר, ווי אַזוי ער האָט זיך פאָרגעשטעלט די נאָנטע צוקונפט. „מ'דאַרף זיך שוין נישט נאַרן", שרייבט ער. „אייראָפּע איז מיד פון דער אָרדענונג און פונעם דענקען; זי גייט איצט אַריין אין דער תקופה פון דער ברוטאַלער קראַפט, פון דער פאַראַכטונג צו די פּרינציפּן". און אינעם נעמלעכן בריוו: „דעמאָלט וועט זיך אָנהייבן די גרויסע מלחמה פון די זעקס גרויסע מלוכות צווישן זיך". און מיט אייניקע חדשים שפּעטער: „ס'וועלן קומען די הריגות, און די אָפּשוואַכונג, וועלכע וועט קומען נאָך דידאָזיקע בלוטבעדער, וועט זיין שרעקלעך. מיר וועלן נישט זען די אויפטועו פון דער נייער תקופה; מיר וועלן זיך ראַנגלען אין דער נאַכט; מיר מוזן זיך צוגעוווינען צו דעם, זיך אַזוי אַריינצופּאַסן, אַז מיר זאָלן דאָסדאָזיקע לעבן אויסהאַלטן מיט נישט־צופיל אומעט אויף אַזאַ אופן, אַז מיר זאָלן מקיים זיין אונדזער חוב. לאָמיר זיך קעגנזייטיק העלפן; לאָמיר זיך קעגנזייטיק רופן אין דער חשכות, און ביי יעדן מאָל, ווען און ווו ס'איז פאַראַן אַ געלעגנהייט פאַר דעם — לאָמיר עוסק זיין אין גערעכטיקייט". און לסוף: „היינט איז די ציוויליזאַציע באמת אין אַ קריזיס, צו וועלכן מ'געפינט אין דער געשיכטע נאָר איין ענלעכקייט: דאָס איז דער קריזיס, וועלכער האָט גורם געווען דעם אָנקום פונעם קריסטנטום. אַלע טראַדיציעס זיינען אויסגענוצט; אַלע אַני־מאַמינס זיינען אָפּגעשאַפט, אָבער דאָס נייע פּראָגראַם איז נאָך נישט גרייט, נאָך נישט פאַרטיק; דערמיט וויל איך זאָגן, אַז ס'איז נאָך נישט אַריינגעדרונגען אינעם באַוווסטזיין פון די מאַסן; פון דאַנען קומט דאָס, וואָס איך רוף עס אָן אויפלייזונג,

צעפּאַל. דאָס איז דער אכזריותדיקסטער אויגנבליק אין דער עקזיסטענץ פון די געזעלשאַפטן... איך מאַך מיר שוואַכע אילוזיעס און איך דערוואַרט נישט שוין מאָרגן צו זען אין אונדזער מדינה דעם אויפלעב פון דער פרייהייט ווי דורך דער ווירקונג פון אַ צויבערשטעקעלע... ניין, ניין; די ירידה, און טאַקע במשך פון אַ געוויסער צייט, וועמענס סוף איך נעם זיך נישט אונטער פאָרויסצוזאָגן און וועלכע וועט זיכער נישט זיין קירצער ווי איינע אָדער צוויי גענעראַציעס, — דאָס איז אונדזער גורל... איך וועל בלויז זען די צרה, איך וועל שטאַרבן אינמיטן פון דער חשכות". אָבער עס גייט פונדעסט־וועגן אין דעם „מקיים צו זיין אונדזער חוב". אין זעלביקן יאָר האָט ער געשריבן צום היסטאָריקער מישעלע: „אַרויסקומען פון אַזאַ מצב קאָן מען נאָר דורך אַ פולשטענדיקער רעוואָלוציע אין די אידייען און אין די הערצער. מיר אַרבעטן אויף דעם, איר און איך, פאַר דער רעוואָלוציע; דאָס וועט זיין אונדזער כבוד פאַר דער נאָכקומענדיקער וועלט, ווען זי וועט זיך דערמאָנען אין אונדז". און מיט אַכט יאָר פאַר דעם האָט ער אויף אַ פאַרלייג פון זיינעם אַ פריינט אַרויסצופאָרן קיין אַמעריקע געענטפערט בזה הלשון: „און זאָגן זאָג איך איך, אַז דאָ, אונטער באָנאַפּאַרטעס שווערד, אונטער דעם יעזואיטישן קנוט און אונטער שפּירבליקן פון דער פּאָליציי, איז עס, וווּ מיר דאַרפן אַרבעטן פאַר דער עמאַנציפּאַציע פונעם מענטשלעכן מין. פאַר אונדז איז נישט פאַראַן קיין גינציקער הימל, קיין פּרוכפּעריקערע ערד".

פונקט ווי סען־סימאָן, וועו אַפילו אויספירלעכער און מיט מער דע־ציזיע, האָט פּרודאָן אַרויסגעשטעלט אין פאָדערגרונט דאָס פּראָבלעם פון דער רעסטרוקטוראַציע פון דער געזעלשאַפט, הגם ער האָט עס נישט באַ־האַנדלט ווי אַזעלכעס. און פונקט אַזוי ווי סען־סימאָן האָט נישט אַוועקגע־שטעלט דעם ענין מכוח די סאָציאַלע איינהייטן, וועלכע וואָלטן געקאָנט דינען ווי קעמערלעך פון אַ נייער געזעלשאַפט, אַזוי לאָזט אים אויך פּרודאָן אין תוך אָפן, ווען אַפילו ער קומט צו אים צו פיל נענטער. דאָרט זיינען עס צייט־חברים, דאָ — נאָכגייער, וועלכע פאַרוואַנדלען טאַקע דעמדאָזיקן ענין אינעם הויפּטאָביעקט פון זייער פאַרשאַרבעט און פּלענער.

דאָס, וואָס פּרודאָן האָט זיך מיטן דאָזיקן ענין נישט פאַרנומען אינ־טענסיווער, האָט זיין סיבה צווישן אַנדערע אין זיינע ספיקות און טענות קעגן דער „אַסאָסיאַציע" ווי אַ דורך דער מלוכה דעקרעטירטער איינפאַר־מיקער רפואה פאַר אַלע צרות פון דער געזעלשאַפט, בערך אַזוי ווי לואי בלאַן האָט עס פאָרגעלייגט: „סאָציאַלע וואַרשטאַטן" אַזוי אין דער אינדוס־

טריע ווי אין דער לאַנדווירטשאַפט, איינגעאָרדנטע פון דער מלוכה און פון איר פינאַנצירט און קאָנטראָלירט. און דאָ מוז גענומען ווערן אין באַטראַכט, אַז לוי בלאַנס פאָרלייגן זיינען סאָציאַל־סטרוקטורעלע אויב נישט לויט זייער כוונה איז לויט זייער כאַראַקטער: פון דער „סאָלידאַריטעט פון אַלע אַרבעטער אינעם זעלביקן ווערקשטאַט" גייט ער אַריבער צו דער „סאָלידאַריטעט פון די וואַרשטאַטן אין דערזעלביקער אינדוסטריע" און פון דאַנעט צו דער „סאָלידאַריטעט פון די פאַרשידענע אינדוסטריעס". אויך דעם לאַנדווירטשאַפטלעכן קיבוץ זעט ער אַוועקגעשטעלט אויפן יסוד פון אַ פאַרבינדונג פון פראָדוקציע און קאָנסום: „בכדי צו זאָרגן פאַר אַלעמענס באַדערפענישן", זאָגט ער אין זיין „אָרגאַניזאַציע פון דער אַרבעט" (1839) „וועט מען צונויפנעמען די פראָדוקטן פון אַלעמענס אַרבעט", אַ פאָרעם אין וועלכער ער זעט די תיכפדיקע מעגלעכקייט פון אַ „ראַדיקאַלערן און פולשטענדיקערן" אָנווענד פונעם „סיסטעם פון דער ברידערלעכער אַסאָסיאַציע". פרודאָנס איינווענד האָט זיך, ווי געזאָגט, אָריענטירט קעגן אַ נייעם „שטאַטסראַזאָן", דאָס הייסט, קעגן דער איינפאָרמיקייט; קעגן דער אויסשליסלעכקייט, קעגן דער געצוווּנגענקייט. די קאָאָפעראַטיווע פאָרעם אָדער חברלעך־בשותפותדיקע פאָרעם האָט זיך אים אויסגעוויזן פאַסיקער פאַר דער אינדוסטריע ווי פאַר דער לאַנדווירטשאַפט, ווו ס'איז אים געגאַנגען אין דער אויפהאַלטונג פונעם פויערנטום (ביי אַלע מינים וואַנדלונגען פון זיינע געדאַנקען און פאָרלייגן האָט ער זיך דאָ געהאַלטן שטייף נאָר ביי דעם איינעם פרינציפ, אַז בהסכם מיטן רעכט באַלאַנגט דער באָדן נאָר צו דעם, וואָס באַאַרבעט אים); און אויך פאַר דער אינדוסטריע, אָבער נאָר אין די צווייגן, צו וועמעס כאַראַקטעריסטיק זי איז צוגעפאַסט, און פאַר באַשטימטע פונקציעס. ער האָט זיך אָפגעזאָגט אָנצונעמען ווי אַן אַנאַלאָגיע די נייע איבערגעשטאַלטיקונג פון דער געזעלשאַפט מיט איר איינפאָרמיקייט; אָרדענונג האָט פאַר אים באַטייט גערעכטע אָרדענונג פון פאַרשידנאַרטיקייט און כילאַרטיקייט. עדואַרד בערנשטיין איז גערעכט, ווען ער זאָגט, אַז פרודאָן האָט באַקעמפט ביי דער וועזנטלעכער מאָנאָפאָליסטישער בשותפותדיקייט דאָס, וואָס ער האָט אָנדערקענט ביי דער מוטואַליסטישער בשותפותדיקייט; פרודאָן האָט געפילט אַ טיפן פחד פאַר אַלץ, וואָס איז געקומען „פון אויבן", אויפן פאָלק אַרויפגעצוווּנגענעם, אויסגעשטאַט מיט פריווילעגיעס. אָבער אין שייכות דערמיט האָט ער זיך אויך געשראָקן פאַרן אויסשפרייט און געדיי פון אַ נייעם קאָלעקטיוון מין עגאָיזם, מחמת אַזעלכער

האָט זיך אים אויסגעוויזן צו זיין ערגער ווי דער אינדיווידועלער. ער האָט געזען די סכנה, וועלכע באַדראָט יעדן מין פּראָדוקציע־קיבוץ וועלכער פּראָדוצירט פאַרן פרייען מאַרק; ער האָט זיך געשראָקן, אַז ער וועט אַרומגעכאַפּט ווערן פונעם גייסט פון קאַפּיטאַליזם, וועלכער ווערט אָן איינזעעניש באַהערשט פון דער מחשבה אויסצונוצן אַלע שאַנסן און קאָניוקטורן. די טענות און ספיקות זיינען געווען שווערוואָגיקע; זיי זיינען געלעגן אין פּרודאָנס עיקרדיקן צוגאַנג, לויט וועלכן די גערעכטיקייט, וועלכע פאַרבינדט צווישן זיך די פרייהייט מיט דער אָרדענונג און גלייכט זיי אויס, איז דער קריטעריום פון עכטן סאָציאַליזם. (עס זיינען, לויט אים, פאַראַן צוויי אידייען, די פרייהייט און די אייניקייט אָדער אָרדענונג, — „מוז מען זיך אַנטשליסן צו לעבן מיט ביידע, באופן, מ׳זאָל זיי אויסגלייכן": דער פּרינציפּ, וועלכער איז דאָס ביכולת צו באַווייזן, הייסט גערעכטיקייט). אָבער די פון פּרודאָנען פאָרגעלייגטע סטרוקטורעלע פאָרעם פון דער קומענדיקער מענטשלעכער געזעלשאַפט, די סטרוקטורעלע פאָרעם, אין וועלכער ס׳איז פאַראַן דער אויסגלייך צווישן פרייהייט און גערעכטיקייט און וועלכע ער האָט אָנגערופן פעדעראַליזם, האָט פון אים פאַרלאַנגט, אַז ער זאָל זיך פאַרנעמען נישט בלויז מיט די גרויסע קערפּערשאַפטן, (וואָס ער האָט טאַקע געטאָן), וועלכע האָבן זיך געדאַרפט פעדערירן צווישן זיך, מיט די פעלקער, נייערט אויך מיט די קליינע, וועמענס פעדעראַטיווער צונויפבונד ס׳וועט אינדעראמתן ערשט באַשאַפן דאָס פאָלק. דידאָזיקע פּרעטענזיע האָט פּרודאָן נישט מקיים געווען. ער וואָלט זי געוועזן געקאָנט מקיים זיין נאָר בתנאי, ווען ער וואָלט פון איר גופא געווען געזוכט די תשובה אויף זיינע אייגענע ספיקות, דאָס הייסט, ווען ער וואָלט געווען קאָנצענטרירט זיין גאַנצן געדאַנק אויף אָט־דעם פּראָבלעם, אויפן ענין, ווי אַזוי צו שטיצן און אויסצוסדרן די אַסאָציאַציע, אַז די סכנה, וואָס ליגט אין איר, זאָל אויב נישט באַזייטיקט, לפּחות געמינערט ווערן. און היות ער האָט דאָס נישט געטאָן ווי ס׳באַדאַרף צו זיין, און מעג נאָך אַזוי וויכטיק זיין זיין פּרינציפּ מכוח מוטואַליזם אין אָט־דעם פּרט, געפינען מיר נישט ביי אים קיין צופרידנשטעלנדיקן ענטפער אויף אונדזערע שאלות: „וועלכע איינסן פעדערירן זיך און ווערן אַן אמתע פאָלקסאָרדענונג"? אָדער, גענויער פאָרמולירט: „ווי אַזוי דאַרפן אָט־די איינסן זיין, בכדי זיי זאָלן זיין מסוגל צו פעדערירן זיך ווי אַן אמתע פאָלקס־אָרדענונג, ווערן אַ נייע גערעכטע געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציע"? און אַזוי איז עס טאַקע, וואָס ס׳פעלט אין פּרודאָנס סאָציאַליזם עפּעס אַזוינס, וואָס

איז וועזנטלעך. מחמת מיר מוזן דאָך צווייפלען, צי די סאָציאַלע איינסן, וועלכע עקזיסטירן, אויך יענע, אין וועלכע עס האַלט־אָן דער סדר פון אַלטער בשותפותדיקער געשטאַלטיקונג, זיינען נאָך אימשטאַנד אַזוי ווי זיי זיינען זיך צונויפצושליסן בהסכם מיטן פּרינציפּ פון גערעכטיקייט; צי נייַ־אַנטשטייענדיקע איינסן וועלן זיין פּעיִק דערצו, אויב ס׳הערשט נישט באַלד ביי זייער אַנטשטיי אַט־דידאָזיקע פאַרבינדונג פון פרייהייט און אָרדענונג ווי אַ סטימול און געשטאַלטיקונג־פּרינציפּ.

# קראָפּאָטקין

דאָ, איצט, קומט קראָפּאָטקין צום פאָדערגרונט. געבוירן אין דער צייט, — מיט הונדערט יאָר צוריק, — ווען פּרודאָן האָט אָנגעהויבן זיין געראַנגל קעגן דעם אומגערעכטן עלעמענט אינעם פּריוואַטן אייגנטום, קעגן דעם אייגנטום ווי „גניבה״, נעמט ער איבער באַוווסטזיניק פּרודאָנס צוואה, בכדי זי ווייטער אויסצוויקלען. בעת מעשה סימפּליפיקירט ער דעם ענין, אָבער טיילווייז אויף אַזאַ פּרוכפּעריקן אופן, אַז ס׳באַגינציקט די גאַנצע זאַך. ער סימפּליפיקירט פּרודאָנען באופן, אַז עס מילדערט דעם אָנבליק פון די סתירות. דאָס איז אַן אבידה, אָבער היות ער טראָגט עס איינצייטיק אַריבער אין דער געשיכטלעכער ספערע, איז דאָס אַ ריווח, אַ מעלה. קראָפּאָטקין איז נישט קיין היסטאָריקער, ער איז, אַפילו ווען ער דענקט געשיכטלעך, אַ סאָציאַלגעאָגראַף, אַ באַשרייבער פונעם מצב אויף דער ערד; אָבער ער דענקט געשיכטלעך.

קודם־כל סימפּליפיקירט קראָפּאָטקין פּרודאָנען דערמיט, וואָס ער שטעלט־אַוועק אויפן אָרט פון די פילפּאַכיקע „סאָציאַלע אַנטינאָמיעס״ דעם פּשוטן היפּוך צווישן די פּרינציפּן פונעם געראַנגל פאַר דער עקזיסטענץ און דער קעגנזייטיקער הילף. ער נעמט זיך אונטער צו באַגרינדן ביאָלאָגיש, עטנאָלאָגיש און היסטאָריש אָט־דעם קעגנזאַץ פון די פּרינציפּן. היסטאָריש זעט ער עס (צום שטאַרקסטן מסתמא באַאיינפלוסט פון קירעיעווסקיס עקס־פּאָזע פון יאָר 1852 מכוח דער היסטאָרישער דואַליטעט) זיך קאָנצענטרירן פון איין זייט אין דער געצוווּנגענער אָרדענונג פון דער מלוכה און פון דער אַנדערער זייט אין פיל־ און פאַרשידנאַרטיקע פאָרמען פון דער אָרגאַ־ניזאַציע: ראַיאָנע, קהילהשע, גילדישע, ביז צו די מאָדערנע קאָרפּאָראַ־טיווע געשטאַלטונגען. אין איינער אַזאַ אָנגעוואָרפענער, היסטאָריש נישט

גענוג באַגרינדעטער פֿאָרמולירונג (פֿון יאָר 1894) ברענגט קראָפּאָטקין אָט־אַזוי אַרויס אָט־די סתירה: „די מלוכה איז אַ היסטאָרישער אויסוווּקס, וועלכער האָט זיך פֿאַמעלעך, ביסלעכווייז אַריינגערוקט אין לעבן פֿון אַלע פֿעלקער אין אַ באַשטימטער תקופה אויפֿן אָרט פֿון דער פֿרייער קאָנפֿע־דעראַציע פֿון די שבטים, פֿון די געמיינדעס, פֿון די שבטימשע פֿאַרבאַנדן, פֿון די דערפֿער און פֿון די פּראָדוציר־קאָאָפּעראַטיוועס און די מינדערהייטן געגעבן אַ געוואַלטיקע אונטערשטיצונג, בכדי צו פֿאַרקנעכטיקן די מאַסן, — און טאַקע אָט־דער היסטאָרישער אויסוווּקס און אַלץ, וואָס איז פֿון דעם אַרויסגעקומען, איז עס, קעגן וועלכן מיר קעמפֿן". שפּעטער, (אינעם בוך „די מאָדערנע וויסנשאַפֿט און די אַנאַרכיע", פֿון וועלכן ס'איז אין יאָר 1913 אַרויסגעגאַנגען אַ פֿולשטענדיקע אויסגאַבע), האָט קראָפּאָטקין אויסגעאַרבעט אַ ריכטיקערע פֿאָרמולירונג, וועלכע איז מער בהסכם מיט די פּאַסירונגען פֿון דער געשיכטע. „אין דער גאַנצער געשיכטע פֿון דער אויסוויקלונג פֿון אונדזער ציוויליזאַציע", זאָגט ער, „זיינען געשטאַנען איינע קעגן די אַנדערע צוויי טראַדיציעס, צוויי טענדענצן, — די רוימישע טראַדיציע און די פֿאָלקס־טימלעכע טראַדיציע; די אימפּעריאַלע טראַדיציע און די פֿעדעראַליסטישע טראַדיציע; די אויטאָריטערע טראַדיציע און די פֿרייהייטלעכע טראַדיציע. און ווידער געפֿינען זיך, ערבֿ דער סאָציאַלער רעוואָלוציע, די דאָזיקע צוויי טראַדיציעס פּנים אל פּנים". און טאַקע דאָ איז עס, (מסתמא אונטער גירקעס השפּעה, וועלכער רופֿט־אָן די דאָזיקע צוויי היפּוכדיקע און סתירהדיקע פּרינ־ציפּן הערשאַפֿט און פֿרייע אַסאָסיאַציע), ווו ס'ווערט אָנגעדייט צוזאַמען מיט אַ היסטאָרישן אַריינבליק, אויף דעם, אַז דער וועלטגעשיכטלעכער קאָנפֿליקט פֿון די ביידע גייסטיקע כּוחות גייט אויך אָן בתוך דער סאָציאַלער באַוועגונג, — צווישן צענטראַליסטישן און פֿעדעראַליסטישן סאָציאַליזם.

אַוודאי איז קראָפּאָטקינס באַגריף וועגן שטאַט צו שמאָל, צו ענג; עס אַרט אים נישט צו אידענטיפֿיצירן דעם צענטראַליסטישן שטאַט מיטן שטאַט בכלל. אין דער געשיכטע איז פֿאַראַן נישט בלויז דער שטאַט ווי אַ קלאַמער־צוואַנג, וועלכער דערשטיקט די אייגנאַרטיקייט פֿון די קליינע אָרגאַניזאַציעס, נייערט אויך דער שטאַט ווי אַ ראַם, בתוך וועלכער זיי גיסן זיך צונויף; נישט בלויז דער „גרויסער לוויתן", וועמעס אויטאָריטעט איז, לויטן האָבסן, פֿאַרגרונטפֿעסטיקט אויפֿן „פּחד" (טעראָר), נייערט אויך די גרייסע שפּייזערן־מוטער, וועלכע האַלט די קינדער, די געמיינדעס, זאָרגפֿעליק ביי איר ברוסט; נישט בלויז „מאַשינאַמאַשינאַרום", וועלכע פֿאַרוואַנדלט אַלעס, וואָס באַ־

לאַנגט צו איר, אין מעכאַנישע באַשטאַנדטיילן פון אַ מעכאַניזם, נייערט אויך די „קאָמוניטאַס קאָמוניטאַטום״, דער צונויפנעם פון די קהילות אין אַן אַלגעמיינער קהילה, בתוך וועלכער עס קאָן זיך אַנטוויקלען „אַן אייגן און זעלבסטשטענדיק געמיינדע־לעבן פון די מיטגלידער־פאַרבאַנדן״. פון דער אַנדערער זייט אָבער איז קראָפּאָטקין נענטער צום אמת, ווען ער הייבט־אָן רעכענען די אַנטשטייאונג פונעם מאָדערנעם צענטראַליסטישן שטאַט, — וועלכן ער באַצייכנט, אַגב, בטעות ווי דעם שטאַט בכלל — ערשט פון 16טן יאָרהונדערט אָן, פון יענער צייט אָן, ווען „די פרייע שטעט האָבן געליטן אַ מפּלה״ דורך דער „אָפּשאַפונג פון אַלע פרייע אָפּמאַכן״ — דאָרפישע געמיינדעס, די פאַרבאַנדן פון די געזעלן, די ברידערשאַפטן, די געשווירענע קאָנפעדעראַציעס פונעם מיטלאַלטער. „מיר קאָנען מיט אַ געוויסער זיכערקייט זאָגן״, שרייבט דער ענגלישער יוריהיסטאָריקער מאַיטלאַנד, „אַז ביים סוף פונעם מיטלאַלטער איז פאָרגעקומען אַ גרויסע ענדערונג אינעם געדאַנקענגאַנג פון די מענטשן מכּוח די גרופּירונגען פון די מענטשן״. דעמאָלט „איז דער אַבסאָלוטער שטאַט געשטאַנען פּנים אל פּנים קעגן דעם אַבסאָלוטן אינדיווידו״. דעמאָלט „האָבן זיך געראַנגלט״, ווי גירקע זאָגט, „דער סווערענער שטאַט און דער סווערענער אינדיווידו מכּוח די גרענעצן פון זייער נאַטורלעכטלעכער ספערע, בעת אַלע צווישנדיקע פאַרבאַנדן זיינען אַראָפּגענידערט געוואָרן צו בלויז פּאָזיטיוורעכטלעכע און מער אָדער ווייניקער אייגנוויליקע שאַפונגען, ביז זיי זיינען לסוף לגמרי פאַרלענדט געוואָרן״. לסוף פאַרבלייבט גאָרנישט מער ווי בלויז דער סווערענער שטאַט, וועלכער פאַרשלינגט אַלעס לעבעדיקע בהסכם דערמיט ווי ער טעכניזירט זיך. „כּלפּי דעם שטרענג־צענטראַליזירטן, מיטן שטאַרקסטן פאַרוועגנד פון דער מענטשלעכער אינטעליגענץ אויסגעשטאַטן באַפעל־מעכאַניזם, וועלכער גיט־אַרויס זיינע באַפעלן דורך אַ קוועטש אויף אַ מעכאַנישן קנעפּל פונעם רעדערגעווערק (ווי עס באַצייכנט דאָס קאַרל שמיט, דער גייסטרייכער אינטערפּרעטירער פונעם טאָטאַליטאַריזם, דעם „לוויתן״), לגבי אָט־דעם באַפּעלערישן צענטראַליזם קאָן קיין שום אָרגאַניש לעבן נישט האָבן קיין קיום. ווער עס באַטראַכט, אַז דאָס וויכטיקסטע איז נישט די זיכערקייט פון די יחידים, — אַגב אַ צוועק, פאַר וועלכן מ׳האַלט דעם לוויתן ווי אַזעלכעס, אָן וועלכן מ׳קאָן זיך נישט באַגיין — נייערט דער אויפהאַלט פון דער געזעלשאַפטלעכער סובסטאַנץ, די באַנייאונג פונעם ציבורדיקן לעבן ביים מענטשלעכן מין, יענער מוז באַקעמפן יעדן מין דאָקטרין, וועלכע שטעלט

זיך אַרויס פֿאַרן צענטראַליזם. „נישט פֿאַראַן קיין געפֿערלעכערע זאַבאַבאָנע״,
זאָגט דער קירכן־היסטאָריקער פֿיגגיס, „ווי יענער פּאָליטישער אַטאָמיזם,
וועלכער נעגירט די געזעלשאַפֿטן ווי אַזעלכע יעדן מין מאַכט, אָבער באַרעכ־
טיקט פֿאַר דער גראַנדיעזער קערפּערשאַפֿט מלוכה אַן אַבסאָלוט־אומבאַ־
שרענקטע אַפּוטרופּסות איבער לייב, לעבן און נשמה. דאָס איז אינדעראמתן
„דער גרויסער לוויתן״, צונויפֿגעשטעלט פֿון קליינע מענטשעלעך, אַזוי ווי
אויפֿן שער־בלאַט פֿון האָבס בוך, אָבער מיר קאָנען נישט אויסגעפֿינען קיין
שום מאָטיוו צו פֿאַלן כורעים פֿאַרן עגל־הזהב״. אונוויוויטע קראָפּאָטקין באַ־
קעמפֿט נישט דעם מלוכהשן סדר בכלל, נייערט דעם צענטראַליסטישן
מלוכה־אַפּאַראַט, האָט ער אין דער וויסנשאַפֿט שטאַרקע פֿאַרבינדעטע. ס׳איז
אמת, אַז בתוך דער וויסנשאַפֿט ווערט קעגן אַזאַ „פּלוראַליזם״ אַרויסגע־
שטעלט די טענה, אַז דער מאָדערנער שטאַט, אינוויוויט ער איז נישט טאָ־
טאַליטאַריסטיש, נייערט פּלוראַליסטיש, שטעלט ער זיך אַרויס ווי „אַ קאָמ־
פּראָמיסלעכער אָביעקט פֿון סאָציאַלע און עקאָנאָמישע מאַכט־גרופּן, ווי אַן
אַגלאָמעראַט פֿון העטעראָגענע פֿאַקטאָרן, פֿון פּאַרטייען, פֿון פֿאַרבאַנדן מיט
פֿאַרשידנדיקע אינטערעסן, קאָנצערנען, פּראָפֿעסיאָנעלע פֿאַריינען, קירכן
אַאַז״וו״. (קאַרל שמיט). אָבער דערמיט ווערט נאָך גאָרנישט געזאָגט קעגן
אַ סאָציאַליסטישער אומגעשטאַלטיקונג פֿונעם שטאַט, קעגן זיין פֿאַרוואַנד־
לונג אין אַ קהילה פֿון קהילות, מחמת ס׳איז דאָך אָנצונעמען, אַז די קהילות
זיינען אמתע קהילות; מחמת אַלע מינים גרופּירונגען, וועלכע שמיט דער־
מאָנט, וועלן דעמאָלט אָדער שוין לגמרי נישט עקזיסטירן, אָדער זיין
לחלוטין עפּעס אַנדערש ווי איצט און דער צונויפֿנעם פֿון די גרופּן וועט
נישט זיין קיין אַגלאָמעראַט, נייערט אַ „פֿאַרבאַנד פֿון פֿאַרבאַנדן״, בהסכם
מיט לאַנדאַוערס אַ זאָג. דאָס, וואָס וועט נאָך דאָרט עקזיסטירן פֿון צוואַנג
און געוואַלט, וועט זיין נישט עפּעס אַנדערש ווי אַן עקספּאָנאַט פֿון דער
וועלטוועלער אַנטוויקלונגס־סטאַדיע פֿונעם מענטש, אָבער שוין נישט מער
די אויסנוצונג פֿון דער מענטשלעכער אומרייפֿקייט און פֿון די מענטשלעכע
סתירות. סתירות צווישן יחידים און צווישן גרופּן וועלן מסתמא קיינמאָל
נישט אויפֿהערן און זיי דאַרפֿן אויך נישט אויפֿהערן; זיי מוזן אויסגעגלייכט
ווערן; אָבער מיר קאָנען און מוזן שטרעבן צו אַ צושטאַנד, אין וועלכן די
יחידישע קאָנפֿליקטן זאָלן זיך סיי נישט אויסשפּרייטן אויף אומבאַטייליקטע
גרויסע קיבוצים און סיי נישט קאָנען אויסגענוצט ווערן פֿאַר דער באַגרינ־
דונג פֿון אַבסאָלוט־צענטראַליסטישער הערשאַפֿט.

פונקט אַזוי ווי אינעם שוואַכן אונטערשייד, וואָס קראָפּאָטקין מאַכט, צווישן דעם צומאָלס איבערגעטריבן־גדלותדיקן און לעגיטימען, צומאָלס איבערפּליסיקן און נויטווענדיקן שטאַט, פּונקט אַזוי איז אויך אין אַן אַנדערן פּרט זיין צוגאַנג נישט געגנוג רעאַליסטיש, הגם ער נעמט־אויף אייניקע היסטאָרישע שייכותן, וועלכע פּרודאָן האָט דורכגעלאָזט אומבאַמערקט. ער דריקט זיך אויס אויף איין אָרט, אַז מ׳וועט אפשר אָפּוואַרפן זיינע לויבלייד אויפן חשבון פון די מיטלאַלטערלעכע קאָמונעס און זאָגן, אַז ער האָט פאַרגעסן זייערע אינערלעכע מחלוקות, אָבער דאָס איז בשום אופן נישט אַזוי. אָבער די געשיכטע ווייזט, אַז „אָט־די מחלוקות זיינען געווען די פּאַקטישע גאַראַנטיע פונעם פרייען לעבן אין די פריע שטעט״; אַז אַדאַנק זיי זיינען די כּללישע ישובים געוואָקסן און פאַרזיכערט געוואָרן. להיפּוך צו די מלחמות פון די מלוכות האָט זיך אין די קאָמונעס געהאַנדלט „וועגן דער דעראָבערונג און אויפהאַלט פון דער פרייהייט פונעם יחיד, וועגן דעם פעדעראַטיוון פּרינציפּ, וועגן דעם רעכט זיך צו פאַרייניקן און צו טאָן״, און דעריבער זיינען זיי געווען „די תקופות פון די קאָנפליקטן, וועל־כע זיינען פאַרגעקומען בתוך דער פרייהייט בזה האופן, אַז ס׳איז אויף דער וואָגשאָל נישט אַרויפגעוואָרפן געוואָרן דאָס געוויכט פון אַן עקזיסטירנדיקער אויטאָריטעט; די תקופות פון דער שטאַרקסטער אַנטוויקלונג פונעם מענטש־לעכן גייסט״. דאָס איז וועזנטלעך ריכטיק, און פונדעסטוועגן איז דאָ פאַראַן אַן אַנטשיידנדיקער פונקט, וועלכער איז נישט אַרומגענומען ווי ס׳געהער צו זיין. ווייל דער פאַקט איז, אַז די סכנה פון קאָלעקטיוון עגאָיזם, פּונקט אַזוי ווי די סכנה פון צעשפּאַלטונג און אונטערדריקונג, איז אין דער אויטאָ־נאָמער קהילה, בפרט אינוויווייט זי באַטייליקט זיך ווי אַ קיבוץ אין דער פּראָדוקציע, רעלאַטיוו קוים שוואַכער ווי אין לאַנד בכלל אָדער אין דער פּאַרטיי. אַן עלאָקווענטן ביישפּיל גיט אונדז די אינערלעכע אַנטוויקלונג פון דער „מינעץ־קאָמונע״, דאָס הייסט, פונעם פּראָדוצירקאָאָפּעראַטיוו אין דייטשן מיטלאַלטער. מאַקס וועבער האָט אין אַ באַלערנענדיקער אַרבעט אָנגעוויזן, אַז אין דער ערשטער תקופה פון דערדאָזיקער אַנטוויקלונג איז פאַרגעקומען אַ שטייגנדיקע אָפּפּראָפּיאַציע פון די מינען מצד די אַרבעטער און אַ שטייגנ־דיקע עקספּראָפּריאַציע פון די אייגנטימער; אַז דער קאָאָפּעראַטיוו איז געוואָרן דער אייגנטימער פון דער אונטערנעמונג און דעם ריווח האָט ער פאַרטיילט בהסכם מיטן שטרענגסטן פּרינציפּ פון גלייכהייט; אָבער שפּעטער אַביסל איז אַנטשטאַנען אַ דיפערענציאַציע אין דער אַרבעטערשאַפט גופא, — די

שפּעטער צוגעקומענע, צוליב דעם כסדר וואַקסנדיקן נאָכפרעג, זיינען מער נישט אַריינגענומען געוואָרן אינעם קאָאָפּעראַטיוו; זיי זיינען שוין נישט געווען קיין חברים, נייערט „אומחברים״ לוינאַרבעטער, און דער אַזוי אַרום אָנגעהויבענער פּראָצעס פון ירידה, צעפאַל, איז געגאַנגען ווייטער און ווייטער, ביז ס'זיינען אַריינגעדרונגען אינעם פערזאָנענקרייז פונעם מינען־קאָאָפּעראַטיוו ריין־קאַפּיטאַליסטישע פּאַרינטערעסירטע און די קאָאָפּעראַטיווע אונטערנעמונג איז לסוף געוואָרן אַן אָרגאַן פונעם קאַפּיטאַליסטישן סדר, מיט געדונגענע אַרבעטער. ווען מ'לייענט היינטצוטאָג פאַרלייגן (למשל אין טאָוניס בוך "The Acquisitive Society" מכוח דעם ווי אַזוי די אַרבעטער פון אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען זיינען אימשטאַנד „אַרויס־צושטעלן״ אינדרויסן די באַלעבאַטים, וועלכע ווערן איבעריק, ווען די אַרבעטער אַליין נעמען־איבער די פירונג פון דער פּראָדוקציע, אָדער מכוח דעם ווי אַזוי זיי קאָנען פאַרשמעלערן דעם אינטערעס פון די באַלעבאַטים, צו אַזאַ מדרגה, אַז זיי ווערן בלויז רענטיסטן אַן אַ חלק אין די רווחים און אַן אַחריות, דאָס הייסט, טאַקע דאָס, וואָס איז דערגרייכט געוואָרן אין די דייטשע מינעס מיט 700 יאָר צוריק, דעמאָלט שטעלט זיך פאַר אונדז אַוועק די היסטאָרישע וואָרענונג און זאָגט אונדז אונטער, זיך צו פאַרטראַכטן און האָבן אין זין אַוועקצושטעלן אַ צוים דעם קאָלעקטיוון עגאָיזם ביי נייע סאָציאַלע פאַראַנשטאַלטונגען. קראָפּאָטקין איז נישט בלינד לגבי דערדאָזיקער סכנה; ער ווייזט אייגמאָל („קעגנזייטיקע הילף״ 1902) אָן אויף דעם, אַז די מאָדערנע קאָאָפּעראַטיווע באַוועגונג, וועלכע האָט אין איר התחלה געהאַט דעם בפירושן כאַראַקטער פון קעגנזייטיקער הילף, האָט גאַנץ אָפט דעגענערירט אין אַן „אַקציעקאַפּיטאַל־אינדיווידואַליזם״ און אַנטוויקלט אַ מין „קאָאָפּעראַטיוון עגאָיזם״.

קראָפּאָטקין האָט מיט פולער קלאָרקייט באַנומען דאָס, אויף וואָס פּרודאָן האָט פריער געהאַט אָנגעוויזן: אַז אַ סאָציאַליסטישער קאָלעקטיוו קאָן געשאַפן ווערן נאָר אויפן יסוד פון אַ טאָפּלטער אינטערקאָמונאַלער פאַרבינדונג, דהיינו אויפן יסוד פון דער פעדעראַציע פון די אָרטיקע געמיינדעס און פון דער פעדעראַציע פון די אַרבעטסקאָמונעס, וועלכע פאַרבינדן זיך פילפאַכיק און שטיצן זיך קעגנזייטיק, וואָס צו דעם גיט ער נאָך צו, אַגב, ווי אַ דריטן פּרינציפּ — די גרופּירונג, וואָס איז באַזירט אויף פרייוויליקער מיטגלידערשאַפט. דאָס בילד פון דער נייער געזעלשאַפט האָט ער צום בעסטן געשילדערט אין זיין אויטאָביאָגראַפיע (1899), דאָרט, ווו ער דערציילט

וועגן די יסודותדיקע פרינציפּן פון דער אַנאַרכיסטיש־קאָמוניסטישער יוראַ־פעדעראַציע, וועלכע באַקונין האָט געגרינדעט און ווי ער האָט אַקטויִרט אין 1877 און אין די שפּעטערדיקע יאָרן; עס פאַרשטייט זיך, אַז פון די פּראָטאָקאָלן גופא פון דער יוראַ־פעדעראַציע איז אונדז נישט באַקאַנט קיין שום פאָרמולירונג, וואָס זאָל קאָנען פאַרגלייכט ווערן מיט קראָפּאָטקינס, און מ׳קאָן זיך משער זיין, אַז באַקונינס געדאַנקען, וועלכע זיינען מסתמא אָנגעוואָרפן געוואָרן אויף גיך, בדרך אַגב, האָבן זיך אַנטוויקלט ערשט אין משך פון די יאָרן, ווען זיי האָבן זיך צונויפגעגאָסן מיט פּרודאָנס אידייען אין קראָפּאָטקינס מוח צו אַט־דער רייפקייט ווי ער האָט זיי אונדז איבערגעגעבן. „מיר האָבן באַמערקט", שרייבט ער אין דער אויטאָביאָגראַפיע, „ביי די ציוויליזירטע פעלקער דעם שפּראָץ פון אַ נייער סאָציאַלער פאָרעם, וועלכע איז אויסן צו פאַרבייטן די אַלטע... דידאָזיקע געזעלשאַפט וועט זיין צונויפגעשטעלט פון אַ שלל קאָאָפּעראַטיוועס, פאַרבונדענע צווישן זיך פאַר אַלע באַדערפענישן און באַמזונגען, וואָס זיינען ייִטיק פאַר אַ ציבור: פעדעראַציע פון פּראָדוצירער פאַר אַלע מינים פּראָדוקציע; פון געזעלשאַפטן פאַרן קאָנסום; פעדעראַציעס פון געמיינדעס צווישן זיך און פעדעראַציעס פון געמיינדעס מיט די פּראָדוציר־גרופּירונגען; און לסוף נאָך מער־פאַרנעמיקע גרופּירונגען, וועלכע נעמען אַרום אַ גאַנץ לאַנד אָדער אַפילו עטלעכע לענדער, וועלכע זיינען צונויפגעשטעלט פון פּערזאָנען, וואָס וועלן אַרבעטן בשותפות פאַר דער באַפרידיקונג פון יענע עקאָנאָמישע, גייסטיקע און קינסטלעריִשע באַדערפענישן, וועלכע זיינען נישט באַגרענעצט אויף בלויז אַ באַשטימטער טעריטאָריע. אַט־דידאָזיקע אַלע גרופּירונגען וועלן פאַראייניקן זייערע באַמזונגען און אָנשטרענגונגען דורך אַ קעגנזייטיקן אָפּמאַך... די פּערזענלעכע איניציאַטיוו ווערט דערמוטיקט און יעדע טענדענץ צו איינפאָרמיקייט און צום צענטראַליזם ווערט באַקעמפט. דעריבער וועט דידאָזיקע געזעלשאַפט נישט פאַרשטאַרט ווערן אין באַשטימטע און אומבאַוועגלעכע, אומפאַרענדערלעכע פאָרמען, נייערט וועט זיך כסדר, אומאָפּהענגיק, פאַרענדערן, מחמת זי וועט זיין אַ לעבעדיקער אָרגאַניזם, וועלכער אַנטוויקלט זיך כסדר". און פונקט אַזוי ווי ס׳איז נישט דערלאָזלעך קיין איינפאָרמיקע אויסגלייכונג, אַזוי איז אויך נישט דערלאָזלעך קיין ענדגילטיקע איינפאַראַלעמאָליקע געשטאַלטיקונג — דאָס איז קראָפּאָטקינס געזונטע גרונטאידייע. צו וואָס מ׳דאַרף שטרעבן, זאָגט ער (אין 1896) איז „די פולשטענדיקע אַנטוויקלונג פון דער אינדיווידואַליטעט צוזאַמען מיט דער העכ־

סטער אַנטוויקלונג פון דער פריוויליקער אַסאָסיאַציע ביי אַלע אומשטענדן, אין אַלע מעגלעכע מדרגות און פאַר אַלע אומדענקבאַרע צילן, — אַ כסדר שטייגנדיקע אָרגאַניזאַציע, וועלכע זאָל אין יעדן אויגנבליק זיין צוגעפּאַסט צום אַלעמענס פאַרשידנאַרטיקן טראַכטן". און צוגעבנדיק צו דעם, זאָגט קראָפּאָטקין נאָך אַפילו אין יאָר 1913: „מיר שטעלן זיך פאָר די סטרוקטור פון דער געזעלשאַפט ווי עפּעס אַזעלכעס, וועלכעס איז קיינמאָל נישט קאָנסטיטויִרט ענדגילטיק".

אַזאַ סטרוקטור באַטייט אַריינצוציִען אין דער אַרבעט אינדיווידועט דאָס איז נאָר מעגלעך און אין דער העכסטער מאָס די סאָציאַלע און פּאָליטישע ספּאָנטאַניטעט פונעם פאָלק. דערדאָזיקער סדר, וועלכן קראָפּאָטקין רופט־אָן קאָמוניזם, (מיט אַ נאָמען, וועלכן די „נעגאַציע פון יעדן מין פרייהייט" האָט פאַרכאַפּט פאַר זיך און וועלכע פּרודאָן האָט באַקעמפט) און וועלכער וואָלט בעסער און פאַסיקער געדאַרפט באַצייכנט ווערן ווי אַ פעדעראַליס־טישער קאָמונאַליזם, „קאָן נישט אַרויפגעצוווּנגען ווערן; ער וואָלט נישט געקאָנט לעבן, נישט געקאָנט אויפגעהאַלטן ווערן אָן דער באַשטענדיקער טעגלעכער מיטהילף פון אַלעם. ער וואָלט דערשטיקט געוואָרן אין אַן אַט־מאָספער פון ביוראָקראַטישער תקיפות. במילא קאָן אַזאַ סדר נישט באַ־שטיין אויב ער שאַפט נישט אַ באַשטענדיקן קאָנטאַקט פאַר די אַלע טויזנ־טער און טויזנטער בשותפותדיקע ענינים; ער קאָן נישט לעבן אויב ער שאַפט נישט דאָס לאָקאַלע אומאָפּהענגיקע לעבן אין די קלענסטע פּרטים אַפילו, — די גאַס, דער בלאָק הייזער, דער ראַיאָן, די געמיינדע". דער סאָציאַליזם „וועט מוזן געפינען זיין אייגענע פאָרעם פון פּאָליטישע באַ־ציִונגען... ער וועט אויף אַזאַ אָדער אויף אַן אַנדערן אופן מוזן זיין פאָלקס־טימלעכער, נענטער צום פאָרום ווי ס'איז די פּאַרלאַמענטאַרישע רעגירונג. ער וועט מוזן זיין ווייניקער אָפּהענגיק פון דער פאַרטרעטערשאַפט; מוזן ווערן מער „זעלף־גאָווערנעמענט". טאַקע דאָ זעען מיר בולט, אַז קראָ־פּאָטקין האָט אייגנטלעך נישט באַקעמפט דעם מלוכהשן סדר אָן און פאַר זיך, נייערט דעם היינטצייטיקן סדר אין אַלע זיינע פאָרמען; אַז זיין „אַנאַר־כיע" איז, פּונקט ווי פּרודאָנס, אינדעראמתן אַקראַטיע; נישט רעגירונגס־לאָזיקייט, נייערט הערשאַפטלאָזיקייט. „די אַנאַרכיע", האָט פּרודאָן גע־שריבן אין אַ בריוו אין יאָר 1864, „איז, אויב איך מעג זיך אַזוי אויסדריקן, אַ פאָרעם פון רעגירונג אָדער אַ קאָנסטיטוציע, אין וועלכן דער פּרינציפּ פון אויטאָריטעט, די פּאָליצייאישע אַנשטאַלטן, די פּרעווענטיווע און אונ־

טערדריקנדיקע מיטלען, די ביוראָקראַטיע, דאָס שטייערוועזן אד״גל זיינען רעדוצירט צום פּשוטסטן אויסדרוק״. דאָס איז טאַקע בעיקר אויך קראָפּאָטקינס צוגאַנג. ווי עס ווייזן אונדז די וויכטיקע ווערטער „ווייניקער״ (פּאַרטרעטערשאַפט) און „מער״ (זעלבּ־גאָווערנעמענט), אויך ער ווייס, אַז פּאַר אַן עכטן ווילן פּאַר דער רעסטרוקטוראַציע פון דער געזעלשאַפט קאָן זיך נישט האַנדלען וועגן דעם אָטוועגד פון אַן אַבסטראַקטן פּרינציפּ, ביי ערטגיכער וועגן דער ריכטונג פון דער רעאַליזירונג, וועגן דער דעמאַרקאַציע־ליניע פון דער פּאַרווירקלעכונג, וועלכע קאָן צומאָלס דערגרייכט ווערן בהסכם מיט די עווענטועלע פּאַרהעלטענישן אין אָט־דער ריכטונג, וועלכע זאָל באַצייכענען דאָס איצט און דאָ געבאָטענע, ווייל דערגרייכבאַרע. ער ווייס, ווי שטאַרק מ׳וויל דאָס אומגעהייערע און ווי טיף דאָס דרינגט־אַריין אין דער סאַמע טיפעניש פון דער נשמה: „אַלע באַציונגען צווישן די יחידים און די מאַסן קאָנען איינגעשטעלט ווערן״, אָבער ער ווייס אויך, אַז דאָס קאָן געלינגען נאָר בתנאי, ווען צוזאַמען מיט דעם קאָן אויפגעוועקט ווערן די סאָציאַלע ספּאָנטאַניטעט און ווען עס ווערט איר אָנגעוויזן די ריכטונג ווי אַזוי זיך אויסצולעבן.

פּאַר קראָפּאָטקינען איז זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז ס׳קאָן נישט פּאָרקומען קיין ראַדיקאַלע ענדערונג פונעם גאַנצן הערשנדיקן סדר אָן אַ רעוואָלוציע. אויך פּאַר פּרודאָנען איז עס אַזוי געווען. ער האָט גוט געוווסט, אַז די געוואַלטיקע מיסיע, וואָס ער האָט איבערגעגעבן דעם אַרבעטנדיקן קלאַס — שוין אינעם בוך, וועלכעס מאַרקס האָט באַקעמפט ווי אַ „קליינבירגערלעכס״ — דהיינו „פון די אינגעווײדישע טיפענישן פונעם פאָלק, פון די טיפענישן פון דער אַרבעט לאָזן אַרויסדרינגען אַ גרעסערע אויטאָריטעט, אַ מעכטיקערע געשעעניש, וועלכע זאָלן אַריינגעמען אין זיך דעם קאַפּיטאַל און די מלוכה און זיי אונטעריאָכן״, אַז דאָס קאָן מען נישט דורכפירן אָן אַ רעוואָלוציע. ער האָט געזען אין די רעוואָלוציעס, ווי ער האָט דאָס געזאָגט אין יאָר 1848 אין אַ טאָסט פּאַר דער רעוואָלוציע, „די כסדרדיקע אויסדרוקן פון גערעכטיקייט ביי דער מענטשהייט״, און דער מאָדערנער שטאַט איז פּאַר אים געווען „קאָנטראַרעוואָלוציאָנער לויטן עצם מהות פון זיין פּרינציפּ״. וואָס ער האָט באַקעמפט איז געווען (אינעם באַקאַנטן בריוו צו מאַרקסן), אַז „קיין שום רעפאָרעם איז היינצוטאָג ניט מעגלעך אָן אַן אויפשטאַנד״ און אַז „אויף אונדז איז חל צו לאָזן אין גאַנג די רעוואָלוציאָנערע אַקציע ווי אַ מיטל פון דער סאָציאַלער רעפאָרעם״. אָבער ער האָט פאָרויסגעפילט די טראַגעדיע פון די

רעוואָלוציעס און וואָס ווייטער, אינעם לויף פון די אַנטווישנדיקע דערפּאַרונגען, האָט ער זי פּאַרויסגעפּילט טיפער. די טראַגעדיע פון די רעוואָלוציעס איז דאָס, וואָס, ווען מ׳באַטראַכט זיי פונעם קוקווינקל פונעם פּאָזיטיוון ציל, זיינען זיי און זייי ברענגען דעם היפּוך פון דעם, וואָס די ערלעכסטע און ליידנשאַפטלעכסטע רעוואָלוציאָנערן האָבן געגאַרט, אויב און ווייל דאָס געלעכצטע איז נישט נאָך פון פריִער, ערב דער רעוואָלוציע, געווען אויף אַזוי ווייט אַנטוויקלט, צוגעגרייט און פּרערעפּאַרמירט, אַז די רעוואָלוציאָנערע אַקציע דאַרף בלויז אויסקעמפן פאַר איר דעם פולן אַנטוויקלונגס־שטח. צוויי יאָר פאַר זיין טויט האָט ער זיך מיט ביטערקייט אַרויסגעזאָגט: „דער רעוואָלוציאָנערער קאַמף איז עס, וועלכער האָט אונדז געגעבן די צענטראַליזאַציע״. אַט־די איינזעעניש איז אויך פאַר קראָפּאָטקינען נישט געווען פרעמד. אָבער אין תוך האָט ער געהאַלטן, אַז ס׳איז גענוג צו ווירקן דערציִעריש אויף דער רעוואָלוציאָנערער קראַפט, בכדי צו פאַרהיטן, אַז די רעוואָלוציע זאָל דערגיין צו אַזאַ נייעם „פונקט אַזאַ שלעכטן, אָדער נאָך ערגערן״ צענטראַליזם און בכדי צו דערמעגלעכן, אַז אין דער רעוואָלוציע זאָל „דאָס פאָלק — די פּויערן און די שטאָטישע אַרבעטער — אַליין אָנהייבן די קאָנסטרוקטיווע, אויפבויענדיקע אַרבעט״. „אונדז גייט אין דעם צו באַנייען דורכן קאָמוניזם״. קראָפּאָטקין אָנערקענט נישט, פונקט אַזוי ווי באַקונין, דעם יסודותדיקן פאַקט, אַז אויפן סאָציאַלן שטח, להיפּוך צום פּאָליטישן שטח, האָט די רעוואָלוציע נישט קיין שאַפנדיקע נייערט בלויז אַן אויסלייזנדיקע, אַ פריימאַכנדיקע און מאַכטגעבנדיקע קראַפט, דאָס הייסט, אַז זי איז נאָר דאָס ביכולות צו פאַרענדיקן, צו מאַכן פריי, מעכטיק און שלימותדיק, וועלכעס איז שוין געווען אויסגעשטאַלטיקט אין דער ערב־רעוואָלוציאָנערער געזעלשאַפט; דאָס, באַטראַכטנדיק דעם ענין פונעם קוקווינקל פון דער סאָציאַלער צוקונפט, אַז די שעה פון דער רעוואָלוציע איז נישט קיין שעה פון באַשאַפונג, נייערט פון געבורט, אויב ס׳איז פריִער געווען אַ באַפרוכפּערונג.

אַוודאי זיינען אין קראָפּאָטקינס דאָקטרין אויך פאַראַן ווענטלעכע עלעמענטן, וועלכע ווייזן־אָן אויפן באַטייט פון דער ערב־רעוואָלוציאָנערער סטרוקטוראַציע. פונקט אַזוי ווי ער האָט אין זיין בוך וועגן דער קעגנזייטיקער הילף געוויזן די רעשטן פון אַלטע געמיינשאַפטלעכע פאָרמען אין אונדזער געזעלשאַפט און געבן זיי ביישפּילן פון היינטצייטיקער מער־ווייניקער פאָרעמלאָזער סאָלידאַריטעט, פונקט אַזוי האָט ער, אינעם בוך „פעל־

דער, פאַבריקן און ווערקשטאַטן" (1898, פאַרבעסערטע אויסגאַבע פון 1902) *), אַרויסגייענדיק פון אויסשליסלעך־עקאָנאָמישע און אַרבעטער־פסי־כאָלאָגישע הנחות, צוגעשטעלט אַ וואָגיקן בייטראַג צום בילד פון אַ נייער סאָציאַלער איינהייט, וועלכע איז פאַסיק צו דינען ווי אַ קעמערל פאַר דער צוגרייטונג פון דער נייער געזעלשאַפט בתוך דער אַלטער. אַקעגן דעם זיך אויסשפרייטנדיקן גוזמאַדיקן פרינציפ פון דער אַרבעטסטיילונג און דער איבערגעטריבענער ספעציאַליזאַציע שטעלט ער אַרויס דעם פרינציפ פון אַן אינטעגראַציע פון דער אַרבעט, די פאַרבינדונג פון אַן אינטענסיווער לאַנדווירטשאַפט מיט אַ דעצענטראַליזירטער אינדוסטריע; ער וואַרפט־אַן דאָס בילד פון אַ פעלד און אַ דאָרף, וואָס איז אויפגעבויט אויפן יסוד פון אַ פעלד און אַ פאַבריק, אין וועלכן דיזעלביקע מענטשן בייטן זיך מיט דער אַרבעט צווישן פעלד און פאַבריק, און דאָס ברענגט מיט זיך בשום אופן נישט קיין ירידה פון דער טעכניק; אדרבא, די אַרבעט גייט־אָן אין ענגן שייכות מיט דער טעכנישער אַנטוויקלונג, און דווקא אויף אַזאַ אופן, אַז דער מענטש לעבט זיך אויס ווי אַ מענטש אין זיין פולן רעכט. קראָפאָטקין ווייס, אַז אין דעם היינטצייטיקן געזעלשאַפטלעכן סדר קאָן אַזאַ ענדערונג נישט „דורכגעפירט ווערן פולשטענדיק", אָבער פון דעסטוועגן פלאַנט ער נישט בלויז פאַרן מאָרגן, נייערט אויך פאַרן היינט. ער באַטאָנט, אַז „יעדער סאָציאַליסטישער פרווו צו ענדערן די היינטצייטיקע באַציונגען צווישן קאַ־פיטאַל און אַרבעט וועט זיין אַ דורכפאַל, אויב ער וועט נישט נעמען אין באַטראַכט די טענדענץ צו אַן אינטעגראַציע"; אָבער ער באַטאָנט אויך, אַז די צוקונפט, צו וועלכער ער לעכצט, איז „שוין מעגלעך, שוין רעאַליזיר־באַר". פון דאַנען צו דער פאַדערונג שוין, תיכף אָנצוהייבן מיט דער רע־קאָנסטרוירונג פון דער געזעלשאַפט, איז בלויז איין שריט, פאַרשטייט זיך אַן אַנטשיידנדיקער.

* אגב ווילן מיר דאָ אָנווייזן, אַז קראָפאָטקינס ווערק זייַנען כמעט אַלע דאָ אין יידיש. „די מאָדערנע וויסנשאַפט פון אַנאַרכיע" איז דערשינען אין לאָנדאָן (1913); „קעגנזייטיקע הילף" (1913), „פעלדער, פאַבריקן און ווערקשטעטער" (1914) און די אַנדערע אין דער ניו־יאָרקער „קראָפאָטקין־ליטעראַטור־געזעלשאַפט".

איבערז.

# לאַנדאַוער

לאַנדאַוערס שפּאַן פאָרויס איבער קראָפּאָטקינען באַשטייט קודם־כל איז אַ פּשוטער אַריינדרינגונג אינעם מהות פון דער מלוכה. די מלוכה איז נישט, ווי קראָפּאָטקין מיינט, אַן אַנשטאַלט, וועלכע מען צעשטערט דורך אַ רעוואָלוציע. „מלוכה איז אַ פאַרהעלטעניש, איז אַ באַציִונג צווישן די מענטשן, איז אַן אופן, ווי די מענטשן פאַרהאַלטן זיך צווישן זיך; און מען צעשטערט אים באופן, ווען מען שטעלט־איין אַנדערע באַציִונגען, באופן ווען מ׳פאַרהאַלט זיך אַנדערש צווישן זיך". די מענטשן שטייען היינטצוטאָג צווישן זיך אין אַ „שטאַטלעכער" פאַרהעלטעניש, ד"ה, זיי האָבן אַזאַ פאַרהעלטעניש, וואָס מאַכט נייטיק אַן אַרויפגעצוווּנגענעם סדר פון דער מלוכה, אין וועלכן זי רעפּרעזענטירט זיך; במילא קאָן אָט־דער סדר בייגעקומען ווערן נאָר בזה האופן: אינוויווייט דאָס דאָזיקע פאַרהעלטעניש צווישן די מענטשן ווערט פאַרביטן דורך אַן אַנדערן. דאָס דאָזיקע אַנדערע פאַרהעלטעניש רופט לאַנדאַוער אַן „פאָלק". „ס׳איז אַ פאַרבינדונג צווישן די מענטשן, וועלכע עקזיסטירט פאַקטיש, וועלכע איז אָבער נאָך נישט געוואָרן פאַרבאַנד און בונד, נאָך נישט געוואָרן קיין העכערער אָרגאַניזם". בהסכם דערמיט ווי די מענטשן וועלן זיך ווידער צונויפנעמען ווי אַ פאָלק, אויפן סמך פונעם פּראָצעס פון דער פּראָדוקציע און צירקולאַציע, און צונויפגעוואָקסן ווערן אין „אַן אָרגאַניזם מיט אומצייליקע אָרגאַנען און צווייגונגען", ערשט דעמאָלט וועט דער סאָציאַליזם, וועלכער לעבט איצט בלויז אינעם גייסט און אינעם באַגער פון יחידים, פון אַטאָמיזירטע מענטשן, ווערן אַ ווירקלעכקייט, — ווערן אַ ווירקלעכקייט נישט אין דער מלוכה, „נייערט אינדרויסן, מחוץ דער מלוכה", און דאָס וויל קודם־כל זאָגן: נעבן דער מלוכה. אָבער דערדאָזיקער צונויפוואַקס מיינט נישט, ווי שוין גע־

זאָגט, די שאַפונג פון עפּעס נייעס, נייערט אַקטואַליזאַציע און באַנייאיקער צונויפשטעל פון דעם, וואָס האָט פון אייביק, פון פריער עקזיסטירט, פון דער געמיינשאַפטלעכקייט, וואָס עקזיסטירט אינדעראמתן נעבן שטאַט, ווען אַפילו פאַרהוילן און פאַרוויסט. „אין איינעם אַ טאָג וועט מען וויסן, אַז דער סאָציאַליזם איז נישט קיין אויסגעפינונג פון עפּעס נייס, נייערט אַן אַנטדעקונג פון פאַראַנענעם, פון אויסגעוואַקסענעם". און טאַקע דערפאַר, ווייל עס איז אַזוי, איז סאָציאַליזם, ווי אַ פאַרווירקלעכונג, שטענדיק און אַלעמאָל מעגלעך, בתנאי, ווען אַ גענוגנדיקע צאָל מענטשן וויל אים. די פאַרווירקלעכונג זיינע איז נישט אָפּהענגיק פונעם צושטאַנד פון דער טעכניק, הגם דער פאַרווירקלעכטער סאָציאַליזם וועט זיכער אויסזען אַנדערש לויטן מצב פון דער טעכניק, אַנדערש זיך אָנהייבן, אַנדערש גיין ווייטער; זי איז אָפּהענגיק פון די מענטשן, פון זייער גייסט. „דער סאָציאַליזם איז צו אַלע צייטן מעגלעך און צו אַלע צייטן אוממעגלעך; ער איז מעגלעך, ווען עס זיינען פאַראַן די רעכטפאַרטיקע מענטשן, וועלכע ווילן אים, דאָס הייסט, זיי טוען פאַר אים, לעבן אים, פילן אים; און ער איז אוממעגלעך, ווען די מענטשן ווילן אים נישט, ווילן אים בלויז מכלומרשט, אָבער קאָנען נישט אַרבעטן פאַר אים".

פון אָט־דער פאַרשטענדעניש אין דער באַציִונג צווישן שטאַט און ציבור דרינגט־אַרויס עפּעס וויכטיקס. מיר זעען: ס'קאָן זיך אינדעראמתן נישט האַנדלען מכוח דער אַבסטראַקטער אַלטערנאַטיוו „שטאַט אָדער נישט־שטאַט". דער פּרינציפּ פון ענטוועדער־אָדער איז וועזנטלעך פאַר די שעהן פון די עכטע אַנטשיידונגען סיי פון דער פּערזאָן און סיי פון דער גרופּע; דעמאָלט איז אַלדאָס אינצווישנדיקע, אַלדאָס פאַרמיטלענדיקע אומריין און פאַר־אומרייניקנדיק; עס ווירקט מבולבלדיק, מטושטשדיק, שטרויכלענדיק. אָבער אָט־דער פּרינציפּ פאַרוואַנדלט זיך אַליין אין אַ שטרויכלונג, ווען ער איז אויסן בעת וועלכן עס איז מאָמענט, במשך דער דורכפירונג פון דעם אָנגענומענעם באַשלוס, בלויז מסכים צו זיין נאָר אויפן אַבסאָלוטן און פאַרוואַרפן דאָס, וואָס איז מעגלעך, איצט אין באַטרעפנדיקן מאָמענט. אייב דער שטאַט איז אַ פאַרהעלטעניש, וועלכע מען צעשטערט אינדעראמתן נאָר באופן, ווען מען שאַפט עפּעס אַנדערשס, אַן אַנדערע פאַרהעלטעניש, נו, צעשטערט מען אים צומאָל טאַקע אויך באופן, ווען און ווי מען באַשאַפט אַן אַנדער פאַר־העלטעניש.

כדי צו באַנעמען דעם ענין ווי עס געהער צו זיין, מוזן מיר גיין נאָך

אַ שריט ווייטער. „שטאַט" איז (אויף דעם האָט לאַנדאַוער שפּעטער איינמאָל אָנגעוויזן) אַ סטאַטוס, אַ צושטאַנד. די מענטשן, וועלכע לעבן צוזאַמען אין אַ געוויסער צייט, אויף אַ געוויסן שטח, זיינען בלויז ביז צו אַ געוויסער מדרגה אימשטאַנד פרייוויליק צו לעבן צווישן זיך אויף אַן יושרדיקן אופן, פרייוויליק אויפ־ און אָפּצוהיטן אַ גערעכטן סדר און אויף זיין יסוד אָנפירן מיט די בשותפותדיקע עסקים. די ליניע, וועלכע באַגרענעצט צומאָלס די דאָזיקע פעיִקייט, איז אויך דער צומאָליקער יסוד פונעם שטאַט. מיט אַנ־דערע ווערטער הייסט עס, אַז די מאָס פון דער צומאָליקער אומפעיִקייט פאַר אַ פרייוויליקן און יושרדיקן סדר באַשטימט די מאָס פון דער לעגאַלער געוואַלט. עס פּאַסירט אָבער, אַז דער פּאַקטישער פּאַרנעם פונעם שטאַט רייסט זיך צומאָלס מער ווייניקער, על פּי רוב זייער שטאַרק, אַרויס פון זיינע גרענעצן, וועלכע זיינען ווייט נישט בהסכם מיט דער לעגאַל־נייטיקער געוואַלט פון רעספּעקטיוון מאָמענט. אָט־די צומאָליקע דיפערענץ צווישן דעם „פּרינציפּיעלן" און דעם פּאַקטישן שטאַט, וועלכן איך באַצייכן ווי דעם „מערשטאַט", דערקלערט זיך דורכן היסטאָרישן פּאַקט, אַז אָנגעזאַמלטע מאַכט גייט נישט אַוועק אומגעצוווּנגענערהייט. זי איז נישט קיין בעלן זיך צוצופּאַסן צו דער שטייגערונג פון דער פעיִקייט ביי די מענטשן צו אַ פרייוויליקן סדר, כל־זמן אָט־די געשטייגערטע פעיִקייט קומט נישט צום אויסדרוק אין דער פאָרעם פון אַ געגנוג שטאַרקן דרוק אויף דער אָנגעזאַמל־טער מאַכט. דער פּרינציפּיעלער יסוד פון דער מאַכט איז געשטאָרבן, אָבער זי ווערט נישט געצוווּנגען צו דעם. טאַקע אַזוי קאָן דאָס טויטע הערשן אי־בערן לעבעדיקן. „זעען מיר", האָט לאַנדאַוער איינמאָל געזאָגט, „אַז דאָס, וואָס איז פאַר אונדזער גייסט טויט, האַלט־אָן די לעבעדיקע ממשלה איבער אונדזער גוף". די מיסיע, וואָס דרינגט־אַרויס פון אָט־דעם מצב פאַר די סאָציאַליסטן, דאָס הייסט, פאַר די מענטשן, וועלכע אָריענטירן זיך אויף דער רעסטרוקטוראַציע פון דער געזעלשאַפט, איז צוריקצושטויסן די פּאַק־טישע גרונטליניע פונעם שטאַט צו דער פּרינציפּיעלער. טאַקע דאָס איז עס, וואָס עס פּאַסירט דורך דער שאַפונג און באַנייאונג פון עכטער אָרגאַני־שער סטרוקטור, דורכן צונויפנעמען זיך פון די מענטשלעכע יחידים און משפּחות און פאַרשידנדיקע עדות און פון די עדות — אין פעדעראַציעס פון די עדות. אָט־דער דאָזיקער וווּקס און נישט עפּעס אַנדערש איז עס, וואָס „צעשטערט" דעם שטאַט באופן, וואָס ער פאַרשטויסט אים. פאַרשטייט זיך, אַז נאָר דעם צומאָלס איבערפליסיקן, דעם אומבאַגרינדטן טייל פונעם

שטאַט; אַ טואונג, וואָס זאָל אַרויסגיין פון אָט־דער גרענעץ, וואָלט געווען אומרעכטלעך און וואָלט געמוזט דורכפאַלן, ווייל ביים אַריבערשפאַנען די גרענעץ וואָלט איר שוין געפעלט דער גייסטיקער יסוד פון דעם, וואָס מען דאַרף ווייטער בויען, שאַפן. מיר טרעפן זיך דאָ אָן אויף דער נעמלעכער פראָבלעמאַטיק, וועלכע פרודאָן האָט שוין אַנטדעקט און דערקענט פון אַן אַנדער קוקווינקל: אַ פאַראייניקונג אָן געבונגנדיקן, אָן וויטאַל־געבונגנדיקן געזעלשאַפטלעך־קאָמוניטאַרן גייסט איז נישט מסוגל אַוועקצושטעלן די געזעלשאַפט במקום דעם שטאַט; זי אַנטהאַלט שטאַט אין זיך, און אַלץ, וואָס זי טוט, קאָן נישט זיין שטאַרק אַנדערש ווי שטאַט, דאָס הייסט, מאַכט־פאָליטיק און דראַנג צו עקספאַנסיע, אָנגעפירט פון ביוראָקראַטיע.

וויכטיק איז אָבער אויך, אַז פאַר לאַנדויערן איז, ווי שוין געזאָגט, די איינשטעלונג פון דער געזעלשאַפט „מחוץ“ און „נעבן“ דעם שטאַט בעיקר „אַן אַנטדעקונג פון פאַראַנענעם און אויסגעוואָקסענעם“. ס׳עקזיסטירט אינדעראמתן אַ חברותא נעבן דעם שטאַט „נישט אַ סכום איזאָלירטע אינדיווידועלע אַטאָמען, נייערט אַן אָרגאַנישע צונויפגעהעריקייט, וועלכע איז אויסן אויפן סמך פון די פאַרשידענע גרופירונגען זיך אויספאָרמירן, אויסגעשטאַלטיקן ווי אין אַ געוועלבונג“. אָבער די ווירקלעכקייט פון דער געמיינשאַפטלעכקייט מוז דערוועקט, אַרויפגעברענגט ווערן פון דאָרט, ווו זי עקזיסטירט אונטערן צודעק פונעם שטאַט. און געשען קאָן דאָס נאָר באופן, ווען ס׳ווערט צעבראָכן, דורכגעבראָכן די פאַרשטייפונג, וואָס נעמט־אַרום די מענטשן, ווען ס׳ווערט צעטרייסלט די אינערלעכע פאַרשטאַטלעכונג און ס׳ווערט אויפגעוועקט דאָס, וואָס דרימלט הינטער דעם ווי אַן אומווירקלעכקייט. „דאָס איז די מיסיע פון די סאָציאַליסטן און פון די דורך זיי אַרויסגערופענע און געבראַכטע געשעענישן צווישן די פעלקער — צוגרייטן אַ צעטרייסלונג, כדי לויז צו מאַכן די פאַרשטייפונג, די אָנגעשפאַנטקייט פון די געמיטער באופן, אַז דאָס פאַרהוילענע אינעווייניק זאָל אַרויסקומען פון אויבן; אַז דאָס אמתדיק לעבעדיקע, וועלכעס זעט איצט אויס פולשטענדיק טויט, זאָל זיך באַנייס אַרויסרייסן אויבן אָדער אויפסנייי אַרויסוואַקסן“. אַזעלכע און אַזוי אַרום באַנייטע מענטשן זיינען ביכולת צו באַנייען די געזעלשאַפט; און היות זיי וועלן וויסן פון דערפאַרונג, אַז דאָס איז אוראַלטער בשותפותדיקער רעשט, וועלכעס האָט זיך אויסגעדריקט אין זייערע נשמות ווי דאָס נייע, וועלן זיי אַלעס, וואָס האָט זיך אויפגעהיט אין עכטער געמיינשאַפטלעכער פאָרעם, אַריינגעמען, איינגלידערן אין דער נייער סטרוק־

טור. „ס'וואָלט געווען אַ משוגעת", האָט לאַנדאַוער געשריבן אין אַ בריוו צו אַ פרוי, וועלכע האָט געוואָלט, אַז מ'זאָל אָפּשאַפן די חתונה־אינסטיטוציע, „צו וועלן אָפּשאַפן די קליינע צאָל פאַרמען פונעם בונד, וואָס איז נאָך געבליבן! וואָס מיר דאַרפן האָבן איז פאַרעם, נישט פאַרעמלאָזיקייט. טראַדיציע באַדאַרפן מיר". דער, וועלכער בויט נישט מחמת ווילקירלעכקייט און אומזיסט, גלאָט אַזוי זיך, נייערט לעגיטים און פאַרן עתיד, דער טוט דאָס, וואָס ער טוט, מחמת אינערלעכער שייכות מיט אוראַלטער מסורה, וועלכע ווערט אַ טייל פון אים און דערמוטיקט אים. פון דאַנען דרינגט־אַרויס, פאַרוואָס לאַנדאַוער באַצייכנט נישט מיט אַ נייעם נאָמען דאָס „אַנדערע" פאַרהעלטעניש, וועלכעס דער מענטש קאָן אָננעמען אויפן אָרט פונעם שטאַטלעכן, נייערט רופט עס אָן „פאָלק". צו אָט־דעם „פאָלק" באַלאַנגט אויך די אינערלעכסטע ווירקלעכקייט פון דעם, וואָס הייסט נאַציע, אומה, דהיינו, דאָס, וואָס בלייבט, ווען מען נעמט־צו די פאַרשטאַטלעכונג, די פּאָליטיזירונג, — די מהותדיקע געמיינשאַפטלעכקייט, די בשותפותדיקע עקזיסטענץ אין דער פלוראַליטעט. „די דאָזיקע ענלעכקייט, די דאָזיקע גלייכקייט בתוך דעם אומגלייכן, די דאָזיקע פאַרבינדנדיקע אייגנשאַפט צווישן די קינדער פון איין פאָלק, דער דאָזיקער בשותפותדיקער גייסט איז אַ פאַקט. פאַרקוקט אים נישט, איר פרייע מענטשן און סאָציאַליסטן; דער סאָציאַליזם, פרייהייט און גערעכטיקייט, קאָן געשאַפן ווערן בלויז צווישן אַזעלכע, וועלכע האָבן אַ שייכות צווישן זיך פון פאַרצייטנס, און אַ סאָציאַליזם וועט נישט געשאַפן ווערן אויף אַן אַבסטראַקטן אופן, נייערט אין אַ קאָנקרעטער פאַרשידנאַרטיקייט, בהסכם און לויט דער האַרמאָניע צווישן די פעלקער". אָט־דאָ איז אָוועקגעשטעלט די אמתע שייכות צווישן אומה און סאָציאַליזם, — די קעגנזייטיקע נאָענטקייט צווישן קינדער פון איין פאָלק אין מהות, לשון, טראַדיציאָנעלער ירושה, בשותפותדיקן געשיכטלעכן גורל איז כסדרדיקע און דויערנדיקע פּרעדיספּאָזיציע פאַר בשותפותדיקער עקזיסטענץ און ערשט בעתן אויפבויען די דאָזיקע עקזיסטענץ זיינען די פעלקער ביכולת זיך פונדאָסניי צו קאָנסאָלידירן. „רעטונג קאָן ברענגען נאָר די ווידערגעבורט פון די פעלקער דורכן גייסט פון דער געמיינדע". אויך די געמיינדע, די עדה, באַנעמט לאַנדאַוער גאַנץ קאָנקרעט, — אין דעם, זאָל זיין אַפילו נאָך פרימיטיוון אופן איבערצונעמען אַלטע טראַדיציאָנעלע געמיינשאַפטלעכע פאַרמען און אין דער מעגלעכקייט זיי אויפצוהיטן, צו באַנייען און אויסצוגעשטאַלטיקן. איצט און תמיד וועט דער ראַדיקאַלער רעפאָרמאַטאָר נישט

געפינען עפּעס אַנדערש אומצוגעשטאַלטיקן ווי דאָס, וואָס איז פאַראַן. „און דעריבער וועט עס זיין גוט איצט און תמיד, אַז די אָרטלעכע געמיינדעס זאָלן האָבן זייערע גרענעצגעביטן; אַז איין טייל פונעם באָדן זאָל באַלאַנגען צו דער געמיינדע און אַן אַנדערער טייל זאָל באַלאַנגען צום משפּחהשן פאַרמעגן פאַרן הויז, הויף, גאָרטן און פעלד“. אַגב רעכנט לאַנדאַוער אויך אויף דער דורותדיקער געדעכעניש פון בשותּפותדיקער קערפּערשאַפט. „פאַראַן אַ סך זאַכן, וועלכע זיינען ביכולת אונדז צו דינען ווי אַן אָנהאַלט, אין וועלכע ס׳איז פאַראַן אַ לעבעדיקער גייסט אויך מצד דער אויסערלעכער געשטאַלטיקונג און וועלכע ברענגען לעבן. דאָרפסגעמיינדעס מיט רעשטן פון אַלטן קהלהשן אייגנטום, מיט די זכרונות פון די פויערים און פעלדאַרבעטער אין דער התחלהדיקער גרענעצבאַצייכענונג, וועלכע זיינען פון זינט הונדערטער יאָרן שוין איבערגעגאַנגען אין פּריוואַטן רשות: מוסדות פון דער געמיינדע פאַר פעלדאַרבעטער און האַנטווערקער“. זיין אַ סאָציאַליסט באַטייט שטיין אין וויטאַלן קאָנטאַקט מיט יעדן מין בשותּפותדיקן גייסט און בשותּפותדיקן לעבן פון די דורות, זיין וואַכזאַם און מיט אַן אָפֿן פניותדיקן בליק דערגיין, וואָס פון די דאָזיקע רעשטן ס׳איז נאָך פאַראַן אין דער טיפעניש פון אונדזער פון יעדן מין קהלשער בשותּפותדיקייט ווייטער צייט, און שטענדיק און אומעטום, ווו מ׳איז דאָס נאָר אימשטאַנד צו באַווייזן, צובינדן מיט שטאַרקע באַנדן דאָס, וואָס מ׳וואַרפט־אָן אין נייע פאָרמען, צום דויערנדיקן. ס׳באַטייט אָבער אויך נאָך עפּעס: זיך אויסהיטן פון יעדן מין סכעמאַטישן אָנצייכענען דרכים; צו וויסן, אַז אינעם לעבן פונעם מענטשן און פונעם מענטשלעכן ציבור קאָן זיך די גראָדע ליניע צוויש: צוויי פונקטן אַרויסווייזן ווי די לענגסטע; צו פאַרשטיין, אַז דער אמתער וועג צו דער סאָציאַליסטישער ווירקלעכקייט שאַפט זיך נישט בלויז פון דעם, וואָס איך אָנערקען און וואָס איך פלאַן, נייערט אויך פונעם אומבאַקאַנטן און פונעם נישט צו דערקאָנענדיקן, פונעם אומדערוואַרטן און פונעם אומגעריכטן, נישט צו דערוואַרטנדיקן; און כסדר, שטענדיק, שעה ביי שעה, אינוויוויט מ׳איז דאָס אימשטאַנד, צו פירן אַן אַקטיוו לעבן בהסכם דערמיט. „בפּרטות“, זאָגט לאַנדאַוער אין 1907, „ווייסן מיר דאָך גאָרנישט מכוח אונדזער ווייטערדיקן דרך; ער קאָן פירן איבער רוסלאַנד, אָבער ער קאָן אויך פירן איבער אינדיע. אָבער איינס קאָנען מיר יאָ וויסן: אַז אונדזער וועג ציט זיך נישט איבער די ריכטונגען פון די טאָגטעגלעכע גערא̈נגלענישן, נייערט איבער אומבאַקאַנטס, טיפבאַגראָבנס און פלוצימדיקס“.

לאַנדאַוער האָט אַמאָל געזאָגט וועגן וואָלט וויטמאַן, דעם דיכטער פון דער העראָישער דעמאָקראַטיע, ווען ער האָט איבערגעזעצט, אַז פונקט אַזוי ווי פּרודאָן, מיט ווען ער איז אין אַ סך פּרטים פאַרבונדן, פאַראייניקט ער אין זיך קאָנסערוואַטיזם און רעוואָלוציאָנערן גייסט, אינדיווידואַליזם און סאָציאַליזם. דאָס נעמלעכע קאָן מען אויך זאָגן וועגן לאַנדאַוערן. דאָס, וואָס ער האָט אין זיך, איז סוף־כל־סוף רעוואָלוציאָנערן אויפהיט — רעוואָלוציאָנערן אָפּקלייב פון די עלעמענטן, וועלכע דאַרפן אויפגעהיט ווערן ווי פּאָסיקע און טויגבאַרע פאַרן נייעם געזעלשאַפטלעכן אויפבוי.

ווען מ׳גייט־אַרויס פון אָט־דער הנחה, קאָן מען לאַנדאַוערן, דעם מענטש פון אַ דרום־מערבדיקער דייטשער בירגערלעכער ייִדישער משפּחה, וועלכער האָט זיך אומפאַרגלייכלעך פיל מער דערנענטערט ווי מאַרקס צו די פּראָלעטאַריער און צום פּראָלעטאַרישן לעבן, פאַרשטיין נאָר ווי אַ רעוואָלוציאָנער.

מ׳איז קענען זיינע פאַרלייגן מכוח סאָציאַליסטישע קאָלאָניעס כסדר אַרויסגעטראָטן פונעם מאַרקסיסטישן צד, אַז דאָס באַטייט זיך צוריקצוציִען פון דער וועלט פון דער מענטשלעכער עקספּלואַטאַציע און פונעם אוברחמנות־דיקן געראַנגל קעגן איר און זיך באַזעצן אויף אַ שטילער אינדזל, פון וועלכער מ׳קאָן זיך פּאַסיוו צוקוקן צו די געוואַלטיקע פּאַסירונגען. קיין פאַלשערע טענה ווי די איז מסתמא נישט מעגלעך. אַלץ, וואָס לאַנדאַוער האָט געטראַכט און געפּלאַנט, גערעדט און געשריבן, און אַפילו דעמאָלט, ווען שעקספּיר איז געווען דער קעגנשטאַנד פון זיינע ליטעראַרישע אַרבעטן, אָדער ס׳האָט זיך ביי אים געהאַנדלט וועגן דער דייטשער מיסטיק, און אויסדריקלעך אַלעס, וואָס ער האָט אַנגעוואָרפן מכוח דער קאָנסטרוקציע פון דער סאָציאַליסטישערווירקלעכקייט, איז ביי אים געווען דורכגעדרונגען אין דער גרויסער אמונה אין דער רעוואָלוציע און איינעם גרויסן ווילן צו איר. „צי ווילן מיר זיך דען צוריקציִען צום גליק?״, האָט ער געשריבן אין אַ בריוו (1911). „צי ווילן מיר דען אונדזער לעבן פאַר אונדז? צי ווילן מיר דען נישט גיכער פאַר די פעלקערס וועגן טאָן אַלעס מעגלעכע און באַגערן דאָס אוממעגלעכע? צי ווילן מיר דען נישט דאָס גאַנצע, די רעוואָלוציע?״ אָבער דער באַפרייאונגס־געראַנגל, וועלכער שפּרייט זיך אויס איבער אַלע דורות, וועלכן ער רופט רעוואָלוציע, קאָן ערשט דעמאָלט ברענגען פּרוכט, „ווען ס׳וועט אויף אונדז רוען די שכינה, וועלכע הייסט נישט רעוואָלוציע, נייערט רעגענעראַציע״, און בתוך דער לאַנגער רעוואָלוציע ווייזן

זיך לאַנדאַוערן אויס די איינצלנע רעוואָלוציעס ווי אַ פייערבאָד פונעם גייסט; טאַקע פונקט אַזוי ווי רעוואָלוציע איז דאָך לויט איר אייגנטלעכן זין גופא — רעגענעראַציע, „אינעם פייער, אין דער התלהבות, אין דער ברידערלעכקייט פון אָט־דער אַגרעסיווער באַוועגונג", שרייבט לאַנדאַוער אין זיין בוך, „די רעוואָלוציע", וועלכעס ער האָט אָנגעשריבן אין יאָר 1907 אויף מיין פאַרלאַנג, „אַנטשטייט כסדר פונדאַסניי דאָס בילד און דאָס געפיל פון דער פּאָזיטיווער אייניקייט דורך פאַרבינדעטער אייגנשאַפט, דורך ליבשאַפט, וועלכע איז קראַפט; און אָן אָט־דער אַריבערגייענדיקער רעגענעראַציע קאָנען מיר ווייטער נישט לעבן און מוזן אונטערגיין". אָבער ס'איז נייטיק אָן דרייִדלעך איינצוזען אָט־וואָס: „ווען אַפילו די אוטאָפּיע איז פאַנטאַסטיש־שיין און, פאַרשטייט זיך, נישט אַזוי אין דעם, וואָס זי זאָגט, ווי אין דעם, ווי אַזוי זי זאָגט עס, איז אָבער דער אמת, אַז דאָס וויכטיקסטע אין דעם, וואָס די רעוואָלוציע דערגרייכט, איז טאַקע איר סוף, וועלכער אונטערשיידט זיך נישט צו שטאַרק פון דעם, וואָס איז געווען פריִער". די קראַפט פון דער רעוואָלוציע ליגט אין דער מרידה און אין דער נעגאַציע, זי איז נישט ביכולת צו לייזן די סאָציאַלע פּראָבלעמען מיט אירע פּאָליטישע מיטלען. „אָבער ווען אַ רעוואָלוציע דערגייט צו דער מאוימדיקער לאַגע ווי אָט־די", — זאָגט לאַנדאַוער ווייטער, רעדנדיק וועגן דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, — „ווען זי האָט אָרום און אָרום שונאים, אינעווייניק און אינדרויסן, אין דעם פאַל מוזן די נאָך לעבעדיקע כוחות פון נעגאַציע און צעשטערונג זיך ראַנגלען לגבי אינעווייניק, קעגן זיך גופא; דער פאַנאַטיזם און דיליידנשאַפט ווערן פאַרוואַנדלט אין אומצוטרוי און גאָר אינגיכן אין בלוטגיריקייט אָדער לפּחות אין גלייכגילט צו די פּחדים פון דער הריגה; און גאָר באַלד ווערט דער פּחד פאַר די הריגות די איינציקע מעגלעכקייט פון די געוואַלט־מושלים פונעם מאָמענט אָנצוהאַלטן זייער פּראָוויזאָרישע ממשלה". „אַזוי האָט עס פּאַסירט (דאָס האָט לאַנדאַוער געשריבן מיט צען יאָר שפּעטער וועגן דער נעמלעכער רעוואָלוציע, אין 1917, און זיך האַלטנדיק ביי ־ער נעמלעכער מיינונג), „אַז די אייפּעריקסטע פאַרטרעטער פון דער רעוואָלוציע, אָן אַ חילוק אין וועלכן לאַגער זיי זיינען סוף־כל־סוף, אין זייערע ריינסטע שעהן, אַריינגעשליידערט געוואָרן דורך די שטורמישע כוואַליעס, האָבן געגלייבט און געוואָלט, אַז זי זאָל די מענטשהייט דערפירן צו אַ ווידערגעבורט; עס איז אָבער נישט געקומען צו דעם און זיי האָבן זיך איינצייטיק געלייגט שטרויכלונגען און איינער האָט געוואָרפן די שולד אויפן אַנדערן, ווייל די

רעוואָלוציע האָט זיך פֿאַרבונדן מיט דער מלחמה, מיט די געוואַלט־מעשים, מיט די באַפֿעלערישע אָרגאַניזאַציעס און אויטאָריטערער אונטערדריקונג, מיט דער פּאָליטיק״. צווישן ביידע מאַניפעסטירונגען, אויף דער שוועל פֿונעם ערשטן וועלטקריג, אין יולי 1914, דריקט לאַנדאַוער אויס די זעלביקע קריטישע מיינונג אין אַ באַזונדערס אַקטועלער פֿאָרעם: „לאָמיר זיך נישט נאַרן״, שרייבט ער, „די היינטצייטיקע לאַגע אין אַלע לענדער איז אַזאַ, אַז די רעוואָלוציאָנערע צערודערונגען, ווען מ׳קוקט אויף זיי לויט זייערע רעזולטאַטן, האָבן אייגנטלעך בלויז צוגעדינט פֿאַר דער אויסברייטערונג און פֿאַרשטאַרקונג פֿון דער נאַציאָנאַל־קאַפּיטאַליסטישער מאַכט, וועלכע הייסט אימפּעריאַליזם: די רעוואָלוציאָנערע אויפֿטרייסלונגען, ווען אַפֿילו זיי זיינען לכתחילה געווען צוגעפּאַרבט סאָציאַליסטיש, זיינען אָבער גאַנץ לייכט אַריינגעפֿירט געוואָרן אינעם שטראָם פֿון דער פּאָליטיק דורך אַ וועלכן ס׳איז נאַפּאָלעאָן, קאַוור אָדער ביסמאַרק, ווייל אָט־די אַלע אויפֿשטאַנדן קאָנען אײַנדעראַמתן בלויז זיין מיטלען פֿון פּאָליטישער רעוואָלוציע אָדער פֿון נאַציאָנאַלער מלחמה, אָבער בשום אופֿן נישט קיין מיטלען פֿון סאָציאַליסטישן איבערקער, ווייל די סאָציאַליסטן, ווי ראָמאַנטיקער, באַנוצן זיך אינדעראמתן מיט די מיטלען פֿין זייערע שונאים און זיינען נישט באַקאַנט מיט די מיטלען און פּראַקטיצירן זיי נישט פֿאַרן שאַפֿן אַ ניי פֿאָלק און אַ נייע מענטשהייט״. שוין אין יאָר 1907 איז לאַנדאַוער, זיך סומך זייענדיק אויף פּרודאָנען, פֿון אָט־דעם קוקווינקל, געקומען צו דער ווייטערדיקער מסקנה: „ס׳וועט קומען אַ צייט״, שרייבט ער, „ווען מ׳וועט זען קלאָרער ווי מ׳זעט עס היינט דאָס, וואָס דער גרעסטער פֿון אַלע סאָציאַליסטן, פּרודאָן, האָט מיט אומאיבערטרעפֿלעכע, ווען אַפֿילו היינט פֿאַרגעסענע ווערטער, דערקלערט: אַז די סאָציאַלע רעוואָלוציע האָט נישט קיין שום ענלעכקייט מיט דער פּאָליטישער; אַז ווען אַפֿילו זי קאָן אָן פֿאַרשידנמיניקע פּאָליטישע רעוואָלוציעס נישט ווערן לעבעדיק און נישט בלייבן לעבעדיק, איז עס אָבער, פֿונדעסטוועגן מער נישט ווי אַ פֿרידלעכער אויפֿבוי, אָן אָרגאַניזירן מתוך אַ נייעם גייסט און לשם אַ נייעם גייסט״. און ווייטער: „פֿונדעסטוועגן איז עס אַזוי ווי גאָטפֿריד קעלער האָט געזאָגט: דער פֿרייהייטס לעצטער ניצחון וועט זיין טרוקן. פּאָליטישע רעוואָלוציעס וועלן מאַכן פֿריי דעם באָדן אינעם בוכשטעבלעכן און אין יעדן אַנדערן זין, אָבער אייגנצייטיק וועלן די אינסטיטוציעס זיין צוגעגרייט, און אין זיי וועט קאָנען לעבן דער בונד פֿון די פֿאַרוואַלטנדיקע געזעלשאַפֿטן, וועלכער איז באַשטימט פֿאַר דעם צוועק

אויסצולייזן דעם גייסט, וועלכער זיצט אַ געפאַנגענער הינטער דעם שטאַט״. אָבער דידאַזיקע צוגרייטונג, די אמתדיקע „אומוואַנדלונג פון דער געזעל־שאַפט, קאָן קומען נאָר אין ליבשאַפט, מיט אַרבעט אין שטילקייט״. פון דעם איז באַשיימפּערלעך, אַז דער גייסט, וועלכער דאַרף „אויסגעלייזט״ ווערן, דאַרף נאָך פון פריִער זיין לעבעדיק אין די מענטשן אין אַזאַ גענוגנדיקער מאָס, בכדי זי זאָל זיין ביכולת צוצוגרייטן די אינסטיטוציעס און דורכפירן פאַר זיי די רעוואָלוציע ווי אַ באַפרייאונג פונעם באַדן. און ווידער פאַררופט זיך לאַנדאַוער אויף פּרודאָנען. אין דער רעוואָלוציאָנערער תקופה פון 1848 האָט ער געזאָגט צו די רעוואָלוציאָנערן: „איר, רעוואָלוציאָנערן, ווען איר טוט דאָס אַזוי, דערפירט איר צו אַ גרויסן איבערקער״. אָבער שפּעטער, אַן אַנטוישטער, האָט ער געהאַט צו טאָן עפּעס אַנדערש איידער איבערצוחזרן די ווערטער פון דער רעוואָלוציע. „אַלעס האָט זיין צייט; און יעדע צייט נאָך דער רעוואָלוציע איז אַ צייט פאַר דער רעוואָלוציע פאַר אַלע יענע, וועמעס לעבן ס'איז נישט פאַרבליבן אינעם גרויסן מאָמענט פון דער פאַר־גאַנגענהייט. פּרודאָן האָט ווייטער געלעבט, הגם ער האָט געבלוטיקט פון מער ווי פון איין ווונד; ער האָט זיך איצט געפרעגט: ווען איר טוט דאָס אַזוי, האָב איך געזאָגט, אָבער פאַרוואָס האָבן זיי עס אַזוי נישט געטאָן? ער האָט געפונען די תשובה און ער האָט זי פאַרפיקסירט אין אַלע זיינע שפּע־טערדיקע ווערק. דאָס איז די תשובה, וועלכע הייסט אין אונדזער לשון: ווייל ס'האָט געפעלט דער גייסט״.

און ווידער האָבן מיר צו פאַרדאַנקען לאַנדאַוערן אַ וועזנטלעכע אויפ־קלערונג אין פאַרהעלטעניש צו קראָפּאָטקינען. בכדי די פּאָליטישע רעוואָלו־ציע זאָל קאָנען דינען דער סאָציאַלער רעוואָלוציע, זיינען נייטיק דריי פאַקטאָרן: ראשית: די רעוואָלוציאָנערן מוזן זיין מענטשן מיט אַ פעסטן ווילן, בכדי פריי צו מאַכן דעם באַדן פאַרן פאַראַנענעם קאָלעקטיוון עשירות און עס נאָכדעם איבערצוגעבן אין אַ פאַרבאַנד פון די געזעלשאַפטן, וועלכער וועט אויף דעם סמך אויסגעבויט ווערן; שנית: דאָס קאָלעקטיווע עשירות מוז זיין צוגעגרייט אין אינסטיטוציעס אויף אַזאַ אופן, אַז עס זאָל נאָכן באַפרייען פונעם באַדן קאָנען אויסגעבויט ווערן, בהסכם מיטן ציל, און שלישית: דער צוגרייט מוז דורכגעפירט ווערן אין אמתן קאָמוניטאַרן גייסט.

אַט דאָס דריטע, דעם „גייסט״, האָט קיין איינער פון די פריִערדיקע סאָציאַליסטן נישט דערקענט אַזוי טיף ווי לאַנדאַוער אין זיין באַטייט פאַר דער נייער סאָציאַלער שאַפונג. ס'איז גענוג איינצוזען און צו באַנעמען, וואָס

ער האָט געמיינט דערמיט, — בתנאי, פאַרשטייט זיך, אַז מ׳זאָל נישט פרע־טענדירן צו פאַרשטיין און אָנצונעמען די גייסטיקע ווירקלעכקייט ווי אַ פראָדוקט און אָפשפיגלונג פונעם מאַטעריעלן, ווי דאָס בלויזע „באַוווסטזיין", וועלכעס ווערט באַשטימט פון אַ „זיין", וועלכן מ׳קאָן תופס זיין אין די עקאָנאָמיש־טעכנישע פאַרהעלטענישן, נייערט זען אין איר אַן אייגנטאַרטיקן יש, וועלכער שטייט אין אַן ענגער באַאיינפלוסנדיקער קעגנזייטיקער ווירקונג, הגם עס מוז צוליב דעם נישט דערקלערט ווערן פון קיין שום קוקווינקל אויף אַ געניוגנדיקן אופן.

„אַ מדרגה פון הויכער קולטור", זאָגט לאַנדאַוער, „ווערט דערגרייכט דאָרט, וווּ די פאַרשידנאַרטיקע געזעלשאַפטלעכע סטרוקטורן, וועלכע זיינען אויסשליסלעכע און באַשטייען זעלבסטשטענדיק נעבנאַנאַנדער, זיינען אַלע אָנגעפילט מיט אַן איינהייטלעכן גייסט, וועלכער וווינט נישט אין דידאָזיקע געשטאַלטיקונגען און איז נישט אַרויסגעקומען פון זיי, נייערט שוועבט איבער זיי ווי אַ זעלבסטשטענדיקייט און ווי עפּעס זעלבסטפאַרשטענדלעכס. מיט אַנדערע ווערטער: צו אַ מדרגה פון אַ הויכער קולטור קומט עס דאָרט, וווּ די איינהייט אין דער פאַרשידנאַרטיקייט פון די פאָרמען פון אָרגאַניזאַציע און פון די איבעראינדיווידועלע געשטאַלטיקונגען עקזיסטירט נישט ווי אַן אויסערלעכער כוח פון מאַכט, נייערט איז אַזאַ אָריענטירנדיקער גייסט, וועלכער איז פאַראַן אין די אינדיווידן גופא איבער די ערדיש־מאַטעריעלע אינטערעסן". ווי אַ ביישפּיל ברענגט לאַנדאַוער דעם קריסטלעכן מיטאַלטער (פאַקטיש אין דער געשיכטע פונעם מערב די איינציקע עפּאָכע, וועלכע מ׳קאָן אין דעם פרט פאַרגלייכן מיט די גרויסע קולטורן פונעם מזרח). ער זעט עס נישט ווי רעפּרעזענטירט דורך די אָדער יענע פאָרמען פונעם געזעלשאַפטלעכן לעבן, ווי די מאַרק־בשותפותדיקייט פונעם דאָרף, די צעכן, חברות און ברידערשאַפטן פון די שטאַנדן, די שטאָטישע פאַרבאַנדן, פונקט אַזוי ווי ער זעט עס נישט דורכן פעאָדאַליסטישן סיסטעם, דורך קירכן און קלויסטערס, דורך פאַרבאַנדן פון קאַוואַלירן, נייערט ער זעט עס כאַראַקטעריזירט דורך דעמדאָזיקן „געזאַמל פון זעלבסטשטענדיקייטן, וועלכע האָבן זיך קעגנזייטיק דורכגעדרונגען און געשאַפן אַ „חברה פון חברות". דאָס אַלעס, וואָס האָט די פילאַרטיק דיפערענצירטע חברות צוזאַמענגעהאַלטן און זיי צונויפגענומען „ווי אַ העכערן איינס כמו אַ פּיראַמידע, וועמעס שפּיצן זיינען נישט געווען ממשלה און נישט געווען אומזעבאַר אין דער לופט, — דאָס איז געווען דער גייסט, וועלכער איז אַריינגעשטראָמט אין אָט־די אַלע שאַ־

פונגען פונעם כאַראַקטער און פון די נשמות פון די יחידים און פון זיי אַזוי פאַרשטאַרקט געוואָרן, איז ער ווידער צוריקגעשטראָמט צו די מענטשן". צי קאָן מען אַרויסרופן אָט־דעם כלל־גייסט אין אַזאַ צייט ווי ס'איז די אונדזערי־קע, „אין אַ צייט פון גייסטלאָזיקייט, במילא פון געוואַלט; אין אַ צייט פון גייסט־לאָזיקייט, במילא פון מעכטיק־אָנגעשפּאַנטן גייסט ביי איינצלנע אינדיווידן; אין אַ צייט פונעם אינדיווידואַליזם און דעריבער פון דער אַטאָמיזירונג און פון די אַנטוואָרצלטע און אין שטויב פאַרוואַנדלטע מאַסן; אין אַ צייט אָן גייסט און דעריבער אָן אמת"? ס'איז „אַ צייט פון ירידה און דעריבער פון איבער־גאַנג". און ווייל דאָס איז אַזוי, ווערט אין איר, און טאַקע דווקא אין איר, דער גייסט, דורך אַ גזירה און שבועה, געצוווּנגען, אַז ער זאָל זיך באַווייזן; אַזעלכע גזירות און חרמס זיינען די רעוואָלוציעס. אָבער דאָס, וואָס גרייט אים צו דאָס אָרט, די איינבירגערונג, איז די פאַרווירקלעכונג. „פּונקט אַזוי ווי די ראַיאָנען בשותפותדיקע אָנשטאַלטן און אַזוי פיל אַנדערע אינסטיטוציעס פון צונויפנעמונג און איניקונג האָבן שוין עקזיסטירט נאָך פריער פאַרן גייסט, וועלכער האָט זיי דורכגעדרונגען און פון זיי געמאַכט דאָס, וואָס זיי זיינען געווען און וואָס זיי האָבן באַטייט פאַר דער קריסטלעכער תקופה, און פּונקט אַזוי ווי ס'איז פאַראַן אַ מין גיין נאָך איידער ס'זיינען פאַראַן פיס און פּונקט אַזוי ווי אָט־דער מין גיין שאַפט און געשטאַלטיקט אויס די פיס, פּונקט אַזוי וועט עס נישט זיין דער גייסט, וועלכער וועט אונדז אַרויסשיקן אויפן וועג, נייערט אונדזער וועג איז עס, וועלכער דערפירט אין אונדז צו זיין אַנטשטיי". אָבער דערדאָזיקער וועג פירט צו דעם, „אַז אַזעלכע מענטשן, וועלכע זיינען דערגאַנגען צו דער דערקענטעניש און צו דער אינערלעכער איבערצייגונג, אַז ס'איז נישט מעגלעך צו קאָנען ווייטער לעבן אַזוי ווי ביז איצט, מוזן זיך צונויפנעמען אין גרופּירונגען און שטעלן זייער אַרבעט אין דינסט פון זייער באַדערפעניש. אין מושבות, אין קאָאָפּע־ראַטיווען, און אַפילו לייזנדיק דחקות". דער גייסט, וועלכער באַוועגט די־דאָזיקע מענטשן, שטויסט זיי אויף זייער בשותפותדיקן וועג, אויף דעמ־דאָזיקן וועג, און נאָר אויף אים אַליין, קאָן ער זיך פאַרוואַנדלען אין אַ נייעם כללישן גייסט. „מיר, סאָציאַליסטן, ווילן געבן דעם גייסט אַזאַ כאַראַק־טער און אַזאַ רעאַליטעט, באופן אַז ער זאָל, ווי אַ פאַרבינדנדיקער גייסט, פירן די מענטשן צו זייער בשותפותדיקייט. מיר, סאָציאַליסטן, ווילן מאַכן דעם גייסט זינלעך און קערפּערלעך; מיר ווילן אים לאָזן זיין אַקטיוו און טאַקע אַזוי אַרום וועלן מיר באַווייזן צו פאַרגייסטיקן די חושים און דאָס

ערדישע לעבן״. אָבער בכדי דאָס זאָל אַזוי זיין מוז אָפּגעהיט ווערן זאָרג־פעליק דאָס פייער פונעם גייסט אין די מושבות, אַז ס׳זאָל נישט פאַרלאָשן ווערן. נאָר דורכן לעבעדיקן גייסט קאָנען זיי זיין פאַרווירקלעכונג און אַן אים — אַן אָפּנאַרעניש. אויב אָבער דער גייסט לעבט אין זיי, דעמאָלט קאָן ער פון זיי גופא אַרויסשפּראָצן אין דער וועלט אַריין און זיך באַזעצן אין די אַלע אַנשטאַלטן פון קאָאָפּעראַציע און אַסאָציאַציע, וועלכע זיינען אָן אים פוסטע בנינים, אוטיליטאַרע אַנשטאַלטן אָן אַ ציל. „מיר ווילן דערפירן צום סאָציאַליזם יענע קהלהשע אַנשטאַלטן, וועלכע האָבן אַ סאָציאַליסטישע פאָרעם אָן סאָציאַליסטישן גייסט; מיר ווילן דערפירן צום סאָציאַליזם די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, וועלכע האָבן מוטיקייט, אָבער נישט קיין ציל, — מיר ווילן זיי דערפירן צום סאָציאַליזם, צו גרויסע נסיונות״. סאָציאַליזם, זאָגט לאַנדאַוער (1915), „איז דער פּרווו צו דערפירן דאָך בשותפותדיקע צוזאַמענלעבן פון די מענטשן צו פאַרבינדונג בתוך פרייהייט אויפן יסוד פון בשותפותדיקן גייסט, דאָס הייסט, צו רעליגיע״. דאָס איז מסתמא דאָס איינציקע אָרט, ווו דערדאָזיקער מענטש, וועלכער האָט תמיד אָפּגעוואָרפן יעדן מין רעליגיעזע סימבאָליק פון אונדזער צייט און יעדן מין רעליגיעזע אמונה, זאָגט־אַרויס דאָס וואָרט „רעליגיע״ אין אָט־דעם פּאָזיטיוון זין, — ער זאָגט עס אַרויס ווי דעם אויסדרוק פון דעם, צו וואָס ער לעכצט: פאַר־בינדונג אין פרייהייט אויפן יסוד פון אַ כללישן גייסט.

אויף דעם דאַרף מען נישט וואַרטן, — דאָס דאַרף „געפּרוווט״ ווערן, מיט דעם דאַרף אָנגעהויבן ווערן, לאַנדאַוער, וועלכער אָריענטירט זיך לויטן כללישן, בשותפותדיקן גייסט, ווייס, אַז ס׳איז פאַר אים נישט פאַראַן קיין מקום פאַרן גייסט אָן באַדן, דאָס הייסט, אַז ס׳איז פאַר אים פאַראַן אַ מקום נאָר באופן, ווען דער באָדן איז ווידער געוואָרן דער אָביעקט פון געמיינ־שאַפטלעכן, בשותפותדיקן לעבן און כללישער אַרבעט פון מענטשן. „דער גערונגל פונעם סאָציאַליזם איז אַ געראַנגל פאַרן באָדן״. בכדי אָבער ס׳זאָל קומען צום גרויסן איבערקער אינעם ענין פונעם פאַרהעלטעניש מכוח דעם באַזיץ פונעם באָדן — אַזוי זאָגט זיך אין די צוועלף פּונקטן פונעם סאָציאַ־ליסטישן בונד, וועלכע לאַנדאַוער האָט באַגרינדעט — „מוזן די אַרבעטנדיקע מענטשן, קודם־כל אויפן יסוד פון די אַנשטאַלטן פון בשותפותדיקן גייסט, וועלכער איז דער סאָציאַליסטישער קאַפּיטאַל, שאַפן אַזוי פיל סאָציאַליס־טישע ווירקלעכקייט און עס באַווייזן מוסטערהאַפטיק אויף וויפל דאָס איז נאָר מעגלעך אין דער מדרגה פון זייער צאָל און ענערגיע״. מיט דעם קאָן

אָנגעהויבן ווערן. „קיין שום זאַך קאָן נישט שטערן די פּאַראייניקטע קאָנסומענטן צו אַרבעטן פאַר זיך גופא מיט דער הילף פון קעגנזייטיקן קרעדיט; אויפצובויען פאַר זיך פאַבריקן, וואַרשטאַטן, הייזער און זיך איינצושאַפן באָדן; קיין שום זאַך קאָן זיי נישט שטערן, אויב נאָר זיי ווילן עס און הייבן־אָן". דאָס איז דער אויסזען פון דער געמיינדע ווי אַ „יסודותדיקע פאָרעם" פון דער נייער געזעלשאַפט, וועלכן לאַנדאַוער האָט פאַרטראַכט, דער אויסזען פונעם סאָציאַליסטישן דאָרף. „דאָס סאָציאַליסטישע דאָרף, מיט וואַרשטאַטן און דאָרפספאַבריקן", זאָגט לאַנדאַוער (1909), זיך האַלטנדיק ביי קראָפּאָטקינס געדאַנקענגאַנג, „מיט לאָנקעס און אַקערפעלד און גאָרטנס, מיט קליינע און גרויסע בהמות און עופות — איר גרויסשטאָטישע פּראָלעטאַריער, געווינט אייך צו צום געדאַנק, און מעג זיך עס אייך לכתחילה אויסווייזן נאָך אַזוי מאָדנע און משונהדיק, אַז דאָס איז די איינציקע התחלה פון אַ ווירקלעכקייט־סאָציאַליזם, וועלכער איז נאָך פאַרבליבן". פון אָט־דעם, לויטן אויסזען אַזוי לייכטן, פון דעם, אויב ס'אַנטשטייט יאָ צי נישט, איז עס בעיקר אָפּהענגיק, צי די רעוואָלוציע וועט שוין געפינען פון פריער עפּעס צוגעגרייטס, פאַר וועלכן זי דאַרף אויסקעמפן שטח און מאַכט, — מחמת דאָס צו שאַפן אַליין איז די רעוואָלוציאָנערע שעה גופא נישט מסוגל. און טאַקע פון דעם, צי זי געפינט שוין עפּעס פון פריער צוגעגרייטס און פאַרזיכערט פאַר אים די פולע אַנטוויקלונג, איז אין תוך אָפּהענגיק, צי חוץ דער פּאָליטישער הצלחה וועט זיך אויך אויף זייערע פעלדער אויסצייטיקן סאָציאַליסטישע פּרוכט.

אויב אָבער ס'איז נישטאָ קיין שום אַנדערע התחלה איך יאָדער פאַר דער צוקונפט ווי בלויז דאָס, וואָס מענטשן האָבן איצט און דאָ געשאַפן אונטער דער ממשלה פונעם קאַפּיטאַליזם, מיט זייער צוזאַמענדיקן לעבן, מיט זייער בשותפותדיקייט פונעם לעבן, אויפגעבויט און דורכגעפירט אויפן יסוד פון שותפותדיקייט פון פּראָדוקציע און קאָנסום, נישט געקוקט אויף דער שווערער מי, נויט און אַנטוישונגען, — ווען אַפילו דאָס זאָל אַזוי זיין, איז אָבער לאַנדאַוער ווייט פון דעם צו באַטראַכטן דאָס אַזוי אַנטשטייענדיקע און געשאַפענע ווי די ענדגילטיקע פאָרעם פון דער פאַרווירקלעכונג. פּונקט אַזוי ווי פּרודאָן און קראָפּאָטקין, האַלט אויך ער נישט פון קיין שום פון פאָרויס פעסט פאָרמולירטער איינציקאַרטיקער סאָציאַליסטישער גאַרעניש אויפן סמך פון דעם, וואָס דער היינטיקער מענטש האָט אויסגעחלומט און איינגעזען, פאַרטראַכט און אויסגעפּלאַנט. לאַנדאַוער זעט אַפילו אין „די

משונהדיקייט פון דעם, וואָס דערדאָזיקער געצוווּנגענער אָנה״יב פונעם סאָ־
משונהדיקייט פון דעם, וואָס דערדאָזיקער געצוווּנגענער אָנהייב פונעם סאָ־
ציאַליזם פון דער מינדערהייט, דער מושב, האָט אַ היפּשע ענלעכקייט מיטן אָבער „די הויפּטזאַך״ פאַר אים איז, „אַז מיר ווילן אָט־דעם קאָמוניזם־ענלעכן צושטאַנד נישט ווי אַן אידעאַל, נייערט, אַז מיר אַקצעפּטירן אים צוליב דעם סאָציאַליזם, ווי אַ נויטווענדיקייט, ווי אַ התחלהדיקן שטאַדיום, מחמת מיר זיינען די אָנהייבנדיקע״. פון דאַנעט און ווייטער זאָל דער וועג „אַזוי שנעל ווי מעגלעך״ פירן צו אַ געזעלשאַפט, אין וועמענס געשטאַלט, וועלכעס לאַנדאַוער האָט אָנגעצייכנט בלויז אין אַלגעמיינע שטריכן, ער שמעלצט־צונויף פּרודאָנס און קראָפּאָטקינס אידייען: אַ „געזעלשאַפט פון גלייכהייט־לעכן אויטויש״, וועלכע „זאָל זיך סומך זיין אויף דער געמיינדע, דער דאָרפישער גמינע, וועלכע פאַראייניקט לאַנדווירטשאַפט און אינדוסטריע״. אָבער אויך אין דעם זעט לאַנדאַוער בשום אופן נישט דעם אַבסאָלוטן ציל, נייערט דאָס, צו וואָס עס קאָן לכתחילה געשטרעבט ווערן: „אַזוי ווייט מיר זיינען אימשטאַנד צו זען אין דער צוקונפט״. יעדער עכטער סאָציאַליזם איז אַ רעלאַטיווער. „דער קאָמוניזם אָריענטירט זיך צום אַבסאָלוטן און ס׳פּאַר־שטייט זיך, אַז ער קאָן צו אים נישט געפינען קיין אַנדערע התחלה ווי דאָס וואָרט. מחמת דער אַבסאָלוט איז דאָך נישט עפּעס אַנדערש ווי ווערטער, ווען מ׳שיידט אים אָפּ פון דער ווירקלעכקייט״.

סאָציאַליזם קאָן קיינמאָל נישט זיין עפּעס אַזוינס ווי אַבסאָלוטס. סאָציאַליזם איז דאָס רעספּעקטיווע אַנטשטיין פון מענטשלעכער געמיינ־שאַפטלעכקייטביים מענטשלעכן מין באופן און אין דער געשטאַלט פון דעם, וואָס ס׳איז ביי רעספּעקטיוו פאַראַנענע באַדינגונגען מעגלעך צו וועלן און צו טאָן. פאַר יעדער רעאַליזירטקייט איז פאַראַן די סכנה פון פאַרשטאַרט־קייט, פאַרגליווערטקייט; דאָס, וואָס איז היינט גליענדיק לעבעדיק, קאָן מאָרגן פאַרשטייפט ווערן און שטיקן און דריקן דאָס, וואָס רייסט זיך אַרויס. „אומע־טום, ווו קולטור און פרייהייט ווינען צוזאַמען פאַרייניקט, מוזן די פאַרשידענע פאַראייניקונגען פונעם סדר זיך קעגנזייטיק דערגאַנצן און די באַטרעפנדיקע פאַראייניקונג מוז אין זיך אַנטהאַלטן דעם פּרינציפּ פון אויפלייזונג, צעלאָ־זונג... אין אַ צייט פון עכטער קולטור אַנטהאַלט, למשל, אין זיך דער סדר פון פּריוואַטאייגנטום, ווי אַ רעוואָלוציאָנערן, אויפלייזנדיקן און פונדאַסניי אויסשדרנדיקן פּרינציפּ, דעם איינפיר פון „ס׳יסאכטייאַ אָדער דעם יובל־יאָר״. אמתער סאָציאַליזם שטייט אויף דער וואַך און היט־אָפּ די קראַפט

פון דער באַנייאונג. „קיין שום ענדגילטיקע זיכערקייטס־תקנות דאַרפן נישט צוגעגרייט ווערן פאַרן טויזנטיעריקן מלכות אָדער פאַר דער אייביקייט, נייערט צו שאַפן אַ גרויסן און אַרומנעמענדיקן גלייכגעוויכט און דעם ווילן פעריאָדיש פונדאַסניי איינצושטעלן אָט־די גלייכגעוויכטיקייט... „תעבירו שופר בכל ארצכם“! דאָ זאָלסטו לאָזן בלאָזן דעם שופר איבער אייער גאַנצן לאַנד! דער שופר איז דאָס קול פונעם גייסט... די מרידה ווי אַ סדר, די אומוואַנדלונג און איבערגעשטאַלטיקונג ווי אַן איין פאַר אַלע מאָל פאָרויס־באַשטימטער כלל, דער סדר דורכן גייסט אין דער בחינה פון אַ פאָרויסיקער כוונה, — דאָס איז געווען דאָס גרויסע און הייליקע אין דעם פון משהן געשאַפענעם געזעלשאַפטלעכן סדר. דאָס דאַרפן מיר האָבן באַנייס, — אַ נייע רעגולאַציע און איבערקער דורכן גייסט, וועלכער וועט נישט באַשטימען ענדגילטיק קיין זאַכן און אינסטיטוציעס, נייערט ער וועט זיך אַליין דערקלערן ווי פּערמאַנענט. די רעוואָלוציע מוז ווערן אַ צוגאָב צו אונדזער געזעלשאַפטלעכן סדר, מוז ווערן דער יסוד פון אונדזער קאָנסטיטוציע“.

# פּרוון

אויפֿן נעמלעכן פּשוטן אופֿן ווי מ׳האָט געשטעמפּלט ווי „אוטאָפּיש״ די ערשטע סאָציאַליסטן, אַזוי האָט מען אויך געשטעמפּלט ווי „ראָמאַנטיש״ די צוויי גרויסע כוואַליעס פֿון דער קאָאָפּעראַטיוויסטישער באַוועגונג, וועלכע האָבן אַרום די יאָרן 1839 און 1848 אויפֿגערודערט דעם בעסטן טייל פֿונעם אַרבעטנדיקן פֿאָלק אין ענגלאַנד און פֿראַנקרייך, און מיט נישט גרעסערער באַרעכטיקונג, אינוויפֿערן ס׳איז אונטער אָט־דעם באַגריף צו פֿאַרשטיין די חלומהאַפֿטיקייט און וועלטפֿרעמדקייט פֿון אַ לעבנסאָנשויאונג. ווי אַן אויסדרוק פֿון טיפֿאַרומנעמענדיקע קריזיסן, וועלכע האָבן באַגלייט די מעכאַניזירונג פֿון דער מאָדערנער ווירטשאַפֿט, זיינען זיי געווען נישט מינדערווערטיק ווי די פּאָליטישע באַוועגונג, — דער טשאַרטיזם אין ענגלאַנד און די צוויי רעוואָלוציעס אין פֿראַנקרייך. אָבער אין היפּוך צו זיי, וועלכע זיינען אויסן געווען איינצופֿירן אַן ענדערונג אין דער קאָנסטיטוציע און אין דער פּאָזיציע פֿון דער מאַכט, האָבן די קאָאָפּעראַטיוויסטישע באַוועגונגען געוואָלט אָנהייבן שאַפֿן אַ סאָציאַלע ווירקלעכקייט, אָן וועלכער קיין שום ענדערונג אין די יורידישע פֿאַרהעלטענישן קאָן נישט דערפֿירן צו דער פֿאַרווירקלעכונג פֿונעם סאָציאַליזם. מ׳האָט זיי פֿאָרגעוואָרפֿן, אַז זיי שאַצן־אָפּ צו הויך דעם אָנטייל פֿונעם מענטשן אין דער אומוואַנדלונג און צו נידעריק דעם אָנטייל פֿון די פֿאַרהעלטענישן; אָבער ס׳איז נישט פֿאַראַן קיין אַנדערער וועג זיך צו דערוויסן די מאָס פֿונעם מענטשס מעגלעכקייטן אין אַ געוויסער געשאַפֿענער סיטואַציע ווי נאָר צו פֿאַרלאַנגען פֿון אים דאָס אויסערגעוויינלעכע, בכדי צו ענדערן סיי אים, פּונקט אַזוי ווי די סיטואַציע. ס׳איז אמת, אַז די „העראָאישע״ פּאָרמען פֿון קאָאָפּעראַטיוון סדר האָבן אויסגערעכנט אויף אַזאַ געטרייקייט און קרבנות־גרייטקייט פֿון זייערע

מיטגלידער, וועלכע זיי זיינען נישט געווען ביכולת נאָכצוקומען, לפּחות נישט אויף כסדר, באַשטענדיק; אָבער דאָס איז בשום אופן נישט קיין באַווייז, אַז געטריישאַפט און קרבנות־גרייטקייט קאָנען טאַקע יאָ מעגלעך זיין אין אויסנעמלעכע צייטן, בעת פּאָליטישע איבערקערענישן, אָבער זיי קאָנען נישט זיין בנמצא אין אַ געװױנגדיקער מאָס אין דער טאָגטעגלעכקייט פונעם עקאָנאָמישן לעבן. ס'איז נישט שווער חוזק צו מאַכן דעריבער און זאָגן, אַז די איניציאַטאָרס פון דער קאָאָפּעראַטיוויסטישער באַוועגונג „האָבן אַוועקגעשטעלט דעם אידעאַלן מענטש אויפן אָרט פונעם ראַיעלן"; אָבער דער פאַקט איז, אַז דער „ראַיעלער" מענטש דערנענטערט זיך צום „אידעאַלן" דווקא דעמאָלט, ווען מען דערוואַרט פון אים דעם דורכפיר פון אַזעלכע מעשׂים, צו וועלכע ער איז ביז צו דעם מאָמענט נישט געווען פעיִק אָדער זיך נישט געהאַלטן פאַר פעיִק צו דעם. און דאָס איז אמת נישט נאָר לגבי דעם יחיד אַליין, אַז ער „וואַקסט־אויס צוזאַמען מיט זיינע העכערע צוועקן" אָדער, בעסער געזאָגט, אַז ער איז פעיִק צו וואַקסן צוזאַמען מיט זיי. און סוף־כל־סוף איז עס אויך געווענדט פונעם ציל, פונעם צילבאַוווסטזיין און ווילן צו דערגיין צום ציל. די העראָישע תּקופה פון מאָדערנעם קאָאָפּעראַטיוויזם האָט געהאַט פאַר זיך ווי אַ ציל די איבעראַנדערשונג פון דער געזעלשאַפט, אָבער דאָס אַפּאַראַטמעסיקע, דאָס מעכאַנישע, זעט פאַר זיך אין תּוך בלויז נאָר די עקאָנאָמישע הצלחה פון דער איינצלנער קאָאָפּעראַטיווער אונטערנעמונג; די ערשטע איז דורכגעפאַלן, אָבער מיט דעם איז נאָך נישט אַרויסגעזאָגט געוואָרן דער משפּט נישט וועגן ציל און נישט וועגן דרך; די צווייטע האָט שטאַרק מצליח געווען, אָבער ווי עטאַפּן אויפן וועג צום ציל שטעלן זיי זיך, למען האמת, נישט שטאַרק אַרויס. אַ פאַרגייער פונעם ביוראָקראַטישן קאָאָפּעראַטיוויזם דריקט זיך אויס בזה הלשון וועגן דער התחלהדיקייט: „מיר דאַרפן אַרויסווייזן אונדזער גאַנצן דרך־ארץ און באַוווּנדערונג פאַר יענע באַשיידענע און יענע גלייביקע, וועלכע האָבן זיך אָריענטירט לויטן צאַפּלענדיקן פלאַם פון דער סאָציאַלער איבערצייגונג... אָבער מיר דאַרפן אָנערקענען, אַז דער העראָיזם איז נישט קיין נשמהדיקער צושטאַנד, וועלכער איז אָן און פאַר זיך מסוגל צו דערפירן צו עקאָנאָמישער הצלחה". נו, גוט, אָבער מיר דאַרפן אויך אָנערקענען, אַז די עקאָנאָמישע הצלחה איז נישט אַזאַ דערגרייכונג און דעראָבערונג, וועלכע זאָל זיין ביכולת צו דערפירן צו דער רעסטרוקטוראַציע פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט.

לאָמיר פאַרגלייכן אייניקע דאַטן פון דיביידע תּקופות פון אָט־דער

באַוועגונג, בנוגע די דריי הויפּט־מינים פון דער קאָאָפּעראַציע [אַרויסלאָזנדיק פון חשבון די קרעדיט־קאָאָפּעראַטיוועס] — קאָנסום־קאָאָפּעראַטיוו, פּראָדוציר־קאָאָפּעראַטיוו און אינטעגראַלער קאָאָפּעראַטיוו אויפן יסוד פון פאַראייניקונג פון פּראָדוקציע און קאָנסום. תקופה אַרום יאָר 1830: אין 1827 די ערשטע ענגלישע קאָנסום־קאָאָפּעראַטיווע אין מאָדערנעם זין אונטער דער השפּעה פון די אידייען, וועלכע ס'האָט אויסגעאַרבעט וויליאַם קינגס; אין 1832 די ערשטע פראַנצויזישע פּראָדוציר־קאָאָפּעראַטיווע, איינגעאָרדנט לויט בושעס פּלענער, און צווישן זיי ביידע — אָוענס און זיינע אָנהענגערס קאָלאָניזירונגס־עקספּערימענטן, דער אַמעריקאַנער און דער ענגלישער. תקופה אַרום 1848: קודם־כל די קאָנסום־קאָאָפּעראַטיווע פון די וועבער פון ראָשדייל; דערנאָך לואי בלאַנס „באַציאָנאַלע וואַרשטאַטן" און ענלעכע צו זיי; לסוף, ווי אַ סאַטירישער שפּיל, קאַבעס טראַגיקאָמישע „איקאַריאַ־אונטערנעמונג" (קאַבע איז געווען אַן אמתער אוטאָפּיסט אין נעגאַטיוון זין, אַ סאָציאַלער קאָנסטרוקטאָר אָן אַן אייגנטלעכער פאַרשטענדעניש פאַר די מענטשלעכע יסודות) ביים ברעג פונעם מיסיסיפּי. עס זאָל דאָ גערעדט ווערן וועגן זיי ווי וועגן פּרוּוון פון פאַרווירקלעכונג פונעם אוטאָפּישן סאָציאַליזם נאָר אויף אַזוי ווייט, אויף וויפל דאָס איז נייטיק פאַר דער כוונה פון אָט־דעם בוך.

קינג און בושע זיינען ביידע געווען מעדיקער און ביידע זיינען זיי, אין היפוך צו אָוענען, וועלכער האָט געפירט דעם קאַמף קעגן דער רעליגיע ווי אַ הויפּטמיסיע פון זיין לעבן, געווען גלייביקע קריסטן, דער ערשטער אַ פּראָטעסטאַנט און דער צווייטער אַ קאַטויליק. דאָס איז ניט אָן אַ באַטייט. פאַר אָוענען איז דער סאָציאַליזם געווען אַ פּרוכט פון דער פאַרנונפט, פאַר קינגן און בושען — די רעאַליזירונג פון די פּרינציפּן פון קריסטנטום אינעם שטח פונעם עפנטלעכן לעבן. ביידע האָבן געהאַלטן, ווי בושע זאָגט, אַז ס'איז געקומען די צייט „צו פאַרוואַנדלען די דאָקטרינען פונעם קריסטנטום אין סאָציאַלע אינסטיטוציעס". דאָסדאָזיקע רעליגיעזע גרונטגעפיל האָט שטאַרק משפּיע געווען אויף ביידנס שטעלונג און ביי קינגן, וועלכער איז געשטאַנען נאָענט צו די קוויקערס און מיט זיי צוזאַמען אַקטויִרט, האָט עס אויך געווירקט אויפן טאָן פון זיינע רייד: אומעטום פילן מיר דאָ די קאָנקרעטע, אוממיטלבאַרע, פון דער טיפעניש־קומענדיקער זאָרג פאַרן מיטמענטש, פאַר זיין נשמה און לעבן.

מיט רעכט האָט מען קינגן אין אונדזער צייט, ווען מ'האָט אים אַרויסגע־

הויבן פון דער פֿאַרגעסנקייט, באַצייכנט ווי דעם ערשטן און גרעסטן טעאָ־
רעטיקער פון ענגלישן קאָאָפּעראַטיוויזם. ער האָט נאָך אָבער חוץ דעם
געהאַט די גאָב פון דעם זאַכלעכן וואָרט, מיט וועמעס הילף ער איז געווען
אימשטאַנד אויפצוקלערן פאַר אַלעמען דעם תמצית פון דעם. וועגן וואָס ער
האָט גערעדט. אין דער גאַנצער ליטעראַטור וועגן קאָאָפּעראַטיוויזם קען איך
נישט גאָרנישט, וועלכעס זאָל מאַכן אַזאַ שטאַרקן איינדרוק פון פאָלקסטימ־
לעכן און איינצייטיק אויך פון קלאַסישן ווי די 28 קליינע ביכעלעך פון
דער צייטשריפט „די קאָאָפּערייטאָר“, וועלכע קינג האָט פון די יאָרן 1828
ביז 1830 אָנגעשריבן און אַרויסגעגעבן, בכדי צו אַריענטירן די מענטשן,
וועלכע זיינען געווען אַקטיוו פאַר זיינע אידייען. אַגב האָט ער אויך איינציי־
טיק געהאַט אַזאַ טיפקייט און קלאָרקייט פון דער סאָציאַליסטישער דער־
קענטעניש ווי קיין איינער פון זיינע צייט־חברים, מיטן אויסנאַם פונעם וויסנ־
שאַפטלעכערן, הגם אויך אַבסטראַקטער דענקנדיקן, וויליאַם טאָמפּסאָן. ער
באַזירט זיך אויף דער אַרבעט, ווי „דער שורש פונעם בוים, און מעג ער
האָבן אויסגעוואָקסן נאָך אַזוי גרויס“. די אַרבעט איז „אין דעם זין אַלץ“.
די אַרבעטנדיקע שיכטן „האָבן דעם מאָנאָפּאָל פון אָט־דעם אַרטיקל“. קיין
שום כוח קאָן זיי פון דעם נישט באַרויבן, מחמת יעדער מין מאַכט איז
דאָך „נישט עפּעס אַנדערש ווי די מאַכט אָנצופירן מיט דער אַרבעט פון
די אַרבעטנדיקע קלאַסן“. וואָס עס פעלט זיי, איז קאַפּיטאַל, דאָס הייסט,
האָבן די שליטה איבער די מאַשינען און די מעגלעכקייט זיך אַליין אויסצו־
האַלטן בשעת זיי אַרבעטן. אָבער „יעדער מין קאַפּיטאַל איז געמאַכט גע־
וואָרן פון אַרבעט“ און „ס'איז לגמרי גאָרנישט אָן און פאַר זיך“, עס מוז
זיך ווידער פאַראייניקן מיט אַרבעט, בכדי צו זיין פּראָדוקטיוו. אָט־די דאָ־
זיקע פאַראייניקונג פירט עס דער קאַפּיטאַל איצט דורך אויף דעם אופן,
אַז „ס'קויפט און פאַרקויפט דעם אַרבעטער ווי אַ בהמה“. די אמתע פאַראיי־
ניקונג, דעם „נאַטירלעכן בונד“, קאָנען די אַרבעטנדיקע קלאַסן דורכפירן
אַליין, אָבער זיי ווייסן דאָס נישט. זיי קאָנען דאָס אָבער יאָ, בתנאי ווען
זיי נעמען זיך צונויף, קאָאָפּערירן, שאַפן בשותפותדיקן קאַפּיטאַל, ווערן
אומאָפּהענגיק. קינג נעמט־אויף מיט ליידנשאַפט דעם שוין פאַר אים פון
טאָמפּסאָנען אַרויסגעזאָגטן געדאַנק מכוח קאָאָפּעראַציע ווי די פאָרעם פון
פּראָדוקציע פון דער אַרבעט. „וויבאַלד די אַרבעטער פאַראייניקן זיך אויפן
סמך פון דער אַרבעט אָנשטאָט אויפן סמך פון קאַפּיטאַל, וועלן זיי אין
אַ סך ריכטונגען אויפטרייסלען דעם שטויב, און מ'מעג זיך ריכטן, אַז דער

שטויב וועט מער פון איין אונטערנעמער מאַכן בלינד". ווען די אַרבעטער זאָלן זיך צונויפנעמען, קאָנען זיי זיך איינשאַפן דאָס געווערקציג, די מאַשינען, וועלכע זיי דאַרפן האָבן, און אַליין ווערן דער סוביעקט פון דער פּראָדוקציע אין זייער קאָאָפּעראַטיווע. זיי קאָנען זיך אָבער אויך איינשאַפן דעם באָדן. קינג ברענגט עס אַרויס דייטלעך, ווען ער זאָגט, אַז אין די קאָנסום־קאָאָפּעראַטיוועס זעט ער בלויז אַ התחלה; אַז זיין ציל, פּונקט אַזוי ווי טאָמפּסאָנס, איז די אינטעגראַלע קאָאָפּעראַטיווע. אויב נאָר זי האָט אין איר רשות גענוג קאָפּיטאַל, קאָן די „געזעלשאַפט", דאָס הייסט, די קאָנסום־קאָאָפּעראַטיווע, „זיך איינשאַפן באָדן, אויף אים לעבן, אים אַליין באַאַרבעטן, אויסאַרבעטן די פּראָדוקטן, וועלכע זי אַליין וויל, און אַזוי אַרום אַליין דעקן די באַדערפענישן אין שפּייז, הלבשה און הייזער. די געזעלשאַפט וועט דעמאָלט אָנגערופן ווערן קהילה (קאָמוניטי)". קינג ווענדט זיך אויך צו די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען צו קויפן באָדן פאַרן אָפּגעשפּאָרטן געלט און דאָרט צו באַזעצן זייערע אַרבעטלאָזע מיטגלידער אין געמיינדעס, וווּ זיי זאָלן קודם־כל פּראָדוצירן פאַרן אייגענעם באַדאַרף. דידאָזיקע געמיינדעס וועלן אַרומנעמען נישט בלויז באַשטימטע אינטערעסן און פונקציעס פון די חברים, נייערט אויך זייער לעבן, אינוויווייט זיי ווילן און קאָנען לעבן בשותפות. אָבער די לעבנס־בשותפותדיקייט וואָלט געדאַרפט עקזיסטירן, ווען אַפילו זי קאָן זיך אַנטוויקלען און ווערן אַ פולשטענדיקע ווירקלעכקייט נאָר און ערשט אין אַן אינטעגראַלער קאָאָפּעראַטיווע, בהסכם מיט איר נשמהדיקן איינשטעל, שוין פון פריִער, אין דער באַציִונג צווישן די מיטגלידער פון דער קאָנסום־קאָאָפּעראַטיווע. קינג טראַכט אָבער דערביי נישט בלויז וועגן אַן אומפּערזענלעכער סאָלידאַריטעט, נייערט אין אַזאַ סאָלידאַריטעט, וועלכע, הגם זי זאָל בדרך כלל בלייבן לאַטענט, זאָל זי אָבער שטענדיק קאָנען זיך אויסדריקן אין אַן אַרומנעמענדיקער פּערזענלעכער שייכות, אין אַ „סימפּאַטיע", וועלכע „זאָל ווירקן מיט נייע ענערגיעס און ביי געלעגנהייטן אַפילו זיך קאָנען דערהייבן צו באַגייסטערונג". דעריבער דאַרפן צוגעלאָזן ווערן נאָר מיטגלידער, וועלכע זיינען מסוגל צו אַזאַ באַציִונג. דער יסודותדיקער געזעץ פון דער קאָאָפּעראַציע איז, לויט קינגן, דער איינשטעל פון אמתע באַציִונגען צווישן מענטש און מענטש. „ווען עמעצער טרעט־אַריין אין אַ קאָאָפּעראַטיווער געזעלשאַפט, הייבט ער אָן האָבן אַ נייע באַציִונג צו זיין מיטמענטש; און אָט־די באַציִונג ווערט תיכף דער קעגנשטאַנד פון יעדן מין סאַנקציע, סיי מאָראַלישער ווי רעליגיעזער". איז פון דעם אַרויסצו־

דרינגען ווי אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט, אַז דידאַקטישע אידעאַלע, דידאַקטישע „הערעזישע" פאָדערונג האָט נישט געקאָנט אויפגעהאַלטן ווערן אויך ווען ס׳איז געוואָרן גרעסער די צאָל מיטגלידער אין דער קאָנסום־קאָאָפּעראַטיווע, ווען ס׳איז געוואָרן שטאַרקער די טעכניזאַציע און גרעסער די ביוראָקראַטיזאַציע; אָבער די אומגענוגנדיקייט און שוואַכקייט פון דער דאָזיקער טיילווייזער קאָאָפּעראַציע, ווען מ׳גייט־צו צום ענין פונעם קיקווינקל פון אַ רעסטרוקטוראַציע פון דער געזעלשאַפט, האָט אַ שייכות מיט דעם.

ווען וויליאַם קינג האָט אין 1830 אָנגעהויבן אַרויסגעבן דעם „קאָאָפּעריטאָר", זיינען אונטער דער השפעה פון זיין דאָקטרין אויפגעקומען 300 פאַריינען, וועלכע האָבן אָבער נישט לאַנג עקזיסטירט „צוליב דוחק אין איינהייט און צוליב מאַנגל אין אַקטיווער צוזאַמענאַרבעט פון די מיטגלידער" און צוליב דעם „גייסט פון זעלבסטזוכט", וואָס האָט צווישן זיי געהערשט, ווי איינער פון די פירער האָט געזאָגט אויפן קאָנגרעס פון יאָר 1832. די אַנטשיידנדיקע אַנטוויקלונג פון די קאָאָפּעראַטיוון, וועלכע האָבן זיך געשטיצט אויפן קאָנסום, האָט זיך אָנגעהויבן ערשט אין יאָר 1844, ווען ס׳איז זיך אין ראָשדייל צונויפגעקומען אַ קליינע גרופּע וואָלוועבער און פאָרשטייער פון אַנדערע פּראָפעסיעס, בכדי אין שווערן אינדוסטריעלן קריזיס, וועלכער האָט דעמאָלט ווידעראַמאָל אַרומגעכאַפּט ענגלאַנד, באַלד נאָכן דורכפאַל פון אַ שטרייק, זיך אַוועקצושטעלן די שאלה: „וואָס קאָנען מיר טאָן, בכדי זיך אַרויסצוראַטעווען פונעם דחקות"? געווען איינציקע צווישן זיי, וועלכע האָבן געהאַלטן, אַז יעדער איינער מוז אָנהייבן פון זיך אַליין, און דאָס איז תמיד און אין אַלע אומשטענדיקן ריכטיק אַזוי, מחמת אָן דעם קאָן גאָרנישט געלינגען, גאָרנישט געראָטן; מחמת מ׳דאַרף דאָך וויסן, אַז דאָס איז בלויז איין טייל פון דעם, וואָס מ׳דאַרף טאָן, ווען אֲפילו דער באַדייטנדיקסטער טייל; און היות זיי האָבן דאָס נישט געוווּסט, האָבן זיי פאַרגעלייגט, אַז מ׳זאָל זיך אָפּזאָגן פונעם באַנוץ פון אַלקאָהאָל, מיט וואָס זיי האָבן, פאַרשטייט זיך, נישט באַוויזן צו איבערצייגן די חברים (אגב, ווי שטאַרק וויכטיק אָט־דער פאָרלייג האָט זיך זיי פונדעסטוועגן אויסגעוויזן, איז אַרויסציזען פון דעם, וואָס שפּעטער האָט אין די סטאַטוטן פון די „רעכטפאַרטיקע פּיאָנערן פון ראָשדייל" פיגורירט צווישן די אויפגאַבן פון דער קאָאָפּעראַטיווע צו שאַפן אַ האָטעל פון אַבסטינענטן). און ס׳זיינען אויך געווען אַנדערע, וואָס האָבן באַלאַנגט צו דער טשאַרטיסטישער באַוועגונג, אָנהענגער פון ענדערן די קאָנסטיטוציע און פון פאַרכאַפן די מאַכט, וועלכע

האָבן פֿאַרגעלייגט, אַז מ׳זאָל זיך אָנשליסן צו דער פּאָליטישער אַקציע, בכדי אויסצוקעמפֿן פֿאַר דער אַרבעטערשאַפֿט דעם חלק, וואָס קומט איר אין דער געזעצגעבונג; אָבער די באַוועגונג איז שוין געהאַט אַריבערגעשפּאַנט איבער איר קולמינאַציע־פּונקט און מ׳האָט שוין פֿאַרשטאַנען, אַז דער פּאָליטישער קאַמף איז אַפֿילו נייטיק, אָבער נישט גענוג. פֿון אָוענס אייניקע אָנהענגער, וועלכע זיינען געווען צווישן די פֿאַרזאַמלטע, האָבן עטלעכע דערקלערט, אַז אין ענגלאַנד איז שוין פֿאַר זיי נישטאָ מער קיין שום האָפֿע־נונג; אַז ס׳איז נייטיק אויסצוואַנדערן און אין דער פֿרעמד זיך שאַפֿן אַ נײַ לעבן (דערביי האָבן זיי אפשר געטראַכט וועגן דער מעגלעכקייט פֿון נײַע קאָלאָניזאַציע־פּרוּוון אין אַמעריקע); אָבער אויך דאָס איז אָפּגעוואָרפֿן געוואָרן, מחמת ס׳האָט זיך אימפּאָנירט די מיינונג, אַז „טאָן״ הייסט טאָן דאָ, הייסט נישט אַנטלויפֿן פֿאַרן קריזיס, נייערט אים גובר זיין מיט די אייגענע כּוחות. די דאָזיקע כּוחות זיינען, זיכער, געווען קליינע, שוואַכע, אָבער אייניקע פֿון די וועבער, וועלכע זיינען אויף אַ געוויסן אופֿן געווען באַקאַנט מיט קינגס געדאַנקענגאַנג, האָבן אָנגעוויזן אויף דעם, אַז מ׳וואָלט געקאָנט צונויפֿנעמען די כּוחות און אין דעם פֿאַל וואָלט אפשר דאָך געקאָנט זיין אַ כּוח, מיט וועלכן מ׳וואָלט געקאָנט עפּעס אויפֿטאָן. טאַקע אַזוי האָבן זיי באַשלאָסן צו „קאָאָפּערירן״.

די צילן, וועלכע די קאָאָפּעראַציע האָט זיך אַליין אָנגעצייכנט, זיינען טיילוויז געגאַנגען גאַנץ ווייט, הגם מ׳קאָן דעם מחבר פֿון די סטאַטוטן נישט צושרייבן קיין צו געוואַגטע פֿאַנטאַזיע. דידאָזיקע צילן זיינען אָנגעוואָרפֿן געוואָרן אין דריי עטאַפּן. דער ערשטער, די קאָנסום־קאָאָפּעראַטיווע, ווערט באַהאַנדלט ווי אַזעלכעס, וועלכעס דאַרף אָרגאַניזירט ווערן תּיכף ומיד; דער צווייטער, די פּראָדוציר־קאָאָפּעראַטיווע, וועלכע נעמט־אַרום דאָס בשותּפֿות־דיקע בויען הייזער פֿאַר די מיטגלידער, דאָס בשותּפֿותדיקע פּראָדוצירן סחורות און דאָס בשותּפֿותדיקע באַאַרבעטן פֿעלדער דורך אַרבעטלאָזע חברים, ווערט אַפֿילו אויך געשטעלט אין פּערספּעקטיוו פֿאַר אַ נישט ווייטער צייט, אָבער באַשיימפּערלעך נאָך נישט פֿאַרן נאָענטן עתיד. דער דריטער עטאַפּ, די קאָלאָניזיר־קאָאָפּעראַטיווע, ווערט אָפּגערוקט נאָך ווייטער מיטן אָנמערק „אַזוי באַלד ווי באַר מ׳וועט דאָס קאָנען״; „אַזוי באַלד ווי מ׳וועט קאָנען זאָל זיך די געזעלשאַפֿט נעמען צום אויסעדרן די כּוחות פֿון דער פּראָדוקציע, פֿונעם פֿאַרטייל, פֿון דער דערציִונג און פֿון דער רעגירונג, אָדער, מיט אַנדערע ווערטער, צו שאַפֿן אַ קאָלאָניע מיט פֿאַראייניקטע אינ־

נערעסן אָדער בייצושטיין אַנדערע געזעלשאַפטן אין דער גרינדונג פון אַזעלכע קאָלאָניעס״. ס׳איז נשתומם צו ווערן, ווי די פּראַקטישע אינטואיציע פון די ראָשדיילער וואָלוועבער האָט דאָ תופס געווען די דריי שטחים פון דער קאָאָפּעראַציע. אינעם ערשטן, אין דער קאָנסום־קאָאָפּעראַטיווע, האָבן זיי דורך זייערע פּשוטע און ווירקעוודיקע מעטאָדן [און צווישן זיי בעיקר דער פּאַרטייל פון די רווחים צווישן די מיטגלידער בהסכם מיט דער פּאַר־העלטנישמעסיקער הויך פון די איינקויפן] אויפגעטאָן אַזעלכעס, וואָס האָט אויסגעלייגט נייע וועגן. אויפן שטח פון דער פּראָדוקציע האָבן זיי מיט שטייגנדיקער הצלחה געמאַכט אייניקע פּרוּוון, באַזונדערס ביים מאָלן תבואה און טאַקע אויך אין דעם פּאַר זיי נאָענט־ליגנדיקן שטח פון שפּינעריי און וועבעריי; פונדעסטוועגן איז עס כאַראַקטעריסטיש פאַר דער פּראָבלעמאַטיק, (וועגן וועלכער ס׳וועט אונדז נאָך אויסקומען צו רעדן), פון דער קאָאָפּעראַ־טיווער טעטיקייט אינעם טיילווייזן שטח פון דער פּראָדוקציע, אַז אין דער דאַמפּשפּינעריי, וואָס איז אויפגעבויט געוואָרן פון די רעכטפאַרטיקע פּיאָ־נערן, איז בערך אַ העלפט פון די אַרבעטער געווען מיטגלידער פון דער קאָאָפּעראַטיווע, דאָס הייסט, „אַקציאָנערן״ און אַז זיי האָבן גאָר אינגיכן דורכגעפירט דעם פּרינציפּ צו צאָלן פאַר דער אַרבעט מיט אַ לוין, אָבער דעם ריווח פאַרטיילן בלויז צווישן די אַקציאָנערן, „ווי אונטערנעמער און אייגנטימער פונעם מסחר״, ווי דאָס ברענגט־אַרויס דער אָנגעזעענער קאָאָ־פּעראַטיוויסט וויקטאָר אַימע הומער, וועלכער האָט אָפּט באַזוכט ראָשדייל אין דער התחלה־צייט, אין זיין מאָנאָגראַפיע וועגן די פּיאָנערן. צי דער פאַרווירקלעכונג פונעם דריטן, דעם גרעסטן און אַנטשיידנדיקסטן עטאַפּ, צו דער קאָלאָניזיר־געזעלשאַפט, וואָס זאָל צונויפגיסן די פּראָדוקציע און דעם קאָנסום — צו דעם האָבן זיך די פּיאָנערן נישט צוגערירט.

איין מאָמענט אין דער ראָשדיילער אינסטיטוציע פאַרדינט נאָך אַ באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט. דאָס איז די קאָאָפּעראַטיווע פון קאָאָפּעראַ־טיוון, די צוזאַמענאַרבעט פון אַ גרעסערער צאָל קאָאָפּעראַטיווע גרופּן און אַנשטאַלטן, וועלכע איז אָנגעהויבן געוואָרן פון די פּיאָנערן און שפּעטער דורך יענע, וועלכע האָבן זיך צו זיי אָנגעשלאָסן. „דער פּרינציפּ פון פעדעראַליזם״, זאָגט מכוח דעם דער רומענישער פאָרשער מלאדענאָץ אין זיין „געשיכטע פון די קאָאָפּעראַטיווע דאָקטרינען״, אין באַשיימפּערלעכער סמיכה אויף פּרודאָנען, „דרינגט אויף אַ נאַטירלעכן אופן אַרויס פון דער אידייע גופא, וועלכע איז דער יסוד פונעם קאָאָפּעראַטיוון סיסטעם. פּונקט אַזוי ווי

די קאָאָפּעראַטיווע געזעלשאַפט פאַרבינדט פערזאָנען, בכדי אויף אַ בשותּפות־דיקן אופן צו באַפרידיקן געוויסע באַדערפעניש, פונקט אַזוי פאַרבינדן זיך פאַרשידענע קאָאָפּעראַטיווע קעמערלעך באופן, אַז זיי ווענדן־אָן צווישן זיך דעם פּרינציפּ פון דער סאָלידאַריטעט, בכדי בשותּפות דורכצופירן געוויסע פונקציעס, בפרט אויפן שטח פון פּראָוויזיע און פּראָדוקציע". מיר געפינען דאָ פונדאַמענט דעם לכתחילהדיקן פּרינציפּ פון דער רעסטרוקטוּרונג פון דער געזעלשאַפט, הגם, ס'פאַרשטייט זיך, די קאָנסומפאַריינען ווי אַזעלכע, ווי קאָאָפּעראַטיוועס, וועלכע פאַראייניקן בלויז באַשטימטע אינטערעסן פון מענטשן, אָבער נישט די לעבנס איינסן גופא פון דידאָזיקע מענטשן, ווייזן זיך אַרויס ווי נישט פּאַסיקע קעמערלעך פאַר אַזאַ נייער סטרוקטור.

די מאָדערנע קאָנסום־קאָאָפּעראַטיווע, וועלכע איז געוואָרן אַזאַ גרויסע רעאַליטעט אינעם עקאָנאָמישן לעבן פון אונדזער צייט, איז אַרויסגעקומען פון די אידעען פון „אוטאָפּישן" סאָציאַליזם. אין וויליאַם קינגס פּלענער איז בולט־דערקענבאַר די טענדענץ צו דערגיין צו דער גרויסער סאָציאַליסטישערווירקלעכקייט דורך דער שאַפונג פון קליינע סאָציאַליסטישע ווירקלעכקייטן, וועלכע זאָלן זיך כסדר אויסברייטערן און צונויפגעמען. אָבער קינג האָט אויך איינצייטיק באַמערקט מיט גרויסער קלאָרקייט די טעכניש־עקאָנאָמישע איבערקערעניש, וועלכע האָט זיך אָנגעהויבן אין זיין צייט. ער האָט דערקענט דעם צענטראַלן באַטייט פון דער מאַשין און ער האָט זי אַקצעפּטירט; ער האָט פאַרוואָרפן דאָס ברעכן די מאַשינען און עס באַצייכנט ווי „משוגעת און פאַרברעכן". ער האָט אָבער אָנערקענט נאָך עפּעס, אַז די דערפינדער, וועלכע זיינען אַרבעטער, רויִנירן זיך אַליין און זייערע חברים דורך זייערע „ווונדערבאַרע דערפינדונגען", ווייל זיי „פאַרקויפן זיי צו זייערע באַלעבאַטים, בכדי זיי זאָלן אַרבעטן קעגן זיי גופא, אָנשטאָט זיי צו האַלטן פאַר זיך, בכדי זיי זאָלן אַרבעטן מיט זיי". איז, דעריבער נייטיק, אַז דאָס אַרבעטנדיקע פאָלק זאָל זיך גרופּירן קאָאָפּעראַטיוו אין זיינע קאָאָפּעראַטיווע פאַריינען. „די אַרבעטער האָבן גענוג שאַרפזיניקייט, כדי צו שאַפן אַלע מאַשינען פון דער וועלט, אָבער זיי האָבן נאָך נישט גענוג שאַרפזיניקייט, בכדי זיי צו לאָזן אַרבעטן פאַר זיך אַליין. אָט־די שאַרפזיניקייט וועט שוין נישט אויף לאַנג פאַרבלייבן אין אַ דרימלענדיקן צושטאַנד". די קאָאָפּעראַטיווע אָרגאַניזאַציע פונעם קאָנסום איז, בכן, פאַר קינגן געווען בלויז אַן עטאַפּ צו דער קאָאָפּעראַטיווער אָרגאַניזאַציע פון דער פּראָדוקציע,

אָבער אויך זי איז בלויז אַן עטאַפּ צום קאָאָפּעראַטיוון אויפבוי פונעם גאַנצן לעבן.

אינעם יאָרהונדערט זינט איר התחלה האָט די קאָנסום־קאָאָפּעראַטיווע דעראָבערט פאַר זיך אַ היפּשן טייל פון דער ציוויליזירטער מענטשהייט, אָבער די האָפענונגען, וואָס קינג האָט געלייגט אויף איר אינערלעכער אַנטוויקלונג, זיינען ביז איצט נישט מקוים געוואָרן. ס׳איז אמת, אַז אין אַ סך ערטער האָבן זיך קאָנסום־פאַריינען גענומען אָריענטירן, און טיילווייז אין אַ זייער גרויסן פאַרנעם, אויף דער פּראָדוקציע פאַר זייער אייגענער באַדערפעניש, בפרט אין גרויסבריטאַניע, ווו די צוויי פאַראייניקטע ריזנהאָפּטיקע הורטגעשעפטן, פון וועלכע דאָס ענגלישע איז אָנגערופן געוואָרן „איירראָפּעס גרעסטע האַנדלס־אונטערנעמונג“, האָבן געהאַט אין רשות פון זייער פאַרוואַלטונג אַ סך באָדן־אייגנטום און פינאַנצירט באַדייטנד־קע אינדוסטריעס, (הגם זיי האָבן זייערע אַרבעטער נישט געגעבן קיין באַטייליקונג אין די רווחים); ס׳איז אמת, ווי פריץ נאַפטאַלי באַטאָנט מיט רעכט, אַז ס׳איז פאַראַן אַ טענדענץ אַריינצודרינגען וואָס טיפער און טיפער אין דער פּראָדוקציע, און טאַקע אין דער התחלהדיקער פּראָדוקציע. אָבער סיי ווי האָט מען זיך דערמיט כמעט נישט דערנעענטערט צו אַן אָרגאַנישער פאַרקניפּונג פון פּראָדוקציע און קאָנסום אין אַן אַרומנעמענדיקער בשותּפותדיקער פאָרעם, הגם מיר האָבן שוין ווערטפולע ביישפּילן פאַרן רעיון, אַז גרויסע קאָנסום־קאָאָפּעראַטיוועס אָדער זייערע פאַרבאַנדן פאַר איינצלנע צווייגן פון דער פּראָדוקציע אָרגאַניזירן פּראָדוציר־קאָאָפּעראַטיוועס אָדער שליסן זיך אָן אין שוין עקזיסטירנדיקע; דאָס איז אָבער בלויז טעכנישע אָרגאַניזאַציע, נישט קיין דורכפירונג פון אַן עכטן קאָאָפּעראַטיוון רעיון. און דאָס נעמלעכע קאָן אויך געזאָגט ווערן וועגן צונויפנעם פון די לאָקאַלע פאַריינען, ווו ער האָט געהאַט אַ גרויסן פאַרנעם, ווייל אויך דאָ איז נישט אויפגעהיט געוואָרן דער אמתער קאָאָפּעראַטיווער כאַראַקטער; די קליינע קאָאָפּעראַטיוועס האָבן זיך אין אַזעלכע פאַלן על־פּי רוב, ווי דאָס איז שוין מיט עטלעכע צענדליק יאָר צוריק איבערגעגעבן געוואָרן, פאַרוואַנדלט פון זעלבסטשטענדיקע היימען פון סאָציאַלער סאָלידאַריטעט אין בלויזע מיטגלידערטיילן און זייערע געשעפטן — אין פיליאַלן פון דער גאַנצער אָרגאַניזאַציע. זיינען דאָס זעלבסטפאַרשטענדלעך די טעכניש־עקאָנאָמישע מעלות פון דערדאָזיקער צענטראַליזאַציע; דער חסרון איז אָבער, אַז דאָ איז נישט געווען קיין שום כוח, וועלכער זאָל צומאָלס זוכן צו ראַטעווען אַזוי פיל אויטאָנאָמיע פון די

איינצלנע קאָאָפּעראַטיוועס, וויפל ס'וואָלט מעגלעך געווען אויסצוגלייכן מיט די טעכניש־עקאָנאָמישע באַדערפעענישן, הגם מ'זוכט אין פאַרשידענע מקומות, אין דער שווייץ, למשל, קעגנצווווירקן דער כסדר פּראָגרעסירנדי־קער „נשמה־אויסליידיקונג" און אַפילו פולשטענדיקער פאַרוויסטונג פון דער קאָאָפּעראַטיווע דורך אַ פּלאַנמעסיקער דעצענטראַליזאַציע. על־פּי רוב איז דער גאַנג און די פונקציאָנירונג פון די גרויסע קאָאָפּעראַטיווע אינסטי־טוציעס כסדר געוואָרן אַלץ ענלעכער צום גאַנג און אויסוויקלונג פון די גרויסע קאַפּיטאַליסטישע אונטערנעמונגען און דער פּרינציפּ פון דער ביור־ראָקראַטיע האָט אין זייער אַ סך פאַלן פולשטענדיק פאַרשטויסן דעם פּרינציפּ פון פרייוויליקייט, וועלכער איז פריִער געליבט און אַרויסגעשטעלט געוואָרן ווי דאָס טייערסטע פאַרמעגן פון דער קאָאָפּעראַטיווער באַוועגונג, אָן וועלכן מ'קאָן זיך נישט באַגיין. דאָס איז באַזונדערט בולט אין אַזעלכע לענדער, ווו די קאָנסום־פאַרבאַנדן האָבן וואָס ווייטער אַלץ שטאַרקער מיטגעאַרבעט מיט מלוכה און געמיינדעס, און שאַרל זשיד איז זיכער נישט אומגערעכט, ווען ער דערמאָנט אינעם משל מיטן וואָלף, וואָס האָט זיך פאַרשטעלט ווי אַ פּאַסטעך און אַרויסגעזאָגט זיין מורא, אַז אָנשטאָט צו קאָאָפּעראַטיזירן די מלוכה, וועט מען דערגיין צו שטאַטיזירן די קאָאָפּעראַטיווע. אָבער דער גייסט פון סאָלידאַריטעט קאָן נאָר אין דער מאָס פאַרבלייבן באמת לעבעדיק, אויף ווי וויים עס איז פאַראַן און האַלט זיך אויף באמת־לעבעדיקע שייכות־באַציִונג צווישן די מענטשלעכע אינדיווידן. פערדינאַנד טעניעס האָט אַמאָל אַ זאָג־געטאָן, אַז דורכן איבערגאַנג פון די קאָנסום־קאָאָפּעראַטיוון צום בשותפותדיקן איינקויף און דערנאָך צו דער בשותפותדיקער פּראָדוקציע פון זייערע אייגענע באַדערפעענישן זיינען „אַוועקגעלייגט געוואָרן די פונ־דאַמענטן פון אַן עקאָנאָמישער אָרגאַניזאַציע, וועלכע איז אין אַ באַשיימ־פערלעכער סתירה צו דער עקזיסטירנדיקער געזעלשאַפטלעכער אָרדענונג" און בהסכם מיט דער אידייע איז דערמיט „די קאַפּיטאַליסטישע געזעלשאַפט אַראָפּגעשטויסן געוואָרן פון די רעלצן". אָבער אַט־דער צושטאַנד „בהסכם מיט דער אידייע" קאָן נישט ווערן קיין ממשותדיקער צושטאַנד פון דער ווירקלעכקייט כל־זמן די עקזיסטענץ־פאַרמען פונעם קאַפּיטאַליזם דרינגען דורך די קאָאָפּעראַטיווע טעטיקייט.

בושע, וועלכער האָט באַלד נאָך קינגן אָנגעהויבן פּלאַנען און סטימו־לירן די גרינדונג פון פּראָדוציר־קאָאָפּעראַטיוועס אין פראַנקרייך, איז אין תוך אויך אַן אוטאָפּישער סאָציאַליסט. „די קאָמוניסטישע רעפאָרעם, וועלכע

אימפּאָנירט זיך", שרייבט ער אין 1831 אין זיין צייטשריפט „ל'איראָפּעען", „דאַרף דורכגעפירט ווערן דורך דער אַסאָציאַציע פון די אַרבעטער". פאַר בושען, וועלכער, הגם ער איז אַ גלייביקער קאַטאָליק, איז ער אָבער דורכגעגאַנגען דורך דער שול פונעם סענסימאָניזם, ווו ער איז געשטאַנען נאָנט צום ראַדיקאַלן סאָציאַליסט באַזאַר, איז די פּראָדוקציע אַלץ און די אָרגאַניזאַציע פונעם קאָנסום האָט פאַר אים נישט קיין שום באַטייט אַפילו נישט ווי אַן עטאַפּ. לויט זיין איבערצייגונג פירט די פּראָדוציר־קאָאָפּעראַטיווע, — ביי וועלכער ער האָט ווייניקער פאַרשטענדעניש ווי קינג פאַר דער טעכנישער אַנטוויקלונג און טראַכט מער וועגן האַנטווערקער ווי וועגן מאָדערנע אינדוסטריעלע אַרבעטער — אוממיטלבאַר צום סאָציאַליסטישן סדר. „די אַרבעטער פון אַ פאַך פאַראייניקן זיך, לייגן־צונויף זייערע אָפּשפּאָרונגען, באַקומען אַ הלוואה, פּראָדוצירן אויפן אייניקן חשבון, צאָלן־אויס דאָס געליענע געלט מיט אַ סך יגון־ואנחה, פאַרזיכערן זיך אַלע אַ גלייכע שכירות און לאָזן־איבער דעם ריווח אין אַ בשותּפותדיקן פאָנד אַזוי. אַז דער קאָאָפּעראַטיווער וואַרשטאַט ווערט אַ קליינע אינדוסטריעלע קאָמונע". דאָ דערנענטערט זיך בושע צו קינגס קאָנצעפּציעס, ווי אַזוי פון אַ „סאָסייטי" ווערט אַ „קאָמוניטי", אָבער בלויז דער פּראָדוציר־קאָאָפּעראַטיווע גיט ער דעמדאָזיקן כאַראַקטער, בעת קינגס טיפערער אַריינדרינג זעט אַזאַ מעגלעכקייט נאָר פאַר דער אינטעגראַלער קאָאָפּעראַטיווע. און בושע פאַרענדיקט מיט דער פּשוטער, שוין צו פּשוטער פאָרמול: „זאָלן דאָס די אַרבעטער מאַכן אַזוי און דאָס סאָציאַלע פּראָבלעם וועט געלייזט ווערן". אַוודאי האָט ער געוווסט, אַז דאָס גרויסע פּראָבלעם מכוח דעם באַזיץ פונעם באָדן ווערט נאָך מיט דעם בשום אופן נישט געלייזט; ער האָט זיך אַרויסגעהאָלפן מיט אָט־דער פאָרמול: „דער באָדן — די פּויערן, דער וואַרשטאַט — די אַרבעטער", אָבער נישט תופס געווען אין זיין גאַנצער ערנסטקייט דעם ענין מכוח דער סאָציאַלער טראַנספאָרמאַציע פון דער לאַנדווירטשאַפט; דאָס פּראָבלעם פון דער אַנטוויקלונג צו דער אינטעגראַלער קאָאָפּעראַטיווע, דאָס אַנטשיידנדיקע פּראָבלעם פון דער רעסטרוקטורירונג, איז פאַר אים, אין היפּוך צו קינגן, נאָך געווען פאַרהוילן. דערפאַר אָבער האָט בושע מיט אַ נשתוממדיקער שאַרפזיניקייט דערקענט אַ גרויסן טייל פון די סכנות, וועלכע באַדראָען פון אינעווייניק דעם סאָציאַליסטישן כאַראַקטער און די סאָציאַליסטישע אויפגאַבע פון דער פּראָדוציר־קאָאָפּעראַטיווע און קודם־כל אָט־די: די שטייגנדיקע דיפערענציאַציע בתוך דער אויסוואַקסנדיקער קאָאָ־

פּראַטיווער אונטערנעמונג צווישן די חברים, וועלכע האָבן זי געגרינדעט, און די נאָכדעם אָנגעקומענע אַרבעטער, אַ דיפערענציאַציע, וועלכע לייגט־אַרויף אויף דער קאָאָפּעראַטיווע, און מעג זי זיך נאָך אַזוי אויסדריקלעך באַטראַכטן ווי אַ סאָציאַליסטישע, דעם אומאָפּמעקבאַרן חותם פון אַ קאַפּי־טאַליסטישן אָפּענדיקס. און בכדי צו פאַרמינערן דידאַזיקע סכנה, האָט בושע אַריינגעגעבן אינעם געביטענעם פּראָגראַם, וועלכן ער האָט פאַרעפנטלעכט נאָך די ערשטע פּראַקטישע דערפאַרונגען (סוף 1831) צוויי קעגנמיטלען: דאָס „סאָציאַלע קאַפּיטאַל", וועלכעס שאַפט זיך פון דער רעספּעקטיווער רעזערוואַציע פון אַ פינפטל פונעם ריווח, דאַרף פאַרבלייבן אומאויסגאָבבאַר, אומצעטיילבאַרער אייגנטום פון דער קאָאָפּעראַטיווע, וועלכע דאַרף דער־קלערט ווערן אומאויפלייזבאַר און זיך כסדר באַנייען דורכן אויפנעם פון נייע מיטגלידער; און די קאָאָפּעראַטיווע טאָר קיינמאָל נישט באַשעפטיקן קיין פרעמדע אַרבעטער לענגער ווי אַ יאָר צייט ווי לוינאַרבעטער; נאָך אָט־דער צייט מוז זי צומאָלס אויפנעמען נייע חברים לויט דער מאָס פון איר באַדערפעניש (אין אַ מוסטעראָפּמאַך, וואָס איז אין יאָר 1840 פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין דער צייטשריפט פון די בושעוויסטן, „ל'אַטעליע", איז די פּרווצייט פאַרמי־נערט געוואָרן אויף דריי חדשים). בנוגע דעם ערשטן פון די צייטפּונקטן האָט בושע געזאָגט, אַז אָן דעמדאָזיקן קאַפּיטאַל וועט די קאָאָפּעראַטיווע „ווערן ענלעך צו יעדער אַנדערער האַנדלסגעזעלשעפט; זי וועט זיין ניצ־לעך נאָר פאַר די גרינדער אַליין און שעדלעך פאַר אַלע אַנדערע, וועלכע האָבן זיך נישט באַטייליקט אין איר פון אָנהייב אָן, מחמת זי וואָלט סוף־כל־סוף אין די הענט פון די ערשטע געוואָרן אַ מיטל פאַר עקספּלואַטאַציע".
אָט־דער פּונקט פונעם פּראָגראַם איז אויסן געווען, ווי דאָס איז מיט רעכט אָנגעוויזן געוואָרן, צו שאַפן אַ קאַפּיטאַל, וועלכעס וואָלט לסוף „אַריינגע־זויגן אין זיך דאָס גאַנצע אינדוסטריעלע קאַפּיטאַל פונעם לאַנד און אַזוי אַרום וואָלט פאַרווירקלעכט געוואָרן די אָנאייגענונג פון אַלע פּראָדוקציע־מיטלען דורך די אַרבעטער־קאָאָפּעראַטיוועס". אויך דאָ געפינען מיר באַנייס יענעם „אוטאָפּישן" עלעמענט; אָבער וואָס איז סוף־כל־סוף פּראַקטישער, — צו וועלן שאַפן סאָציאַלעווירקלעכקייט דורך סאָציאַלער ווירקלעכקייט, וועמעס רעכט מ'קאָן פאַרטיידיקן און אויסברייטערן מיט פּאָליטישע מעטאָדן, אָדער צו וועלן שאַפן סאָציאַלע ווירקלעכקייט דורכן כישופשטעקעלע פון דער פּאָליטיק אַליין? ס'איז באַשיימפּערלעך, אַז יענע פּרינציפּן פון די קאָאָפּע־ראַטיוועס, וואָס זיינען געשאַפן געוואָרן אונטער בושעס השפּעה, זיינען

זייער אומגלייכמעסיק אָפּגעהיט געוואָרן, און נאָך צוואַנציק יאָר איז דער פּרינציפּ מכוח דעם אומצעטיילבאַרן קאַפּיטאַל אַזוי שטאַרק געשטעלט געוואָרן אין ספק, אַז די טרייגעבליבענע האָבן געמוזט אָנפירן אַ שווערן און אין תוך הצלחהלאָזן געראַנגל פאַר אים, אַ קאַמף פאַרן פּרינציפּ, לויט וועלכן „דאָס אייגנטום זאָל פאַרוואַנדלט ווערן" און „דאָס קאַפּיטאַל זאָל אַריינפאַלן אין רשות פון דער אַרבעט", אַ פּרינציפּ, וועלכער מוז אָפּגעהיט ווערן, בכדי די קאָאָפּעראַטיווע אינסטיטוציע זאָל ברענגען מזל־ברכה דער גאַנצער אַרבעטערשאַפט „און נישט בלויז איניקע גליקלעכע גרינדער, וועלכע האָבן אַדאַנק איר זיך פאַרוואַנדלט פון לוינאַרבעטער אין רענטיסטן". און טאַקע פּונקט אין דערזעלביקער צייט, אין 1852, לייענען מיר אין ענגלאַנד אין אַן אינפאָרמאַציע פון דער געזעלשאַפט צו סטימולירן די אַרבעטער־פאַריינען וועגן גאַנץ ענלעכע דערפאַרונגען. אָבער פון אָט־די אַלע דערפאַרונגען, פּונקט אַזוי ווי פון די ענלעכע דערפאַרונגען פון מיטלאַלטער און פון די ענלעכע דערפאַרונגען, וועלכע מ'האָט געהאַט פון די קאָנכים־קאָאָפּעראַטיוועס, איז אַרויסצודרינגען נישט עפּעס אַנדערש ווי נאָר, אַז אויב ס'איז פאַראַן אַ מעגלעכקייט גובר צו זיין די אינערלעכע פּראָבלעמאַטיק פון די קאָאָפּעראַטיוון און די ממשלה פונעם קאַפּיטאַליסטישן פּרינציפּ, וועלכער צווינגט זיך אין זיי אַרויף, — איז דאָס מעגלעך נאָר אין און דורך דער אינטעגראַלער קאָאָפּעראַטיווע.

ס'איז וואַרשיינלעך, אַז לואי בלאַן איז באַווירקט געוואָרן פון בושעס אידייען, אָבער ער שיידט זיך אָפּ פון אים מיט איניקע אַנטשיידנדיקע פּרטים. און דערביי איז נישט דאָס וויכטיקסטע דאָס, וואָס ער האָט (אין 1841) פאַרלאַנגט מלוכהשע הילף פאַר „סאָציאַלע וואַרשטאַטן", וועלכע ער האָט געזאָלט גרינדן, פּונקט ווי דאָס האָט שפּעטער געטאָן לאַסאַל פאַר זיינע אַרבעטערישע פּראָדוציר־קאָאָפּעראַטיוועס, מחמת „דאָס, וואָס ס'פעלט די פּראָלעטאַריער, כדי זיך צו באַפרייען, דאָס זיינען די אַרבעטס־מכשירים, און ס'איז דער חוב פון דער רעגירונג זיי דאָס צוצושטעלן". און דאָס איז דאָך געווען אַ פונדאַמענטאַלער טעות און ביי בלאַנען אַפילו אַ לאָגישע סתירה, מחמת פון אַ רעגירונג, וועלכע פאַרטרעט אַ געוויסן מלוכהשן סדר, קאָן מען דאָך נישט דערוואַרטן, אַז זי זאָל העלפן אַנטשטיין אינסטיטוציעס, וועמעס אויפגאַבע ס'איז (דאָס איז געווען בלאַנס'ס בפירושע מיינונג) דעם־דאָזיקן סדר צו צעשטערן, און ס'איז געווען אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט, אַז די אַנטיסאָציאַליסטישע מערהייט פון דער פּראָוויזאָרישער רעגירונג

זאָל אין 1848 פאַרבייטן בלאַנס פּלאַן פריִער דורך אַ קאַריקאַטור און דער־נאָך אויך פון דעם מאַכן אַ פאַרזעעניש; אָבער פאַרן ענין מכוח דעם מהות פון דער געפּלאַנטער סאָציאַלער רעפאָרעם איז אָט־די פאָדערונג נישט וועזנטלעך. פיל וויכטיקער איז, אַז בלאַנס סאָציאַלע פּראָגראַם גופא איז געווען אַ בפירוש צענטראַליסטישער, — ער האָט געוואָלט, אַז יעדע גרויסע אינדוסטריע זאָל אַוועקגעשטעלט ווערן ווי אַן איינציקע אַסאָסיאַציע, באופן אַז זי זאָל זיך גרופּירן אַרום איין צענטראַלן וואַרשטאַט. ער האָט אַפילו דעם־דאָזיקן אין תוך סען־סימאַניסטישן רעיון געגעבן אַ פעדעראַליסטישע שאַ־טירונג דערמיט, וואָס ער האָט פאַרלאַנגט, אַז די סאָלידאַר־טעט פון אַלע אַרבעטער אין אַ וואַרשטאַט זאָל אויך זיין חל אויף דער סאָלידאַריטעט פון אַלע וואַרשטאַטן אין אַן אינדוסטריעלן צווייג און לסוף זיך פאַרענדיקן מיט דער סאָלידאַריטעט פון אַלע צווייגן פון דער אינדוסטריע; אָבער דאָס, וואָס ער האָט אָנגערופן סאָלידאַריזאַציע, איז אינדעראמתן געווען די צונויפ־גיסונג אין איין רעספּעקטיווער צענטראַליזירטער כללישער פאַבריק מיט אַ מאָנאָפּאָליזירנדיקער פּאָזיציע. ס׳קאָן זיין, אַז בלאַנס כוונה איז געווען אויסצורייסן מיטן וואָרצל די אומבאַגרענעצטע קאָנקורענץ, „יענעם פּחדנות־דיקן און ברוטאַלן פּרינציפּ“, ווי ער האָט זיך איינמאָל אַרויסגעזאָגט אין דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג, דאָס הייסט, צו פאַרהיטן, אַז אויפן אָרט פון דער אינדיווידועלער זאָל קומען די קאָלעקטיווע קאָנקורענץ; און דאָס איז דאָך, פאַקטיש, די הויפּט־סכנה, נעבן דער אינערלעכער דיפערענצירונג, וועלכע באַדראָט די פּראָדוציר־קאָאָפּעראַטיווע. און אַ גוטער ביישפּיל פאַרן באַוויזן זיך פון אָט־דער סכנה איז דער בריוו פון אַ פירער פון דער ענג־לישער קריסטלעך־סאָציאַליסטישער קאָאָפּעראַטיווער באַוועגונג טאַקע פון יענער תקופה, אין וועלכער ס׳ווערט געזאָגט וועגן די פּראָדוציר־קאָאָפּעראַ־טיווען, וועלכע זיינען פון אָט־דער באַוועגונג געשאַפן געוואָרן, אַז זיי זיינען „סטימולירט געוואָרן פון אַ בפירוש נאָך ריווחים זיך יאָגנדיקן קאָנקורענץ־גייסט“ און אַז זיי „זיינען אויסן נישט עפּעס אַנדערש ווי בלויז אַ הצלחה־דיקן קאָנקורענץ־געיעג, אַזאַ ווי ער איז נאָר מעגלעך אינעם הייַנטצייטיקן סיסטעם“. דידאָזיקע סכנה איז דערקענט געוואָרן דורך בושען און זיינע אָנהענגער; זיי האָבן זיך אָבער אָפּגעזאָגט זי צו באַקעמפן דורך דעם מאָנאָ־פּאָליזם, וועלכער האָט זיך זיי אויסגעוויזן נאָך געפערלעכער, ווייל ער האָט פאַר זיי באַטייט די פאַרשטאַרונג, דער סוף פון יעדער לעבעדיקער אַנטוויק־לונג; לויט זייערע פאָרלייגן קומט אויס, אַז ס׳וואָלט שוין געווען בעסער,

ווען די קאָנקורענץ צווישן די קאָאָפּעראַטיוועס ווערט אָרגאַניזירט און אויסגעסדרט דורך דעם בונד פון די קאָאָפּעראַטיוועס גופא. דאָ שטייט פּרייע פעדעראַציע קעגן געפּלאַנטער צונויפגיסונג. מ׳מוז אָבער אָנערקענען, אַז די פעדעראַליסטישע אידייע רייסט זיך ביי בלאַנען כסדר דורך פונדאָסניי און עס פּלאַצט די צענטראַליסטישע איינהיילונג, בפרט, פאַרשטייט זיך, נאָכדעם ווי ס׳פאַלט־דורך דער שטאַטספּלאַן. ער אַרבעט־אויס בושעס פּלאַן מכוח דעם רעזערווופאָנד באופן, אַז ער זאָל זיין באַשטימט „צו פאַרווירקלעכן דעם פּרינציפּ פון דער קעגנזייטיקער הילף און פון דער סאָלידאַריטעט צווישן די סאָציאַלע וואַרשטאַטן“. אָבער היות ער איז ערשט אַריבערגעגאַנגען פון עם פּלאַן פון דער שטאַטלעכער איניציאַטיוו צו דער איניציאַטיוו פון די פּרייע קאָאָפּעראַטיוועס, זעט ער נישט קיין אַנדערן אויסוועג ווי אַזוי צו דערגיין צום דאָזיקן ציל ווי נאָר דורך פעדערירונג. אויפן ערשטן פּלאַץ פון די שוין פאַראַנענע קאָאָפּעראַטיוועס. זיי דאַרפן זיך איינפאַרשטיין צווישן זיך און באַשטימען אַ צענטראַלקאָמיטעט, וועלכער זאָל אינגאַנצן לאַנד „אָרגאַניזירן די וויכטיקסטע פון אַלע סובסקריפּציעס, — די סובסקריפּציע פאַר דער אָפּשאַפונג פונעם פּראָלעטאַריאַט“. אַזעלכע ווערטער שטייען, פאַרשטייט זיך, אויף דער גרענעץ צווישן דעם דערהויבענעם און לעכערלעכן; אָבער די ווענדונג צום פּראָלעטאַריאַט פאַר דער זעלבסטאָפּשאַפונג דורך קאָאָפּעראַציע איז נישט פּריי פון אַ פּראַקטישער ערנסטקייט, וועלכע איז נישט אָן באַטייט פאַר דער נאָכקומענדיקער צייט. און ביים סוף פון 1849 זעען מיר, אַז בלאַן אַקצעפּטירט די אידייע, וואָס קומט פון דער "Union des associations fraternelles" דער פעדעראַציע, וואָס באַשטייט פון מער ווי הונדערט קאָאָפּעראַטיוועס, און פון זיין קעגנער פּרודאָן, מיט דער כוונה דורכצופירן די „מוטואַליטע די טראַוואַיל“, — ער קאָן זיך, אַגב, שטיצן אויף דעם, אַז צווישן אירע אויפגאַבן האָט זיך גערעדט וועגן אַ „צענטראַליזירונג פון די עסקים פון אַלגעמיינעם אינטערעס“. בדרך כלל געפינען מיר ביי בלאַנען געוויסע געדאַנקען, וועלכע שטייען אין לעבעדיקן שייכות מיט די טראַדיציעס פונעם „אוטאָפּישן“ סאָציאַליזם. ער זעט אין דער צוקונפט, אַז די פּראָדוציר־קאָאָפּעראַטיוועס פאַרוואַנדלען זיך אין אינטעגראַלע קאָאָפּעראַטיוועס, פּונקט ווי קינג האָט דאָס נעמלעכע פאָרויסגעזאָגט פאַר די קאָנסום־קאָאָפּעראַטיוועס; אין שייכות דערמיט טראַכט ער שוין איצט, — פּונקט ווי די פון אים געלויבטע „אוניאָן דעס אַסאָסיאַציאָן פראַטערנעלס“, וועלכע האָט געזאָלט גרינדן מיט אַ גרויסן פאַרנעם „אַגרי־

קולטורעלע און אינדוסטריעלע קאָלאָניעס", ווי אַ פעדעראַציע — וועגן דער שאַפונג פון קאָאָפעראַטיווע קאָלאָניעס. דערביי גייט ער אַרויס פונעם קוק־ווינקל פון עקאָנאָמיש־טעכנישער נייטיקייט פון דער גרויספאַרנעמיקער עקספּלאָטאַציע; „מ'דאַרף איינפירן דעם סיסטעם פון דער לאַנדווירטשאַפט־לעכער גרויספאַרנעמיקער אַרבעט באופן ווען מ'זאָל זי פאַרבינדן און קאָמ־בינירן מיט דער אַסאָסיאַציע און דעם בשותפותדיקן אייגנטום"; און ער איז אויסן, אינוויוויט דאָס איז מעגלעך, אַריבערצופירן די אינדוסטריעס אין דאָרף אַריין און „מזווג זיין די אינדוסטריעלע מיט דער אַגריקולטורעלער אַרבעט", — אויך דאָ איז ער זיך מקדים צום קראָפּאָטקינישן רעיון מכוח דער אַרבעטסטיילונג אין דער צייט, אין דער פאַרבינדונג פון לאַנדווירט־שאַפט, אינדוסטריע און האַנטווערק אין דער מאָדערנער דאָרפישער געמיינדע.

נישט געקוקט־אויף דעם, וואָס ס'האָט זיך באַלד אָנגעהויבן די אונ־טערדיקונג פון די פעדעראַציעס פון די קאָאָפעראַטיוועס דורך דער רעאַק־ציע, זיינען אויך אין די קומענדיקע יאָרן אין פראַנקרייך אויפגעקומען נייע פראָדוציר־קאָאָפעראַטיוועס; אַפילו מעדיצינער און אַפּטייקער האָבן זיך פאַראייניקט אויף אַ קאָאָפעראַטיוון אופן (ס'פאַרשטייט זיך, אַז דאָ האַנדלט זיך נישט וועגן באמתדיקע פראָדוציר־קאָאָפעראַטיוועס, מחמת דאָ קאָן דאָך נישט זיין קיין רייד וועגן בשותפותדיקער אַרבעט). דער כוח פון דער קאָאָ־פעראַטיווער באַגייסטערונג האָט איבערגעלעבט די רעוואָלוציע. אַפילו די רדיפות און די פונאַנדערלאָזונג פון אַ סך קאָאָפעראַטיוועס נאָכן שטאַטס־קלאַפּ זיינען נישט געווען ביכולת צו דערשטיקן די קאָאָפעראַטיווע באַוועגונג. די אמתע סכנה האָט זיי דאָ, פונקט ווי אין ענגלאַנד, געדראָט פון אינע־ווייניק, — די קאַפּיטאַליזאַציע, די בהדרגהדיקע פאַרוואַנדלונג אין קאַפּי־טאַליסטישע אָדער האַלבקאַפּיטאַליסטישע געזעלשאַפטן. פערציק יאָר נאָכן התלהבותדיקן אָנשטרענג פון די ענגלישע „קריסטלעכע סאָציאַליסטן", וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין יאָר 1850, צו שאַפן אַ גרויסע נעץ פראָדוציר־קאָאָפעראַטיוועס, מיט דער כוונה, אַז „די באַשאַפונג פון דער גאַנצער עשירות זאָל פאַרקומען דורך די קאָאָפעראַטיוועס און אַז דורך דער באַזיי־טיקונג פון קעגנזייטיקער קאָנקורענץ זאָלן די פרייזן באַשטימט ווערן בהסכם כולם, דורך אַן אָפּמאַך צווישן אַלע קאָאָפעראַטיוועס", נאָך אָט־דעם אַלעם האָט ביטריס וועב אויסגעפונען, אַז מיטן אויסנאָם פון אַכט קאָאָ־פעראַטיוועס, וועלכע זיינען מער אָדער ווייניקער געבליבן געטריי צום

אידעאַל פֿון אַן „אַרבעטערישער ברודערשאַפֿט“, פֿון וועלכע, אַגבֿ, דער רובֿ איז אויך אין איינעם אָדער אַן אַנדערן פּונקט געווען „נישט מיט אַלעמען“, איז ביי אַלע געווען צו מערקן אַ נשתוממדיקע פֿאַרשידנמיניקייט פֿון אַריסטאָקראַטישן, פּלוטאָקראַטישן און מאָנאַרכיסטישן איינשטעל פֿון תּקנות. פּופּציק יאָר נאָך לואי בלאַן איז אין פֿראַנקרייך אין דעם פּרט געווען איינע אַ פֿולשטענדיק־כאַראַקטעריסטישע פּראָדוציר־קאָאָפּעראַטיווע, די קאָאָפּעראַטיווע פֿון די ברילנמאַכער, וועלכע האָט, נעבן אַ קליינער צאָל מיטגלידער און בערך דער נאָרמאַלער צאָל אָנגעשלאָסענע, געהאַט מער ווי די צענפֿאַכיקע צאָל לוינאַרבעטער. פֿונדעסטוועגן ווייסן מיר אויך פֿון אומעטום וועגן שיינעביישפּילן פֿון אינערלעכן גערעַנגל פֿאַרן סאָציאַליזם. זיי האָבן צומאָלס אַ טראַגישן שטריך, אָבער איינציייטיק אויך עפּעס פֿון פֿאַרויסגייענדיקן, פּיאָנערישן. מיט רעכט האָט מען דעם פּראָדוציר־קאָאָפּעראַטיוויזם באַצייכנט ווי „דאָס שווערע קימפּעטקינד און דער בן־יקיר“ פֿון יענע אַלע, „וועלכע דערוואַרטן פֿון דער קאָאָפּעראַטיווער באַוועגונג עפּעס תּמציתדיקס פֿאַר דער דערלייזונג פֿון דער מענטשהייט“; אָבער פֿון די פֿאַקטן גופֿא איז נישט שווער צו פֿאַרשטיין, פֿאַרוואָס איינער פֿון די ערשטע קעמפֿער פֿאַר די קאָנסום־קאָאָפּעראַטיוון באַצייכנט די פּראָדוציר־קאָאָפּעראַטיוועס, וועלכע אַרבעטן פֿאַרן אַלגעמיינעם מאַרק, ווי אַזעלכע, וואָס זיינען „אין זייער סאַמע תּוך און מהות בפֿירוש נישט־סאָציאַליסטיש“, מחמת „פּראָדוצענטן, ווען זיי שטייען באַזונדער, איזאָלירט, האָבן תּמיד און ביי אַלע אומשטענדן ספּעקולאַטיסטישע, אינדיווידועלע אָדער גרופּן־אינטערעסן“. אָבער ווען מיר זאָלן אַפֿילו אַוועקקוקן פֿון דער גוזמא, וועלכע איז פֿאַראַן אין אָט־דער פֿאָרמולירונג, קומט דאָך סיי־ווי אויס, אַז די פּראָדוציר־קאָאָפּעראַטיוועס טאָרן נישט „שטיין באַזונדער, איזאָלירט“. און צוויי גרויסע פּרינציפּן צוזאַמענגענומען דאַרפֿן זיי פֿאַרהיטן פֿון דעם — די צונויפֿנעמונג פֿון פּראָדוקציע און קאָנסום אין דער אינטעגראַלער קאָאָפּעראַטיווע און דער פֿעדעראַליזם.

די אַנטוויקלונג פֿון די קאָנסום־קאָאָפּעראַטיוועס קומט־פֿאָר אין אַ גראַדער ליניע פֿונעם נומערישן אויפֿשטייג; אַ היפּשער טייל פֿון דער ציוויליזירטער מענטשהייט (און טאַקע אויף אַ כאַראַקטעריסטישן אופֿן מחוץ די פֿאַראייניקטע שטאַטן) איז היינטצוטאָג אָרגאַניזירט אין קאָנסום־קאָאָפּעראַטיוועס. אָבער וואָס שייך די פּראָדוציר־קאָאָפּעראַטיוון (איך רעד דאָ בלויז וועגן די אינדוסטריעלע פּראָדוציר־קאָאָפּעראַטיוון אין ענגערן זין און נישט פֿון יענע אַלע טיילווייזע, בעיקר אַגריקולטורעלע, וועלכע זיינען

בלויז אויסן די פאַרלייכטערונג און אינטענסיווירונג פון דער אינדיווידוע־לער פּראָדוקציע) וויקלען זיך אויס אין אַ זיגזאַגישער ליניע און אין זייער געזאַמל קאָן מען ביי זיי כמעט נישט באַמערקן קיין וואַקסנדיקע טענ־דענץ. עס קומען טאַקע כסדר אויף נייע, אָבער דער רוב פון די לעבנס־קרעפטיקע פון זיי גייט כסדר אַריבער אין דער ספערע פונעם קאַפּיטאַליזם; ס׳איז כמעט נישטאָ קיין קאָנטינויִטעט. אָבער מיטן אינטעגראַלן קאָאָפּע־ראַטיוויזם איז דער ענין ווידער אַן אַנדערער; זיין אַנטוויקלונג, אינוויווייט מ׳קאָן בכלל רעדן וועגן אַזעלכער, זעט־אויס ווי אַ שלל קליינע צירקלען, צווישן וועלכע ס׳איז בכלל נישט פאַראַן קיין אייגנטלעכע פאַרבינדונג. די גרינדונג פון קאָנסום־פאַריינען און פון פּראָדוציר־קאָאָפּעראַטיוועס האָט זיך אָנגעהויבן פון אַרומנעמענדיקע באַוועגונגען, וועלכע האָבן זיך פונאַנ־דערגעשפּרייט פון איין אָרט צום צווייטן; די גרינדונג פון קאָלאָניעס אינעם זין פון אינטעגראַלע קאָאָפּעראַטיוועס האָט על־פּי־רוב געהאַט אין זיך עפּעס ספּאָראַדישס, אימפּראָוויזירטס, המשכלאָזיקס. אין היפּוך צו די ערשטע האָט זיי, די לעצטע, געפעלט דאָס, וואָס פראַנץ אָפּענהיימער האָט אָנגערופן „די כוחות פון דער ווירקונג פון דער ווייטנס״. דאָס וויל נישט זאָגן, אַז אייניקע פון זיי האָבן נישט געהאַט קיין אָפּקלאַנג און נישט געגעבן קיין מאָטיוו צו רעדן פון זיי; אָבער זייער צוצי איז געווען אַן אינדיווידועלער; זיי האָבן נישט אַרויסגערופן צום אַנטשטיי קיין נייע חברהשע קעמערלעך. אין דער געשיכטע פון די קאָאָפּעראַטיווע קאָלאָניעס קאָן נישט אויפגעוויזן ווערן נישט אין אייראָפּע (מיטן אויסנאַם פון סאָוועטרוסלאַנד, ווו ס׳האָט אָבער געפעלט דער אַנטשיידנדיקער יסוד פון אמתער פרייוויליקייט און אויטאָנאָמיע) און אויך נישט אין די פאַראייניקטע שטאַטן אויף קיין פּע־דעראַטיווער טענדענץ. קאָנסום־פאַריינען האָבן זיך כסדר און אומאויפהער־לעך נאָכאַנאַנד פעדערירט צווישן זיך אויף אַ פאַרמערנדיקן אופן, אַזוי אויך בדרך כלל בנוגע לאַנדווירטשאַפטלעכע פּראָדוציר־קאָאָפּעראַטיוועס; די אינ־דוסטריעלע פּראָדוציר־קאָאָפּעראַטיוועס האָבן עס געטאָן נישט אַזוי כסדרדיק, אַמאָל אַרויף און אַמאָל אַראָפּ. און וואָס שייך בשותּפותדיקע קאָלאָניעס אין אַלגעמיין — בכלל גאָרנישט. זייער גורל האָט זיך אויסגעוויקלט אין היפּוך צו זייער ווילן: זיי האָבן זיך לכתחילה נישט געוואָלט איזאָלירן אָבער זיי האָבן זיך איזאָלירט; זיי האָבן געוואָלט זיין ווירקנדיקע מוסטער־ביישפּילן, אָבער זיי זיינען בלויז געוואָרן אינטערעסאַנטע עקספּערימענטן; זיי האָבן געוואָלט זיין דינאַמישע און עקספּלאָזיווע התחלות פונעם געזעלשאַפט־

לעכן איבערקער, אָבער יעדע איינע פון זיי האָט געהאַט איר סוף אין זיך אַליין. די סיבה פון דער פאַרשידנדיקייט צווישן קאָנסום־ און פּראָדוציר־קאָאָפּעראַטיוו פון איין זייט און פון אינטעגראַלער קאָאָפּעראַטיווע פון דער אַנדערער זייט, דאַרף, לויט מיין מיינונג, זיך געפינען אין אַ וועזנטלעכן אונטערשייד אינעם אַרויסגאַנגספּונקט. די קאָנסום־ און פּראָדוציר־קאָאָפּעראַטיוועס זיינען אַרויסגעוואַקסן פון געוויסע עקזיסטירנדיקע סיטואַציעס, וועלכע זיינען אין אַן אַ שיער ערטער און פאַבריקן געווען בערך די נעמלעכע, אַזוי, אַז ס'האָט שוין פון פאַרויס עקזיסטירט דער שפּראַץ פאַר קעגנזייטיקער באַווירקונג צו מאַכן אומעטום דיזעלביקע פּרווון, וועלכע זיינען געמאַכט געוואָרן, בכדי גובר צו זיין די שווערע סיטואַציע און במילא אויך דער שורשדיקער מאָטיוו פאַר זייער פעדערירונג; פון דעם דרינגט־אַרויס, אַז די פּלענער, דורך וועלכע ס'איז סטימולירט געוואָרן די גרינדונג פון דידאָזיקע קאָאָפּעראַטיוועס, האָבן נישט געשטאַמט פון איין אַלגעמיינעם געדאַנק, נייערט פון אַ פּראָבלעם, וועלכער האָט זיך אויף אַ געוויסן אופן אַוועקגעשטעלט פאַר די פּלאַנענדיקע גופא. מ'קאָן דאָס זען בולט סיי ביי קינגן און סיי ביי בושען, און צו דעם קומט נאָך צו, וואָסביידע זיינען פון פריִער געווען פעדעראַליסטן; בושע האָט שוין אַפילו אָנגענומען ביי זיך אַ באַשלוס וועגן אַ פעדעראַטיוון צונויפבונד פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען, וועלכע ער האָט פאַרגעלייגט. סיי דאָ און סיי דאָרט איז מען מיט די פּלענער אויסן צו באַזייטיקן אַ צושטאַנד פון דחקות און זיי האָבן אַ לאָקאַלן כאַראַקטער אינוויווייט זיי זיינען זיך מכוון צו לייזן די פּראָבלעם פון דער נויט טאַקע אויפן פּלאַץ, ווו זיי ווערן אַוועקגעשטעלט. אין אַ גע־נויען זין דאַרף מען דידאָזיקע פּלענער באַצייכענען ווי טאָפּישע, דאָס הייסט, לאָקאַלע, אינוויווייט זיי באַציִען זיך, לויט דעם עצם מהות זייערן, אויף באַשטימטע מקומות, טאַקע דאָרט, ווו די פּראָבלעמען שטעלן זיך אַוועק; פון דער נעמלעכקייט פון די פּראָבלעמען אין פאַרשידענע מקומות דרינגען דערנאָך אַרויס די מעגלעכקייטן פון אַ פעדעראַטיוון צונויפבונד ביז צו אַ ריזיקן פאַרנעם ווי דאָס זיינען היינטצוטאָג אייניקע פאַרבאַנד'ן פון קאָנסום־פאַריינען.

לגמרי אַנדערש איז דער ענין בדרך כלל מיט דער געשיכטע פון די קאָלאָניסטישע אינטעגראַלע קאָאָפּעראַטיוועס. דאָ זעען מיר פון צייט צו צייט, ווי דער געדאַנק איז דאָס דער, וועלכער ברענגט־אַרויס זיין וואָרט און לאָזונג, מיט שטאַרקערער אָדער לייכטערער אומאָפּהענגיקייט פון די

סיטואַציעס, אָבער לכל הדעות אָן אַ שום צוגעבונדנקייט צו אַ באַשטימטן
אָרט און זייערע פאָדערונגען; גלייך ווי ער וואָלט געלאָזט זיין פּלאַן איינ־
צייטיק זיך אויסשפּרייטן אין דער לופט און אים דערנאָך אַראָפּלאָזן אויף
דער ערד. און מעג דערדאָזיקער פּלאַן אויפקומען אויף אַ בפירוש ספּעקו־
לאַטיוון אופן און בהסכם דערמיט אָננעמען אַ בפירוש סכעמאַטישע פאָרעם,
ווי ביי פוריען; מעג ער זיך אויסשיילן פון באַשטימטע דערפאַרונגען און
זיין בהסכם מיט עמפּירישע הנחות, ווי ביי אָועגען, — אַזוי צי אַזוי קומט
ער נישט ענטפערן אויף שאלות פון אַ באַשטימטער סיטואַציע, נייערט איז
זיך מתכוון צו שאַפן נייע סיטואַציעס, אומאָפּהענגיק פון מקומות און לאָקאַלע
פּראָבלעמען. צום בולטסטן ווערט דאָס, ווען ס׳האַנדלט זיך וועגן קאָלאָני־
זאַציע אין פרעמדע לענדער. — דאָ פאַסירט נישט, אַז אַ פאָרקומענדיקע
אויסוואַנדערונג ווערט סאָציאַליסטיש איינגעאָרדנט און רעגולירט, נייערט
ס׳ווערט צו די אימפּולסן פון אויסוואַנדערונג צוגעגעבן נאָך איינער, אַ
נייער, דער ווילן זיך צו באַטייליקן אין אַ סאָציאַלן פּלאַן, און אָט־דער
ווילן ווערט גאַנץ אָפט אַריינגעצווונגען אין דער דאָגמאַטיק פון אַן אָרגאַני־
זאַציע, וועלכע מ׳באַטראַכט און באַנעמט ווי די איינציק־ריכטיקע, די איינציק־
אמתע, אַ דאָגמאַטיק, וועמעס פאַרפליכטנדיקע פאָדערונג שטעלט זיך צומאָלס
אַוועק קעגן דער לויזקייט פון די אינערלעכע פאַרבינדונגען צווישן די
מיטגלידער. (ווייל אידעאָלאָגישע בשותפותדיקייט אַליין איז זעלטן־ווען
גענוג צו באַפעסטיקן אַ לעבנס־בשותפותדיקייט; דאָ איז נייטיק טיפערע
פאַרבינדונג, וועלכע זאָל קומען פון דעם עצם עקזיסטענץ פונעם מענטש).
דער קאָלאָניזאַציע, וועלכע פאַרבלייבט געטריי צו דער דאָגמע, דראָט די
סכנה פאַרגליווערט צו ווערן; און יענע, אין וועלכער ס׳וואַקסט די מרידה
קעגן דער דאָגמע, דראָט די סכנה פון צעפאַל. איןביידע פעלט דער אויס־
בעסערנדיקער, דער איבעראַנדערשדיקער כוח פון דער פאַרשטענדעניש און
אַריינדרינגונג אין די באַדינגונגען, אין סאַמע תוך פונעם עיקר פון באַדינ־
גונגען. דאָרט, וווּ די דאָגמאַטיק האָט די ממשלה, דרינגט שוין פון אָט־דעם
פאַקט גופא אַרויס די איזאָלאַציע פון דער קאָלאָניע; די אויסשליסלעכקייט
פון דער „איינציקריכטיקער“ פאָרעם דערלאָזט נישט צום צונויפבונד, אַפילו
נישט מיט ענלעך־אָריענטירטע ישובים, ווייל אין יעדער איינער פון זיי
זיינען די מאמינים אינגאַנצן באַהערשט און פאַרכאַפּט פון איר, פון דער־
דאָזיקער איינמאָליקער פאַרווירקלעכונג, ווי די איינציקע און אומבאַ־
דינגטע. אָבער אויך דאָרט, וווּ די דאָגמאַטיק ווערט אָפּגערוקט אין אַ זייט,

איז דער גייסטיק־אָפּגעשלאָסענער ישוב, בפרט אין אַ פרעמדן לאַנד, אויס־געשטעלט צום גורל פון דער איזאָלירונג, פון דער פאַרבינדונגס־ און וויר־קונגסלאָזיקייט. אָבער דאָס אַלעס וואָלט נאָך נישט געווען גענוג אַנטשיידנ־דיק, ווען אַ גרויסע דערציִערישע קראַפט, סטימולירט און באַפליגלט פון אַ שטאַרקער כוואַליע פון לעבן און פונעם גורל, וואָלט געקאָנט גאַראַנטירן דעם אָנהאַלטנדיקן ניצחון פונעם ציבור־געפיל און ציבור־ווילן איבערן איינגעבוירענעם עגאָיזם, אָדער, בעסער געזאָגט, ווען דער לעצטער וואָלט זיך מיט דער הילף פונעם ערשטן געקאָנט דערהייבן צו אַ העכערער פאָרעם. געוויינלעך פּאַסירט אָבער אַזוי, אַז נאָר דער קאָלעקטיווער עגאָיזם, דער עגאָיזם מיט אַ גוטער נאמנות, פאַרנעמט אויף אַ געוויסן אופן דאָס פּלאַץ פונעם אינדיווידועלן עגאָיזם און ווען ס'פּאַסירט צומאָלס, אַז דאָס אינדי־ווידועלע געוויסן שטעלט אין סכנה חרוב צו מאַכן דעם אינערלעכן צונויפ־בונד פון דער קאָאָפּעראַטיווע, דערלאָזט דעמאָלט נישט דער קאָלעקטיווער עגאָיזם, וועלכער איז גאַנץ אָפט צונויפגעגאָסן מיט דער דאָגמאַטיק, אַז ס'זאָל אַנטשטיין אַן עכטער צונויפבונד צווישן דער קאָאָפּעראַטיווע און אַנדערע קאָאָפּעראַטיוון, צווישן דער קאָאָפּעראַטיווע און דער וועלט.

די אַלע אונדז באַקאַנטע קאָלאָניזאַציע־פּרוּוון זיינען על־פּי־רוב דורכ־געפאַלן אָדער אויסגעגאַנגען, אָבער בשום אופן נישט די קאָמוניסטישע אַליין, ווי ס'איז אָנגענומען די מיינונג. דאָ מוזן מיר, פאַרשטייט זיך, אויסלאָזן איינצלנע אונטערנעמונגען פון רעליגיעזע סעקטעס, אונטערנעמונגען, וועמעס וויטאַליטעט דאַרף פאַרשטאַנען ווערן נאָר אין די ראַמען פון דער אמונה־קראַפט פון דער גרופּירונג, ווי אַ טיילווייזע דערשיינונג פון דאָזיקן כוח; און ס'איז כאַראַקטעריסטיש, אַז דאָ, און נאָר דאָ, ווי דאָס איז דער פאַל ביי דער רוסישער סעקטע פון די דוכאָבאָרן אין קאַנאַדע אָדער ביי די „הוטערישע ברידער", טרעט־אַרויס צום פאָדערגרונט די פעדעראַטיווע פאָ־רעם. איז קראָפּאָטקין זיכער אומגערעכט, ווען ער דערקלערט דעם דורכפאַל פון די קאָמוניסטישע קאָלאָניזאַציע־פּרוּוון מיט דעם, וואָס „זיי זיינען געווען געגרינדעט אויפן יסוד און אימפּולס פון רעליגיעזער נאַטור, אַנשטאָט צו זען אין דער קאָמונע פּשוט און פּראָסט אַזאַ מין אופן פון קאָנסום און פּראָדוקציע אינעם עקאָנאָמישן סדר"; ווייל דווקא דאָרט, ווו די קאָלאָני־זאַציע איז געווען דער אויסדרוק פון עכטער רעליגיעזער התלהבות און נישט בלויז דער אויסדרוק פון אַן אויפפלאַם פון אַ במקום־רעליגיע, און

איר עקזיסטענץ איז באַטראַכט געוואָרן ווי די התחלה פון מלכות־שמים, דווקא דאָרט האָט זי באַוויזן אויסדויערקראַפט.

פון צווישן די סיבות, וועלכע קראַפּאָטקין רעכנט־אויס ווי שולדיקע אינעם דורכפאַל פונעם רוב קאָלאָניזאַציע־פּרווון, האָבן אַ באַזונדערן ווערט צוויי, וועלכע זיינען אין תוך נאָר איינע: די איזאָלאַציע פון דער געזעל־שאַפט און די איזאָלאַציע צווישן זיך. ער איז זיך טועה, ווען ער דערקלערט דידאָזיקע סיבה מיט דער קליינקייט פון דער קאָמונע, ווייל אין אַ קליינער קאָמונע, מיינט ער, פילן די מיטגלידער נאָך עטלעכע יאָר פון אַזאַ נאָענטן צוזאַמענלעבן צווישן זיך אַזאַ מין ווידערגעפיל איינער צום צווייטן: צווישן די ישובים, וועלכע האָבן אויפגעהאַלטן אַ לענגערע צייט זייער עקזיסטענץ, זעען מיר פּונקט אַזוי קליינע ווי גרעסערע. ער איז אָבער יאָ גערעכט, ווען ער פאַרלאַנגט, ווי אַן אויסגלייך פאַר דער וויניקייט און קלייניקייט פון די גרופּן, זייער פעדערירונג צווישן זיך. דאָס, וואָס אַזאַ פעדערירונג וועט דערמעגלעכן די מיטגלידער אַריבערצוגיין פון איין ישוב אין אַ צווייטן, וואָס פאַר קראַפּאָטקינען איז דאָס דאָס וויכטיקסטע און אַנטשיידנדיקסטע, איז אינדעראמתן בלויז נאָר איין איינציקער מאָטיוו צווישן אַ סך אַנדערע גינציקע פּועל־יוצאס פון דער פעדערירונג; דאָס, וואָס ס׳איז דאָ פונדאַמענ־טאַל, איז די פעדערירונג גופא אָן און פאַר זיך, דאָס קעגנזייטיקע משלים זיין זיך, דאָס קעגנזייטיקע העלפן זיך צווישן די גרופּן, דער שטראָם פון בשותפותדיקן לעבן צווישן זיי, דאָס, וואָס יעדער איינער פון זיי פילט אין זיך די המשכדיק־פליסנדיקע פּאָטענץ, וועלכע גייט ווייטער אָן. אָבער אויך נישט וויניקער וויכטיק איז דאָס, וואָס די ישובים שטייען אין באַציונגען, ווען אַפילו אַן אַנדערמיניקער, מיט דער געזעלשאַפט בכלל, — און דאָס איז אַזוי נישט דערפאַר, ווייל זיי דאַרפן האָבן אַ מאַרק פאַרן עודף פון זייערע פּראָדוקטן; נישט בלויז דערפאַר, ווייל די יוגנט טאָלערירט נישט קיין אָפּזונדערונג, ווי קראַפּאָטקין ווייזט דאָס אָן, נייערט דערפאַר ווייל די ישובים, בתנאי אויב זיי זיינען נישט באַהערשט פון יענער אייגנאַרטיקער משיחישער אמונה, מוזן ווירקן אויף דער אַרומיקער סביבה, בכדי צו קאָנען פירן אַן אמתדיק לעבן; ווער ס׳פילט אין זיך אַ שליחות, מוז זי קאָנען אַרויסברענגען, און נישט דווקא מיטן וואָרט, אָבער לפּחות מיט דער עקזיסטענץ.

אויף אַן אָנפרעג פון קאָלאָניסטישע קרייזן צו קראַפּאָטקינען האָט ער איינמאָל געענטפערט מיט אַן אָפענעם בריוו צו אַלע גרופּן, וואָס האָבן

געהאַט בדעה זיך צו קאָלאָניזירן, אין וועלכן ער האָט באַטאָנט, אַז אַ קהילהשע קערפּערשאַפט, וועלכע זאָל האָבן דעם ווערט באַצייכנט צו ווערן מיטן דאָזיקן נאָמען, דאַרף געשאַפן ווערן בהסכם מיטן פּרינציפּ פון דער פאַראייניקונג פון צווישן זיך אומאָפּהענגיקע משפּחות, וועלכע זאָלן קאָמבינירן זייערע כוחות צווישן זיך. מיט דעם האָט ער געוואָלט זאָגן, אַז אַפילו די איינצלנע גרופּע מוז אויפקומען פּעדעראַטיוו, פונעם צונויפבונד פון די קלענסטע געזעלשאַפטלעכע איינסן. בכדי די פּעדעראַטיווע באַוועגונג זאָל אַרויסוואַקסן העכער איבער דער גרופּע, איז נייטיק רוים, שטח. „דער פּרווו״, זאָגט ער אינעם ווערק „מאָדערנע וויסנשאַפט און אַנאַרכיע״, „דאַרף געמאַכט ווערן אויף אַ טעריטאָריע״. ער גיט דערנאָך צו, אַז דידאָזיקע טעריטאָריע מוז אַרומנעמען שטאָט און דאָרף. און ווידער באַנייס דאַרף מען אויססדרן דעם עקאָנאָמישן מאָטיוו בתוך דעם גרויסן סאָציאַלן מאָטיוו. אמתדיק ציבורדיק לעבן באַטייט שפּעדיקייט, בהרחבהדיקייט פון די פונקציעס און קעגנזייטיקע ווירקונג צווישן זיי, און נישט פאַרשמעלערונג און איינצוימונג. ס'איז אָבער נישט גענוג, ווי קראָפּאָטקין איז, משמעות, גענייגט אָנצונעמען, אַז אַ שטאָט „זאָל זיך פאַרוואַנדלען אין אַ קאָמונע״, — ווייל אויב זי איז איזאָלירט, געזעלשאַפטלעך אַמאָרף און אָפּגעזונדערט פון דער פילמיטגלידערדיקער פּעדעראַציע פון די דערפער, וואָלט לסוף איר ווירקונג גיכער געווען אַ נעגאַטיווע ווי אַ פּאָזיטיווע. דאַרף זי זיך אַליין איינגלידערן, זיך פאַרוואַנדלען אין אַ פּעדעראַציע פון קאָאָפּעראַטיוון, בכדי צו זיין ביכולת זיך צו שטעלן אין אַ פּרובפּעריקער באַציונג מיטן דאָרף. אינעם דענקאופן פן דער דיריגירטער עקאָנאָמיק פון דער היינטיקער צייט, וועלכע איז על־פּי־רוב אַרויסגעקומען פון טעכניש־אָרגאַניזאַטאָרישע טעמים, קאָן מען שוין געפינען גאַנץ וואָגיקע סוגערירונגען אין דעם פּרט.

פון דער פּראָבלעמאַטישער אויסוויקלונג פון אַ סך ביזאַיצטיקע קאָלאָניזאַטאָרישע פּרווון ווילן מיר דאָ פון זייער לאַנגער און אינסטרוקטיווער געשיכטע ברענגען בלויז איין כאַראַקטעריסטישן משל, אָזענס ערשטע שאַפונגען פון דעם מין, די איינציקע, וואָס איז געווען זיין אויפּטו, ניו האַרמאָני אין אינדיאַנאַ. ער האָט אָפּגעקויפט דאָס אייגנטום פון דער „סעפּאַראַטיסטן״־סעקטע, אַן איינגעוואַנדטע פון דייטשלאַנד, וועלכע האָט עס אין משך פון אַ צוואַנציקיעריקער אַרבעט פאַרוואַנדלט אין אַ פּראַכט. דער אויפּבעם פון די מיטגלידער איז געמאַכט געוואָרן אָן אַן אָפּקלייב; דער גרויסער דייטשער נאַציאָנאַלעקאָנאָם פרידריך ליסט האָט דעמאָלט פאַרנאָ־

טירט אין זיין אַמעריקאַנישן טאָגבוך: „די עלעמענטן זעען נישט אויס צו זיין די בעסטע". נאָכדעם זיינען אויסגעאַרבעט געוואָרן די סטאַטוטן פון דער נייער געמיינדע אויפן יסוד פון פולשטענדיקער גלייכהייט פון די מיטגלידער, וואָס טאַקע צוליב דעם איז זי אָנגערופן געוואָרן „די געמיינדע פון די גלייכע". נאָך צוויי יאָר, נאָכדעם ווי איינצלנע באַזונדערע גרופן האָבן זיך אָפּגעטיילט, האָט געמוזט געמאַכט ווערן דער פּרווו צו פאַרוואַנדלען די געמיינדע אין אַ פאַרבאַנד פון קליינע חברות. אָבער אויך די דאָזיקע און ענלעכע אומוואַנדלונגס־פּלענער זיינען דורכגעפאַלן. ווען אָוען האָט זיך אומגעקערט פון אַ רייזע קיין ענגלאַנד, נאָך דער דריי־יעריקער עקזיסטענץ פונעם ישוב, און געזען דעם צושטאַנד פון דער געמיינדע, האָט ער געמוזט מודה זיין, אַז „דער פּרווו איז געווען אַ פריצייטיקער"; אַז אַ געוויסע צאָל פרעמדע, וועלכע זיינען פריער נישט דערצויגן געוואָרן פאַר אַזאַ צוועק, — זיינען נישט מסוגל זיך צו פאַראייניקן מיט מענטשן, וועלכע זאָלן זיך קאָנען איינלעבן צוזאַמען ווי איין משפּחה" און אַז „די געוווינהייטן פון אַן אינדיווידועלן סיסטעם" האָבן זיך אַרויסגעוויזן צו שטאַרק. נו, פאַרקויפט ער איין טייל פונעם באָדן אין חלקים, אַ צווייטן חלק האָט ער פאַרדונגען, אויך צעטיילט אין חלקים (דער עקספּערימענט האָט אים געקאָסט אַ פינפטל פון זיין פאַרמעגן), און דעם רעשט פון דער געמיינדע פאַרבייט ער אין אַ קאָמפּלעקס פון ישובים אויף אַ פּריוואַטקאַפּיטאַליסטישן יסוד, און ער גיט זיי די עצה „צו פאַראייניקן די אַלגעמיינע אַרבעט אָדער אויסצוטוישן אַרבעט אויף אַרבעט ביי די בעסטע באַדינגונגען פאַר אַלעמען, אָדער זיי זאָלן טאָן ביידע זאַכן אָדער קיין איינע פון די צוויי, לויט דעם ווי זייערע געפילן אָדער זייערע כלומרשטע אינטערעסן וועלן זיי באַוועגן צו טאָן".

דאָס איז דער ביישפּיל פון אַ מושבה, וועלכע איז דורכגעפאַלן נישט צוליב דער דאָגמאַטיק — אָוען איז נישט געווען שטייף אין זיינע כללים, הגם ער האָט געהאַט זיינע געניוי־אויסגעאַרבעטע פּלענער, — נייערט גיכער צוליב מאַנגל אין אַ טיפערן אָרגאַנישן צוזאַמענהאַנג צווישן די מיטגלידער.

ווי אַ קעגנביישפּיל דאַרף געברענגט ווערן די אַנטוויקלונג פון קאַבעס „איקאַריאַ". אָנגעהויבן ווי אַ פּרווו צו פאַרווירקלעכן אַ פּונקט אַזאַ דילע־טאַנטישן ווי אַ הצלחהדיקן אוטאָפּישן ראָמאַן, וועלכער איז אַנשטאַנען נאָך גרויסע אַנטוישונגען און יגון ואנחה, אַזוי בערך ווי אָוענס באַשאַף, דורך איבערנעמען דאָס אייגנטום פון אַ סעקטע, דאָס מאָל פון די מאָרמאָנען, האָט דערדאָזיקער ישוב אינעם משך פונעם האַלבן יאָרהונדערט פון זיין עקזיס־

טענץ, פון זיין התחלה ביז צום לעצטן פון זיינע פאַרשטייער, דורכגעמאַכט איין שפּאַלטונג נאָך דער אַנדערער. לכתחילה האָט עס זיך געהאַנדלט וועגן קאָבעץ גופא, וואָס איז געווען אַ טעמפּעראַמענטפולער און ערלעך־באַגייסטערטער, אָבער מיטלמעסיקער מענטש. ער האָט פּרעטענדירט אויף דער דיקטאַטור פון דער פּלאַנדאָגמאַטיק אין דער געשטאַלט פון אַ דיקטאַטור פונעם פּלאַנאיניציאַטאָר, אַ פּרעטענזיע, וועלכע האָט גורם געווען מחלוקת, געשלעגן, ביז ס׳איז דערגאַנגען צום בירגערקריג. פון די צוויי גרופּן, וועלכע זיינען אַרויסגעקומען פון דער שפּאַלטונג, איז איינע נאָך קאָבעס טויט ביסלעכווייז צעבראָקלט געוואָרן, בעת אין דער אַנדערער איז פאָרגעקומען אַ נייע שפּאַלטונג, אַ צעשיידונג צווישן די „אַלטע" און „יונגע", ביי וואָס די יונגע האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין זיך געראַנגלט פאַר דער פּלאַנדאָגמאַטיק, וועלכע האָט זיך אויסגעדריקט אין די גערטנדלעך, וואָס האָבן אַרומגערינגלט די הייזקעס און אין וועלכע די מיטגלידער האָבן פאַרפלאַנצט נישט נאָר בלומען, נאָר אויך פאַרזעצט פּרוכטביימער, — דאָ איז געקומען צום אויסדרוק אַ באַדויערנסווערטער „רעשט פונעם אינדיווידואַליזם". נאָכדעם ווי דער ענין איז אויסגעגלייכט געוואָרן דורכן געריכט, איז ער פאַרענדיקט געוואָרן באופן, אַז די געמיינדע איז פונאַנדערגעטיילט געוואָרן און ביי דער פאַרטיילונג איז דער טייל, וועלכער איז אויסגעבויט געוואָרן דורך די הענט פון די אַלטע, אַריינגעפאַלן אין די הענט פון די יונגע. דער טייל פונעם ישוב פון די אַלטע האָט נאָך עקזיסטירט צוואַנציק יאָר און ער איז נאָכדעם אומגעקומען פון „עלטערשוואַכקייט". די עקאָנאָמישע כוחות האָבן געקלעקט פאַרן ווייטערדיקן לעבן, אָבער די קראַפט פון דער אמונה איז געווען פאַרלאָשן. „מיר זיינען געווען אַזוי ווייניק אין צאָל און אַזוי שטאַרק ענלעך צו די דרויסנדיקע", האָט געשריבן אַ ווייבלעכער מיטגליד, „אַז ס׳האָט שוין נישט געלוינט די מי צו לעבן אין דער בשותפותדיקער געמיינדע". אַ סך קורצלעביקער איז געווען דער ישוב פון די יונגע. נאָך כלערליי פאַרשידנדיקע שוועריקייטן זיינען זיי אַוועק קיין קאַליפאָרניע; אין דער אָרגאַניזאַציע פון דער נייער קאָלאָניע באַקומט אָבער מערקווירדיקערווייז דער פּרינציפּ פון פּריוואַטאייגנטום אַן אָנגעזעענעם פּלאַץ, אַזוי אַז זי איז נישט מיט אומרעכט פאַרגלייכט געוואָרן מיט אַן אַקציעגעזעלשאַפט; זי לייזט זיך באַלד אויף, און דערביי איז מסתמא די פאַרטייערונג פונעם באָדן געווען די גורל־באַשטימונג. אַזוי וויקלט זיך אויס די געשיכ־

טע פון איקאַריע אין אַ משונהדיקער ליניע פון דאָגמאַטיק און אָפּאָרטוניזם. „מיר האָבן געהאַט אַ ברויזנדיקן ווילן צו האָבן הצלחה", האָט עטלעכע יאָר נאָכן סוף געשריבן איינער פון די מיטגלידער, „אָבער דאָס רעקל, וואָס מיר האָבן געהאַט אויף זיך, איז פאַר אונדז געווען צו שווער און צו לאַנג; עס האָט זיך צומאָלס נאָכגעשלעפּט אין דער בלאָטע; מיט דעם בין איך אויסן צו זאָגן, אַז די נישט־געזונט אונטערדריקטע נאַטירלעכע טבע, די חיה, האָט זיך גאַנץ אָפט פּלוצים אַרויסגעשטעלט בפרהסיה". ס'איז אָבער לגמרי נישט געווען „די חיה", נייערט אַ ספּעציפיש־מענטשלעכער מין פונעם עגאָיזם.

לאָמיר־זשע,ביים פאַרענדיקן דאָס קאַפּיטל, באַטראַכטן די דריי מינים קאָאָפּעראַטיוון פונעם קוקווינקל פון דער רעסטרוקטורירונג פון דער געזעלשאַפט.

די היסטאָריש־שטאַרקסטע פון זיי, די קאָנסום־קאָאָפּעראַטיווע, איז אַן און פאַר זיך די, וואָס איז צום וויניקסטנס צוגעפּאַסט צו זיין דאָס קעמערל פאַרן איבערבוי פון דער געזעלשאַפט. זי פאַרבינדט די מענטשן צווישן זיך בלויז אין אַ קליינעם און שטאַרק פאַרמאַטעריאַליזירטן קרייז פון זייער עקזיסטענץ. דערדאָזיקער קרייז איז באין אופן נישט דער קאָנסום, ווי ס'קאָן זיך אפשר אויסדאַכטן לויטן ערשטן בליק. דער בשותפותדיקער פאַרנוץ גופא פון פּראָדוקטן האָט אַ גרויסן כוח צו פאַרבינדן מענטשן און ס'איז מסתמא קיינמאָל נישט געווען קיין בעסער בילד און סימבאָל פון בשותפותדיקן לעבן ווי אַ בשותפותדיקע סעודה. אָבער די קאָנסום־קאָאָפּעראַטיווע איז זיך נישט מתעסק מיטן קאָנסום גופא, נייערט מיטן איינקויף פאַרן קאָנסום. בשותפותדיקער איינקויף פאַרלאַנגט אָבער אייגנטלעך נישט, לויט זיין מהות נאָך, דעם מענטשן, וועלכער באַטייליקט זיך אין דעם, סיידן נאָר אין אויסנאַמלעכע צייטן, ווען ס'האַנדלט זיך אין בשותפותדיקע דאגות און בשותפותדיקער אחריות פאַרן בשותפותדיקן אויפטו, ווי אין דער „העראָישער" עפּאָכע פון דער קאָאָפּעראַטיווער באַוועגונג, אָדער אויך זינט דעמאָלט, אין מאָמענטן פון קריזיס, ווען פערזאָנען, וועלכע זיינען בדרך כלל פאַררוקט אין אַ ווינקל פון פּריוואַטער ספערע, שטעלן זיך אַוועק קרבנותגרייט אויף דער טריבונע פונעם עפנטלעכן לעבן און ראַנגלען זיך מיט דער נויט פונעם רבים; היות אָבער איצט איז דער בשותפותדיקער איינקויף געוואָרן אַן עסק, פאַר וועלכן די אחריות ווערט איבערגעגעבן די „אָנגעשטעלטע", הערט ער אין תוך אויף צו פאַרבינדן די

מענטשן. די פאַרבינדונג ווערט אַזאַ לויזע און אומפּערזענלעכע, אַז ס׳קאָן שוין אַפילו נישט זיין קיין רייד מכּוח בשותּפותדיקע קעמערלעך און מכּוח זייער צונויפגעבונד אין אַן אַרומנעמענדיקער אָרגאַנישער סטרוקטור, אַפילו נישט אינעם פאַל, ווען מיטן קאָאָפּעראַטיוון סחורה־לאַגער ווערט אויך די קאָאָפּעראַטיווע אָרגאַניזאַציע פון דעם אָדער יענעם טייל צונויפגעבונדן מיט דער פּראָדוקציע. איך געפין אָט־די אידייע אויסגעדריקט מיט אַ באַזונדערער קלאָרקייט אינעם בוך „דהי ניישאָנעל ביינג״ (דער נאַציאָנאַלער מהות) פונעם אירלענדישן דיכטער דזשאָרזש וויליאַם ראָסעל, (וועלכער האָט געשריבן אונטערן פּסעוודאָנים „אַ. ע.״), אַ בוך, וועלכעס איז אָנגעשריבן געוואָרן מיט אמתער פּאַטערלאַנד־ליבשאַפט, און רעדט וועגן דער סאָציאַלער אומוואַנדלונג פון אירלאַנד. דאָרט זאָגט זיך: „ס׳איז נישט גענוג צו אָרגאַניזירן פויערן פון איין ראַיאָן בלויז פאַר אַן איינציקן צוועק, — אין אַ קרעדיטפאַריין, אין אַ מעלקער־קאָאָפּעראַטיווע, אין אַ וווּרשטפאַבריק אָדער אין אַ קאָאָפּעראַטיוון סחורה־לאַגער״ (דאָ דאַרף מען צוגעבן: אָדער אין אָט־די אַלע צוזאַמען). „דידאַזיקע אַלע זאַכן מעגן און מוזן זיין התחלות; אָבער ווען זיי נעמען נישט אַריין און קאָנצענטרירן נישט אין דער אָרגאַניזאַציע אַלע דאָרפס־עסקים, ווערט נישט האָבן געשאַפן געוואָרן קיין אמתער סאָציאַלער אָרגאַניזם. ווען מענטשן פאַראייניקן זיך ווי קאָנסומענטן, בכדי צוזאַמען איינצוקויפן, קומען זיי אין באַריר צווישן זיך בלויז נאָר בנוגע דעם איינעם פּונקט; קיין אַלגעמיינע אידענטיטעט פון אינטערעסן איז דאָ נישטאָ... דער ספּעציאַליזירטער פאַריין אַנטוויקלט בלויז די פעיִקייט צו ווירקן אויפן עקאָנאָמישן שטח. די עוואָלוציע פון דער מענטשהייט צו אַ העכערער מדרגה פון איר איצטיקן ניוואָ איז בפירוש אָפּהענגיק פון איר פעיִקייט צו שאַפן עכטע סאָציאַלע אָרגאַניזאַציעס און זיי צו פאַראייניקן צווישן זיך״. אָט טאַקע דאָס איז עס, וואָס איך פאַרשטיי אונטערן טערמין אָרגאַנישע רעסטרוקטוריִרונג פון דער געזעלשאַפט.

די פּראָדוציר־קאָאָפּעראַטיווע איז אַן און פאַר זיך פיל מער מסוגל ווי די קאָנסום־קאָאָפּעראַטיווע זיך צו באַטייליקן אין אַזאַ רעסטרוקטוריִרונג, דאָס הייסט, צו פיגורירן ווי אַ קעמערל פון דער נייער סטרוקטור. דער בשותּפותדיקער אויסאַרבעט פון עשירות פאָדערט פאַר זיך דעם מענטשן שטאַרקער ווי דער איינקויף פון סחורות פאַרן אינדיווידועלן פאַרבויך; זי נעמט אַרום פיל מער פון זיינע לעבנס־כּוחות ווי אויך פון זיין לעבנסצייט... דער מענטש ווי אַ פּראָדוצענט איז בטבע מער מוכן ומזומן זיך אויף אַן עמינענט־

אַקטיוון אופן צונויפצונעמען מיט זיינסגלייכן, ווי דער מענטש ווי אַ בלויזער קאָנסומענט; ער איז פעיִקער צונויפצושטעלן צוזאַמען מיט זיי לעבעדיקע סאָציאַלע קערפּערשאַפטן. פאַרן מענטשן, וועלכער לאָזט (אָדער מאַכט) אַרבעטן, איז דאָס חל אויף אַזוי ווייט, בתנאי אויב ער ווערט דורכן צונויפבונד שטאַרקער פאַר דער אויסוויקלונג און דורכפירונג פון זיין פּראָדוקטיווער טעטיקייט, ווי ער איז דאָס געווען און געקאָנט זיין ווי אַ יחיד. אָבער גאָר באַזונדערס איז דאָס גילטיק פאַרן מענטש, וועלכער אַרבעט אַליין; ווייל ערשט דורכן צונויפבונד בכלל ווערט ער שטאַרק פאַר אָט־דער עובדא; ס'איז נאָר געווענדט אין דעם, צי ער האָט וויטאַלן באַוווסטזיין פאַר אָט־דער געלעגנהייט און איז אימשטאַנד צו גלייבן אין אירע פּראַקטישע פּערספּעקטיוון. ער קאָן אָבער אויף אָט־דעם דרך, ווי מיר האָבן דאָס געזען, זייער לייכט געשטהויכלט ווערן און אַפילו כמעט מיט אַזאַ מין פּאַטאַליטעט, דורכן נסיון און נייגונג צו לאָזן אַרבעטן אַנדערע פאַר אים. און אויב דער קאָנסום־פאַריין נעמט־אָן אויסערלעך, טעכניש־אָרגאַניזאַטיוו, די קאַפּיטאַליסטישע פאָרעם, פּאַסירט דאָס מיט דער פּראָדוציר־קאָאָפּעראַטיווע אינערלעך, — סטרוקטורעל און פּסיכאָלאָגיש. אַגב איז זי טאַקע לויט איר מהות פּאַסיקער פאַר אַן אמתער, נישט בלויז טעכנישער, פּעדערירונג; אָבער ווי ווייניק מ'שאַצט־אָפּ אַפילו אין די קרייזן, וועלכע זיינען צום שטאַרקסטן באַגייסטערט פאַר דער אומוואַנדלונג פון דער געזעלשאַפט דורך די פּראָדוציר־קאָאָפּעראַטיוון, דעם אַנטשיידנדיקן באַטייט פון די קליינע אָרגאַנישע קערפּערשאַפטן און פון זייער אָרגאַניש־פּעדעראַטיווער עוואָלוציע צו דער רעסטרוקטורירונג, דאָס האָבן מיר איינגעזען מיט צוויי צענדליק יאָר צוריק ביים ענגלישן צעכן־סאָציאַליזם (גילדן־סאָציאַליזם), — פון איין זייט איז דאָ אָנגעוואָרפן געוואָרן דער געוואַגטער נייער קאָנצעפּט צו פאַרוואַנדלען דעם שטאַט אין אַ דואַלן סיסטעם, אין אַ פּילפאַכיקער, געגלידערטער פאָרשטייערשאַפט פון די פּראָדוצענטן, און פון אַן איינהייטלעך־געגלידערטער פאָרשטייערשאַפט פון די קאָנסומענטן, וועלכע זאָל זיי פאַרטרעטן ווי אַזעלכע, ווי אַ כלל, אין דער מלוכה; אָבער פון דער אַנדערער זייט האָט זיך באַלד אַרויסגעוויזן, אַז די אָנהענגער פון דער נאַציאָנאַלער ריכטונג, דאָס הייסט, פון די צעכן, וועלכע האָט זיך אַרויסגעשטעלט פאַר דער אינדוסטריעלער אָרגאַניזאַציע פון אַ גאַנצן צווייג, אין וועלכן ס'זאָלן זיין אָרגאַניזירט און פאַראייניקט אַלע באַשעפטיקטע אין אַ באַשטימטן פאַך, וועלכע האָט זיך נאָך, בכן, אָריענטירט לחלוטין סען־סימאָניסטיש, איז געווען פיל

שטאַרקער ווי די אַנדערע, די „לאָקאַלע״ צעכן, דאָס הייסט. אַז זיי האָבן געשטרעבט צו קליינע אָרגאַנישע קערפּערשאַפטן און צו זייער פּעדערי־רונג. בכדי דער פּרינציפּ פון דער אָרגאַנישער רעסטרוקטורירונג זאָל ווערן אַנטשיידנדיק, איז נייטיק די השפּעה פון דער אינטעגראַלער קאָאָפּעראַ־טיווע, אין וועלכער פּראָדוקציע און קאָנסום זאָלן זיך פאַרבינדן און אַז אין דער פּראָדוקציע זאָל אינדוסטריע דערגאַנצט ווערן דורך דער לאַנד־ווירטשאַפט. און מעג עס דויערן נאָך אַזוי לאַנג, ביז זי וועט סתם אַזוי ווערן דאָס קעמערל פון דער נייער געזעלשאַפט, איז עס אָבער פונדאַמענטאַל, וויכטיק, אַז זי זאָל זיך באַלד אָנהייבן בויען ווי אַ ברייטפאַרנעמיקער קאָמפּ־לעקס פון צווישן זיך פאַרבינדעטע מאַגנעטישע ווירקונגסגאַנג־צענטערס. אַן אמתער נייער סדר, אַ נייע איינאָרדענונג פון דער געזעלשאַפט פון אינע־ווייניק, וועלכער איז באַשטימט צו האָבן אַ לאַנגן קיום, קאָן דערגרייכט ווערן נאָר דורך דער פאַראייניקונג פון די פּראָדוצענטן מיט די קאָנסומענטן, יעדער איינער פון די צדדים אָרגאַניזירט אין זעלבסטשטענדיקע און אייגנ־אַרטיקע קאָאָפּעראַטיוו־קערפּערשאַפטן, — אַ פאַראייניקונג, וועמעס סאָ־ציאַליסטישער כוח און לעבעדיקייט קאָן גאַראַנטירט ווערן נאָר דורך אַ פול־שטענדיקער צוזאַמענאַרבעט פון אַ גרויסער צאָל אינטעגראַלע קאָאָפּעראַ־טיוועס, וועלכע וועלן אין זייער סינטעטישער פונקציע האָבן אַן אויס־שטראַלנדיקע, אַ פאַרמיטלענדיקע און אַ פאַרבינדנדיקע השפּעה.

אָבער פאַר דעם איז נייטיק, אַז אויפן אָרט פון די איזאָלירטע און דורך זייער גאַנצן מהות צו איזאָלאַציע פאַרמשפּטע פּרוּוון, וועלכע האָבן זיך ביז איצט באַוויזן אין מער ווי אַ הונדערטיעריקן גערעַנגל, זאָלן אויפקומען אַרומנעמענדיקע און פאַרנעמיקע קאָלאָניסטישע געזאַמלען, טעריטאָריעל צעשפּרייט און אויפגעבויט פעדעראַטיוו, אָן דאָגמאַטישער שטייפקייט, צו־לאָזנדיק פאַרשידנאַרטיקע סאָציאַלע אינסטיטוציעס איינע נעבן די אַנדערע, אָבער תמיד מיטן אויסקוק אויפן גאַנצן, אויף דער נייער אָרגאַנישער קערפּערשאַפט ווי אַ כלל.

# מאַרקס און די באַנייאונג פון דער געזעלשאַפט

מיר האָבן געזען, אַז דער ציל פונעם אַזויגערופענעם אוטאָפּישן סאָציאַליזם איז צו פאַרבייטן דעם שטאַט אין אַזאַ וויטגייענדיקער מאָס ווי דאָס איז נאָר מעגלעך דורך דער געזעלשאַפט און דאָס טאַקע דורך אַן אמתער, אַן אויטענטישער געזעלשאַפט, דאָס הייסט, אַזאַ, וואָס זאָל נישט זיין קיין פאַרשטעלטער שטאַט. די תנאים פון אַן עכטער געזעלשאַפט קאָן מען רעזומירן בזה האופן: זי קאָן נישט זיין קיין צונויפנעם פון אינדיווידן אָן אַן אינערלעכן שייכות צווישן זיך, מחמת אַזאַ באַשעפעניש וואָלט דאָך ווידער געקאָנט צונויפגעהאַלטן ווערן נאָר דורך אַ „פּאָליטישן", אַ הערשאַפט־ און צוואַנגפּרינציפּ. זי דאַרף צונויפגעשטעלט ווערן פון קלייגע געזעלשאַפטן אויפן יסוד פון בשותפותדיקן לעבן און פון פאַרבאַנדן פון דערדאָזיקער געזעלשאַפט. און די באַציִונגען סיי פון די מיטגלידער פון יעדער איינער פון דידאָזיקע געזעלשאַפטן צווישן זיך, פּונקט אַזוי ווי פון די געזעלשאַפטן און פון די פעדעראַציעס צווישן זיך דאַרפן באַשטימט ווערן אינוויוווייט דאָס איז נאָר מעגלעך און אין ברייטסטן פאַרנעם פונעם געזעלשאַפטלעכן פּרינציפּ, דעם פּרינציפּ פונעם אינערלעכן צונויפבונד, פון צוזאַמענאַרבעט און קעגנזייטיקער הילף. מיט אַנדערע ווערטער: נאָר אַ פול־שטענדיק סטרוקטורירטע געזעלשאַפט וועט קאָנען איבערנעמען די ירושה פון דער מלוכה. לויט דעם מהות פונעם ציל קאָן ער נישט דערגרייכט ווערן נישט דורך אַן ענדערונג פון דער הערשאַפט אַליין, דאָס הייסט, דורכן בייטן יענע, וועלכע זיינען די באַלעבאַטים איבער די מאַכטמיטלען, פּונקט אַזוי קאָן ער נישט דערגרייכט ווערן דורכן בלויזן בייטן דעם סדר פונעם אייגנטום, דאָס הייסט, דורכן בייטן יענע, וועלכע זיינען די באַלעבאַטים איבער

די מיטלען פון דער פּראָדוקציע, און פּונקט אַזוי אויך נישט דורכן בלויזן בייטן וועלכע ס׳איז אינסטיטוציע אָדער געזעץ, און שאַפן אַנדערע, וואָס זאָלן רעגולירן פון דרויסן די פאָרמען פון געזעלשאַפטלעכן לעבן און אויך נישט דורך אַלע דאָ אויסגערעכנטע פאַקטאָרן צוזאַמען. דאָס אַלעס דערמאָנטע איז נייטיק אין באַשטימטע פאַזן פון דער איבעראַנדערשונג, מיט דער באַוואָרעניש, פאַרשטייט זיך, אַז פון דעם אַלעם טאָר נישט אַרויסקומען קיין נייע צוואַנגס־אָרדענונג, וועלכע זאָל רעגולירן אַלץ מיטאַנאַנד, מחמת אַזאַ סדר וואָלט נישט געלאָזט אויפקומען דעם פונדאַמענטאַלן עלעמענט, וואָס איז אַן אומבאַדינגטע נייטיקייט פאַר אַן אמתער געזעלשאַפטלעכקייט: די ספּאָנטאַניטעט, די אויסגעשטאַלטיקונג, וואָס קומט פונעם סאַמע אינעוויי־ניק, דאָס הייסט, אויך פון דער פאַרשידנאַרטיקייט. אָבער דאָס, וואָס ס׳איז בעיקר וויכטיק, אַזוי שטאַרק נייטיק, אַז יענע אַלע אויבנאויסגערעכנטע פאַקטאָרן זאָלן בלויז נוצן פאַר זיין דערגאַנצונג און דורכפיר, איז טאַקע די שאַפונג פון דער אמתער געזעלשאַפט גופא, טיילווייז פון די שוין פאַראַנענע און עקזיסטירנדיקע געזעלשאַפטן, וועמעס פאָרעם איז זין ס׳דאַרף בלויז געענדערט ווערן, און טיילווייז פון אַנדערע געזעלשאַפטן, וועלכע דאַרפן פונדאָסניי געשאַפן ווערן. וואָס מער ס׳וועט עקזיסטירן אָדער זיין אין פּאָטענץ פון אַזאַ געזעלשאַפט אין מאָמענט, ווען ס׳וועלן זיך אָנהייבן די אויסערלעכע ענדערונגען, אַלץ פריִער און לייכטער וועט עס מעגלעך זיין איינצופירן דעם סאָציאַליזם בפועל ממש אין דעם אומגעוואַנדלטן סדר, דאָס הייסט, ס׳וועט לייכטער זיין מעגלעך אויסצוהיטן פון דער סכנה, אַז דער פּרינציפּ פון מאַכט, סיי אין זיין פּאָליטישער אָדער אין זיין עקאָנאָמישער פאָרעם אָדער גאָר איןביידע פאָרמען, זאָל פונדאָסניי זיך אַריינכאַפּן און אַז ביי פאַרענדערטע אומשטענדן, מיט דער הילף פון נייע געזעצן און אינסטיטוציעס, זאָלן די מענטשלעכע באַציִונגען צווישן זיך, דאָס הייסט, דאָס ממשותדיקע לעבן, אין תוך פאַרבלייבן אַזוי צעדרייט און צעקרומט ווי זיי זיינען געווען אונטערן קאַפּיטאַליסטישן רעזשים. יענע פאַרענדערונגען פונעם עקאָנאָמישן און פּאָליטישן סדר באַטייטן פאַר דער פאַרווירקלעכונג פונעם סאָציאַליזם די אומבאַדינגטע באַזייטיקונג פון די שטרויכלונגען. נישט ווייניקער און נישט מער. אָן דער ענדערונג פון דער עקאָנאָמישער און פּאָליטישער אָרדענונג בלייבט די פאַרווירקלעכונג פונעם סאָציאַליזם בלויז אידייע, אימפּולס און איזאָלירטער פּרווו; אָבער אָן אַ פּאַקטישער רעסטרוקטורירונג פון דער געזעלשאַפט קאָן די ענדערונג פון סדר זיין בלויז אַ

פראַנטזייט אָן אַ הויז. אָבער עס דאַרף בשום אופן נישט פּאַסירן, אַז די ענדערונג פונעם סדר דאַרף לויט דער צייט באַטראַכט ווערן ווי דאָס ערשטע און די איבעראַנדערשונג פון דער געזעלשאַפט ווי דאָס צווייטע, דאָס נאָכ־דעמקומענדיקע. אַוודאי קאָן זיך אַ זיך־אומוואַנדלענדיקע געזעלשאַפט שאַפן די אָרגאַנען, וועלכע זי דאַרף האָבן פאַר איר דורכפירונג, איר פאַרטיידיקונג, פאַר דער באַזייטיקונג פון די שטרויכלונגען, אָבער פאַרענדערטע מאַכט־מיטלען שאַפן נאָך נישט קיין נייע געזעלשאַפט, וועלכע זאָל זיין מסוגל גובר צו זיין דעם פּרינציפּ פון מאַכט. דער „אוטאָפּישער" סאָציאַליזם האַלט, אַז די וויכטיקסטע קעמערלעך פאַרן איבערבוי פון דער געזעלשאַפט זיינען די קאָאָפּעראַטיוועס אין זייערע פאַרשידענע געשטאַלטן; וואָס מער ער פּראָג־רעסירט אין דער קלאָרמאַכונג פון זיין אידייע, אַלץ בולטער ווייזט זיך פאַר אים אַרויס בעת מעשה די פירנדיקע פונקציע, וואָס פאַלט אויס אויף דער פולשטענדיקער, דער אינטעגראַלער קאָאָפּעראַטיווע, וואָס פאַרבינדט צווישן זיך פּראָדוקציע און קאָנסום. די קאָאָפּעראַטיווע איז פאַר אָט־דער אידייע נישט קיין זעלבסטצוועק, אַפילו נישט דעמאָלט, ווען דורך איר, ווי אַזעלכע, געלינגט אַ וויטגייענדיקע רעאַליזירונג פונעם סאָציאַליזם; אַדרבא, דאָ גייט עס מער וועגן דעם צו באַשאַפן די סובסטאַנץ, וועלכע דאַרף דורכן נייעם סדר באַפרייט ווערן, באַקומען איר רעכט און פאַרבונדן ווערן ווי אַ קערפערשאַפט צוזאַמען מיטן פילאַרטיקן. דער „אוטאָפּישער" סאָציאַ־ליזם קאָן אין אַ באַזונדערן זין באַצייכנט ווערן ווי דער טיפּישער, דער כאַראַקטעריסטישער; ער איז נישט „אָרטלאָז", נייערט ער וויל זיך פאַר־ווירקלעכן אומעטום און אויף יעדן באַטרעפנדיקן פּלאַץ און ביי די פּאַראַ־נענע באַדינגונגען, דאָס הייסט, דווקא „דאָ און איצט", ביי די דאָ און איצט מעגלעכע באַדינגונגען און מאָס; אָבער די לאָקאַלע פאַרווירקלעכונג איז פאַר אים, — אויך דאָס איז פאַר אים כסדר קלאָרער געוואָרן בהסכם מיט דער אַנטוויקלונג פון דער אידייע — קיינמאָל נישט עפּעס אַנדערש ווי אָן אַרויסגאַנגספּונקט, אָן „התחלה", עפּעס אַזוינס, וואָס מוז דאָ זיין, בכדי די פאַרווירקלעכונג זאָל זיך פאַרפעסטיקן; וואָס מוז דאָ זיין און עקזיסטירן, בכדי ס׳זאָל אויסגעקעמפט ווערן די פרייהייט און דער אָנשפּאַר; וואָס מוז דאָ זיין, בכדי ס׳זאָל פון דעם, פון אַלע קעמערלעך און פון יענע, וועלכע אַנטשטייען אין איר געשטאַלט, אויסגעבויט ווערן די נייע געזעלשאַפט.

און אַז מיר האַלטן שוין ביי דעם, וועלן מיר אַוועקשטעלן פאַר מאַרקסן און דעם מאַרקסיזם די אַנטשיידנדיקע שאלות מכוח ציל און וועג.

אָנגעהויבן פון זיין ערשטער סאָציאַליסטישער פאָרמולירונג און ביז צו דער פולער רײַפקייט פון זיינע געדאַנקען איז מאַרקס תופס דעם ציל אויף אַזאַ אופן, וואָס איז זייער נאָענט צום „אוטאָפישן״ סאָציאַליזם. שוין אין אויגוסט 1844 שרייבט ער (אין זיין מאמר „קריטישע ראַנדפאַרצייכענונגען״): „די רעוואָלוציע בכלל — דער איבערקער פון דער באַשטייענדיקער מאַכט און די אופלייזונג פון די אַלטע פאַרהעלטענישן — איז אַ פאָליטישער אַקט. אָן רעוואָלוציע קאָן זיך אָבער דער סאָציאַליזם נישט אימפאָנירן: ער נייטיקט זיך אין אָט־דעם פאָליטישן אַקט, אינוויווייט ער נייטיקט זיך אין דער צעשטערונג און אויפלייזונג. אָבער דאָ, ווו ס׳הייבט זיך אָן זיין אָרגאַניזירנדיקע טעטיקייט, ווו ס׳שטעלט זיך אַרויס זיין זעלבסטצוועק, ווו ס׳טרעט־אַרויס זיין נשמה, שליידערט דער סאָציאַליזם אַוועק זיין פאָליטישע שאָלעכץ״. דאָס דאַרף גילטיק ווערן צוזאַמען מיטן נאָכקומענדיקן זאַץ ביים אָנפאַנג פון נעמלעכן יאָר („צור יודענפראַגע״): „ערשט דעמאָלט, ווען דער מענטש האָט דערקענט און אָרגאַניזירט זיינע „פאָרסעס פראָפרעס״ (אייגענע כוחות) ווי געזעלשאַפטלעכע כוחות (ס׳איז, בכן, נישט נייטיק, ווי רוסאָ מיינט, צו ענדערן די טבע פונעם מענטשן, צוצונעמען ביי אים זיינע, „פאָרסעס פראָפרעס״ און אים צו געבן אַנדערע, סאָציאַלע, לויט זייער כאַראַקטער) און דעריבער טיילט ער שוין פון זיך מער נישט אָפּ די געזעלשאַפטלעכע קראַפט אין דער געשטאַלט פון דער פאָליטישער קראַפט (דאָס הייסט, ער סטאַביליזירט שוין מער נישט דעם שטאַט ווי אַן אָרגאַן פונעם אָרגאַניזירטן הערשאַפטפּרינציפּ), — ערשט דעמאָלט איז דורכגעפירט די מענטשלעכע עמאַנציפּאַציע״. היות די פאָליטישע פאַרהעלטענישן ווערן דורך מאַרקסן שוין אין יענער התחלהדיקער צייט אינטערפּרעטירט מיט דער גאַנצער קלאָרקייט נישט ווי עפּעס אַנדערש ווי נאָר דער אויסדרוק און ווירקונג פון דער קלאַסן־הערשאַפט, איז דאָך נאַטירלעך, אַז מיטן אָפּשאַף פון אָט־די פאַרהעלטענישן, זאָל אויך אויפהערן די קלאַסנהערשאַפט: דער מענטש, „וועלכער איז שוין מער נישט אָפּגעשיידט פון מענטשן און פונעם ציבור״, איז שוין דערפאַר אַליין אויך מער נישט דער פּאָליטישער מענטש. אָבער דאָס ווערט נישט באַטראַכט ערשט ווי אַ פועל־יוצא פון אַ נאָכרעוואָלוציאָנערער אַנטוויקלונג; אַדרבא, בהסכם דערמיט, וואָס ס׳ווערט געזאָגט אין יענע ביידע פראַזן, איז גיכער די רעוואָלוציע ווי אַזאַ, דאָס הייסט, די רעוואָלוציע אין איר ריין־נעגאַטיווער „אויפלייזנדיקער״ פונקציע, דער לעצטער פּאָליטישער אַקט. ווי נאָר ס׳הייבט זיך אָן

די אָרגאַניזאַטאָרישע אַקטיוויטעט אויפֿן שטח, וועלכער איז צוגעגרייט געוואָרן דורכן איבערקער, דאָס הייסט, ווי נאָר ס׳הייבט זיך אָן די פּאָזי־טיווע פֿונקציע פֿונעם סאָציאַליזם, ווערט דער פּאָליטישער פּרינציפּ פֿאַר־ביטן דורכן סאָציאַלן; דער תחום, אין וועלכן אָט־די פֿונקציע ווערט דורכ־געפֿירט, איז שוין נישט מער דער תחום פֿון דער פּאָליטישער מאַכט פֿון מענטשן איבערן מענטשן. די דיאַלעקטישע פֿאָרמולירונג לאָזט דאָך נישט איבער קיין שום ספֿק מכּוח דעם, וועלכע ס׳איז, לויט מאַרקס אײנזען, די אויסוויקלונג פֿון די פֿאַקטישע פּאַסירונגען; פֿון איין זייט צעשטערט דער פּאָליטישער אַקט פֿון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע נישט בלויז די קלאַסן־מלוכה, נייערט די מלוכה ווי אַ מאַכטבאַשאַף בכלל, בעת, פֿאַרקערט, די פּאָליטישע רעוואָלוציע איז עס דווקא יענע, וועלכע „קאָנסטיטויִרט אים ווי אַן אַלגעמיינעם ענין, דאָס הייסט, ווי אַן אמתע מלוכה״; פֿון דער אַנדערער זייט הייבט זיך אָן די „אָרגאַניזירנדיקע טעטיקייט״, דאָס הייסט, דער נייער באַשאַף פֿון דער געזעלשאַפֿט הייבט זיך אָן ערשט נאָכדעם ווי ס׳איז דורכ־געפֿירט געוואָרן דער איבערקער פֿון דער עקזיסטירנדיקער מאַכט, — די אָרגאַניזאַטאָרישע טעטיקייט, וואָס איז דורכגעפֿירט געוואָרן פֿריִער, פֿאַר דער רעוואָלוציע, איז בלויז געווען אָרגאַניזאַציע פֿונעם געראַנגל. דאָ זעען מיר שוין מיט דער גאַנצער קלאָרקייט דאָס, וואָס פֿאַרבינדט מאַרקסן מיטן „אוטאָפּישן״ סאָציאַליזם — דער ווילן צו פֿאַרבייטן דעם פּאָליטישן דורכן סאָציאַלן פּרינציפּ, און אויך דאָס, וואָס טיילט אים אָפּ פֿון דעם; זיין מיין, אַז אָט־דער פֿאַרבייט דאַרף דערגרייכט ווערן מיט אויסשליסלעך־פּאָליטישע מיטלען, דאָס הייסט, אַזויצוזאָגן אויפֿן וועג פֿון אַ ממשותדיקן זעלבסטמאָרד פֿונעם פּאָליטישן פּרינציפּ.

דידאָזיקע מיינונג איז טיף פֿאַרוואָרצלט אין מאַרקס דיאַלעקטישן באַנעם פֿון דער געשיכטע, טאַקע אַזוי ווי זי האָט מיט פֿופֿצן יאָר שפּעטער באַקומען איר קלאַסישע פֿאָרמולירונג אין דער הקדמה פֿונעם ווערק „צור קריטיק דער פּאָליטישען עקאָנאָמי״.

אָבער אינעם לעצטן קאַפּיטל פֿון דער פּאָלעמישער שריפֿט קעגן פּרודאָנען מערקן מיר אַ נישט אומבאַדייטנדיקע באַגרענעצונג. „דער אַר־בעטנדיקער קלאַס״, זאָגט זיך דאָ, „וועט אין משך פֿון זיין אַנטוויקלונג אַוועקשטעלן אויפֿן אָרט פֿון דער אַלטער בירגערלעכער געזעלשאַפֿט אַן אַסאָציאַציע, וועלכע וועט אויסשליסן די קלאַסן און זייער אַנטאַגאָניזם און ס׳וועט מער נישט עקזיסטירן קיין פּאָליטישע מאַכט אין אייגנטלעכן זין,

מחמת די פּאָליטישע מאַכט איז דאָך טאַקע דער אָפּיציעלער תמצית פונעם
אַנטאַגאָניזם בתוך דער בירגערלעכער געזעלשאַפט". „קיין פּאָליטישע מאַכט
אין אייגנטלעכן זין" — דאָס באַטייט דאָך קיין פּאָליטישע מאַכט אינעם
זין פון אויסדרוק און ווירקונג פון דער קלאַסנהערשאַפט, וואָס דרינגט־
אַרויס ווי אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט, ווען איר באַזייטיקונג און אָפּשאַ־
פונג זאָל באמת דורכגעפירט ווערן. לאָמיר־זשע דאָ אַוועקקוקן פון דער
שאלה, וועלכע האָט זיך פאַר מאַרקסן קיינמאָל נישט אַוועקגעשטעלט בפּועל־
ממש, די שאלה, צי איז טאַקע דער פּראָלעטאַריאַט באמת דער „לעצטער"
קלאַס, מיט וועמעס איבערנעמען די מאַכט ס'וועט לגמרי קומען אַ סוף
צו דער קלאַסנהערשאַפט אין אַלגעמיין, דאָס הייסט, צי קאָן זיך נישט בתוך
אַ ניצחונדיקן פּראָלעטאַריאַט אויסגעשטאַלטיקן אַ נייע סאָציאַלע דיפערענ־
צירונג, וועלכע זאָל זיין אימשטאַנד צו דערפירן צו אַ נייער מאַכטפּאָזיציע,
ווען אַפילו מ'זאָל לגבי איר נישט אָנווענדן די באַצייכענונג קלאַס. חוץ
דעם בלייבט נאָך די נישט ווייניקער שווערוואָגיקע שאלה מכוח דעם מהות
און פאַרנעם פון דער פּאָליטישער מאַכט אינעם „נישט־אייגנטלעכן זין",
דאָס הייסט, די פּאָליטישע מאַכט, וועלכע איז זיך שוין נישט סומך אויף
קלאַסנהערשאַפט און וועלכע עקזיסטירט אָבער ווייטער נאָך איר אָפּשאַפונג.
צי וואָלט נישט געווען מעגלעך, אַז דידאָזיקע קלאַסנהערשאַפט זאָל זיך
נישט נאָר מאַכן ווייניקער פילבאַר, נאָר זאָל זיך טאַקע מאַכן נאָך פילבאַ־
רער ווי יענע, וועלכע האָט זיך סומך געווען אויף קלאַסנהערשאַפט, לפּחות
כל־זמן ס'האַנדלט זיך וועגן „פּאַרטיידיקן די רעוואָלוציע", דאָס הייסט,
„דע פאַקטאָ", כל־זמן די גאַנצע מענטשהייט פון דער ערד וועט נאָך נישט
האָבן אָפּגעשאַפט די קלאַסנהערשאַפט, אָדער אפשר גאָר כל־זמן זי וועט זיך
נישט האָבן אידענטיפיצירט מיטן הערשנדיקן סאָציאַליסטישן באַנעם און
זיין פאַרווירקלעכונג אינעם דאָזיקן שטאַט, איו וועלכן ס'איז דערגרייכט
געוואָרן דער ניצחון פונעם פּראָלעטאַריאַט? אָבער וואָס אונדז אינטערעסירט
דאָ צום מיינסטן איז: כל־זמן אין אָט־דער מלוכה אָדער אין אָט־די מלוכות
וועט הערשן דערדאָזיקער באַשטימטער באַנעם, טאַקע הערשן בפּועל־ממש
מיט אַלע טעכנישע מאַכטמיטלען פון אונדזער צייט, — ווי אַזוי וועט קאָנען
קומען צום אויסדרוק יענע ספּאָנטאַניטעט, יענע פרייע סאָציאַלע זוכעניש
פון פאָרמען און אַרויסברענגעניש פון פאָרמען, יענע פרייע סאָציאַלע
פּרוּוון און אַנטשיידונגען, וועלכע זיינען אַזאַ אומבאַדינגטע נייטיקייט פאַר
דער פאַרווירקלעכונג פונעם סאָציאַליזם, פאַרן אַנטשטיי פון דער סאָציאַ־

ליסטישער געשטאַלט פון דער געזעלשאַפט? מיט דעם, וואָס מאַרקס ציט נישט קיין דייטלעכע דעמאַרקאַציע־ליניע צווישן דער מאַכט אין אייגנט־לעכן זין און דער מאַכט אינעם נישט־אייגנטלעכן זין, עפנט ער דאָס טויער פּאַר אַן אַנדער מין פּאָליטישן פּרינציפּ, וועלכער איז, לויט זיין מיינונג, לגמרי נישט פאַראַן און קאָן לחלוטין נישט עקזיסטירן, — אַזאַ מין, אַ גאַטונג, וועלכער איז נישט דער אויסדרוק אוןווירקונג פון קלאַסנהערשאַפט, נייערט דער אויסדרוק און ווירקונג פון נישט קלאַסיסטיש־כאַראַקטעריזירטע מאַכט־טענדענצן און מאַכט־ראַנגלענישן פון גרופּן און יחידים. די פּאָלי־טישע מאַכט אינעם נישט־אייגנטלעכן זין וואָלט דאָ במילא געווען דער אָפּיציעלער תמצית פונעם אַנטאַגאָניזם אָדער בתוך דעם פּראָלעטאַרישן קלאַס אָדער, עקזאַקטער, בתוך דער באַפעלקערונג, אין וועלכער „ס'איז אָפּגעשאַפט געוואָרן די קלאַסנהערשאַפט״.

די איינדרוקן, וואָס מאַרקס האָט באַקומען פון דער פּראָבלעמאַטישער רעוואָלוציע פון 1848, האָבן פאַרשאַרפט זיין קריטישע האַלטונג צו די פּרוּוון פון אַ רעסטרוקטוריזירונג. און אויב אינעם מאַניפעסט זיינען קריטיקירט גע־וואָרן די „קליינע, דורכפאַלנדיקע עקספּערימענטן״, ווערט איצט, (אינעם באַריכט וועגן „די קלאַסנקאַמפן אין פראַנקרייך״ פון 1850), אַנגעקלאָגט „דער דאָקטרינערער סאָציאַליזם״, וועלכער „צעפלעכט דעם רעוואָלוציאָ־נערן געראַנגל פון די קלאַסן מיט זיינע נויטוועדיקייטן דורך קליינע שוואַרצקינסטלערישע פאַרבלענדענישן אָדער גרויסע סענטימענטאַליטעטן״ און דערנאָך (אינעם „18טן ברומער״ פון יאָר 1852) האָט מען דעם פּראָג־צויזישן פּראָלעטאַריאַט פאָרגעוואָרפן, אַז עס האָט זיך טיילווייז געוואָרפן אויף „דאָקטרינערע עקספּערימענטן, אומטוישבענק און אַרבעטער־פאַריי־נען״, דהיינו „אויף אַ באַוועגונג, וועלכע זאָגט זיך אָפּ איבערצוקערן די אַלטע וועלט מיט אירע אייגענע גרויסע מיטלען, און באַמיט זיך בעסער צו דערגרייכן זיין אויסלייזונג הינטערן רוקן פון דער געזעלשאַפט, אויף אַ פּריוואַטן אופן, בתוך זיינע באַגרענעצטע עקזיסטענץ־באַדינגונגען, וואָס וועלן אים ווילנדיק נישטווילנדיק דערפירן צום דורכפאַל״.

מאַרקס אמונה אין דער אומבאַדינגט בקרוב קומענדיקער רעוואָלוציע איז נאָך דעמאָלט געווען אומצעטרייסלט, אָבער זיין האָפענונג אויף אַ באַל־דיקער וועלטרעוואָלוציע אין פולן זין פון אָט־דעם וואָרט האָט זיך אָנגע־הויבן טרייסלען. אין יאָר 1858 שרייבט ער צו ענגעלסן: „דאָס שווערע פּראָבלעם פאַר אונדז איז אָט־דאָס: אויפן קאָנטינענט איז די רעוואָלוציע

אימפּינענט און זי וועט אויך תיכף אָננעמען אַ סאָציאַליסטישן כאַראַקטער. צי וועט זי אין אָט־דעם קליינעם ווינקל (דאָס הייסט. אויפן אייראָפּעישן קאָנטינענט) נישט דערשטיקט ווערן מיט געוואַלט, היות אויף אַ פּיל גרעסערער טעריטאָריע איז נאָך די באַוועגונג פון דער בירגערלעכער געזעלשאַפט אין אַן אַרויפשטייגנדיקן צושטאַנד"? די ספיקות זיינען, קאָנטיק, אין די קומענדיקע יאָרן נאָך שטאַרקער געוואָרן. פון דער אַנדערער זייט איז ביי אים אין יענע יאָרן געשטאַרקט געוואָרן דער איינדרוק וועגן דעם באַטייט פונעם פּאָליטישן קאַמף, וואָס גייט־אָן מחוץ דער רעוואָלוציע. דאָס קומט צום אויסדרוק, צווישן אַנדערע זאַכן, נאָך ווייטערדיקע זעקס יאָר אין דער „דערעפענונגסרעדע פון דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־אַסאָסיאַציע". נאָכדעם ווי ער האָט געלויבט דאָס געזעץ מכוח די צען שעה און עס באַצייכנט ווי „אַ ניצחון פון אַ פּרינציפּ", רעדט ער וועגן דעם אויפשטייג פון דער קאָאָפּעראַטיווער באַוועגונג ווי וועגן „אַ נאָך גרעסערן ניצחון פון דער פּאָליטישער עקאָנאָמיע פון דער אַרבעט איבער דער פּאָליטישער עקאָנאָמיע פונעם קאַפּיטאַל"; דער ווערט פון דידאַזיקע גרויסע סאָציאַליסטישע עקספּערימענטן קאָן נישט גענוג הויך אָפּגעשאַצט ווערן, ווייל די אַרבעטער, וועלכע האָבן אָן יעדן מין הילף געשאַפן קאָאָפּעראַטיווע פאַבריקן, האָבן דאָך באַוויזן, אַז דער גורל פון דער לוינאַרבעט „איז צו פאַרשווינדן און אָפּטרעטן דאָס פּלאַץ פאַר דער אַסאָציאירטער אַרבעט". אָבער בכדי צו באַפרייען די מאַסן, נייטיקט זיך דער קאָאָפּעראַטיווער סיסטעם „אין אַן אַנטוויקלונג אין אַ נאַציאָנאַלער סקאַלע און במילא אויך אין דער שטיצע דורך נאַציאָנאַלע מיטלען", דאָס הייסט, טאַקע דאָס, צו וואָס לואי בלאַן און לאַסאַל האָבן געשטרעבט און אויף וואָס זיי האָבן געהאָפט. אָבער אויף דעם וועלן, לויט מאַרקסן, נישט איינגיין פּריוויליק נישט די גרויסע באָדנאייגנטימער און נישט דאָס קאַפּיטאַל. „דעריבער" איז עס איצט „דער גרויסער חוב פונעם אַרבעטערקלאַס" צו דעראָבערן די פּאָליטישע מאַכט. אָטדעם וואָרט „דעריבער" דאַרף געשענקט ווערן די פולע אויפמערקזאַמקייט. די אַרבעטערשאַפט דאַרף אין די פּאַרלאַמענטן געווינען די פּאָליטישע מאַכט, בכדי אָפּצורוימען פון וועג די שטרויכלונגען פאַר דער קאָאָפּעראַטיווער באַוועגונג. מאַרקס גיט דאָ דער קאָאָפּעראַציע, און בפרט דער פּראָדוצירקאָאָפּעראַציע, אַ צענטראַלן באַטייט. ס'איז אמת, אַז אויך אין די רעזאָלוציעס פונעם גענפער קאָנגרעס פון יאָר 1886, וועלכע זיינען רעדאַקטירט געוואָרן פון מאַרקסן, ווערט אונטערגעשטראָכן, אַז די קאָאָפּעראַטיווע באַוועגונג איז

פון זיך אַליין „נישט אימשטאַנד איבערצואַנדערשן די קאַפּיטאַליסטישע געזעלשאַפט"; אָבער מיט דעם ווערט זי דאָך אָנערקענט ווי דער אייגנטלעכער וועג צו דערדאָזיקער אומגעשטאַלטיקונג, אָבער מיטן צוגאָב אַז כדי דאָס צו דערגרייכן, איז אומבאַדינגט נייטיק די דעראָבערונג פון דער מלוכה־מאַכט דורך דער אַרבעטערשאַפט. מאַרקס דערנענטערט זיך דערמיט אויף אַ גאַר באַמערקנסווערטן אופן צום רעיון מכוח דער רעסטרוקטורירונג, הגם ער נעמט אים פּרינציפּיעל נישט אויף. אָבער אין שייכות דערמיט דאַרף דערמאָנט ווערן, אַז ער זעט־איין בולט די סכנה, אַז די קאָאָפּעראַטיוועס קאָנען זיך אויסגליטשן און ווערן פשוטע בירגערלעכע אַקציע־געזעלשאַפטן, און ער רעקאָמענדירט אויך די געהעריקע עצה, אַז אַלע אין זיי באַשעפטיקטע אַרבעטער זאָלן באַקומען דעם גלייכן חלק אין די רווחים.

אָבער ווייניקער ווי דריי חדשים פאַר דער גענפער קאָנפערענץ, פאַר וועלכער ער האָט צונויפגעשטעלט דידאָזיקע רעזאָלוציעס, שרייבט מאַרקס צו ענגעלסן וועגן די טענדענצן פון די פּראָנצויזן, וועלכע זייגען אַרויסגעוויזן געוואָרן ביי אַ דעבאַטע פונעם גענעראַלראַט פונעם אינטערנאַציאָנאַל: „פּרודאָניזירטער שטירנעריאַניזם. אַלעס צעלייגן אין קליינע „גרופּעס" אָדער „קאָמונעס", וועלכע זאָלן פון זייער זייט שאַפן אַ „פאַריין", אָבער נישט קיין מלוכה". דאָ קומט צום אויסדרוק די שטאַטצענטראַליסטישע אונטערשטרעמונג אין מאַרקס אידייע, ווען אפילו בלויז מיט רמזים, אָבער גענוג בולט. פּרודאָנס פעדעראַליזם, וועלכן ער אַטאַקירט, וויל בשום אופן נישט אַלעס פונאַנדערלייגן אין גרופּעס, נייערט צו געבן די פאַראַנענע גרופּעס אַ פאַרהעלטענישמעסיק ווייטגייענדיקע אויטאָנאָמיע און זיי לאָזן זיך צונויפנעמען אין פעדעראַציעס, וועמעס צונויפנעם וואָלט מיט זיך פאַרגעשטעלט אַן אָרגאַנישערע פאָרעם פון קהילות ווי די איצטיקע מלוכה. כלפּי אים שטעלט זיך מאַרקס ווידער אַרויס ווי אַ פעסטער אָנהענגער פון דער מלוכה ווי אַזעלכער.

אָבער ווידער פינף יאָר נאָך דעם האָט פונדאָסניי געווירקט אויף מאַרקס באַנעם אַ רעוואָלוציאָנערע פאַסירונג, געווירקט שטאַרקער ווי וועלכע ס'איז פריערדיקע און אין אַן אַנדערער ריכטונג, — די פּאַריזער קאָמונע. אין איינער פון זיינע באַדייטנדיקסטע שריפטן, אין דער פון אים אָנגעשריבענער רעדע פונעם גענעראַלראַט פונעם אינטערנאַציאָנאַל מכוח דעם בירגערקריג אין פראַנקרייך, האָט ער אָנגעצייכנט אַ בילד פון אויפבוי, טעטיקייט און כוונות פון דער קאָמונע. ס'איז דיסקוטירט געוואָרן די היסטאָרישע

דאָס בילד איז אַ ווידוי, אַ מודה זיין זיך, וואָס איז שטאַרק וויכטיק פאַר באַגלייבטקייט פונעם בילד; אָבער נישט וועגן דעם גייט עס אונדז דאָ, — אונדזער טעמע מכוח מאַרקס זיך כסדר בייטנדיקער פּאָזיציע צו דער גע־שטאַלטיקונג פון אַ נייער געזעלשאַפט.

דאָס, וואָס האָט די קאָמונע אין מאַרקס אויגן מאַרקס אויסגעטיילט פון אַלע פריִערדיקע איבערקערעדישע פּרוּוון, „איר אמתדיקער סוד״, איז דאָס, וואָס זי איז געווען „אין תוך אַ רעגירונג פונעם אַרבעטערקלאַס״. דאָס איז צו פאַרשטיין בפירוש אַזוי: מאַרקס באַציט זיך צו אַ רעגירונג, וואָס איז נישט בלויז געשאַפן געוואָרן פונעם אַרבעטערקלאַס, נייערט אויך בפועל ממש פון אים אָנגעפירט געוואָרן. די קאָמונע איז „די אַליינרעגירונג פון די פּראָדוצענטן״. די פאָרשטייערשאַפט, וועלכע איז אַרויסגעקומען פונעם אַל־געמיינעם שטימרעכט פון די וואַלן פון פּאַריזער פאָלק, אַ פאָרשטייערשאַפט, וועלכע באַשטייט פון מיטגלידער, וואָס זיינען פאַרפליכט צו די באַשטימטע אינסטרוקציעס פון זייערע וויילער און קאָנען צו יעדן מאָמענט באַזייטיקט ווערן, האָט געדאַרפט זיין „נישט קיין פּאַרלאַמענטאַרישע, נייערט אַן אַר־בעטנדיקע קערפּערשאַפט, אַן עקזעקוטיווע און אַ געזעצגעבערישע צו דער נעמלעכער צייט״. דיזעלביקע פאָרעם פון אָרגאַניזאַציע איז געווען פאָרויס־געזען פאַר אַלע געמיינדעס פון פראַנקרייך, ביז צום קלענסטן דאָרף אַפילו. די דאָרפישע גמינעס דאַרפן פאַרוואַלטן זייערע בשותפותדיקע ענינים אינעם ראַיאָנעם פּאַרלאַמענט און וואָס שייך די ראַיאָנע פאַרזאַמלונגען דאַרפן זיי שיקן דעפּוטאַטן צו דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג. אָנשטאָט דער צענטראַלער מאַכט פון דער מלוכה, וואָס שטאַמט פון דער אַבסאָלוטיסטישער מאָנאַרכיע, „מיט אירע אַלץ־ און אומעטום־זעענדיקע אָרגאַנען״, האָט געדאַרפט קומען אַ וויטגייענדיק־דעצענטראַליזירטע קהילה־קערפּערשאַפט. „די קליינע צאָל, אָבער וויכטיקע פונקציעס, וועלכע פאַרבלייבן נאָך נאָכדעם איבעריק פאַר אַ צענטראַלער רעגירונג, דאַרפן איבערגעגעבן ווערן צו קאָמונאַלע, דאָס הייסט, שטרענג־אחריותדיקע פונקציאָנאַרן״. די דעצענטראַליזאַציע דאַרף אָבער נישט באַטייטן קיין צעשפּליטערונג, נייערט אַ נייער צונויפשטעל פון דער פאָלקסקערפּערשאַפט אויף אַן אָרגאַנישן יסוד, אַ רעאַקטיווירונג פון די סאָציאַלע פאָלקס־כוחות און אַזוי אַרום אויך פונעם גאַנצן פאָלקס־אָרגאַניזם. „די קאָמונאַלע תקנות וועלן דאָס דאַרפן אומקערן דעם געזעל־שאַפטלעכן קערפּער די אַלע כוחות, וועלכע ס׳האָט ביז איצט פאַרשלונגען די פּאַראַזיטישע פאַרזעעניש „שטאַט״, וועלכער שפּייזט זיך פון דער גע־

זעלשאַפֿט און שטערט איר פֿרייע באַוועגונג. דורך אָט־דעם אויפֿטו אַלייִן האָט געקאָנט צושטאַנדקומען פֿראַנקרייכס ווידעראויפֿלעב״. ס׳איז ווײַטער אַזוי ווײַטער־לעך, אַז מאַרקס רעדט דאָ נישט וועגן באַשטימטע שטאַטפֿאָרמען, נייערט וועגן שטאַט בכלל. אַדאַנק דעם, וואָס די לאָקאַלע אויטאָנאָמע רעגירונג ווערט „עפּעס זעלבסטפֿאַרשטענדלעכס״, ווערט מיט דעם די שטאַטלעכע מאַכט „איבערפֿליסיק״. קיינער פֿון די „אוטאָפּישע״ סאָציאַליסטן האָט זיך קיינמאָל נישט אַרויסגעזאָגט ראַדיקאַלער וועגן אָט־דעם ענין.

אָבער די פּאָליטישע סטרוקטור פֿון דער קאָמונע איז פֿאַר מאַרקסן נישט עפּעס אַנדערש ווי דאָס פֿאָרצײמער פֿונעם אייגנטלעכן און אַנט־שיידנדיקן, דער פֿאַרשפּיל פֿון דער גרויסער סאָציאַלער איבעראַנדער־שונג, צו וועלכער זי וואָלט געוווען געמוזט פֿירן לויט איר דיספּאָזיציע און אירע פּלענער, ווען זי וואָלט נישט געווען חרוב געוואָרן. ער זעט אין איר די „סוף־כל־סוף אַנטפּלעקטע פּאָליטישע פֿאָרעם, בהסכם מיט וועלכער ס׳וועט קאָנען דורכגעפֿירט ווערן די עקאָנאָמישע באַפֿרייונג פֿון דער אַרבעט״. די קאָמונע האָט געוואָלט פֿאַרוואַנדלען „דאָס אינדיווי־דועלע אייגנטום אין אַן אמת דערמיט, וואָס זי האָט פֿאַרוואַנדלט די מיט־לען פֿון דער פּראָדוקציע, דעם באָדן און דאָס קאַפּיטאַל, אין בלויז ווערק־צײַג פֿון דער פֿרייער און פֿאַראייניקטער אַרבעט״, און טאַקע אַ פֿאַראיי־ניקטע אין די פּראָדוציר־קאָאָפּעראַטיוועס. „אויב די קאָאָפּעראַטיווע פּראָ־דוקציע״, טענהט מאַרקס, „זאָל נישט פֿאַרבלײַבן פּוסטער דמיון און שווינדל, אויב זי וויל אַרויסשטויסן דעם קאַפּיטאַליסטישן סיסטעם, אויב אַלע קאָאָ־פּעראַטיוועס ווילן אויססדרן די פּראָדוקציע לויט אַ בשותּפֿותדיקן פּלאַן, בכדי זי צו נעמען אין זייער אָנפֿירערישן רשות, — וואָס וואָלט דען דאָס געווען, חשובע הערן, אויב נישט קאָמוניזם, דער „מעגלעכער״ קאָמוניזם?״ דהיינו: דער קאָמוניזם, וועלכער וואָלט זיך, אין היפּוך צו דער פֿאַרשפּריי־טער מיינונג וועגן זיין „אוממעגלעכקייט״, אַרויסגעוויזן ווי מעגלעך. אַ פֿעדעראַליזם פֿון די קאָמונעס און קאָאָפּעראַטיוועס — ווייל טאַקע אַזעל־כעס איז עס, וועמעס פּלאַן ער האָט אָנגעצייכנט — ווערט פֿון מאַרקסן אָנערקענט ווי אמתער קאָמוניזם. ס׳איז אמת, אַז אויך איצט זאָגט ער זיך אַרויס קעגן יעדן מין „אוטאָפּיזם״. דער אַרבעטערקלאַס „איז נישט מחויב אײַנצופֿירן פֿיקס און פֿאַרטיקע אוטאָפּיעס דורך אַ באַשלוס פֿונעם פֿאָלק״. דער קאָמונאַלער און קאָאָפּעראַטיווער סדר, וועלכן ער וויל שאַפֿן, אויסבויען פֿאַר דער נייער קהילה און נייער געזעלשאַפֿט, איז נישט צוגעטראַכט,

נישט געמלאכהט געוואָרן, — ער קאָן אַרויסקומען נאָר פון דער ממשות־דיקייט פון דער פאַרבינדונג פון אַלטע און נייע דורות, פון דער בהדרגה־דיק אַנטשטאַנענער ווירקלעכקייט אינעם פאָלקס־געזאַמל גופא, נאָר פון איר אַליין קאָן געשאַפן ווערן זיין ווערק, זיין הויז. „ער האָט נישט קיין שום אידעאַל צו פאַרווירקלעכן; ער דאַרף בלויז באַפרייען די עלעמענטן פון דער נייער געזעלשאַפט, וועלכע האָבן זיך שוין אַנטוויקלט בתוך דער חרוב־ווערנדיקער בורזשואַזער געזעלשאַפט". דאָ האָבן מיר איבעראַנייס יענעם באַגריף פון דער „אַנטוויקלונג" פון 1847, אָבער דאָסמאָל לגמרי קלאָר און אומאָפּפרעגבאַר אינעם זין פון אַן ערב־רעוואָלוציאָנערן פּראָצעס, ווען מהות ס'איז די שאַפונג פון קליינע מענטשלעכע קערפּערשאַפטן פאַר צוזאַמענלעבן און צוזאַמענאַרבעט, פון קאָמונעס און קאָאָפּעראַטיווען, וועלכע זאָלן זיך קאָנען פעדערירן צווישן זיך, קערפּערשאַפטן, לגבי וועלכע די מיסיע פון דער רעוואָלוציע איז בלויז זיי צו קרעפטיקן. ס'איז אמת, אַז דאָס איז פולשטענדיק בהסכם מיט דער צוועלף יאָר עלטערער באַרימטער פאָרמול „קריטיק פון דער פּאָליטישער עקאָנאָמיע" מכוח די נייע העכערע פאַרהעלטענישן פון דער פּראָדוקציע, וועלכע פאַרנעמען קיינמאָל נישט דאָס אָרט פון די אַלטע, „איידער די מאַטעריעלע עקזיסטענץ־באַדינגונגען זייערע זיינען פריער נישט אויסגעוואַרעמט געוואָרן אין שויס פון דער אַלטער געזעלשאַפט גופא"; אָבער אינעם באַריכט פונעם גענעראַלראַט ווערט אַפילו נישט געמאַכט דער מינדסטער רמז, אַז די פּאַריזער קאָמונע איז דורכגעפאַלן דערפאַר, ווייל די אויסוואַרעמונג איז נאָך נישט געווען פאַרענדיקט. און די עלעמענטן פון דער נייער געזעלשאַפט, וועלכע האָבן זיך אַנטוויקלט בתוך דער אַלטער, חרובווערנדיקער, דאָס זיינען דאָך אין אַ היפּשן טייל טאַקע געווען יענע קאָאָפּעראַטיווען, וועלכע זיינען אין פראַנקרייך געשאַפן געוואָרן אונטער דער השפּעה פון „אוטאָפּישן" סאָציאַליזם, — פונקט ווי דער דורך מאַרקסן באַשריבענער פּאָליטישער פעדעראַליזם פון דער קאָמונע איז אַנטשטאַנען אונטער פּרודאָנס איינפלוס. טאַקע אָט־די קאָאָפּעראַטיוועס זיינען דאָס געווען, וועלכע זיינען אין „קאָמוניסטישן מאַניפעסט" באַצייכנט געוואָרן ווי „קליינע, נאַטירלעך־דורכפאַלנדיקע עקספּערימענטן"; אָבער וואָלט די קאָמונע געווען געזיגט — און אַלעס אינעם באַריכט פונעם גענעראַלראַט ווייזט דאָך אָן אויף דעם, אַז ווען נישט די און יענע ספּעציעלע אומשטענדן האָט זי קע־

קאָנט מנצח זיין — דעמאָלט וואָלטן זיי געווען געוואָרן די קעמערלדיקע סובסטאַנץ פון דער נייער געזעלשאַפט.

פון דעם דאָ געזאָגטן, דאָס הייסט, אויפן סמך פון דער מאַרקסיסטישער פּאָליטיק פון רעוואָלוציע, קאָן מען פאַרשטיין אַזעלכע אויסדרוקן ווי די ווייטערדיקע, וועלכע ענגעלס האָט אַרויסגעזאָגט (אין 1873): „ווען די אויטאָנאָמיסטן וואָלטן זיך געווען באַנוגנט צו זאָגן, אַז די סאָציאַלע אָרגאַניזאַציע פון דער צוקונפט וועט צולאָזן די אויטאָריטעטן נאָר אין די גרענעצן, וועלכע ווערן אומפאַרמיידלעך אָנגעצייכנט דורך די פאַרהעלטענישן פון דער פּראָדוקציע, אין דעם פאַל וואָלט מען זיך מיט זיי געווען געקאָנט איינפאַרשטיין". גלייך ווי פּרודאָן וואָלט נישט געווען כסדר פּראָקלאַמירט ווי אַ נייטיקייט די רעספּעקטיווע אָנצייכענונג פון גרענעצן צווישן שוין מעגלעכער דעצענטראַליזאַציע און נאָך נייטיקער צענטראַליזאַציע! אַן אַנדערשמאָל (1874) זאָגט ענגעלס, (וועלכער שליסט זיך דאָ אָן צו מאַרקס פאָרמולירונג אינעם באַריכט פון דער קאָמיסיע, וועלכע איז באַשטימט געוואָרן דורכן האַגער קאָנגרעס אין 1872, בכדי אויסצופאָרשן די אַקטיוויטעט פון די באַקוניניסטן), אַז אַלע סאָציאַליסטן זיינען שווה בשווה מכוח דעם, אַז די מלוכה, און מיט איר אויך די פּאָליטישע אויטאָריטעט, וועלן פאַרשווינדן ווי אַ פּועל־יוצא פון דער קומענדיקער סאָציאַלער רעוואָלוציע, אָבער „די אַנטיאויטאָריטערע" פאַרלאַנגען מיט אומרעכט, „אַז דער פּאָליטישער שטאַט זאָל מיט איין קלאַפּ אָפּגעשאַפט ווערן נאָך פריִער איידער ס'זיינען פאַרשווונדן די סאָציאַלע פאַרהעלטענישן, וועלכע האָבן אים אַרויסגעבראַכט". „זיי פאַרלאַנגען", זאָגט ענגעלס ווייטער, „אַז דער ערשטער אויפטו פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע זאָל זיין די אָפּשאַפונג פון דער אויטאָריטעט". למען האמת דאַרף געזאָגט ווערן, אַז קיין שום בר־דעתדיקער אַנטיאויטאָריטערער סאָציאַליסט האָט נישט געפאָדערט עפּעס אַנדערש ווי דאָס, אַז די רעוואָלוציע זאָל זיך אָנהייבן מיט דער באַזייטיקונג פון דער היפּערטראָפיע פון דער אויטאָריטעט, איר גוזמאדיקייט און פון דעם מאָמענט אָן און ווייטער זאָל מען האָבן אין זין זי כסדר אָפּצושוואַכן אין אַזאַ מאָס, וואָס זאָל זיין בהסכם מיט די רעספּעקטיווע פאַרהעלטענישן. ענגעלס ענטפערט אויף דעם מכלומרשטן פאַרלאַנג: „ צי האָט איר אַמאָל געזען אַ רעוואָלוציע, חשובע הערן? אַ רעוואָלוציע איז זיכער די אויטאָריטערסטע זאַך, וואָס איז נאָר פאַראַן". אויב דאָס באַטייט, אַז דער רעוואָלוציאָנערער געראַנגל ווי אַזאַ מוז אָנגיין מיט אַ צילבאַוווּס־

טער אָנפירונג און מיט אַ שטרענגער דיסציפלין, אין דעם פאַל איז זיך נישטאָ וועגן וואָס צו שפּאָרן; אויב אָבער דאָס דאַרף באַטייטן, אַז אין דער רעוואָלוציאָנערער עפּאָכע, וועגן וועלכער מ'קאָן נישט זאָגן, ווען זי וועט זיך ענדיקן, דאַרף די גאַנצע באַפעלקערונג אויף אַלע שטחים פון דענקען און לעבן שטיין אונטערן אומבאַשרענקטן רשות פון אַ צענטראַלן אויטאָ־ריטערן ווילן, אויב אַזוי, איז עס אומפאַרשטענדלעך, ווי אַזוי ס'איז מעג־לעך, אַז פון אַזאַ צושטאַנד זאָל זיך געפינען אַן עוואָלוציאָנערער וועג צום סאָציאַליזם.

פיר יאָר נאָך דעם ווערק וועגן דער קאָמונע האָט מאַרקס, אינעם בריוו, אין וועלכן ער האָט אַרויסגעזאָגט אַ שאַרפע קריטיק קעגן דעם פּראָיעקט פונעם פּראָגראַם פונעם גאָטאַער אייניקונגס־קאָנגרעס, באַנייס איבערגעחזרט זיינע ספיקות מכוח די קאָאָפּעראַטיוועס, און געטאָן האָט ער דאָס מיט דער בולטער פּאָליטישער טענדענץ צו מאַכן אָפּפרעגבאַר אַ הויפּטפּונקט אינעם פּראָגראַם פון די לאַסאַלעאַנער און אויף דעם אופן צו־צונעמען דעם פונדאַמענט פאַר אַ קאָמפּראָמיס מיט זיי. אַוודאי זאָגט זיך דאָ מאַרקס אַרויס בלויז קעגן דער „גרינדונג פון קאָאָפּעראַטיווע אינסטי־טוציעס מיט דער הילף פון דער מלוכה" און די קאָאָפּעראַטיווע פּראָדוקציע שטעלט ער אַוועק ווי אַ סאָציאַליסטישן ציל, אָבער אַזעלכע אויסדרוקן ווי „ספּעציפישע ניסים ונפלאותדיקע קוראַציע", „סעקטנבאַוועגונג" און אַפילו „רעאַקציאָנערע אַרבעטער" בנוגע בושעס פּראָגראַם זיינען גענוג קלאָר און דייטלעך. פונדעסטוועגן איז דער פּאַראַגראַף, וועלכער האָט זיך באַ־צויגן צו די פּראָדוציר־קאָאָפּעראַטיוועס, אָנגענומען געוואָרן פונעם קאָנגרעס.

אָבער קיין שום אַנדערע זאַך דערמעגלעכט אונדז נישט אַזאַ טיפן אַריינבליק אין מאַרקס אַמביוואַלענטער שטעלונג צום ענין פון דער אי־נערלעכער טראַנספאָרמאַציע פון דער געזעלשאַפט און פון אירע באַדינ־גונגען ווי זיין קאָרעספּאָנדענץ מיט ווערא זאַסוליטש אין יאָר 1881.

דאָס פאַרעפנטלעכן אָט־די בריוו דורך ריאַזאַנאָוון האָט נאָך דע־ריבער אַזאַ גרויסן ווערט, ווייל מיר באַקענען זיך דאָ, אין איינעם פון זיינע ענטפערס, טיילווייז מיט מאַרקס אויספירלעכע קאָנצעפּטן; די קאָנ־צעפּטן פאַרנעמען אין דער פובליקאַציע מער ווי 900 שורות, מיט אַ סך געשטראָכענע שטעלן, פאַרבעסערונגען, צוגאָבן, און דער בריוו גופא — בערך פערציק שורות.

ווערא זאַסוליטש, „אַ פרוי מיט גרויסע אויפגאַבן און גרויסע מאָ־

מענטן״, ווי סטעפּניאַק באַצייכנט זי, האָט פון גענוף געשריבן צו מאַרקסן, בכדי אים, דעם מחבר פון „דאָס קאַפּיטאַל״, וועמעס ערשטער באַנד „האָט אין רוסלאַנד אַ שטאַרקע פּאָפּולאַריטעט״ און שפּילט אויך אַ באַזונדערס גרויסע ראָל אין די דיסקוסיעס וועגן דער אַגראַרפראַגע און וועגן דער רוסישער דאָרפסגעמיינדע, צו פרעגן, וואָס ער האַלט וועגן די צוקונפטיקע פּערספּעקטיוון פון דער דאָרפסגעמיינדע. ס׳האַנדלט זיך, זאָגט זי, וועגן „אַ פראַגע פון לעבן און טויט״ פאַר דער רוסישער סאָציאַליסטישער פּאַר־טיי, פון וועלכער ס׳איז אויך אָפּהענגיק דער פּערזענלעכער גורל פון די רעוואָלוציאָנערע סאָציאַליסטן. ווייל איינס פון די ביידע, — איז די דאָרפס־געמיינדע ביכולת, בתנאי אויב זי ווערט באַפרייט פון די צו הויכע שטייערן און רעקוויזיציעס און אויך פון די אייגנווילליקע מעשים פון דער אַדמי־ניסטראַציע, זיך צו אַנטוויקלען אין דער סאָציאַליסטישער ריכטונג, דאָס הייסט, צו אָרגאַניזירן די פּראָדוקציע און דעם פאַרטייל פון די פּראָדוקטן אויף אַ קאָלעקטיוויסטישן יסוד, — אין דעם פאַל איז דער רעוואָלוציאָנערער סאָציאַליסט מחויב „צו ווידמען אַלע זיינע רעוואָלוציאָנערע כוחות צו דער באַפרייאונג פון דער געמיינדע און פאַר איר אַנטוויקלונג״; אָדער איז זי, — ווי אַ סך מענטשן, וועלכע פאַררופן זיך אויף מאַרקסן און רופן זיך אַן מאַרקסיסטן, טענהן — פאַרמשפּט צום אונטערגאַנג ווי אַן „אַרכאַישע פאָרעם״, פון דער געשיכטע און פונעם וויסנשאַפטלעכן סאָציאַליזם. אין דעם פאַל וואָלטן די סאָציאַליסטן, וועלכע וואָלטן אומזיסט זיך באַמיט אויסצורעכענען, וויפל יאָרצענדליק ס׳דאַרף דויערן, ביז דער באָדן וועט אַריבערגיין פונעם רשות פון די רוסישע פויערן אין רשות פון דער בורזשואַזיע און וויפל יאָרהונדערטער ס׳וועט אפשר דויערן, ביז דער קאַ־פּיטאַליזם אין רוסלאַנד וועט דערגרייכן אַן ענלעכע אַנטוויקלונגס־מדרגה ווי דער קאַפּיטאַליזם אין מערב־אייראָפּע, זיך געדאַרפט באַגרענעצן אויף דער פּראָפּאַגאַנדע צווישן די שטאָטישע אַרבעטער, וועלכע וועלן זיך כסדר פאַרמערן מיטן צושטראָם פון דער פויערנמאַסע, „וועלכע ווערט כסדר גע־שטויסן אויפן געפּלאַסטערטן וועג פון די גרויסע שטעט אין געיעג נאָך אַ לוין, ווי אַ פּועל־יוצא פונעם צעפאַל פון דער דאָרפסגעמיינדע״. מ׳זעט פון דעם, אַז ס׳האַנדלט זיך אינדעראמתן אין נישט עפּעס לייכטערס ווי וועגן דער אַנטשיידונג, צי מ׳קאָן לייגן האָפענונג אויף דער סאָציאַליסטישער אַרבעט אין רוסלאַנד אין די קומענדיקע דורות. צי מוז רוסלאַנד זיך פאַר־נעמען אויפן מערב־אייראָפּעישן וועג, ווו די „אַרכאַישע״ פאָרמען פון די

געמיינדעס מוזן זיך ווילנדיק־נישט־ווילנדיק פונאַנדערפאַלן מחמת דעם אויפקום פונעם גרויסקאַפּיטאַליזם און ס׳בלייבט נישט קיין אַנדערע ברירה ווי נאָר צוצוגרייטן אַ קלאַסנבאַוווסטן שטאָטישן פּראָלעטאַריאַט פאַר דער נאָך ווייטער צייט פון דער אינדוסטריאַליזאַציע? אָבער אויב ס׳איז פאַראַן פאַר רוסלאַנד אַ באַזונדערער וועג, אויפן סמך פון אירע אייגנאַרטיקע אַגראַרישע אינסטיטוציעס, אַ וועג, אגב, מן הצד פון דער אַלגעמיינער היסטאָרישער דיאַלעקטיק, אַ וועג פון דורכדרינגונג מיט סאָציאַליסטישן גייסט און פון אַ בירושה איבערגענומענעם שוין איבערגעקומענעם סדר פון בשותּפותן אייגנטום און פון דער בשותּפותדיקער פּראָדוקציע, אויב אַזוי, קאָן מען, ווען מ׳זאָל אָט־דעם סדר אינערלעך אויסגעשטאַלטיקן און אויסקעמפן פאַר אים אַ בעסערע אויסערלעכע פּאָזיציע, שאַפן אַן אָרגאַנישע סאָציאַלע ווירקלעכקייט, וועלכע זאָל זיך צונויפוואַקסן מיט דער רעוואָלוציע, צוזאַמען מיט איר זיך אויסצייטיקן און פון איר בלויז באַפרייט ווערן און פון איר באַקומען די פולע פרייהייט און דאָס פולע רעכט צו ווערן דער רוקנביין פון דער נייער געזעלשאַפט — אויב אַזוי איז פאַראַן אַ גרויסע און אוממיטלבאַרע קאָנסטרוקטיוו־רעוואָלוציאָנערע אויפגאַבע, וועלכע קאָן אפשר באַלד, תיכּף, פירן צו דער פאַרווירקלעכונג פונעם סאָציאַליזם. די אַנטשיידונג מכּוח דעם, וועלכער פון די צוויי וועגן דאַרף זיין דער געשיכטלעכער אמת, ווערט איבערגעענטפערט אין מאַרקס הענט.

זיינע אָנשטרענגונגען צו געבן די ריכטיקע תּשובה האָבן דעם כאַראַקטער פון באַוווּנדערונגסווערטער גרינטלעכקייט און געוויסנהאַפטיקייט. ער האָט זיך שוין פריִער געהאַט פאַרנומען מיט אָט־דעם שווערן ענין און איצט פאַרטיפט ער זיך פון דאָסניי און מיט אַ ספּעציעלער אינטענסיווקייט אין זיין פּראָבלעם. מיר זעען איינמאָל און נאָכאַמאָל, ווי ער שטרייכט און פאַרמעקט אַ פיין־ און פּרעציז־אָנגעוואָרפענע פאָרמולירונג, בכדי צו זוכן אַן אַנדערע, אַ פּאַסיקערע. און הגם ס׳האַנדלט זיך בלויז וועגן אַ ריי פראַגמענטאַרישע פאַרצייכענונגען, ווייזט זיך מיר אויס, אַז זיי דאַרפן זיין דער באַדייטנדיקסטער פּרוּוו אַרומצונעמען סינטעטיש די טעמע פון דער רוסישער דאָרפסגעמיינדע.

די דאָרפסגעמיינדע איז אַ קאַפּיטל פון דער עטנאָלאָגישער סאָציאָלאָגיע, וועלכע איז נאָך ווייט פון צו זיין ווי געהעריק אויפגעקלערט צוליב דער קנאַפּקייט פון היסטאָרישן מאַטעריאַל. בתוך איר איז די רוסישע טייל פון אָט־דער וויסנשאַפט, וועמעס אַנטוויקלונג איז גאָר באַזונדערס

בדוחק דאָקומענטירט, אַ באַזונדער דאָרניק קאַפּיטל. בהסכם מיט דער מיינונג, וועלכע איז אין יענער צייט געווען אָנגענומען אין די וויסנשאַפט־לעכע קרייזן, איז מאַרקס געווען גענייגט איר צו געבן אַ זייער פּריִען אָפּשטאַם. היינטצוטאָג איז מען גיכער גענייגט זי צו באַטראַכטן ווי אַ שפּעטערדיקע און ווי אַ פּועל־יוצא פון דער מלוכהשער שטייערן־פּאָליטיק. דאָס לעצטע וואָרט מכוח דעם איז נאָך נישט אַרויסגעזאָגט געוואָרן. לויט מיין מיינונג וועט די פאָרשאַרבעט נאָך אויסגעפינען (אויף וואָס וויכטיקע אַרבעטן פון אונדזער צייט זאָגן עדות), אַז מאַרקס איז נישט געווען אַזוי שטאַרק אומגערעכט, ווי מ׳איז על פּי־רוב היינטצוטאָג גענייגט צו האַלטן, און אַז די מלוכה און איר שטייערנפּאָליטיק האָט נישט געשאַפן קיין נייַע סאָציאַלע פאָרמען, נייערט אויסגענוצט אַלטע. דאָ אָבער דאַרפן מיר זיך פאַרנעמען נישט מיטן היסטאָרישן אַוועקשטעל פונעם פּראָבלעם, נייערט בלויז מיט די סאָציאַליסטישע פּערספּעקטיוון פון דער דאָרפסגעמיינדע אַזוי ווי מאַרקס האָט זי געזען.

אין אָנשליסונג צום עטנאָלאָג מאָרגאַנס אַ פראַזע דערקלערט מאַרקס, אַז דער איצטיקער קריזיס פונעם קאַפּיטאַליזם וועט זיך פאַרענדיקן מיטן אומקערן פון דער מאָדערנער געזעלשאַפט צו אַ העכערער פאָרעם פון אַן אַרכאַיִשן טיפּ פון בשותּפותדיקן אייגנטום און שותּפותדיקער פּראָדוקציע, דאָס הייסט, מיט איר איבערגאַנג צו דער קאָמוניסטישער פאָרעם. דערי־בער דאַרף מען זיך נישט לאָזן אָפּשרעקן פונעם וואָרט „אַרכאַיִש“. אין אָט־דער ריכטונג, וועלכע די אַנטוויקלונג וועט זיך האָפנטלעך פאַרנעמען, איז פאַראַן אַ גרויסע פּערספּעקטיוו פאַר דער רוסישער דאָרפגעמיינדע. זי האָט אַ גרויסן יתרון אין פאַרגלייך צו אייגנטלעכע אַרכאַיִשע קהילות פונעם זעלביקן טיפּ, — זי איז די איינציקע, וואָס האָט זיך אין אייראָפּע אויפ־געהאַלטן אויף אַ ברייטפאַרנעמיקער נאַציאָנאַלער סקאַלע. זי מוז דעריבער נישט פאַרשווינדן צוזאַמען מיטן סאָציאַלן פּראָגרעס, ווי דאָס איז געווען דער גורל פונעם בשותּפותדיקן אייגנטום אין מערב־אייראָפּע. אדרבא, זי וואָלט זיך גיכער געקאָנט „בהדרגהדיק אָפּטיילן פון איר פּרימיטיוון קענ־צייכן און זיך אוממיטלבאַר אַנטוויקלען ווי אַן עלעמענט פון דער קאָלעק־טיווער פּראָדוקציע אויף אַ נאַציאָנאַלן פאַרנעם“. מאַרקס ווייזט־אָן אויף דעם, אַז אין „קאַפּיטאַל“ האָט ער די „געשיכטלעכע פאַטאַליטעט“ פונעם אָנזאַמל פון קאַפּיטאַל, וועלכער עקספּראָפּריאירט דאָס אייגנטום, וועלכעס פונדאַמענטירט זיך אויף פּערזענלעכער אַרבעט, באַגרענעצט אויסדריקלעך

אויף מערב־אייראָפּע. היות אָבער דער באָדן, וועלכער געפינט זיך אין רשות פון די רוסישע פּויערן, איז קיינמאָל נישט געווען זייער פּריוואַט אייגנטום, איז אָט־די אַנטוויקלונג נישט אָנווענדבאַר אויף זיי. אדרבא, מ׳וואָלט גיכער געדאַרפט פּשוט און פּראָסט פאַרבייטן די רעגירונגס־אינס־טיטוציע „וואָלאָסט״, וועלכע נעמט אַרום און פאַראייניקט אַ גרעסערע צאָל דערפער, „דורך אַן אסיפה פון פּויערן, און אויסגעווילטע דורך דער קאָ־מונע גופא, וועלכע זאָל שטיין אין דינסט פון זייערע אינטערעסן ווי אַן עקאָנאָמישער און אַדמיניסטראַטיווער אָרגאַן״. דער איבערגאַנג פון דער צעטיילטער, באַזונדערער, צו דער פולשטענדיקער בשותפותדיקער אַרבעט וועט זיין אַ לייכטער. דערביי באַטאָנט מאַרקס גאָר באַזונדערס די באַהאַוונט־קייט פון די פּויערן מיט דער קאָלעקטיווער אַרבעט פונעם „אַרטעל״ ווי אַ שטיצנדיקן פאַקטאָר. די נייטיקע עקאָנאָמישע באַדערפעניש פון אַזאַ פּראָ־צעס וועט זיך לאָזן מערקן באַלד נאָכדעם ווי די דאָרפגעמיינדע וועט זיך געפינען אין נאָרמאַלע פאַרהעלטענישן, נאָכדעם ווי זי וועט באַפרייט ווערן פון אירע שטייערנלאַסטן און וועט פאַרגרעסערן איר באָדן־שטח; און וואָס שייך די נייטיקע מאַטעריעלע תנאים, איז די רוסישע געזעלשאַפט, וועלכע האָט אַזוי לאַנג געלעבט אויפן חשבון פונעם פּויער, מחויב אים צו געבן דעם נייטיקן „אַדערויף״ פאַר אַזאַ איבערגאַנג. ס׳איז בפירוש קלאָר, אַז דאָ האָט מען אין זין אַ טראַנספאָרמאַציע, וועלכע קאָן פאָרקומען ביי די עקזיסטירנדיקע פאַרהעלטענישן. פון דער אַנדערער זייט ווייזט מאַרקס ספּעציעל אויף אויסדריקלעך אָן אויף אַן אייגנאַרטיקייט פון דער רוסישער דאָרפגעמיינדע, וועלכע שוואַכט זי אָפּ און מאַכט זי פאַר אומפעיִק צו יעדער היסטאָרישער איניציאַטיוו. דאָס איז איר איזאָלאַציע, זי איז אַ „לאָקאַלי־זירטער מיקראָקאָסמאָס״ און ס׳איז נישט פאַראַן קיין שום פאַרבינדונג צווישן דעם לעבן פון איין קאָמונע מיטן לעבן פון אַלע אַנדערע קאָמונעס. מיט אַנדערע ווערטער הייסט עס: דאָס, וואָס פעלט דאָ, לויט מאַרקסן, איז די נייגונג צו דער פעדערירונג, הגם ער באַנוצט נישט אָט־דעם טער־מין. דידאָזיקע אייגנאַרטיקייט, זאָגט ער, געפינט מען נישט אומעטום ווי אַ סימן מובהק פון דאָזיקן טיפּ, אָבער „אומעטום, ווו זי געפינט זיך, האָט זי דערמעגלעכט דעם אויפקום פון אַ מער אָדער ווייניקער צענטראַלן דעס־פּאָטיזם״. נאָר דורך אַן אַלגעמיינעם אויפשטאַנד קאָן געבראָכן ווערן די איזאָלאַציע פון דער רוסישער דאָרפגעמיינדע. איר היינטצייטיקער מצב איז (צוליב מאָטיוון, וועלכע מאַרקס גיט נישט אָן) עקאָנאָמיש אומאויפּ־

האַלטבאַר; „בכדי צו ראַטעווען די רוסישע קאָמונעס איז נייטיק אַ רוסישע רעוואָלוציע”. אָבער זי דאַרף קומען אין דער געהעריקער צייט און זי מוז „קאָנצענטרירן אַלע אירע כוחות, בכדי צו זיכערן דעם פרייען אויפלעב פון די דאָרפגעמיינדעס”. ערשט דעמאָלט וועט זי זיך אָנהייבן אַנטוויקלען „ווי אַן אויפלעבנדיקער עלעמענט פון דער רוסישער געזעלשאַפט און ווי אַן עלעמענט, וואָס שטייט העכער ווי די עלעמענטן, וועלכע ליגן אונטערן יאָך פונעם קאַפּיטאַליסטישן רעזשים”.

אינעם קורצן בריוועלע, וועלכעס מאַרקס האָט פאַקטיש צוגעשיקט צו ווערא זאַסוליטש, קומט, נאָכן אָנווייז אויף די ווערטער אין „קאַפּיטאַל”, וואָס האָבן אַ שייכות צום ענין, בלויז אַן איינאיינציקער זאַץ: ער לייענט זיך: „דער אַנאַליז, וואָס איז פאַראַן אין „קאַפּיטאַל”, גיט נישט, בכן, קיין מאָטיוון נישט פאַר און אויך נישט קעגן דער לעבנספעיקייט פון די דאָרפגעמיינדעס, אָבער די ספּעציעלע פאָרשאַרבעט, וואָס איך האָב איר געווידמעט און וועמעס מאַטעריאַל איך האָב נאָכגעזוכט אין די אָריגינעלע קוואַלן, האָט מיך איבערגעצייגט, אַז דידאָזיקע קאָמונע איז דער שטיצפונקט פונעם סאָציאַלן אויפלעב אין רוסלאַנד. אָבער בכדי זי זאָל קאָנען פונקציאָנירן ווי אַזאַ, וואָלט מען קודם־כל געדאַרפט באַזייטיקן די שעדלעכע איינפלוסן, וועלכע ווירקן אויף איר פון אַלע זייטן, און איר דערנאָך פאַרזיכערן די נאָרמאַלע באַדינגונגען פון אַ ספּאָנטאַנער אַנטוויקלונג”.

דער יסוד פון דער אַרגומענטאַציע איז דאָ געוואַלדיק צונויפגעקוועטשט, אַזוי בצימצומדיק, אַז דער אַרויסגעבראַכטער רעזולטאַט קאָן אין זיין אייגנטלעכן באַטייט קוים באַנומען ווערן. אָבער אָט־דער אופן האָט זיך, קאָנטיק, אַרויסגעוויזן ווי אַן אומפאַרמיידלעכקייט, מחמת אין די קאָנצעפּטן איז דער „פּראָ” און „קאָנטראַ” געשטאַנען קעגנאַנאַנדער ווי פאַקטיש־אומאויסגלייכלעכע סתירות, ווען אַפילו נישט גאַנץ בפירוש. „טעאָרעטיש” האָט מאַרקס גערעדט פּאָזיטיוו וועגן דער מעגלעכקייט פון אַ רעוואָלוציאָנערער אַנטוויקלונג פון דער קאָמונע אין דער געגאַרטער ריכטונג, אָבער פּראַקטיש האָט ער איר „רעטונג” געמאַכט אָפּהענגיק פונעם באַצייטנדיקן אָנקום פון דער רעוואָלוציע. איז דאָ, פּונקט ווי אויך ערגעץאַנדערשוו, בולט דער פּאָליטישער פאַקטאָר, — די מורא, אַז דורך דער קאָנסטרוקטיווער אַרבעט קאָן צוגענומען ווערן דער כוח פונעם רעוואָלוציאָנערן אימפּעט. און היות צום דאָזיקן פּאָליטישן מאָמענט שטעלט זיך ביי מאַרקסן נישט אַנטקעגן די וויכטיקייט פון דער דערקענטעניש אין דעם

באַטייט פון אַ רעסטרוקטוראַציע פון דער געזעלשאַפט, האָבן, לסוף, דער
„פּראָ" און „קאָנטראַ" געמוזט פאַרביטן ווערן דורך אַ פּראַזע, וועלכע האָט
זיך פאַר וועראַ זאַסוליטשן קוים אפשר געקאָנט אויסווייזן ווי אַן ענטפער
אויף איר גורל־שאלה. נאָך ווען מאַרקס האָט געלעבט, — זאָגט טעניעס
וועגן אים, — איז ער געווען אַן אָראַקל, צו וועמען מ׳האָט זיך געווענדט
און אים אומזיסט געפרעגט מכוח דער פילדייטיקייט פון זיינע ענטפערס.
וועראַ זאַסוליטש האָט לכל הדעות נישט אַרויסגעלייענט קיין יאָ פונעם
בריוו ווי אַן ענטפער אויף איר אָנפרעג ביי מאַרקסן, וועלכער איז פאַר
איר געווען די העכסטע אויטאָריטעט, צי דער רעוואָלוציאָנערער סאָציאַ־
ליסט וועט דאַרפן ווידמען אַלע זיינע כוחות פאַר דער באַפרייאונג פון דער
קאָמונע און איר אַנטוויקלונג. אַ קורצע צייט נאָך דעם האָט זי אָנגעשריבן
(אין דער הקדמה צו דער רוסישער איבערזעצונג פון ענגעלסעס „אַנטוויק־
לונג פונעם סאָציאַליזם פון דער אוטאָפּיע ביז צו אַ וויסנשאַפט", וואָס איז
אַרויס אין יאָר 1884), אייניקע פראַזן וועגן דער דאָרפגעמיינדע, וועלכע
ציִען אַרויס מסקנות פון מאַרקס אָראַקל: די שריטווייזע אויפלייזונג פונעם
קאָמונאַלן אייגנטום איז אומפאַרמיידלעך; די נאָענטע צוקונפט פון רוסלאַנד
באַלאַנגט צום קאַפּיטאַליזם, אָבער די סאָציאַליסטישע רעוואָלוציע אין
מערב וועט אויך מאַכן אַ סוף צו אים אין מזרח, „און דעמאָלט קאָנען די
רעשטן פון די אַנשטאַלטן פון רוסלאַנדס בשותּפותדיקן אייגנטום טאָן אַ
גרויסע טובה". אין דער הקדמה, וואָס ענגעלס האָט אין יאָר 1882 אָנגע־
שריבן צו וועראַ זאַסוליטשס רוסישער איבערזעצונג פונעם „קאָמוניסטישן
מאַניפעסט", האָט ער אויף דער פראַגע — פאָרמולירט, קאָנטיק, אונטער
מאַרקס השפעה — צי די רוסישע דאָרפגעמיינדע, „די לכל הדעות שוין
שטאַרק צעטרייסלטע פאָרעם פון דעם בראשיתדיקן בשותּפותדיקן אייגנטום
פון באָדן", איז מסוגל אַריבערצוגיין אוממיטלבאַר אין אַ העכערער, אַ
קאָמוניסטישער פאָרעם פון באָדנאייגנטום, אָדער צי מוז זי פריִער דורכ־
מאַכן דעם צעפאַלונגס־פּראָצעס, וועלכער איז באַקאַנט פון דער היסטאָרישער
אַנטוויקלונג פון מערב, געענטפערט אַביסל אַנדערש (אויך דאָ, ווי געוויינט־
לעך, אַן איינדייטיקערע, אַ מאַסיווערע ווי מאַרקסעס, אָבער אויך נישט
אַזאַ גרינטלעכע אין דער טיפקייט פונעם פּראָבלעם): „ווען די רוסישע
רעוואָלוציע וועט ווערן דער סיגנאַל פון אַן אַרבעטער־רעוואָלוציע אין
מערב אַזוי אַז איינע זאָל דערגאַנצן די אַנדערע, דעמאָלט קאָן דאָס היינ־
טיקע רוסישע געמיינדע־אייגנטום דינען ווי אַ שטיצפּונקט פון אַ קאָמו־

ניסטישער אַנטוויקלונג". שפּעטער ווייזט ער אויס צו האָבן געוואָרן נאָך סקעפּטישער, אָבער ער האָט זיך אויסגעהיט (לויט ווי ס'גיט־איבער גוס־טאַוו מייער) „אַריינגעצויגן צו ווערן אינעם אינערלעכן געראַנגל פון די רוסישע סאָציאַליסטן, וואָס איין צד פון זיי האָט זיך פאַרלאָזט מער אויף די פויערן און דער אַנדערער צד — אויף דעם אַנטשטיי פון אַן אינדוסט־ריעלן פּראָלעטאַריאַט".

אויף בערנשטיינס טענה, וועלכער האָט מיט רעכט אָנגעוויזן אויף דער ענלעכקייט צווישן דעם פּראָגראַם, וועלכן מאַרקס האָט פאָרגעלייגט פאַר דער פּאַריזער קאָמונע, און פּרודאָנס פעדעראַליזם, האָט לענין מיט דער שטאַרקסטער אויסדריקלעכקייט דערקלערט, אַז מאַרקס איז אַ צענט־ראַליסט און אַז אין זיינע אויספירונגען אינעם „בירגערקריג אין פראַנק־רייך" „איז נישט פאַראַן קיין שום אָפּנויג פונעם צענטראַליזם". אָט־דער אויסטייטש איז אין דערדאָזיקער אַלגעמיינער פאָרעם אומאָננעמבאַר. ווען מאַרקס זאָגט, אַז די קליינע צאָל פונקציעס, „וועלכע וועלן נאָך פאַרבלייבן פאַר אַ צענטראַליזירונג", דאַרפן איבערגעגעבן ווערן צו קאָמונאַלע פונק־ציאָנערן, הייסט דאָס בלי שום ספק, אַז מ'דאַרף אַזוי פיל מלוכהשע פונק־ציעס וויפל ס'איז נאָר מעגלעך, דעצענטראַליזירן, און יענע, וועלכע מוזן פאַרבלייבן צענטראַליזירט, פאַרוואַנדלען זיי אין אַדמיניסטראַטיווע, און דאָס נישט ערשט נאָך אַן אומבאַשטימטער צייט, וואָס ס'וועט דויערן די אויסוויקלונג פון אַ רעוואָלוציע, נייערט אין משך פון די סאַמע רעוואָלו־ציאָנערע געשעענישן, דאָס הייסט, בכן, דורכפירן דאָס, וואָס ס'האָט לויט ענגעלסעס באַקאַנטער קריטיק צום ערפורטער פּראָגראַם, „געהאַט פון 1792 ביז 1798 יעדער פראַנצויזישער דעפּאַרטאַמענט, יעדע געמיינדע", — „פולשטענדיקע אויטאָנאָמיע". פונדעסטוועגן איז לענין נישט אומגערעכט: אין תוך איז מאַרקס תמיד געווען אַ צענטראַליסט. די קאָמונעס זיינען פאַר אים בעיקר פּאָליטישע קערפּערשאַפטן, קאַמפּסאָרגאַנען פון דער רעוואָ־לוציע. לענין פרעגט: „ווען דער פּראָלעטאַריאַט אָרגאַניזירט זיך לגמרי פריי אין קאָמונעס און... פאַראייניקט די דאָזיקע קאָמונעס צו דערלאַנגען בשותפותדיקע קלעפּ דעם קאַפּיטאַל... — צי וואָלט דאָס נישט געווען אַ צענטראַליזם, וואָס ווערט איינגעפירט פונעם פּראָלעטאַריאַט?" אַוודאי אַזוי און אין דעם זין איז לענין מאַרקס געטרייער אינטערפּרעטירער און נישט בערנשטיין. אָבער דאָס איז חל בלויז אויף דער רעוואָלוציאָנערער אַקטי־וויטעט ווי אַזאַ, און דאָס הייסט נישט, אינעם זין ווי מאַרקס שטעלט אַוועק

די קאָמונע, איבער דורות פונאַנדערגעטיילטע „אַנטוויקלונג״, נייערט אַ קאַ־
הערענטע היסטאָרישע אַקציע, דהיינו יענע, וועלכע מאַכט חרוב דעם קאַ־
פּיטאַליזם און שטעלט אין רשות פונעם פּראָלעטאַריאַט די מיטלען פון
דער פּראָדוקציע. אָבער אינעם פּראַנצויזישן פּראָגראַם פון די קאָמונעס איז
די באַזונדערע קאָמונע מיט איר „לאָקאַלער אויטאָנאָמער רעגירונג״ בשום
אופן נישט קיין אָפּגעזונדערט רעדל אינעם גרויסן אַפּאַראַט פון דער רע־
וואָלוציע אָדער, זיך אויסדריקנדיק ווייניקער מעכאַניש, נישט בלויז אַן
איינצלנער מוסקל בתוך דעם רעוואָלוציאָנערן געזאַמלדיקן אָנשטרענג פּו־
נעם פאָלקסקערפּער, נייערט זי איז באַשטימט איבערצולעבן די איבערקע־
רעניש ווי אַ זעלבסטשטענדיקע קערפּערשאַפט, באַשאָנקען מיט דער מאַק־
סימאַלסטער מאָס אויטאָנאָמיע. אויב ס׳האָט בשעת דער אַקציע פּאַסירט,
אַז איר אייגענער ווילן האָט זיך פרייוויליק צונויפגעשמאָלצן אינעם גרויסן
אימפּולס פונעם גאַנצן געזאַמל, דעמאָלט דאַרף ער באַקומען זיין אייגענע
אַנטשיידונגס־ און ווירקונגס־ספערע און דאָס באופן, אַז די אייגנטלעכע
וויטאַלע פונקציעס זאָלן פאָרקומען „אונטן״ און די אַלגעמיינע פּאַרוואַל־
טונג־פונקציעס — „אויבן״. דער איינצלנער קאָמונע ווערט שוין בתוך
דער רעוואָלוציע געגעבן איר אייגן רעכט און איר אייגענע מאַכט, אָבער
ערשט נאָך דעם דורכפיר פון די בשותפותדיקע אַקציעס קומען זיי צום
אַקטועלן אויסדרוק בפועל ממש. מאַרקס האָט איבערגענומען אָט־דידאָזיקע
אומאָפּטיילבאַרע באַשטאַנדטיילן פון דעם רעיון פון דער קאָמונע, אָבער
ער האָט זיי נישט אַנטקעגנגעשטעלט, נישט פאַרגלייכט מיט זיין אייגענעם
צענטראַליזם, כדי צו אַנטשיידן צווישן זיי ביידע. דאָס, וואָס ער האָט
הפנים נישט געזען די טיפע פּראָבלעמאַטיק, וועלכע קומט דאָ צום אויס־
דרוק, נעמט זיך פון דעם, וואָס די אויבערהאַנט האָט ביי אים געהאַט דער
פּאָליטישער צוגאַנג אומעטום, ווו ס׳האָט זיך נאָר געהאַנדלט וועגן דער
רעוואָלוציע, איר צוגרייטונג און איר אויפטו. פון די דריי מאָדוסן אינעם
דענקען מכוח ענינים פונעם עפנטלעכן לעבן, דעם עקאָנאָמישן, דעם סאָ־
ציאַלן און דעם פּאָליטישן, האָט מאַרקס באַהערשט דעם ערשטן מיט מעטאָ־
דישער מייסטערשאַפט, דעם דריטן איז ער געווען איבערגעגעבן לייַדנ־
שאַפטלעך, מיטן סאָציאַלן איז ער — און מעג דאָס נאָך אַזוי מאָדנע קלינגען
אין די אויערן פון אַן אומקאָנדיציאָנעל־איבערגעגעבענעם מאַרקסיסט —
זייער זעלטן געקומען אין נעענטערן קאָנטאַקט און ער איז פאַר אים קיינמאָל
נישט געוואָרן באַשטימענדיק.

מאַרקס און ענגעלס האָבן נישט געהאַט קיין פּאָזיטיוון ענטפער אויף דער שאלה מכוח דעם פאַרהעלטעניש צו די עלעמענטן פון דער רעסטרוקטוראַציע, וועלכע איז דאָך אינדעראמתן געווען אַ גורל־שאלה, ווייל זיי האָבן נישט געהאַט קיין אינערלעכע באַציִונג צו דער אידייע פון דער רעסטרוקטוראַציע. ס׳איז אמת, אַז מאַרקס האָט צומאָל געקאָנט מרמז זיין אויף „די עלעמענטן פון דער נייער געזעלשאַפט, וועלכע האָבן זיך שוין אַנטוויקלט אין סאַמע מיט פון דער אומקומענדיקער בורזשואַזער געזעלשאַפט״ און וועלכע די רעוואָלוציע דאַרף בלויז „אַרויסלאָזן אויף דער פריי״; אָבער ער האָט נישט געקאָנט אָננעמען דעם באַשלוס צו קולטיווירן דידאַזיקע עלעמענטן, זיי צו שטיצן און זיך אַרויסשטעלן פאַר זיי. דער פּאָליטישער אַקט פון דער רעוואָלוציע איז פאַר אים אויך אויף ווייטער געווען דאָס איינציקע, צו וואָס מ׳דאַרף בעיקר שטרעבן; די פּאָליטישע צוגרייטונג צו דעם — לכתחילה די דירעקטע, דערנאָך די פּאַרלאַמענטאַרישע און די פּראָפעסיאָנעלע — דאָס איז געווען די איינציק־וועזנטלעכע מיסיע פאַר אים, און אַזוי אַרום איז דער פּאָליטישער פּרינציפּ געוואָרן דער העכסטאַנטשיידנדיקער, און יעדע קאָנקרעטע אַנטשיידונג מכוח דער פּראַקטישער שטעלונג צו אַזעלכע פאַראַנענע „עלעמענטן״, וועלכע האַלטן זיך אין שאַפן אָדער דאַרפן ערשט געשאַפן ווערן פונדאַסנייַ, איז אָנגענומען געוואָרן אין הסכם מיט דער מאָמענטאַלער פּאָליטישער צוועקמעסיקייט. לאָגישערווייז איז די דורכפירונג פון די באַשלוסן לטובת אַ פּאָזיטיווער שטעלונג געווען לעפלעך, נישט אינהייטלעך און נישט ווירקערוודיק, ביז מ׳האָט זיי אין אַ פּאַסיקן מאָמענט מאָמענט בטל געמאַכט און פאַרביטן דורך נעגאַטיווע.

אַ כאַראַקטעריסטישן ביישפּיל פאַר דעם ריינפּאָליטישן אופן, וועלכן ס׳האָט באַנוצט די גייסטיקע אָנפירונג פון דער באַוועגונג, ווען זי האָט באַהאַנדלט די וויכטיקסטע סאָציאַלע סטרוקטורן פאַר דער רעפאָרעם פון דער געזעלשאַפט, באַט־אָן ענגעלס שטעלונג צו די קאָאָפּעראַטיוועס. אין יאָר 1869 האָט ער געהאַט דערקלערט (אינעם אַריינפירוואָרט צום באַנייִיקן אָפדרוקן דאָס בוך וועגן דער דייטשער פּויערן־מלחמה, וועלכע ס׳האָט אַרויסגעגעבן ווילהעלם ליבקנעכט), אַז „די דאָרפישע לוינאַרבעטער קאָנען אויסגעלייזט ווערן פון זייער דחקות נאָר בתנאי, ווען דער הויפּטקעגנשטאַנד פון זייער אַרבעט, דער באָדן גופא, זאָל קודם־כל פאַרוואַנדלט ווערן אין געזעלשאַפטלעכן אייגנטום און באַאַרבעט ווערן דורך קאָאָפּעראַטיוון

פון דאַרפישע אַרבעטער אויף זייער בשותפותדיקן חשבון". פון אָט־דעם פונדאַמענטאַלן פּאָסטולאַט קומט ער, קאַנטיק, צו אַ פּראַקטישער מסקנה, ווען ער שרייבט אין יאָר 1885 צו ליבקנעכטן, אַז די סאָציאַלדעמאָקראַטישע פראַקציע פון דייטשן רייכסטאָג (פּאַרלאַמענט) וואָלט געדאַרפט זאָגן צו דער רעגירונג: „אויב איר וועט אונדז געבן גאַראַנטיעס, אַז די מלוכהשע פאָלוואַרקן אין פּרייסן וועלן אָוועקגעגעבן ווערן אין אַרענדע נישט צו די גרויסע אַרענדאַטאָרס אָדער צו פּויערן, וועלכע קאָנען לעבן אָן אַ טאָגלוין, נייערט צו די אַרבעטער־קאָאָפּעראַטיוון; אַז עפנטלעכע אַרבעטן וועלן אָוועקגעגעבן ווערן צו אַרבעטער־קאָאָפּעראַטיוון אַנשטאָט צו קאַפּי־טאַליסטן, איז גוט, וועלן מיר טאָן דעם רעשט. און אויב נישט, איז נישט". דאָס אַלעס, גיט ענגעלס צו, זיינען זאַכן, וועלכע וואָלטן געקאָנט אָרגאַ־ניזירט ווערן פון היינט אויף מאָרגן און אין אַ יאָר געשטעלט ווערן אין באַוועגונג און קעגן וועלכע ס'שטעלן זיך אין וועג די בורזשואַזיע און די רעגירונגען. דאָס מאַכט דעם איינדרוק פון אמתדיקע פאָדערונגען, פאַר וועלכע ס'דאַרף געקעמפט ווערן. אָבער אין יאָר 1886 פאַרלאַנגט ענגעלס פון בעבעלן, אַז די פראַקציע זאָל פאָרלייגן סאָציאַליסטישע מיטלען, וועל־כע זאָלן דערפירן צום חורבן פון דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציע, טאַקע אַזעלכע ווי יענע פריִער דערמאָנטע, פאָרלייגן, וועלכע זיינען בפועל ממש אוממעגלעך פאַר דערדאָזיקער רעגירונג ווי פאַר יעדער בורזשואַזער רע־גירונג איבערהויפּט. דאָ אַנטפּלעקט זיך דער טאַקטיש־פּראָפּאַגאַנדיסטישער כאַראַקטער פון די פאָדערונגען: דער קאָאָפּעראַטיווער פּרינציפּ ווערט באַ־נוצט און פּראָקלאַמירט ווי אַן אויסרייד און נישט ווי אַזעלכעס, צו וועלכן מ'דאַרף שטרעבן און וועלכעס מ'דאַרף אויסקעמפן. די טאַקטישע אָנווענ־דונג וואָלט נישט געווען אַזוי שלעכט, ווען דאָס פונדאַמענטאַלע וואָלט לפּחות געקומען צום אויסדרוק גרויס און קלאָר; אָבער דאָס איז נישט דער פאַל. איך קאָן אָבער נישט איינגיין אויף דעם צו באַטראַכטן לאַסאַלס אמונה אין דער רעאַליזירבאַרקייט פון די קאָאָפּעראַטיוועס מיט דער הילף פון דער מלוכה, נישט געקוקט אויף זיין קורצזיכטיקייט, ווי אַ סאָציאַליס־טישע שטעלונג.

ווי ביישפּילן פאַר דעם, ווי אַזוי דער מאַנגל אין פּרינציפּן פון די גייסטיקע פיִרער לגבי די עלעמענטן פון דער סטרוקטוראַציע האָט זיך אויסגעדריקט אין דער אומפּרוכפּעריקייט פון דער באַוועגונג, וועל איך דאָ ברענגען אַ כאַראַקטעריסטישע ריי באַשלוסן וועגן דער באַציִונג צו

די קאָאָפּעראַטיוון מצד דער פּאַרטיי, וועלכע גייט־אָן ווי די מאַרקסיסטיש צום בעסטן אויסגעשטאַלטיקטע, פון דער דייטשער סאָציאַלדעמאָקראַטיע. אינעם גאָטאַער אייניקונגס־פּראָגראַם פון יאָר 1875, (קעגן וועמעס פּראָיעקט מאַרקס איז אַרויסגעקומען מיט יענע באַקאַנטע טענות), איז פאַרלאַנגט געוואָרן צו שאַפן פּראָדוציר־קאָאָפּעראַטיוועס פאַר דער אינדוסטריע און לאַנדווירטשאַפט אין אַזאַ פאָרעם, אַז פון זיי זאָל אויפקומען די סאָציאַליס־טישע אָרגאַניזאַציע פון דער גאַנצער אַרבעט; דאָס איז געווען בפירושע אָנערקענונג פון דער רעסטרוקטוראַציע, וועלכע איז געווען אומבאַדינגט נייטיק פאַר דער פאַראייניקונג מיט די לאַסאַלעאַנער. אין ערפורטער פּראָ־גראַם פון יאָר 1891 האָט מען שוין וועגן דעם גאָרנישט געהערט, און דאָס לאָזט זיך דערקלערן נישט בלויז מיט די דורכפאַלן פון די אינצווישנצייט געגרינדעטע אַרבעטערשע פּראָדוציר־קאָאָפּעראַטיוועס, נייערט קודם־כל טאַקע צוליב דעם מאַנגל אין פונדאַמענטאַלע אָריענטאַציע־ליניעס. און אויפן בערלינער פּאַרטיי־צונויפקום פון יאָר 1892 איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז די פּאַרטיי קאָן „געבן איר הסכמה צו דער גרינדונג פון קאָאָפּעראַטיוועס נאָר דעמאָלט, ווען זיי זיינען אויסן צו פאַרלייכטערן די עקזיסטענץ פון חברים, וועלכע זיינען קרבנות פון סאַנקציעס אינעם פּאָליטישן און פּראָ־פעסיאָנעלן געראַנגל אָדער ווען זיי דאַרפן דינען דעם צוועק צו פאַרלייכ־טערן די אַגיטאַציע"; אין די אַנדערע פאַלן זיינען „די פּאַרטיי־חברים גע־ווען מחויב אַרויסצוטרעטן קעגן דער גרינדונג פון קאָאָפּעראַטיוועס". דאָס טראָגט אַ כאַראַקטער פון אָפּפרישנדיקער קלאָרקייט. אָבער אין דער רע־זאָלוציע פון האַנאָווער פּאַרטייצוזאַמענפאָר פון יאָר 1899 ווערט געזאָגט, אַז די פּאַרטיי פאַרהאַלט זיך נייטראַל צו דער גרינדונג פון עקאָנאָמישע קאָאָפּעראַטיוועס; אַז זי זעט אין דער גרינדונג פון אַזעלכע קאָאָפּעראַטיוועס אַ פּאַסיק מיטל פאַר דער דערציִונג פונעם אַרבעטערקלאַס צו דער זעלבסט־שטענדיקער אָנפירונג פון זיינע ענינים, אָבער זי גיט זיי נישט „קיין אַנטשיידנדיקן באַטייט אין דער באַפרייאונג פון די קייטן פון לוינקנעכט־שאַפט". און אין יאָר 1910 אין מאַגדענבורג ווערן די קאָנסומפאַריינען נישט בלויז אָנערקענט ווי אַ ווירקעוודיק מיטל פאַר דער אונטערשטיצונג אינעם קלאַסן קאַמף, נייערט עס ווערט אויך דערקלערט, אַז די קאָאָפּעראַטיווע טעטיקייט איבערהויפּט איז „אַ ווירקעוודיקער צוגאָב צום פּאָליטישן און פּראָפעסיאָנעלן געראַנגל פאַר דער פאַרבעסערונג פון דער לאַגע פונעם אַרבעטערקלאַס".

די זיגזאַגליניע אויף אַן אומשטענדלעך און געאָגראַפיש באַגרענעצטן,
הגם וויכטיקן שטח דאַרף דאָ גילטן ווי אַ סימבאָל פון אַ טראַגיש־צע־
קרומטער אַנטוויקלונג פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. מיט אַ שטאַרק
פּראָפּאַגאַנדיסטישער און אָרגאַניזירנדיקער קראַפט האָט זי צונויפגעזאַמלט
דאָס פּראָלעטאַריאַט אַרום זיך; מיט שטאַרק־קעמפערישע כוחות האָט זי
זיך באַוועגט און געאַרבעט, דורך אַטאַקע און דורך באַשיץ און באַשירם,
אין פּאָליטישן און עקאָנאָמישן שטח; אָבער דאָס, צוליב וועלכן ס'איז דאָך
סוף־כל־סוף געאַרבעט, צונפגעזאַמלט, אָרגאַניזירט און געקעמפט געוואָרן,
— דער באַשאַף פון דער נייער סאָציאַלער געשטאַלטיקונג, איז נישט גע־
ווען נישט קיין אמתער אָביעקט פון איר באַוווּסטזיין און אויך נישט קיין
אמתער ציל פון איר אַקטואַציע. דאָס, וואָס מאַרקס האָט געזאָגט צום שבח
פון דער פּאַריזער קאָמונע, האָט די מאַרקסיסטישע באַוועגונג נישט גע־
וואָלט און נישט געטאָן. זי האָט נישט געזוכט קיין שוין פון פריִער פּאַראַ־
נענע פאָרמען פון דער נייער געזעלשאַפט; זי האָט זיך נישט אָנגעשטרענגט
ערנסט צו סטימולירן, משפּיע זיין, אָנפירן, קאָאָרדינירן, פּעדערירן די
ניי־אַנטשטאַנענע פּרווון אָדער אַזעלכע, וועלכע האַלטן אין אַנטשטיין; זי
אַליין האָט זיך אויך נישט אָפּגעגעבן מיט כסדרדיקער, אומאיבערגעריי־
סענער אַרבעט צו שאַפן איין קעמערל נעבן אַנדערן, איין פּעדעראַציע פון
קעמערלעך נאָך דער אַנדערער, אַלץ אָרגאַניזמען פון אַ לעבעדיקער קאָ־
לעקטיוויטעט. זי האָט מיט איר גרויסן כוח נישט צוגעלייגט קיין האַנט
אויסצוגעשטאַלטיקן די נייע געזעלשאַפטלעכע עקזיסטענץ פונעם מענטשן,
וועלכע האָט באַדאַרפט באַפרייט ווערן דורך דער רעוואָלוציע.

## לענין און די באַנייאונג פון דער געזעלשאַפט

פונקט אַזוי ווי דער פּרינציפּ מכוח דער באַנייאונג פון דער געזעלשאַפט פון אינעווייניק דורך דער באַנייאונג פון איר קעמערלדיקן געוועב האָט אין מאַרקס דאָקטרין נישט געפונען קיין פעסטן פּלאַץ, וועל־כער זאָל אַרויסדרינגען פון דער אידייע גופא, פונקט אַזוי האָט זי אים אויך נישט געפונען אינעם גרויסן פּרווו פון אונדזער צייט צו רעאַליזירן דידאָזיקע דאָקטרין, אַ באַוווּנדערנסווערטער און טיף פּראָבלעמאַטישער אָנשטרענג פונעם באַוווסטזיניקן מענטשלעכן ווילן. אָט־דער נעגאַטיווער פאַקט ווערט פון ביידע צדדים, ווי מיר האָבן דאָס שוין געזען, פאַר דער פּרערעוואָלוציאָנערער צייט באַרעכטיקט מיט דעם, אַז בעת דער ממשלה פונעם קאַפּיטאַליזם קאָן נישט פאָרקומען קיין שום סאָציאַלע רעגענעראַ־ציע, אַפילו נישט בלויז קיין פראַגמענטאַרישע; דאַקעגן אָבער פאַר דער נאָכרעוואָלוציאָנערער צייט ווערט פון ביידע צדדים דערקלערט, אַז ס׳איז אוטאָפּיש צו וועלן אָנצייכענען דעם אויסזען, וואָס זי וועט דאַרפן באַקומען. „די אוטאָפּיע“. שרייבט ענגעלס (אין 1872) „קומט־אויף דעמאָלט, ווען מ׳פּאַרנעמט זיך, „אויפן סמך פון די פּאַראַנענע אומשטענדן“, אָנצוצייכענען פון פאָרויס די פאָרעם, ווי אַזוי ס׳קאָן געלייזט ווערן די אָדער יענע סתירה פון דער איצטיקער געזעלשאַפט“. „ביי מאַרקסן“, זאָגט לענין, „געפינט מען אויך נישט קיין שמץ פון אוטאָפּיזם אינעם זין, אַז ער געפינט־אויס די „נייע“ געזעלשאַפט, אַז ער טראַכט זי אויס אין זיין פאַנטאַזיע“. אָבער ווי שטאַרק אומניצלעך אַזעלכע אויספאַנטאַזירטע געשטאַלטן מעגן זיין אינ־דעראמתן, איז עס אָבער, פונדעסטוועגן, פונדאַמענטאַל וויכטיק, אַז די אידייע, צו וועלכער מ׳אָריענטירט זיך, צו וועלכער מ׳באַלאַנגט, זאָל האָבן די דעה אין דער טואונג, וועלכע מ׳איז זיך מכוון דורכצופירן. די סאָציאַ־

ליסטישע אידייע ווייזט־אָן, געגנוי, אַזוי ביי מאַרקסן ווי ביי לענינען, אויף דער נייטיקייט פון אַן אָרגאַנישן אויפבוי פון אַ נייער געזעלשאַפט אין באַשטאַנד פון קליינע, דורך בשותפותדיקן לעבן און בשותפותדיקער אַר־בעט צונויפגעבונדענע געזעלשאַפטן און פון זייערע פעדעראַציעס. אָבער נישט ביי מאַרקסן און אויך נישט ביי לענינען ווערט פון דעם אַ קלאָרע און איינהייטלעכע אָריענטאַציע פאַר דער אַקטואַציע. דאָ ווי דאָרט ווערט דער דעצענטראַליזירטער עלעמענט פונעם נייעם אויפבוי פאַרשטויסן דורכן צענטראַליסטישן עלעמענט פון דער רעוואָלוציאָנערער פּאָליטיק. דאָס געזעץ פון אַקטואַציע איז פאַרביידע צדדים אַזעלכעס, אַז פאַרן ניצחון פון דער רעוואָלוציע דאַרף מען אָנפירן אַ שטרענג־צענטראַליזירטע אַקציע, און, ווי שוין געזאָגט, ס'איז אין דעם פאַראַן אַ נישט גרינגשעצנדיקער אמת; דאָס, וואָס דאָ פעלט, איז דאָס זיין אימשטאַנד צומאָלס צו ציִען די געהעריקע דעמאַרקאַציע־ליניע צווישן די פאָדערונגען פון דערדאָזיקער אַקציע און די מעגלעכע אויפטוען פון דער דעצענטראַליזירטער געשטאַלטיקונג פון דער געזעלשאַפט, הגם זיי נישט צו שעדיקן; צווישן דעם, וואָס ס'פאַר־לאַנגט זיך פאַר דער דורכפירונג פון דער אידייע, און דעם, וואָס די אידייע גופא פאַרלאַנגט; צווישן די תביעות פון דער רעוואָלוציע־פּאָליטיק און די רעכט פון אַן אויפקומענדיקן סאָציאַליסטישן לעבן. בדרך־כלל פאַלט־אויס די אַנטשיידונג, אין דער טעאָריע און דירעקטיוון פאַר דער באַוועגונג ביי מאַרקסן און אין דער פּראַקטיק פון דער רעוואָלוציע און אין דער נייער איינשטעלונג פונעם שטאַט און פון דער עקאָנאָמיע ביי לענינען — אין תוך לטובת דער פּאָליטיק, דעם שטאַט, דאָס הייסט, לטובת דעם צענטראַ־ליזם. דאָס קאָן על פי רוב דערקלערט ווערן מיט דער סיטואַציע, מיט די שוועריקייטן, וועלכע ס'האָט געהאַט די סאָציאַליסטישע באַוועגונג, און מיט די ספּעציעלע שוועריקייטן, וואָס ס'האָט געהאַט אויסצושטיין דער סאָ־וועטישער רעזשים; אָבער בעיקר האָט זיך דאָ אַרויסגעוויזן אַ באַנעם און אַ טענדענץ, וועלכע מיר געפינען ביי מאַרקסן און ענגעלסן און וועלכע איז איבערגעגאַנגען בירושה צו לענינען און סטאַלינען, — דער באַנעם פון אַן אַבסאָלוטן צענטער פון דער דאָקטרין און פון דער אַקציע, פון וועלכן ס'קומען־אַרויס די איינציק־גילטיקע טעזיסן און די איינציק־גילטיקע באַפעלן, דער באַנעם פון אַ דיקטאַטור פון אַט־דעם צענטער פאַרשטעלט דורך דער „דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט". מיט אַנדערע ווערטער הייסט דאָס: די טענדענץ צו דער פאַראייביקונג פון דער צענטראַליסטישער פּאָ־

ליטיק פון דער רעוואָלוציע אויפן חשבון פון די דעצענטראַליסטישע באַ־ דערפעַנישן פון אַן אויפקומענדיקער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט. לעניגען איז געווען לייכטער זיך צו האַלטן ביי אָט־דער טענדענץ טאַקע אַדאַנק יענער סיטואַציע, וועלכע האָט בולט אָנגעוויזן אויף דעם, אַז די רעוואָלוציע איז נאָך נישט דערגאַנגען צו איר סוף. די סתירה, וואָס איז פאַראַן צווישן מאַרקס פאָדערונג, אַז דער פּאָליטישער פּרינציפּ זאָל פאַרביטן ווערן דורכן סאָציאַלן פון איין זייט, און דורך דער פאַקטיש ווייטער־אָנהאַלטנדיקער ממשלה פונעם פּאָליטישן פּרינציפּ פון דער אַנדערער זייט, ווערט פאַרדעקט מיט דעם, אַז מ׳האַלט זיך ווי באַרעכטיקט צו באַטראַכטן, אַז די רעוואָלוציע איז נאָך נישט פולשטענדיק פאַרענדיקט; דערביי, אַגב, מאַכט מען זיך דאָ נישט וויסנדיק וועגן דעם, וואָס פאַר מאַרקסן וואַרפט דער סאָציאַליזם אַוועק זיין פּאָליטישן לבוש טאַקע דעמאָלט, „ווען ס׳הייבט זיך אָן זיין אָרגאַניזירנ־ דיקע אַקטיוויטעט”. דאָ באַהאַלט זיך אויס אַ פּראָבלעמאַטיק, וועלכע ווערט פאַרדעקט מיט נישט קיין קלענערן תירוץ ווי מיטן מאַטעריאַליסטישן באַנעם פון דער געשיכטע אין אַלגעמיין; פאַר איר איז פּאָליטיק נישט עפּעס אַנ־ דערש ווי אָפּשאַצונג און אויסדרוק פונעם קלאַסנקאַמף, און מיטן אָפּשאַף פונעם קלאַסנשטאַט ווערט איבערגעגראָבן דער באָדן פונעם פּאָליטישן פּרינציפּ. דער קאַמף אויף טויט און לעבן פון דער איינציק־גילטיקער דאָק־ טרין איז אַקציע קעגן יעדן אַנדערן מין באַנעם פונעם סאָציאַליזם קאָן טאַקע נישט קוואַליפיצירט ווערן ווי אַן אומפּאָליטישער, אָבער ער מוז פאַרמשפּטן יעדן אַנדערן מין סאָציאַליזם און אים מאַרקירן ווי אַ פאַלשן, ווי רעשטן פון בירגערלעכער אידעאָלאָגיע; כּל־זמן ס׳לעבט נאָך אַן אַנדע־ רער באַנעם פונעם סאָציאַליזם, איז נאָך די רעוואָלוציע אַלץ נישט פאַר־ ענדיקט און דער פּאָליטישער פּרינציפּ קאָן נישט אָפּגעשיידט ווערן פונעם סאָציאַלן, ווען אַפילו ס׳האָט זיך שוין אָנגעהויבן די אָרגאַניזירנדיקע טעטי־ קייט. די פּאָליטישע מאַכט „אין אומאייגנטלעכן זין” קאָן אין איר צענטראַ־ ליסטישער פּרעטענזיע ווערן אַרומנעמענדיקער, אומברחמנותדיקער, „טאָטאַ־ ליטאַרער” ווי די פּאָליטישע מאַכט „אין אייגנטלעכן זין” איז ווען ס׳איז געווען. מיט דעם זיינען מיר דאָ נישט אויסן צו זאָגן, אַז לענין איז פּשוט און פּראָסט געווען אַ צענטראַליסט; ער איז דאָס געווען אין אַ געוויסן פּרט ווייניקער ווי מאַרקס און איז אין דעם זין געשטאַנען נענטער צו ענגעלסן ווי צו אים; אָבער אין זיין מחשבה און אין זיין ווילן האָט דאָמינירט, פּונקט ווי ביי מאַרקסן און ענגעלסן, דער רעוואָלו־

ציאָנער־פּאָליטישער מאָטיוו און דאָס האָט אַראָפּגעדריקט דאָס וויטאַל־סאָציאַלע, דאָס, וואָס האָט פאַרלאַנגט אַ דעצענטראַליזירט געזעלשאַפט־לעך לעבן אַזוי, אַז נאָר עפּיזאָדיש האָט עס זיך געלאָזט מערקן. דער פּועל־יוצא פון דעם אַלעם איז געווען, אַז אין דעם נייעם מלוכהשן סדר איז נישט אַריינגענומען געוואָרן קיין שום פאַקטאָר, וועלכער זאָל זיין אָריענטירט אויף דער אָפּשוואַכונג פונעם מלוכהשן צענטראַליזם און אויף אָפּשוואַכונג פון דער אַקומולאַציע פון דער מאַכט. ווי אַזוי ס'קאָן מעגלעך זיין, אַז אַן אַזאַ ווירקנדיקער קראַפט זאָל מעגלעך זיין אַזאַ בהדרגהדיקע אָפּשוואַכונג — דאָס איז אומדערקלערלעך. לענין האָט איינמאָל, (אין 1918), דערקלערט: „דאָס, וואָס סאָציאַליזם וועט זיין, דאָס ווייסן מיר נישט. ווען האָט שוין וועלכע ס'איז מלוכה אָנגעהויבן אָפּצושטאַרבן?" פאַקטיש איז אין דער געשיכטע נישט פאַראַן קיין שום ביישפּיל, און מעג דאָס אַפילו זיין אין אַ מינימאַלער מאָס, אויף וועלכן מ'זאָל זיך קאָנען פאַררופן. און בכדי דאָס צו באַווייזן צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע וואָלט מען געדאַרפט לאָזן אין באַוועגונג אַ ריזיקע אידעאַל־וויטאַלע דעצענטראַליזירנדיקע ענער־גיע. דאָס איז נישט געטאָן געוואָרן. כדי ס'זאָל אין אַזעלכע אומשטענדן פאָרקומען אַן אַליינאָפּזאָג פון דער אָנגעזאַמלטער מאַכט, אַן אָפּשוואַכונג פונעם צענטראַליזם — אַזעלכעס איז [מצד סאָציאַליסטן] נישט מיט אומרעכט באַצייכנט געוואָרן ווי אַן אמונה אין ניסים.

די טעאָריע מכוח דעם „אָפּשטאַרבן" פונעם שטאַט נאָך דער סאָציאַלער רעוואָלוציע איז אויסגעאַרבעט געוואָרן פון ענגעלסן אויפן סמך פון מאַרקס רמזים, על־פּי־רוב בדחקותדיקע. ס'וועט נישט זיין אומניצלעך צוזאַמענ־צונעמען זיינע וויכטיקסטע אַרויסזאָגונגען מכוח אָט־דעם ענין אין אַ כראָנאָ־לאָגישן סדר. אין 1874 האָט ער דערקלערט, אַז די מלוכה וועט „פאַרשווינדן צוליב דער קומענדיקער סאָציאַלער רעוואָלוציע", ווייל די עפּנטלעכע פונק־ציעס וועלן אָנשטאָט פּאָליטישע ווערן פשוט און פראָסט אַדמיניסטראַטיוו; אין 1877 פּרעציזירט ער, אַז דערמיט וואָס דער פּראָלעטאַריאַט וועט פאַר־וואַנדלען די מיטלען פון דער פּראָדוקציע אין אייגנטום פון דעם מלוכה, וועט ער דערמיט אָפּשאַפן די מלוכה ווי אַזעלכע און אַגב וועט טאַקע יענץ אי־בערנעמען אין רשות די מיטלען פון דער פּראָדוקציע „זייַ איינצייטיק די לעצטע זעלבסטשטענדיקע טואונג זיינע ווי אַ שטאַט". נאָכדעם וועט ער פון זיך אַליין „איינשלאָפן" אָדער „אָפּשטאַרבן". אין 1882 קומט ווייטער דער

סכאָטאָלאָגישער פּירוש „איינציייטיק“: דאָס וועט זיין „דער אַרויסשפּרונג פון דער מענטשהייט פון די ראַמען פון דער פרייהייט“; מיט דעם איז שוין געזאָגט אַלץ. מיטאַמאָל קומט אָבער אַ מערקווירדיקער צוריקצי. נאָך מאַרקס טויט הערן מיר מער נישט פון ענגעלסעס מויל יענעם „איינציייטיק“. ווען ער האָט אין יאָר 1884 געלאָזט וויסן, אַז די גאַנצע מלוכהשע מאַשין וועט אָפּגעשיקט ווערן אינעם מוזיי פון די אַלטער־טימלעכקייטן, באַשטימט ער שוין נישט דעם מאָמענט פון אָט־דער באַדייטנ־דיקער פּאַסירונג אויף דעמאָלט, ווען די מיטלען פון דער פּראָדוקציע וועלן פאַרשטאַטלעכט ווערן, נייערט בפירוש אויף שפּעטער און מ״זעט בולט, אַז ס׳האַנדלט זיך דאָ וועגן אַ לענגערן פּראָצעס, מחמת די מאַכט, וועלכע פירט־דורך יענעם אָפּשיק אינעם מוזיי, איז איצט „די געזעלשאַפט, וועלכע אָרגאַניזירט פונדאָסניי די פּראָדוקציע אויפן יסוד פון פרייער און גלייכער פאַרבינדונג פון די פּראָדוצענטן“, — אַן אויפטו, וועלכער הייבט זיך, נאַטירלעך, אָן דורך דער בלויז איינמאָליקער פאַרשטאַטלעכונג. דאָס איז בהסכם מיט דער פאָרמול פונעם „קאָמוניסטישן מאַניפעסט“ מכוח דעם „גאַנג פון דער אויסוויקלונג“, אויף וועלכער ענגעלס באַציט זיך דאָ, מיטן בלויזן חילוק, וואָס דאָרט ווערט שוין באַטראַכט די קאָנצענטראַציע פון דער פּראָדוקציע „אין די הענט פון די אָרגאַניזירטע אינדיווידן“, ווי דער פּועל־יוצא פון אַן אַנטוויקלונג, וועמעס קאָנסעקווענץ ס׳וועט זיין, אַז די מאַכט וועט פאַרלירן דעם פּאָליטישן כאַראַקטער. אין יאָר 1891 גייט ענגעלס נאָך ווייטער אויף צוריק, אויף אַזוי ווייט צוריק, אַז ס׳איז שוין נישט נייטיק און נישט מעגלעך קיין צוגאָבדיקער צוריקצי: דער זיגערישער פּראָלעטאַריאַט, וועלכער האָט מנצח געווען אינעם געראַנגל מיט דער קלאַסנהערשאַפט, זאָגט ענגעלס, וועט נישט האָבן קיין אַנדערע ברירה ווי נאָר „אַזוי גיך ווי מעגלעך אויסצוואָרצלען“ די „ערגסטע זייטן“ פונעם שטאַט, „ביז אַ דור, וועלכער וועט זיין דערצויגן אין און צוגעוווינט צו די נייע און פרייע געזעלשאַפטלעכע צושטאַנדן, וועט זיין אימשטאַנד אַראָפּצוטרייסלען פון זיך דעם גאַנצן מלוכהשן געמויזעכטס“. ענגעלס זאָגט דאָס אין זיין הקדמה צו דער נייער אויפלאַגע פון מאַרקס ווערק, „דער בירגערקריג אין פראַנקרייך“, אין וועלכן מאַרקס האָט מיט צוואַנציק יאָר צוריק געשריבן, אַז דער אַרבעטערקלאַס דאַרף דורכמאַכן „לאַנגע קאַמפן און אַ גאַנצע ריי היסטאָרישע פּראָצעסן, דורך וועלכע סיי די מענטשן און סיי די אומשטענדן וועלן גענצלעך אומגעוואַנדלט ווערן“. דעמדאָזיקן באַנעם טראָגט ענגעלס אַריבער אין

זיין הקדמה אויף דער נאָכרעוואָלוציאָנערער תקופה. אָבער מיט דעם ווערט די וואָגיקייט פון יענעם „איינצייטיק״ געוואַלטיק אָפּגעשוואַכט. איצט קומט שוין נישט אויס, אַז דער פּראָלעטאַריאַט וועט מיט דער פאַרשטאַטלעכונג פון די מיטלען פון דער פּראָדוקציע אָפּשאַפן די מלוכה ווי אַ מלוכה, נייערט אַז ער וועט קודם־כל און ביז צום אונטערוואַקסן פון יענעם „נייעם דור״ בלויז אָפּשוואַכן, אויסוואָרצלען די ערגסטע זייטן פונעם שטאַט. און פונ־דעסטוועגן האָט דאָך מאַרקס טאַקע אין יענעם ווערק וועגן די תקנות פון דער פּאַריזער קאָמונע געזאָגט, אַז זי וואָלט, ווען די קאָמונע וואָלט געווען אַרויס זיגעריש, געווען אומגעקערט דעם געזעלשאַפטלעכן קערפּער יענע אַלע כוחות, וועלכע ס׳האָט ביז אַהער פאַרשלונגען דאָס פּאַראַזיטישע פּאַר־זעעניש „שטאַט״, און מיט דעם האָט ער קאָנצענטרירט דעם הויפּטטאָן אויף דער איבעראַנדערשונג, וועלכע דאַרף ערשט פאָרקומען דורך דער קאָמו־נאַליזירונג, דאָס הייסט, בכן, אויפן „איינצייטיק״. אין זיין הקדמה איז ענ־געלס געגאַנגען נאָך פיל מער אויף צוריק. אַוודאי זיינען עס היסטאָרישע דערפאַרונגען, וועלכע זיינען געווען די שולדיקע, אָבער דאָס, וואָס ענגעלס האָט זיך געלאָזט אַזוי שטאַרק באַווירקן פון זיי, נעמט זיך טאַקע פון דעם, וואָס נישט ביי אים, נישט ביי מאַרקסן איז געווען אַן אידעאַלע, אַן איינ־הייטלעכע און קאָנסעקווענטע ליניע, וואָס זאָל געווען זיין קאָנצענטרירט אויף דער רעסטרוקטוראַציע פון דער געזעלשאַפט, אויף דער צוגרייטונג פון דער אָפּשאַפונג פון דער מלוכה און נישט קיין שטאַרקער ווילן צו דע־צענטראַליזאַציע. ס׳איז געווען אַ סתירהדיקע גייסטיקע ירושה, וועלכע לענין האָט איבערגענומען: סאָציאַליסטישע רעוואָלוציע־פּאָליטיק אָן סאָציאַליס־טישער וויטאַליטעט.

ווי באַקאַנט האָט לענין געזוכט בייצוקומען דידאַזיקע פּראָבלעמאַטיק פון ענגעלס דאָקטרין באופן, וואָס ער האָט מיט דער גאַנצער אויסדריקלעכ־קייט אָנגעוויזן אויף דעם, אַז די „אָפּשאַפונג״ באַציט זיך אויפן בירגערלעכן שטאַט, בעת אָבער דאָס „אָפּשטאַרבן״ באַציט זיך אויף „די איבערגעבליבענע רעשטן פונעם פּראָלעטאַרישן מלוכה־רעזשים נאָך דער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע״, — דער שטאַט ווי אַ „ספּעציעלע אונטערדריקונגס־מאַכט״ איז, לויט ענגעלס דעפיניציע, קודם־כל פאַר דער אונטערדריקונג פון דער בורזשואַזיע, דאָס הייסט, בכן, אַז ער איז אַן אומבאַדינגטע נייטיקייט, ווי אַ דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט, ווי אַ צענטראַליזירנדיקע אָרגאַניזאַציע פון זיין מאַכט. איז פון דעם בלי שום ספק אַרויסצוזען, אַז לענין האָט מיט

דעם צוגעטראָפּן מאַרקס (און ענגעלסעס) כוונות; מיט רעכט ציטירט ער דעם פּסוק, אין וועלכן מאַרקס האָט (אין 1832) באַצייכנט די דאָזיקע דיק־טאַטור ווי אַן איבערגאַנג צו אַ קלאַסנלאָזער געזעלשאַפט. אָבער פאַרן נעמ־לעכן מאַרקס פון יאָר 1871, דעם מאַרקס, וועלכער איז געווען באַגייסטערט פון דער קאָמונע, פאַרן זעלביקן מאַרקס איז געווען זיכער, אַז אין סאַמע מיט פון דעם נייטיקן צענטראַליזם, וועלכן מ׳דאַרף האָבן פאַר דער רעוואָ־לוציאָנערער אַקציע, גרייט זיך צו די דעצענטראַליזאַציע, און ווען ענגעלס האָט קוואַליפיצירט די פאַרשטאַטלעכונג פון די פּראָדוקציע־מיטלען ווי אַן אָפּשאַפונג פון דער מלוכה „ווי אַ מלוכה", האָט ער מיט דעם געמיינט דעם אַנטשיידנדיקן פּראָצעס, וועמעס אוממיטלבאַרע רעזולטאַטן וועלן זיך אָנהייבן מערקן תיכף נאָך דער פאַרענדיקונג פון דאָזיקן רעוואָלוציאָנערן פּראָצעס.

לעניז זאָגט לשבח מאַרקסן, „אַז אין יאָר 1852 האָט ער נאָך נישט געהאַט אַוועקגעשטעלט קאָנקרעט דעם ענין, וואָס ס׳זאָל איינגעפירט ווערן אויפן אָרט פון דער מלוכה־מאַשין, וועלכע מ׳איז אויסן צו צעשטערן". דאָס האָט אים, ווי לענין פירט דערנאָך אויס, ערשט געלערנט די פּאַריזער קאָ־מונע. אָבער די פּאַריזער קאָמונע איז געווען די פאַרווירקלעכונג פון די געדאַנקען פון מענטשן, וועלכע האָבן זיך דעם דאָזיקן ענין אַוועקגעשטעלט בפועל ממש. לענין רעדט ווייטער לשבח מאַרקסן, „אַז ער האָט זיך גע־האַלטן געטריי ביי דער פּאַקטישער באַזיס פון דער היסטאָרישער דער־פאַרונג". אָבער די היסטאָרישע דערפאַרונג פון דער קאָמונע איז דאָך אָבער פּאַקטיש מעגלעך געוואָרן נאָר אַדאַנק דעם, וואָס אין די געמיטער פון ליידנשאַפטלעכע רעוואָלוציאָנערן האָט געלעבט די פאַרשטעלונג פון אַ דעצענטראַליזירטער, ווייטפאַרנעמיקער אַנטשטאַטלעכטער געזעלשאַפט, וועל־כע זיי האָבן זיך אונטערגענומען צו פאַרוואַנדלען אין אַ ווירקלעכקייט. די גייסטיקע אָבות פון דער קאָמונע האָבן טאַקע געהאַט יענע אויף דעצענטראַ־ליזאַציע אָריענטירטע ליניע, וועלכע מאַרקס און ענגעלס האָבן נישט געהאַט, און די פירער פון דער רעוואָלוציע פון 1871 האָבן געפּרוּווט, ווען אַפילו מיט בדוחקדיקע מאַכטמיטלען, אָנצוהייבן איר רעאַליזאַציע אין סאַמע מיט פון דער רעוואָלוציע.

פון דעם אייגנטלעכן פּראָבלעם פון דער אַקציע דרייט זיך לענין אַרויס מיט אַ דיאַלעקטישער פאָרמול: „כל־זמן ס׳עקזיסטירט אַ מלוכה, עקזיסטירט נישט קיין פרייהייט. ווען ס׳וועט עקזיסטירן פרייהייט, וועט שוין דעמאָלט מער נישט עקזיסטירן קיין מלוכה". די דיאַלעקטיק פאַרטונקלט דאָ די וועזנט־

לעכע מיסיע. — טאָגטעגלעך נאָכצוזען, וועלכע ס׳איז דער מאַקסימום פרייהייט, וועלכער קאָן און דאַרף היינט פאַרווירקלעכט ווערן. וויפל „מלוכה״ איז נאָך היינט נייטיק און כסדר, ביי יעדן מאָל, צו צ־זען די פּראַקטישע קאָנ־סעקווענצן. נו, כל־זמן דער מענטש איז ווי ער איז, וועט מסתמא קיינמאָל נישט זיין קיין אַבסאָלוטע „פרייהייט״ און במילא וועט נאָך לאַנג עקזיסטירן שטאַט, דאָס הייסט, צוואַנג, געוואַלט; אין וואָס דאָ גייט, איז: טאָגטעגלעך נישט מער שטאַט ווי דאָס איז אומבאַדינגט נייטיק; נישט וויניקער פּרייהייט ווי דאָס איז דערלאָזבאַר. און ווען מ׳באַטראַכט דעם ענין פון סאָציאַלן קוק־ווינקל, באַטייט פרייהייט, — קודם־כל פרייהייט פאַר דער געזעלשאַפט, — אַ פרייע קהילה, אומאָפּהענגיק פון דער שטאַטלעכער מאַכט.

„ס׳איז קלאָר״, זאָגט לענין, „אַז ס׳קאָן נישט זיין קיין רייד וועגן באַשטימען פון פאָרויס די צייט, ווען ס׳זאָל זיך אָנהייבן דאָס אָפּשטאַרבן״. דאָס איז לחלוטין נישט קלאָר; ווען ענגעלס דערקלערט, אַז מיטן איבער־נעמען אין זיין רשות די מיטלען פון דער פּראָדוקציע ווערט דער שטאַט דער ממשותדיקער רעפּרעזענטאַנט פון דער גאַנצער געזעלשאַפט און מיט דעם מאַכט ער זיך אַליין איבעריק, איבערפליסיק, דרינגט פון דעם אַרויס, אַז טאַקע דאָס איז דער מאָמענט, ווען ס׳וואָלט זיך באַדאַרפט אָנהייבן דעם שטאַטס אָפּשטאַרבן. אויב עס הייבט זיך דאָ נישט אָן, ווייזט זיך דאָך אַרויס, אַז די טענדענץ צום שטאַטס שטאַרבן איז אינדעראמתן נישט אַריינגענומען ווי אַ באַשטימענדיקער פאַקטאָר אין דער סאַמע רעוואָלוציאָנערער אַקציע. אויב אַזוי איז דאָך פון אָט דער רעוואָלוציע און פון אירע קאָנסעקווענצן בכלל נישט צו דערוואַרטן קיין מעגלעכקייט פונעם שטאַטס פאַרשווינדן און אַפילו נישט קיין איינשרימפּונג זיינע. מאַכט אַבדיקירט נישט, אויב אַ קעגנ־מאַכט שטויסט זי נישט צו דעם.

ווי „די דרינגנדיקע און אַקטועלע פראַגע פון דער היינטיקער פּאָליטיק״ דערקלערט לענין אין סעפּטעמבער 1917 „דאָס פאַרוואַנדלען אַלע בירגער אין אַרבעטער און באַאַמטע פון איין גרויסן „סינדיקאַט״, דהיינו — פונעם גאַנצן שטאַט״. „די גאַנצע געזעלשאַפט״, זאָגט ער ווייטער, „ווערט איין ביוראָ און איין פאַבריק מיט דער גלײַכער אַרבעט און דעם גלײַכן לוין״. אָבער צי דאַרף מען, ביים הערן אַזעלכע רייד, נישט טראַכטן וועגן ענגעלסעס שוין ציטירטע ווערטער מכוח דעם טיראַנישן כאַראַקטער פונעם אויטאָמאַטישן מעכאַניזם פון אַ גרויסער פאַבריק, אויף וועמעס טויער ס׳שטייט אָנגעשריבן: „פאַרגעסט אין אייער זעלבסטשטענדיקייט, איר, וואָס

גייט דאָ אַריין"? אַוודאי באַטראַכט לענין דידאַקטישע פֿאַבריק־דיסציפּלין בלויז ווי „אַ נויטווענדיקן שטאָפּל פֿאַר אַ גרינטלעכער רייניקונג פֿון דער געזעלשאַפֿט"; זי וועט, מיינט ער, איבערגעוועלטיקט ווערן באַלד נאָכדעם ווי „אַלע וועלן זיך האָבן אויסגעלערנט זעלבשטענדיק אָנצופֿירן מיט דער געזעלשאַפֿטלעכער פּראָדוקציע", מחמת פֿון דעם מאָמענט אָן וועט אָנהייבן פֿאַרשווינדן די באַדערפֿעניש פֿון וועלכן ס'איז מין רעגירן בכלל. די עווענטואַליטעט, אַז די פֿעיִקייט פֿון דער אָנפֿירונג מיט דער פּראָדוקציע זאָל זיין פֿאַרטיילט אויף אַן אומגלייכן אופֿן און אַז די זעלביקע אויסבילדונג זאָל נישט זיין בכוח צו פֿאַרבייטן דעם נאַטירלעכן דוחק אין פֿעיִקייט, דאָס נעמט לענין לחלוטין נישט אין באַטראַכט. אָבער די מיסיע, וואָס וואָלט געווען מער בהסכם מיט די מענטשלעכע פֿאַקטן, וואָלט דאָך גיכער געווען אינוויווייט מעגלעך אַרויסצוזעמען פֿונעם רשות פֿון דער פּאָליטיק, אויף וויפֿל דאָס איז נאָר מעגלעך, אַלע פֿונקציעס פֿונעם אָנפֿיר, דאָס הייסט, צוצונעמען ביי איר די מעגלעכקייט צו דערגיין צו דער דעגענעראַציע פֿון מאַכט־אַקומולאַציע. דאָ גייט דאָך נישט אין דעם, אַז ס'זאָלן בלויז זיין פֿירער און נישט קיין געפֿירטע — דאָס איז אוטאָפּישער ווי וועלכע־ס'איז אוטאָפּיע — נייערט אין דעם, אַז אָנפֿירונג זאָל ווייטער פֿאַרבלייבן אָנפֿירונג און נישט ווערן הערשאַפֿט; מיט גענויערע ווערטער: זי זאָל אין זיך נישט אַנטהאַלטן מער הערשאַפֿטס־עלעמענט ווי די פֿאַרהעלטענישן קאָנען צו יעדן מאָמענט אומבאַדינגט פֿאַרלאַנגען (און עס פֿאַרשטייט זיך, אַז דאָס קאָן נאַטירלעך נישט זיין קיין ענין, וועלכן די הערשנדיקע אַליין קאָנען אַנטשיידן).

ס'איז אמת, אַז לענין האָט געוואָלט לאָזן דורכפֿירן „תיכף ומיד" אַ טיפֿגרייכנדיקע איבעראַנדערשונג: תיכף נאָכן פֿאַרכאַפּן די פּאָליטישע מאַכט האָבן די אַרבעטער געדאַרפֿט „צעשטערן דעם אַלטן ביוראָקראַטישן אַפּאַראַט, אים חרוב מאַכן ביז צום סאַמע גרונט, אַפֿילו נישט לאָזן אַ שטיין אויף אַ שטיין" און אים פֿאַרבייטן דורך אַן אַנדערן, אַ נייעם אַפּאַראַט, אַ געשאַפֿענעם טאַקע פֿון דיזעלביקע אַרבעטער. איינמאָל און נאָכאַמאָל חזרט דאָ לענין איבער דאָס וואָרט „תיכף ומיד". פּונקט אַזוי ווי דאָס איז געטאָן געוואָרן דורך דער פּאַריזער קאָמונע, זאָלן „תיכף ומיד" אָנגענומען ווערן די מיטלען, וועלכע ס'איז נייטיק, כדי נישט צו דערלאָזן, אַז דער נייער אַפּאַראַט זאָל ווערן אַ נייע ביוראָקראַטיע, ביי וואָס ס'שטייט, אַגב, אין דער ערשטער ריי די אויסווייַלבאַרקייט און די פֿאַרבייטבאַרקייט, אָדער, ווי דאָס הייסט אין מאַרקס לשון, „די שטרענגע אַחריות" פֿון די באַאַמטע. אָט־די

פונדאַמענטאַלע טראַנספאָרמאַציע דאַרף, אין היפּוך צו די אַנדערע, נישט איבערגעלאָזן ווערן צום גורל פון דער אַנטוויקלונג; זי ווערט אַריינגענומען אין דער סאַמע רעוואָלוציאָנערער אַקציע און דאָס ווי איינע פון אירע אַנט־שיידנדיק־וויכטיקסטע מעשים. עס דאַרף תיכף געשאַפן ווערן אַ „נייער, אומפאַרגלייכלעך־העכערער, אומפאַרגלייכלעך־דעמאָקראַטישערער טיפּ פונעם שטאַטסאַפּאַראַט".

אויף אָט־דעם פּונקט האָט, בכן, לענין געהאַלטן פאַר נייטיק אַן אומ־מיטלבאַרע ענדערונג פון דער געזעלשאַפטלעכער סטרוקטור. ער האָט פאַר־שטאַנען, אַז אָן איר, נישט געקוקט אויף דער וואָגיקער אַריינמישונג, נישט געקוקט אויף די נייע אינסטיטוציעס, די נייע געזעצן און די נייע מאַכט־פאַרהעלטענישן, וואָלט דאָך אין תוך פונעם עפנטלעכן לעבן אַלעס פאַרבליבן ביים אַלטן. דעריבער האָט ער מיט אַזאַ עקשנות אָנגעהאַלטן אָט־די פאָדע־רונג, הגם אָן אַ דעצענטראַליסטישער אַלגעמיינער טענדענץ, וועלכע איז פאַר דער פאַריזער קאָמונע געווען אַן אָרגאַנישער באַשטאַנדטייל פון אַ דע־צענטראַליסטיש־געזעלשאַפטלעכער אויסגעשטאַלטיקונג און וועלכע קאָן פאַרווירקלעכט ווערן נאָר דעמאָלט, ווען מ'איז זיך מכוון דאָס דורכצופירן מיט אַ ספּעציעלן כיוון. ווי אַן איזאָלירטער פאַרלאַנג איז זי אין סאָוועט־רוסלאַנד נישט מקוים געוואָרן. מ'גיט־איבער לענינס אַ ביטערן זאָג פון אַ שפּעטערדיקער פּאַזע: „מיר זיינען געוואָרן אַ ביוראָקראַטישע אוטאָפּיע".

און פונדעסטוועגן איז געווען אַ התחלה פאַר דער ענדערונג פון דער סטרוקטור, און געקומען איז זי נישט פון לענינס איניציאַטיוו, ווען אַפילו זי איז פון אים געווען אָנערקענט אין איר וויכטיקייט, הגם נישט אין איר פולער פּאָטענציעלער סטרוקטור־קוואַליטעט, אַגב, אַ התחלה, וועלכע איז געווען ענלעך צו די פּראָיעקטן פון דער פאַריזער קאָמונע און דאָך אַזאַ, וואָס איז געווען אויטאָקטאָן און אַנטהאַלטן אין זיך קאָלאָסאַלע מעגלעכקייטן. דאָס זיינען געווען די סאָוועטן, די ראַטן. די ביזאיצטיקע געשיכטע פונעם סאָוועטרעזשים איז, און מעג זי זיך אויך זיין נאָך עפּעס אַנדערש, אויך די געשיכטע פון דער פאַרלענדונג פון אָט־די מעגלעכקייטן.

די ערשטע סאָוועטן זיינען אויפגעקומען בעת דער רעוואָלוציע פון 1905 לכתחילה ווי „קאַמפס־אָרגאַניזאַציעס פאַרן דערגרייך פון באַשטימטע צילן", ווי לענין האָט דעמאָלט דאָס געזאָגט. קודם־כל ווי שטרייק־אָרגאַנען, דערנאָך ווי פאַרטרעטנדיקע קערפּערשאַפטן פאַרן אָנפיר פון דער רעוואָלו־ציאָנערער אַקציע בכלל. זיי זיינען אויפגעקומען ספּאָנטאַנער ווי די אינסטי־

טוציעס פון דער קאָמונע נישט ווי אַ פועל־יוצא פון פרינציפּן, נייערט ווי די אומצוגעגרייטע פּירות פון אַ סיטואַציע. לעניִן האָט דעמאָלט באַטאָנט פאַר די אַנאַרכיסטן, אַז אַן אַרבעטערראַט איז נישט קיין אַרבעטער־פּאַרלאַמענט און נישט קיין אָרגאַן פון דער זעלבסטפאַרוואַלטונג. אַפילו צען יאָר נאָכדעם האָט ער דערקלערט, אַז אַרבעטערראַטן און ענלעכע אינסטיטוציעס וואָלטן געדאַרפט באַטראַכט ווערן „ווי אָרגאַנען פונעם אויפשטאַנד”, וועלכע קאָנען זיין נוצלעך „נאָר אין שייכות מיטן אויפשטאַנד”. ערשט אין מערץ 1917, נאָכדעם ווי די סאָוועטישע רעפאָרם אין רוסלאַנד איז, לויט טראָצקיס ווערטער, „כמעט אויטאָמאַטיש פונדאָסניי געבוירן געוואָרן” און די ערשטע ידיעות וועגן דעם ניצחון פון דער רעוואָלוציע זיינען אָנגעקומען צו לעניִנען אין דער שווייץ, האָט ער אין פּעטערסבורגער סאָוועט דערקענט „דאָס שפּראָצנדיקע קעמערל פון אַן אַרבעטער־רעגירונג” און אין די ראַטן בכלל די פּירות פון די דערפאַרונגען פון דער פּאַריזער קאָמונע. עס פאַרשטייט זיך, אַז אויך איצט האָט ער זיך באַצויגן „צו דער אָרגאַניזאַציע פון דער רעוואָלוציע”, דהיינו, צו דער „צווייטער באמתדיקער רעוואָלוציע”, אָדער „די אָרגאַניזירטע מאַכט קעגן דער קאָנטראַרעוואָלוציע”, אויפן זעלבן אופן ווי מאַרקס האָט אין די אינסטיטוציעס פון דער קאָמונע קודם־כל געזען אָרגאַנען פון דער רעוואָלוציאָנערער אַקציע. בכל האופן באַצייכנט לעניִן די ראַטן, וועלכע זיינען געווען אין תוך גלייך צו דער קאָמונע, אויך ווי „דעם שטאַט, וועלכן מיר באַדאַרפן”, דאָס הייסט, דעם שטאַט, וועלכן „דער פּראָלעטאַריאַט דאַרף”, אָבער דאָך „דער פונדאַמענט, אויף וועלכן מיר וועלן מוזן בויען ווייטער”. דאָס, וואָס ער האָט פאַרלאַנגט באַלד נאָך זיין אָנקום אין רוסלאַנד, אין היפוך צו דער מיינונג, וואָס איז געווען אָנגענומען אין אַרבעטערראַט גופא, איז געווען „אַ ראַטן־רעפּובליק פון פאָרשטייער פון אַרבעטער, לאַנדאַרבעטער און פויערן פון גאַנצן לאַנד, פון אונטן ביז אַרויף אויבן”. אין דעם זין איז דער איצטיקער סאָוועט פאַר אים „איין שריט צום סאָציאַליזם”, פונקט ווי די פּאַריזער קאָמונע איז עס געווען פאַר מאַרקסן, פאַרשטייט זיך בלויז אַ פּאָליטישער, אַ רעוואָלוציאָנער־פּאָליטישער שריט, פונקט ווי יענער איז עס געווען פאַר מאַרקסן; טאַקע די אינסטיטוציע, אין וועלכער ס׳קריסטאַליזירט זיך דער רעוואָלוציאָנערער געדאַנק, די „רעוואָלוציאָנערע דיקטאַטור, דאָס הייסט, אַ מאַכט, וועלכע איז זיך סומך אוממיטלבאַר אויף דער דירעקטער איניציאַטיוו פון די פּאָלקסמאַסן פון אונטן און נישט אויפן געזעץ, וועלכעס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן פון אַ צענטראַלי־

זירטער מלוכהשער מאַכט״, די „דירעקטע אוזורפּאַציע״. אויך איצט נאָך באַטייט פאַר לענינען די מאַכט־פאַרטיילונג צווישן די סאָוועטן נישט בלויז נישט קיין עכטע דעצענטראַליזאַציע, נייערט אַפילו אויך נישט די התחלה פאַר דער שאַפונג פון אַזעלכער, מחמת די פּאָליטישע פונקציע איז נישט אַריינגענומען געוואָרן אין דער פלאַניפיקאַציע פון אַן אַרומנעמענדיק־וויטאַלן רעדערגעווערק, אַן אַפּאַראַט, וואָס זאָל איינשליסן די עקאָנאָמיע און געזעלשאַפט. לענין נעמט־אויף די ראַטן ווי אַ פּראָגראַם פון אַקציע און נישט ווי אַ סטרוקטור־אידעאַל.

ס'איז כאַראַקטעריסטיש לענינס דערקלערונג, וועלכע ער האָט געמאַכט דעמאָלט, אַ טאָג נאָך זיין אָנקום, אויף אַ פאַרזאַמלונג פון די באָלשעוויסטישע מיטגלידער פון דער אַלרוסישער ראַטנקאָנפערענץ: „מיר האָבן זיך אַלע געקלאַמערט צו די ראַטן, אָבער מיר האָבן זיי נישט פאַרשטאַנען״. די ראַטן האָבן פאַר אים דעמאָלט געהאַט אַן אָביעקטיוון היסטאָרישן באַטייט, אומ־אָפּהענגיק פון דעם, ווי אַזוי זיי זיינען פון זיך אַליין, פון זייערע אייגענע מיטגלידער, באַנומען געוואָרן. פאַר די מענשעוויקעס און פאַר די סאָציאַ־ליסטן־רעוואָלוציאָנערן זיינען די ראַטן געווען דאָס, וואָס זיי זיינען געווען פאַר די ערשטע שוין אין 1905, און דאָס, וואָס זיי זיינען געווען ביי לענינס אָנקום אין רוסלאַנד מער אָדער ווייניקער דע פאַקטאָ: אָרגאַנען פאַרן קאָנט־ראָל פון דער רעגירונג, אַ גאַראַנטיע פון דער דעמאָקראַטיע. פאַר לענינען און פאַר דעם טייל פון די באָלשעוויקעס, וואָס זיינען געווען זיינע אָנהענגער, זיינען זיי געווען אַ סך מער, דהיינו, — די אמתע רעגירונג גופא, די „איינ־ציק־מעגלעכע פאָרעם פון דער רעגירונג פון דער רעוואָלוציע״, יאָ, אַפילו דער זיך געשטאַלטנדיקער נייער שטאַט, הגם אויך נישט מער ווי דאָס. און דאָס, וואָס די דעצענטראַלירנדיקע פאָרעם פון אַט־דער מלוכה „אין סטאַטו נאַסצענדי״ (אין מצב פון געבוירן ווערן) האָט לענינען נישט גע־שטערט, האָט זיך געגומען פון דעם, אַז דאָס, וואָס איז אין אַט־דער ריין דינאַמישער פאַזע פון דער רעוואָלוציע געקומען צום אויסדרוק אין דער ראַטנבאַוועגונג, איז געווען דער איינציקער רעוואָלוציאָנערער ווילן.

דער ביישפּיל פון דער פּאַריזער קאָמונע איז פאַר לענינען געווען פונ־דאַמענטאַל וויכטיק סיי דערפאַר, ווייל מאַרקס האָט אין אים — און בלויז אין אים — אַרויסגעבערענגט אַ נייעם מלוכה־סדר, און סיי אויך דערפאַר, וואָס לענינס גייסט, פונקט אַזוי ווי דער גייסט פון די פירנדיקע רוסישע רעוואָלו־ציאָנערן בכלל, זיינען כסדר באַווירקט געוואָרן פון פראַנקרייכס רעוואָלוציאָ־

נערער טראַדיציע און זיי געהאַלטן ווי די „קלאַסישע" טראַדיציע פון דער רעוואָלוציע; דער איינפלוס פון דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, דאָס כסדר זיך איבערחזרנדיקע מעסטן פונעם אייגענעם לויט איר, דאָס שטענדיקע פאַרגלייכן די באַטרעפנדיקע פאַזעס אַאַז״ו, האָט גאַנץ אָפט געווירקט געגנוג נעגאַטיוו, און בפרט נאָך, ווען מ׳האָט אין זין די צענטראַ־ליסטישע טענדענץ. אָבער לעניך האָט דעם ביישפיל פון דער קאָמונע נישט אַריינגענומען אין אַן אַלגעמיין־געשיכטלעכער אינטערפּרעטאַציע. דער פאַקט (ווי אַרטור ראָזענבערג ברענגט דאָס מיט רעכט אַרויס, אין הסכם מיט קראָ־פּאָטקינען און לאַנדאַוערן), וואָס שטענדיק, ווען פאָלקסמאַסן האָבן אין לויף פון דער געשיכטע געוואָלט בייקומען אַ פעאָדאַלן אָדער אַ צענטראַליסטישן מאַכטאַפּאַראַט, איז עס תמיד געקומען צו ענלעכע פרווון, אָט וועגן דעם פאַקט האָט ער נישט געוווסט אָדער ער האָט אים נישט אינטערעסירט; נאָך ווייניקער האָט אים אינטערעסירט דער פאַקט — הגם ער האָט זיך איינמאָל אויסגעדריקט, אַז די סאָוועטן זיינען, „לויט זייער פּאָליטישן און סאָציאַלן כאַראַקטער", אידענטיש מיטן שטאַט פון דער קאָמונע — אַז אין יענע אַלע פרווון איז די סאָציאַלע דעצענטראַליזאַציע, ווען אַפילו אין אַ פאַרשיידענער פאָרם, געווען געקניפט און געבונדן מיט דער פּאָליטישער דעצענטראַליזאַציע. אַנטשיידנדיק פון געשיכטלעכן קוקווינקל איז פאַר אים געווען בלויז די איבערצייגונג, אַז די מענטשהייט האָט נאָך ביז איצט נישט אַרויסגעבערענגט קיין העכערן, קיין בעסערן טיפּ פון אַ רעגירונג ווי דאָס זיינען די ראַטן. דעריבער האָבן די ראַטן געדאַרפט „אַריינבעמען דאָס גאַנצע לעבן".

ס׳פאַרשטייט זיך, אַז ס׳איז פאַר לעניגען נישט געווען אומבאַקאַנט, אַז די ראַטן זיינען לויט זייער מהות געווען אַ דעצענטראַליסטישע אָרגאַניזאַציע. „גאַנץ רוסלאַנד", זאָגט ער אין אַפּריל 1917, „איז שוין אַרומגענומען פון אַ גאַנצער נעץ לאָקאַלע זעלבסטפאַרוואַלטונגס־אָרגאַנען". די ספּעציפיש־רעוואָלוציאָנערע מיטלען, אַזעלכע ווי די אָפּשאַפונג פון דער פּאָליציי, די אָפּשאַפונג פון דער סטאַבילער אַרמיי, די באַוואָפענונג פון דער גאַנצער באַפעלקערונג, האָבן דאָך אויך געקאַנט דורכגעפירט ווערן דורך דער לאָקאַ־לער זעלבסטפאַרוואַלטונג, און טאַקע דאָס איז עס, וואָס האָט אַ באַטייט. דער פאַקט, אַז דידאָזיקע אָרגאַנען האָבן זיך, נאָך דער דערפילונג פון דידאָזיקע אויפגאַבן, אויפן סמך פון זייער לאָקאַלער און פונקציאָנעלער דעצענטראַלי־זאַציע, געקאַנט און געזאָלט צונויפנעמען אין אַ דויערנדיקן אָרגאַניזם, —

וועגן דעם ווערט נישט דערמאָנט אַפילו מיט איין וואָרט, און הפנים, אַז אַפילו אויך נישט מיט קיין איין געדאַנק. פאַרן איינפיר און דער פאַרשטאַר־קונג פון דער זעלבסטפאַרוואַלטונג איז נישט פאַראַן קיין אַנדערער ציל ווי דער רעוואָלוציאָנער־פּאָליטישער, — אַליין איינפירן די זעלבסטפאַרוואַלטונג הייסט „שטויסן פאָרויס די רעוואָלוציע". אין שייכות דערמיט ווערט אויך, פאַרשטייט זיך, באַרירט אַ סאָציאַלער מאָטיוו, ווען אַפילו בלויז בדרך אגב, — די דאָרפקאָמונע; זי, וועלכע באַטייט „די פולשטענדיקע זעלבסטפאַר־וואַלטונג", „דאָס פעלן פון יעדער אַפּוטרופּסות פון אויבן", פּאַסט זיך זייער גוט פאַר די פויערן (אַז „ביין צענטל פון דער פויערימשאַפט האָט מיט דעם געדאַרפט האָבן מסכים געווען", דאָס איז, געזאָגט בדרך אַגב, געווען אַ גרינטלעכער טעות). אָבער באַלד קומט די באַגרינדונג: „מיר מוזן זיין צענט־ראַליזירט, אָבער ס'זיינען פונדעסטוועגן פאַראַן מאָמענטן, ווען די אויפגאַבע אויף דער פּראָווינץ ווערט אָפּגעלייגט; מיר מוזן די אָפּגעזונדערטע מקומות אין דער פּראָווינץ איבערלאָזן דעם מאַקסימום איניציאַטיוו... נאָר אונדזער פּאַרטיי שטעלט־אַרויס לאָזונגען, וועלכע שטויסן באמת די רעוואָלוציע פאָרויס". אויפן ערשטן בליק בלייבט עס אומקלאָר, ווי אַזוי אָט־דער „געמוז־טער" צענטראַליזם פּאָרט זיך צונויף מיט דער פולשטענדיקער זעלבסט־פאַרוואַלטונג; ווען מיר קוקן זיך צו אַביסל גענויער, מערקן מיר, אַז די דאָזיקע צונויפּפּאָרונג איז זיך סומך אויף דעם, וואָס דער דורכויס פּרעדאָמינירנ־דיקער צוגאַנג איז דער רעוואָלוציאָנער־פּאָליטישער אָדער רעוואָלוציאָנער־סטראַטעגישער, — אויך אָט־די זעלבסטפאַרוואַלטונג איז אַ באַשטאַנדטייל פון אַן אַקציע־פּראָגראַם און נישט די פּראַקטישע קאָנסעקווענץ פון אַ סטרוק־טור־אידייע. פון דאַנען טאַקע איז צו פאַרשטיין, פאַרוואָס די פּראַגמאַטישע פאָדערונג מכוח דעם „פעלן פון יעדן מין אַפּוטרופּסות פון אויבן", — אַגב, אַ פאַרלאַנג נישט, לאָמיר זאָגן, פאַר אַ נאָכרעוואָלוציאָנערער אַנטוויקלונג, נייערט אַזעלכעס, וואָס דאַרף דורכגעפירט ווערן אין סאַמע מיט פון דער רעוואָלוציע, וועלכעס די רעוואָלוציע דאַרף שטויסן פאָרויס — האָט זיך אַזוי גיך פאַרוואַנדלט אין אַן עקסטרעמען היפוך. אַן אמת־סאָציאַליסטישע שטעלונג וואָלט אַנשטאָט דער לאָזונג „מיר מוזן זיין צענטראַליסטן, אָבער ס'זיינען פונדעסטוועגן פאַראַן מאָמענטן"... געווען, ווען מ'וואָלט געווען אַוועקגעשטעלט: „מיר מוזן זיין דעצענטראַליסטן, פעדעראַליסטן, אויטאָנאָ־מיסטן; ס'זיינען אָבער פאַראַן מאָמענטן, ווען... די הויפּטאויפגאַבע ווערט אָפּגערוקט צום צענטער, ווייל די רעוואָלוציאָנערע אַקציע פאַרלאַנגט עס;

מיר מוזן בלויז אַכטונג געבן אויף דעם, נישט צו דערלאָזן אויפקומען און געדייען אירע פּרעטענזיעס זיך אויסשפּרייטן ווייט אַריבער איבער אירע זאַכלעכע און צייטלעכע גרענעצן".

בכדי גענויער צו פאַרשטיין די קעגנאַנאַנדיקע שטעלונג פונעם צענט־ראַליזם און די דערמאָנטע מאָמענטן, מוז מען האָבן אין זין, אַז אין דער פּראָווינץ, ווי לענין אַליין האָט דאָס באַטאָנט, "זיינען זייער אָפט, בפרט אין די פּראָלעטאַרישע צענטערס, געשאַפן געוואָרן קאָמונעס", דאָס הייסט, בכן, "אַז די לאָקאַלע קאָמונאַלע רעוואָלוציע האָט פּראָגרעסירט". די לאָזונגען זיינען געווען אין איינקלאַנג מיט דידאָזיקע פאַקטן; אַ לאָזונג ווי די וויטער־דיקע, וועלכע מ'האָט אַרויסגעלאָזט נאָך יענער באַשרייבונג פון דער סיטו־אַציע: "לאָקאַלע קאָמונעס, דאָס הייסט, פולשטענדיקע לאָקאַלע אויטאָנאָמיע, אייגענע איניציאַטיוו, אָן פּאָליציי, אָן באַאַמטע, אַליינהערשאַפט פון די באַ־וואָפנטע אַרבעטער־ און פּויערן־מאַסן" — דאָס איז געווען און געבליבן, און האָט זי זיך נאָך שטאַרקער געמעגט פאַררופן אויף דער פּאַריזער דערפאַרונג, אַ רעוואָלוציאָנער־פּאָליטישע, דאָס הייסט, אַזאַ, וואָס האָט לויט איר מהות נישט געשטרעבט צו אַ דעצענטראַליזירטער סטרוקטור פון דער געזעלשאַפט, — דער אַנטשיידנדיקער פונדאַמענט בלייבט דער צענטראַליזם. מיר קאָנען זיך נישט באַפרייען פון אַ טיפערן איינדרוק, ווען מיר לייענען אין לענינס זעלביקער פּראָיעקט־פאַרצייכענונג (און מײַ 1917) די פאָדערונג, צו נעמען די פּראָווינץ ווי אַ ביישפּיל און די פאָרשטעטלעך און שטאָט־געגנטן פון די גרויסע שטעט פאַרוואַנדלען אין קאָמונעס; אָבער אויך איצט ווערט זיי נישט געגעבן קיין אַנדערע עקזיסטענץ־באַרעכטיקונג, ווי נאָר צו שטויסן די רע־וואָלוציע פאָרויס און צו שאַפן אַ פעסטערן פונדאַמענט פאַרן "איבערגאַנג פון דער גאַנצער מלוכה־מאַכט צו די ראַטן". ("מיר זיינען איצט אין דער מינדערהייט; די מאַסן גלייבן אונדז לעת־עתה נישט", זאָגט לענין אין דער נעמלעכער צייט בערך). לענין איז בלי שום ספק איינער פון די גרעסטע סטראַטעגן פון רעוואָלוציעס פון אַלע צייטן; אָבער זיין פּראָבלעמאַטיק באַ־שטייט אין דעם, אַז די סטראַטעגיע פון דער רעוואָלוציע איז פאַר אים, ווי פאַר מאַרקסן די רעוואָלוציע־פּאָליטיק, געוואָרן דאָס העכסטע געזעץ נישט בלויז פונעם טוען, נאָר אויך פונעם דענקען. מ'מעג זאָגן, אַז טאַקע דאָס האָט באַגרינדעט זיין הצלחה; ס'איז גאַנץ זיכער, אַז אָט־די שטעלונג, — צוזאַמען מיט אַ צענטראַליזם פון דער דאָקטרין, וועלכע וואָרצלט סיי ביי אים און סיי ביי מאַרקסן אין אַ נאָך טיפערן שיכט — איז שולדיק אין

דעם, וואָס אָט־די הצלחה איז לסוף נישט געוואָרן אויך די הצלחה פונעם סאָציאַליזם.

מ׳דאַרף אָבער פון דעם געזאָגטן נישט אַרויסדרינגען, אַז איך שרייב־צו דעם לענין פון 1917 די כוונה נישט צו לאָזן לעבן די סאָוועטישע מאַכט, וועלכע האָט געהאַלטן אין געשאַפן ווערן, נישט צו לאָזן איר קיין אריכת ימים נאָך דער רעוואָלוציע. דאָס וואָלט געווען אומזיניק. האָט ער דאָך דעמאָלט, אין דעם וויכטיקן „רעפעראַט וועגן דער פּאָליטישער לאַגע״, אויסדריקלעך דערקלערט וועגן דער מלוכה, וועלכע וועט אויפקומען, ווען די ראַטן וועלן איבערנעמען די מאַכט אין זייערע הענט — אַ שטאַט, וועלכער „וועט שוין נישט זיין קיין שטאַט אינעם געוויינטלעכן זין פונעם וואָרט״ — אַז ס׳איז אמת, אַז אַזאַ מלוכה־מאַכט האָט זיך אין דער וועלט קיינמאָל נישט אויפגעהאַלטן אַ לענגערע צייט, „אָבער די גאַנצע אַרבעטערבאַוועגונג פון דער וועלט גייט אויף אָט־דעם וועג״. דאָס, וואָס איך טענה וועגן לענינען, איז מער אויסן אַרויסצוברענגען זיין בדוחקדיקע פאַרשטענדעניש פאַר דעם, אַז קיין שום פונדאַמענטאַלער צענטראַליזם קאָן נישט האַרמאָנירן מיט דער עקזיסטענץ פון אַזאַ מלוכהמאַכט לענגער ווי ס׳דויערט די אוממיטלבאַרע רעוואָלוציאָנערע אַקציע. און ס׳איז מערקווירדיק, אַז לענין זאָגט אינעם זעלביקן רעפעראַט, אַז דאָס וועט זיין אַ מלוכה־פאָרעם, „וועלכע שטעלט מיט זיך פאָר די ערשטע שריט צום סאָציאַליזם און איז אומפאַרמיידלעך ביי דער התחלה פון דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט״. פון דעם קאָן מען אַפשר אַרויסדרינגען, אַז דאָ האָט ער געמיינט צו זאָגן, אַז אָט־די פאָרעם דאַרף בלויז זיין אַן איבערגאַנג צו אַ העכערן „סאָציאַליסטישן״ צענטראַליזם; ס׳איז אָבער זיכער, אַז לענין האָט געהאַלטן, אַז דווקא אינעם וויכטיקן סעקטאָר פון דער באַנייאיק זיך שאַפנדיקער עקאָנאָמיע איז נייטיק אַ שטרענגער צענטראַליזם. טאַקע אויף יענעם צוזאַמענפאָר האָט ער אַרויסגעשטעלט, „אַז די פראַנצויזישע רעוואָלוציע האָט דורכגעמאַכט אַ פעריאָד פון דער מוניציפּאַלער רעוואָלוציע, אַז זי האָט זיך באַזעצט און באַפעסטיקט אין די לאָקאַלע זעלבסטפאַרוואַלטונגען״, און אַז די רוסישע רעוואָלוציע לעבט־איבער אַן ענלעכע פאַזע; ס׳קומט־אויס שווער ביי אָט־די ווערטער נישט צו טראַכטן מכוח דעם עקסטרעמען צענטראַליזם פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, וועלכער איז געקומען נאָך אָט־דעם פעריאָד.

און אַפילו ווען מ׳באַטראַכט דעם ענין פון אַן אַנדערער זייט, פירט לענינס דאָקטרין פון יאָר 1917 צום זעלביקן רעזולטאַט. „דאָס פריוואַט־

אייגנטום אויף ערד און באָדן מוז אָפּגעשאַפט ווערן“, זאָגט ער. „דאָס איז די אַרבעט, וואָס שטייט פאַר אונדז, ווייל די מערהייט פון פאָלק שטעלט זיך פאַר דעם אַרויס. פאַר דעם צוועק דאַרפן מיר האָבן די ראַטן. דידאָזיקע מיטלען איז אוממעגלעך דורכצופירן מיט די אַלטע מלוכה־באַאַמטע“. דאָס איז דער וויכטיקסטער ענטפער, וואָס לענין גיט אין זיין רעפעראַט אויף דער שאלה: „פאַרוואָס ווילן מיר, אַז די מאַכט זאָל אַריבערגיין אין די הענט פון די פאָרשטייער פון אַרבעטער־ און זעלנער־ראַטן?“ דאָ איז דער מאַרקסיסטישער דרך־ארץ צו די „פאַרהעלטענישן“ דערפירט געוואָרן מסוכנדיק צום קולמינאַציע־פּונקט; דאָס פּריוואַטאייגנטום אויף ערד און באָדן זאָל אָפּגעשאַפט ווערן נישט דערפאַר, בכדי איינצופירן דעם סאָציאַליזם, נייערט בלויז דערפאַר, ווייל די מערהייט פונעם פאָלק פאַרלאַנגט דאָס; און די ראַטן זיינען נייטיק נישט דערפאַר, בכדי מיט זיי צו געשטאַלטיקן די קעמערלעך פון דער נייער געזעלשאַפט, נאָר בכדי אָנצונעמען די מיטלען, וועלכע די מערהייט פונעם פאָלק פאָדערט. מיר פאַלט־איין, אַז מיר וואָלטן געטאָן גוט נישט צו נעמען צו־שטאַרק בוכשטעבלעך לענינס אַרגומענטאַציע.

נו, ערשט איצט דערגייט לענינס טעאָריע מכוח די ראַטן צו איר אַנטשיידנדיקער פאַזע. אין די חדשים, ווען ער האָט פון פינלאַנד אָנגעפירט די באָלשעוויסטישע ספּעציעלע אַקציע, צוגעגרייט די „צווייטע רעוואָלוציע“, אָט־די חדשים באַלאַנגען טאַקע צו דער צייט, אין וועלכער ער האָט פאַרפונדאַמענטירט עיקרדיק זיינע געדאַנקען וועגן דער פונקציע פון די ראַטן קודם־כל בהסכם מיט מאַרקס עקספּאָזיציע וועגן דער קאָמונע (אינעם באַקאַנטן בוך „שטאַט און רעוואָלוציע“) און דערנאָך פאָרמולירט ער זיי פּראַקטיש אין שייכות מיט דער צוגעגרייטער אַקציע (אין זיין באַדייטנדיקסטן פּאָליטישן מאמר „וועלן די באָלשעוויקעס קאָנען אויפהאַלטן די מלוכה־מאַכט?“). דער הויפּטטייל פונעם ערשטן ווערק איז אָנגעשריבן געוואָרן אין סעפּטעמבער, אין דער צייט פונעם קאָנטראַרעוואָלוציאָנערן פּרווו און פון זיין מפּלה; פון יענעם פּרווו, וועמעס ווירקונג ס'איז געווען אויפצוּוועקן די מאַסן צו קאַמף און דערמיט זיי צוצופירן נענטער צו דער ראַדיקאַלער פּאַרטיי; דער צווייטער מאמר איז אָנגעשריבן געוואָרן אין דער מיט אָקטאָבער, ווען די מערהייט פונעם פּעטערבורגער און מאָסקווער סאָוועט האָט זיך אַרויסגעזאָגט פאַר אָט־דער פּאַרטיי און ווען די אוממיטלבאַרע קאָנסעקווענץ פון אָט־דער אומוואַנדלונג איז געווען: „די גאַנצע מאַכט צו די ראַטן“,

וועלכעס איז פון אַ רעוואָלוציאָנער־פּאָליטישער פֿאָדערונג געוואָרן די לאָזונג פֿאַר דער אָנקומענדיקער התחלה פֿון דער רעוואָלוציע.

אין דעם דערמאָנטן מאמר לויבט לענין, אַ באַגייסטערטער פֿון די געשעענישן, דעם באַטייט פֿון די ראַטן פֿאַר דער אַנטוויקלונג פֿון דער רעוואָלוציע, ווי ער האָט דאָס פֿריִער קיינמאָל נישט געטאָן. אין אָנשלוס צו דער דערקלערונג פֿונעם מענשעוויקישן פֿירער מאַרטאָוו, אַז די ראַטן „זיינען אַרויסגערופֿן געוואָרן צום לעבן אין די ערשטע טעג פֿון דער רעוואָלוציע דורכן מעכטיקן אויסברוך פֿון עכטער שעפֿערישער פֿאָלקסקראַפֿט", זאָגט ער: „ווען די שעפֿערישע פֿאָלקסקראַפֿט פֿון די רעוואָלוציאָנערע קלאַסן (אָט־דער טערמין, אַ צוגעגעבענער צו מאַרטאָווס מיינונג, ברענגט דאָ אַריין דעם באָלשעוויסטישן ניואַנס) וואָלט נישט געווען אַרויסגעבראַכט צום לעבן די ראַטן, וואָלט די פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע אין רוסלאַנד געווען אַ האָפֿענונגסלאָזע זאַך". דאָ האָט דער באַנעם מכוח די ראַטן, ווי אַן אָרגאַן פֿון „שטויסן פֿאָרויס די רעוואָלוציע", באַקומען איר שטאַרקסטן היסטאָרישן טאָן.

דאָ, אין דעם אַרטיקל, רעכנט לענין אויס צום ערשטן מאָל די פֿאַרשידנדיקע מאָטיוון, וועלכע גיבן, לויט זיין מיינונג, די ראַטן זייער פֿונדאַמענטאַלע וויכטיקייט. דער סדר, אין וועלכער ער רעכנט־אויס דידאָזיקע מאָטיוון, איז באַזונדערס כאַראַקטעריסטיש פֿאַר זיין באַנעם. מיט דעם, וואָס ער שטעלט־אַוועק די רויטע גוואַרדיע אויפֿן פּלאַץ פֿון דער סטאַבילער אַרמיי, גיט דער „נייער מלוכה־אַפּאַראַט" דעם פֿאָלק גופא, ראשית־כל, די באַוואָפֿנטע מאַכט; צווייטנס שאַפֿט ער אַן אומצעשיידבאַר־ענגע און „לייכט־קאָנטראָלירנדיקע" פֿאַרבינדונג צווישן דער אָנפֿירונג און די מאַסן; דריטנס מאַכט ער אַ סוף צו דער ביוראָקראַטיע דורך דעם, וואָס ער פֿירט־איין דעם פּרינציפּ פֿון אויסגעווילטקייט און פֿון באַזייטיקונג; פֿערטנס: דורכן קאָנטאַקט מיט די פֿאַרשידענע פּראָפֿעסיעס (שפּעטער פֿאָרמולירט לענין גענויער: פּראָפֿעסיעס און פּראָדוקציע־קערפּערשאַפֿטן), וועלכן ער פֿירט־איין, פֿאַרלייכטערט ער די וויכטיקע רעפֿאָרמען; פֿינפֿטנס אָרגאַניזירט ער דעם אַוואַנגאַרד, וועלכער דאַרף אויפֿהייבן און אָרגאַניזירן די מאַסן; זעקסטנס פֿאַראייניקט ער, דורך דער פֿאַרקניפּונג פֿון די געזעצגעבנדיקע און עקזעקוטיווע פֿונקציעס, די מעלות פֿונעם פּאַרלאַמענטאַריזם מיט די מעלות פֿון דער דירעקטער דעמאָקראַטיע. אין ערשטער ריי שטייט דאָ רעוואָלוציאָנערע מאַכטפּאָליטיק; אין דער צווייטער ריי — די אָרגאַניזאַציע פֿון די

רעפאָרמען; אין דער דריטער — די רעפאָרם פון דער מלוכה; דער פּראָבלעם מכּוח דער מעגלעכער קאָמפּעטענץ פון די אַמטן פאַר אַן איבעראַנדערשונג פון דער געזעלשאַפטלעכער סטרוקטור ווערט נישט געשטעלט.

לויט לענינס מיינונג איז דערמעגלעכט געוואָרן די ראַטן מקיים צו זיין די אויפגאַבן, וועלכע זיינען זיי געשטעלט געוואָרן, ערשט דורך דעם, ערשט דעמאָלט, ווען די באַלשעוויקעס האָבן אין זיי איבערגענומען די אָנפירונג און אָנגעפולט די נייע פאָרעם מיט ממשותדיקן אַקציע־אינהאַלט, בעת פאַר דעם זיינען זיי דורך די סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן און מענשעוויקעס געהאַט דעגראַדירט געוואָרן „אין ערטער פאַר פּלאַפּלעריי", אויף אַזוי ווייט, אַז זיי האָבן „געפוילט און פאַרוועלקט לעבעדיקערהייט". „ערשט נאָכדעם ווי די ראַטן האָבן איבערגענומען די גאַנצע מלוכה־מאַכט", זאָגט לענין ווייטער, „זיינען די ראַטן געוואָרן ביכולת זיך באמת צו אַנטוויקלען פולשטענדיק, אַרויסווייזן זייערע אייגנשאַפטן און פעיִקייטן, ווייל אַנדערש, אַן דעם, האָבן זיי גאָרנישט צו טאָן, אַנדערש זיינען זיי אָדער פשוטע שפּראַצקעמערלעך (און צו לאַנג קאָן מען נישט זיין קיין שפּראַצקעמערל), אָדער שפּילעכלעך". דערדאָזיקער זאַץ איז מערקווירדיק צוליב מער ווי איין מאָטיוו. ביים רעדן וועגן די שפּראַצקעמערלעך קומט־אויף און שטעלט זיך נישט־ווילנדיק די שאלה, צי איז, לויט לענינס מיינונג, נישט מעגלעך, אַז די ראַטן זאָלן דורכן וואַקסן און צונויפנעמען זיך דערגיין צו אַזאַ צייטיקייט, אַז זיי זאָלן קאָנען ווערן קעמערלעך פון אַ באַנייטן געזעלשאַפטלעכן אָרגאַניזם; אָבער דאָס איז, וויזט־אויס, נישט לענינס מיינונג. מיט אייניקע טעג שפּעטער האָט זיך אומגעקערט דער זאָג וועגן „שפּילעכלעך" אין אַן אייגנאַרטיקער שייכות מיט לענינס טעזעס פאַר אַ פּעטערבורגער קאָנפערענץ. דאָ איז עס אויסגעקומען אַזוי: „די גאַנצע דערפאַרונג פוןביידע רעוואָלוציעס פון 1905 און 1917 באַווייזט, אַז דער ראַט פון דעפּוטאַטן פון אַרבעטער און זעלנער איז עפּעס ממשותדיקס נאָר ווי אַן אָרגאַן פונעם אויפשטאַנד, נאָר ווי אַן אָרגאַן פון דער רעוואָלוציאָנערער מאַכט. מחוץ אָט־די אויפגאַבן זיינען די ראַטן בלויז אַ שפּילצייג". דאָ ווערט אומאָפּפרעגבאַר קלאָר, וועגן וואָס לענינען גייט אין תוך. אַוודאי, אין אָט־דער שעה דאַרף ער באַטאָנען דאָס אַקטועלע, אָבער די עקסקלוזיווקייט, מיט וועלכער ער טוט דאָס, איז אַזאַ, אַז זי לאָזט לחלוטין נישט אויפקומען דעם געדאַנק וועגן וועלכער ס'איז זעלבסטשטענדיקער און דויערנדיקער אויפגאַבע פון די ראַטן און דאָס איז אַ לשון, וועלכעס מ'קאָן נישט אויסטייטשן אויף אַ צווייטייטיקן אופן. צו

דעם קומט נאָך צו, אַז דאָ קערט זיך אום כמעט בוכשטעבלעך יענער וואָרט־צוזאַמענשטעל פון 1915: „אָרגאַנען פונעם אויפשטאַנד" און „נאָר אין שייכות מיטן אויפשטאַנד"; דאָס אַלעס, וואָס לעניִן האָט אין די צוויי יאָר, אין וועלכע ער איז אייגנטלעך געוואָרן דער געשיכטלעכער לעניִן, אַלץ נאָכגעפּאָרשט און נאָכגעטראַכט וועגן דעם פּאַקטאָר ראַטן, — זיי זיינען פאַר אים אַלץ געבליבן ווי מיטלען צום רעוואָלוציאָנערן צוועק. אים איז לחלוטין נישט איינגעפאַלן, אַז די ראַטן וואָלטן געקאָנט עקזיסטירן נישט בלויז לשם דער רעוואָלוציע, נייערט אויך — און דאָס אין אַ טיפערן, אין אַן עלעמענטאַרערן זין — אַז די רעוואָלוציע זאָל עקזיסטירן לשם די ראַטן. אַרויסגייענדיק פון אַט־דעם קוקווינקל — איך מיין נישט מיט דעם לעניִנען ווי אַ פּערזאָן, נייערט איך באַצי זיך צום גייסטיקן טיפּ און צו דער גייסטיקער אָריענטאַציע, וועלכע האָט זיך אין אים פאַרקערפּערט אויף אַ מוסטערהאַפטן אופן — קאָן מען פאַרשטיין, אַז די ראַטן פאַלן־דורך סיי אין דער ווירקלעכקייט, סיי אין דער אידייע.

די מיינונג, אַז לעניִנס פאַראַל „די גאַנצע מאַכט צו די ראַטן" איז געווען אויסגערעכנט רעוואָלוציאָנער־פּאָליטיש און נאָר רעוואָלוציאָנער־פּאָליטיש, ווערט ביי אונדז נאָך שטאַרקער, ווען מיר לייענען אין יענעם מאמר דעם אויסרוף: „זאָלן טאַקע די 240.000 מיטגלידער פון דער באָלשעוויקישער פּאַרטיי נישט זיין אימשטאַנד אָנצופירן מיט רוסלאַנד אינעם אינטערעס פון די אָרעמע און קעגן די רייכע!" „די גאַנצע מאַכט די ראַטן" באַטייט, בכן, אין תוך, נישט עפּעס אַנדערש ווי „די גאַנצע מאַכט דער פּאַרטיי דורך די ראַטן" — און פון אַט־דעם רעוואָלוציאָנער־פּאָליטישן, יאָ, אַפילו פּאַרטיי־פּאָליטישן אַספּעקט, איז נישטאָ גאָרנישט וואָס אָנצוווייזן אויף אַן אַנדערן סאָציאַליסטיש־סטרוקטורעלן פּלאַן. באַלד נאָכדעם פאַרזיכערט לעניִן, אַז די באָלשעוויקעס זיינען „צענטראַליסטן לויט זייער איבערצייגונג, לויטן פּראָגראַם און לויט דער גאַנצער טאַקטיק פון זייער פּאַרטיי"; דער צענטראַליזם ווערט, בכן, אַרויסגעשטעלט אויסדריקלעך נישט בלויז ווי אַ טאַקטישער, נייערט ווי אַ פונדאַמענטאַלער. די פּראָלעטאַרישע מלוכה, אַזוי ווערט עס אונדז געזאָגט, דאַרף זיין צענטראַליסטיש. די ראַטן, הייסט עס, דאַרפן זיך אונטערוואַרפן אונטער דער „שטאַרקער רעגירונג"; וואָס־זשע בלייבט דאָ פון זייער אויטאָנאָמער ווירקלעכקייט? ס'איז אמת, אַז אויך זיי איז מען מזכה מיט אַ ספּעציעלן „צענטראַליזם", — קיין שום באָלשעוויק האָט גאָר־נישט וואָס איינצוווענדן נישט קעגן זייער „צונויפשטעל לויט פּראָדוקציע־

צווייגן" און נישט קעגן זייער „צענטראַליזאַציע". אָבער לענינען פּאַלט, הפּנים, נישט איין, אַז אַזעלכע „צונויפשטעלונגען" האָבן נאָר דעמאָלט אַ סאָציאַליסטישן, אַ געזעלשאַפט־אויפבויענדיקן כאַראַקטער, ווען זיי אַנט־שטייען ספּאָנטאַן, פון אונטן אויף אַרויף, ווען זיי זיינען פּאַקטיש נישט קיין צונויפשטעלונגען, נייערט צונויפגיסונגען, זיינען נישט אַ צענטראַליסטישער, נייערט אַ פעדעראַליסטישער פּראָצעס.

אין לענינס אויפרוף „צו דער באַפעלקערונג" צען טעג נאָכן איבער־נעמען די מאַכט, זאָגט זיך: „אייערע ראַטן זיינען פון איצט אָן אָרגאַנען פון דער מלוכה־מאַכט, באַפולמעכטיקע, באַשליסנדיקע אָרגאַנען". די אויפגאַבן, וועלכע זיינען באַלד נאָכדעם אָנגעוויזן געוואָרן די ראַטן, האָבן זיך בעצם באַצויגן צום קאָנטראָל. אָן און פאַר זיך איז דאָס געווען באַגרינדט אין דער סיטואַציע, אָבער ס'איז געווען צו ווייניק; ס'האָט געפעלט דאָס פּאָזיטיווע קעגנגעוויכט. אַזעלכע אָנווייזונגען האָבן נישט געקאָנט זיין קיין גענוגנדיקע, בכדי די ראַטן „זאָלן קאָנען אַנטוויקלען ווי געהעריק זייערע אייגנשאַפטן און זייערע פעיקייטן". אַוודאי הערן מיר לענינען אויפן פּאַרטייצוזאַמענפאָר אין מערץ 1918 איבערחזרן זיינע געדאַנקען וועגן דעם נייעם טיפּ מלוכה „אָן ביוראָקראַטיע, אָן פּאָליציי, אָן אַ סטאַבילער אַרמיי", אָבער ער גיט־צו: „אין רוסלאַנד איז דאָס ערשט אָנגעהויבן געוואָרן, און שלעכט אָנגעהויבן געוואָרן". ס'וואָלט געווען אַ שווערער טעות צו מיינען, אַז דאָ איז שולדיק געווען בלויז די שלעכטע דורכפירונג פון אַ גוטן פּראָיעקט. דעם פּראָיעקט גופא האָט געפעלט די לעבנס־סובסטאַנץ. „אין אונדזער סאָוועט", גיט לענין צו ווי אַ דערקלערונג, „איז נאָך פאַראַן אַ סך רויס, אומפאַרענדיקטס". אָבער דאָס פּאַקטיש־געפערלעכע און פאַטאַלע איז געווען דאָס, וואָס די אָנפירונג, וועלכע איז דאָך נישט געווען בלויז אַ פּאָליטישע, נייערט אויך אַ גייסטיקע, האָט דעם סאָוועט נישט געגעבן די אָריענטאַציע פאַר דער אַנטוויקלונג און פּערפעקציאָנירונג. „יענע, וועלכע האָבן געשאַפן די קאָמונע", זאָגט לענין ווייטער, „האָבן זי נישט פאַרשטאַנען". דאָס דערמאָנט יענע דערקלערונג איינעם טאָג פון זיין אָנקומען אין רוסלאַנד: „מיר האָבן נישט פאַרשטאַנען די ראַטן". אָבער דער אמת איז, אַז ער האָט זיי אויך איצט נישט „פאַר־שטאַנען" אין זייער אייגנטלעכן מהות, און ער האָט זיי אין אַט־דעם פּרט אויך נישט געוואָלט פאַרשטיין.

אין דערזעלביקער רעדע האָט לענין דערקלערט, ווי אַן ענטפער צו בוכאַרינען, וועלכער האָט פאַרלאַנגט אַריינצונעמען אַ כאַראַקטעריסטיק פון־

נעם סאָציאַליסטישן סדר אינעם פּראָגראַם: „מיר קאָנען נישט געבן קיין כאַראַקטעריסטיק פונעם סאָציאַליזם. מיר ווייסן נישט און מיר קאָנען נישט זאָגן, ווי דער סאָציאַליזם וועט אויסזען, ווען ער וועט אָננעמען זיינע ענדגילטיקע פאָרמען". דאָס הייסט בלי שום ספק דענקען מאַרקסיסטיש; אָבער טאַקע דאָ ווייזט זיך אַרויס אין היסטאָרישער קלאָרקייט די באַגרע־נעצטקייט פונעם מאַרקסיסטישן באַנעם אין זיין פאַרהעלטעניש צו אַן אַנט־שטייענדיקער ווירקלעכקייט אָדער צו אַ ווירקלעכקייט, וועלכע שטרעבט ערשט אויפצוקומען, — דאָס פּאָטענציעלע, דאָס, וואָס באַדאַרף האָבן פאַר זיין אַנטוויקלונג די שטיצע פון אַן אידייע פון סאָציאַלער סטרוקטור, פאַר־בלייבט אומאָנערקענט, אומבאַקאַנט. מ׳קאָן, פאַרשטייט זיך, נישט „וויסן", ווי אַזוי דער סאָציאַליזם וועט אויסזען, אָבער מ׳קאָן יאָ וויסן, ווי אַזוי מ׳וויל, אַז ער זאָל אויסזען, און אַט־דאָס וויסן, פּונקט ווי אַט־דער ווילן, דערדאָזיקער באַוווסטזיניקער ווילן, ווירקט ווי אַזעלכער אויפן ווערן, אויפן באַשאַף, — און ווען מ׳איז אַ צענטראַליסט, ווירקט טאַקע דערדאָזיקער צענטראַליזם אויפן באַשאַפנדיקן אַנטשטיי. אין דער געשיכטע האָבן תמיד עקזיסטירט צוזאַמען, ווען אַפילו אין פאַרשידענע פּראָפּאָרציעס פון זייערע כוחות, צענטראַליסטישע און דעצענטראַליסטישע אַנטוויקל־טענדענצן; אַ וויכטיקן באַטייט פאַרן רעזולטאַט האָט דאָס, פאַר וועלכער פון זיי עס זאָגט זיך אַרויס דער באַוווסטזיניקער ווילן צוזאַמען מיט דער מאַכט, וואָס ער האָט אין באַטרעפנדיקן מאָמענט דערוואָרבן, — און ס׳איז מסתמא נישט פאַראַן עפּעס שווערערס און זעלטענערס ווי דאָס, אַז אַ ווילן, וועלכע קומט באַגלייט מיט כוח, זאָל זיך באַפרייען פונעם צענטראַליזם. פרעגט זיך: וואָס איז נאַטירלעכער און קאָנסעקוועטער ווי דאָס, אַז אַ צענטראַליסטישער ווילן זאָל נישט אָנדערקענען דעם דעצענטראַליסטישן פּאָטענציעלן עלעמענט אין די עלעמענטן, מיט וועלכע ער באַדינט זיך? „ס׳זיינען נאָך נישט אויסגע־אַרבעט די ציגל", זאָגט לענין, „מיט וועלכע ס׳וועט אויפגעבויט ווערן דער סאָציאַליזם". לויט זיין צענטראַליזם האָט ער נישט געקאָנט זען און נישט באַטראַכטן די ראַטן ווי אַזעלכע ציגל; ער האָט זיי נישט געקאָנט העלפן צו ווערן אַזעלכעס און זיי זיינען עס נישט געוואָרן.

באַלד נאָכן פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר דריקט זיך לענין אויס אינעם ערשטן נוסח פון די „טעזיסן וועגן די קומענדיקע אויפגאַבן פון דער סאָוועטנמאַכט", אַגב, אין אַ קאַפּיטל, וועלכער איז דעמאָלט אָנגענומען געוואָרן אין דער ענדגילטיקער רעדאַקציע, בזה הלשון: „מיר זיינען לטובת דעם דעמאָקראַ־

טישן צענטראַליזם... די קעגנער פונעם צענטראַליזם ווייזן כסדר אָן אויף דער אויטאָנאָמיע און אויף דער פעדעראַציע ווי אויף מיטלען אינעם געראַנגל קעגן די צופעליקייטן פונעם צענטראַליזם. אינדעראמתן שליסט דער דעמאָקראַטישער צענטראַליזם בשום אופן נישט אויס די דעמאָקראַטיע, נייערט שטעלט זי גיכער אַוועק ווי אַ פאָרויסיקן תנאי. אינדעראמתן איז דער ענין אַזוי, אַז אַפילו די פעדעראַציע (לענין האָט דאָ געמיינט בלויז די נאַציאָנאַלפאָליטישע פעדעראַציע)... איז בשום אופן נישט אין סתירה צום דעמאָקראַטישן צענטראַליזם. אין אַ באמת־דעמאָקראַטישן סדר און מכל־שכן אין אַ מלוכה, וועלכע ווערט אַוועקגעשטעלט לויטן ראַנטפּרינציפּ, איז פעדעראַציע נאָר אַן איבערגאַנגשריט צו אַ באמת־דעמאָקראַטישן צענטראַליזם". מ'זעט פון דעם, אַז לענינען פאַלט אַפילו נישט איין צו טראַכטן צו פאַרשמעלערן דעם צענטראַליסטישן פרינציפּ לטובת דעם פעדעראַליסטישן; פון זיין רעוואָלוציאָנערן קוקווינקל איז ער אַ בעלן צו טאָלערירן אַ פעדעראַלע ממשותדיקייט אַזוי לאַנג, ביז זי וועט זיך אַריינגיסן אין צענטראַליזם. די טענדענץ, די ליניע איז, בכן, צענטראַליסטיש. און נישט אַנדערש אין תוך איז אויך דער ענין מיט דער לאָקאַלער אויטאָנאָמיע; ער עצהט זי אין אַ געוויסער מאָס צו טאָלערירן און איר אָנצוווייזן אירע טואונגען, אָבער די גרענעצן מוזן געצויגן ווערן אַזוי און ביז צו אַזעלכע פונקטן, ווו ס'הייבן זיך אָן די אייגנטלעכע אַנטשיידונגען און במילא די צענטראַלע אינסטרוקציעס. די־דאָזיקע אַלע פאָלקישע און געזעלשאַפטלעכע געשטאַלטיקונגען האָבן בלויז פאָליטישע, סטראַטעגישע, טאַקטישע, פּראָוויזאָרישע גילטיקייט; קיין איינעם פון זיי קומט נישט קיין אמתער זכות־הקיום, קיין זעלבסטשטענדיקער סטרוקטורעלער ווערט; קיין איינע פון זיי דאַרף נישט ווערן קיין לעבעדיקער גליד פון אַן אַנטשטייענדיקער געזעלשאַפטלעכער קערפּערשאַפט; קיין איינע פון זיי טאָר נישט אויפגעהיט און באַשירעמט ווערן פאַר דער געגאַרטער צוקונפט.

אַ חודש נאָכדעם ווי לענין האָט אָנגעשריבן יענעם פּראָיעקט, האָבן די לינקע קאָמוניסטן אָנגעוויזן אויפן שאָדן פאַרן אויפקום פונעם סאָציאַליזם, וואָס קאָן קומען פון דעם, וואָס די פאַרוואַלטונג פון דער מלוכה זאָל זיך אויסוויקלען אויפן וועג פון ביוראָקראַטישן צענטראַליזם, פונעם צונעמען די זעלבסטשטענדיקייט ביי די לאָקאַלע סאָוועטן און פונעם פאַקטישן אָפּזאָגן זיך פונעם טיפּ „קאָמונע־שטאַט", וועלכער פאַרוואַלט זיך פון אונטן, דאָס הייסט, פון יענעם מין, וועגן וועלכן לענין זאָגט אין זיין רעדע, אַז די

סאָוועטישע מאַכט איז טאַקע דערדאָזיקער טיפּ. הײַנט קאָן שוין מער נישט באַשטיין קיין שום ספק, ווער ס'איז דעמאָלט געווען גערעכט ביים אַרויסזאָגן זיך וועגן דער סיטואַציע און דער אַנטוויקלונגס־טענדענץ. אָבער אויך לענין גופא האָט עס ביים סוף פון זיין לעבן געוווסט. דער אָנווייז אויף דער פּאַרטיי־זער קאָמונע רוקט זיך נאָך יענער רעדע כסדר צוריק, ביז ער פאַרשווינדט לגמרי.

אַ יאָר נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע האָט לענין דערקלערט: „אין רוסלאַנד איז דער באַאַמטן־אַפּאַראַט לחלוטין חרוב געמאַכט געוואָרן", אָבער ביים סוף פון יאָר 1920 באַצייכנט ער די סאָוועטישע רעפּובליק ווי אַן „אַרבעטער־מלוכה מיט ביוראָקראַטישע אויסוווקסן", און אַז דאָס איז די „ממשותדיקייט פונעם איבערגאַנג". ס'האָט דאָך פּאַר לענינען נישט געקאָנט בלייבן פאַרהוילן, אַז אין די נאָכקומענדיקע יאָרן איז די פּראָפּאָרץ צווישן די אויסוווקסן און דעם שטאַם, פון וועלכן זיי זיינען אַרויסגעקומען, געוואָרן נאָך אומגינציקער און אַז דער אָנשטרענג צו דערגיין צום מצב, צו וועלכן דער איבערגאַנג האָט געזאָלט צוקומען, איז געוואָרן נאָך שוואַכער.

ביים סוף פון יאָר 1922, אינעם רעפעראַט, וואָס ער האָט געהאַלטן ביים פערטן קאָנגרעס פונעם קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל אויף דער טעמע „פינף יאָר רוסישע רעוואָלוציע און די פּערספּעקטיוון פון דער וועלט־רעוואָלוציע", האָט לענין געזאָגט גאַנץ פשוט: „מיר האָבן איבערגענומען דעם אַלטן מלוכה־אַפּאַראַט". ער טרייסט זיך מיט דער האָפענונג, אַז ס'וועט אין משך פון עטלעכע יאָר געלינגען צו איבעראַנדערשן דעם אַפּאַראַט פון גרונט אויס. דידאָזיקע האָפענונג לענינס איז נישט מקוים געוואָרן און בהסכם מיט זיינע הנחות האָט זי אויך נישט געקאָנט מקוים ווערן, — ער האָט דאָך אייגנטלעך געטראַכט בלויז וועגן דער אויסבילדונג און צוציִונג פון נייע כוחות, אָבער דער ענין איז געווען אַ סטרוקטורעלער און נישט קיין פּערזענלעכער, — אַ ביוראָקראַטיע ענדערט זיך נישט מיטן בלויזן ענדערן די נעמען פון די ביוראָקראַטן און די צום בעסטן אויסגעבילדעטע אַבסאָלווענטן פון די סאָוועטישע שולן און אַרבעטער־פאַקולטעטן זיינען אַרונטערגעפאַלן אונטער דער הערשנדיקער אַטמאָספער.

לענינס עיקרדיקע אַנטוישונג איז געווען די ווייטערדיקע אומפּאַרענ־דערטע עקזיסטענץ פון דער ביוראָקראַטיע, וועלכע האָט זיך ווידעראַמאָל אַרויסגעוויזן שטאַרקער ווי דער רעוואָלוציאָנערער פּרינציפּ, אויב נישט אין אירע פּערזאָנען, איז אין איר עקשנותדיק־אָביעקטיוון ווירקונגס־כוח. ער

איז, הפנים, נישט דערגאַנגען געוויר צו ווערן די סיבות פון אָט־דער דער־
שיינונג, און דאָס איז גענוג פֿאַרשטענדלעך. די אָקטאָבער־רעוואָלוציע איז
געווען אַ סאָציאַלע רעוואָלוציע בלויז אין דעם זין, אַז זי האָט אויף אַ געוויסן
אופן דורכגעפירט באַשטימטע ענדערונגען אינעם סאָציאַלן סדר און צונויפ־
שטעל אין די סאָציאַלע פֿאָרמען און אַנשטאַלטן; אָבער אַן אמתע סאָציאַלע
רעוואָלוציע האָט געדאַרפט גיין ווייטער ווי דאָס און געבן דער געזעלשאַפט
רעכטן לגבי דער מלוכה. בנוגע אָט־דעם ענין האָט לעניז אַפילו אָנגעוויזן
אויף דעם, אַז דער אָפּשטאַרב פונעם שטאַט וועט פֿאָרקומען אין אַ משך פון
צייט, וואָס איז נאָך דערווייל נישט מעגלעך פֿאָרויסצוזען, און בנוגע דעם
אַנטוויקלונגס־פּראָצעס, ווי דאָס וועט פֿאָרקומען, קאָן מען זיך, לויט אים,
אויך גאָרנישט פֿאָרשטעלן; אָבער אין דער מאָס, ווי דאָס קאָן שוין איצט דורכ־
געפירט ווערן, האָט ער די אויפגאַבע באַטראַכט ווי די אוממיטלבאַרע טעטי־
קייטס־פּראָגראַם פון דער אָנפירונג, און די נייע פֿאָרעם פון דער מלוכה,
וועלכע מ׳דאַרף תיכף אָנהייבן איינפירן, האָט ער באַצייכנט ווי דעם „קאָמו־
נעשטאַט‟. אָבער דערדאָזיקער שטאַט איז מצד מאַרקסן גענוג קלאָר כאַראַק־
טעריזירט געוואָרן ווי אַן אַזוי ווייט ווי מעגלעך ברייטפאַרנעמיקע באַפריי־
אונג פון דער ווירטשאַפטנדיקער געזעלשאַפט פון די קייטן פונעם פּאָלי־
טישן פּרינציפּ. „באַלד נאָכדעם, ווי נאָר דער קאָמונאַלער סדר איז איינ־
געפירט געוואָרן אין פּאַריז און אין די צווייטראַנגיקע צענטראַלע פּונקטן‟,
האָט ער געשריבן, „האָט דאָך די אַלטע צענטראַליזירטע רעגירונג אויך אין
די פּראָווינצן געמוזט אָפּטרעטן דאָס פּלאַץ פֿאַר דער אויטאָנאָמער רעגירונג
פון די פּראָדוצירער‟. אָט־דער איבערגאַנג פון דער מאַכט פונעם פּאָליטישן
אויפן געזעלשאַפטלעכן פּרינציפּ, וועלכער איז אין פֿראַנקרייך אידעאָלאָגיש
פֿאַרגרונטפעסטיקט און אויסגעאַרבעט געוואָרן פון סען־סימאָנען ביז פּרו־
דאָנען, איז מצד לענינען פּראָקלאַמירט געוואָרן ווי די עיקרדיקע אָריענ־
טאַציע־ליניע פֿאַר דער אָרגאַניזירנדיקער טעטיקייט פון דער אָנפירונג, הגם
ער איז אַזאַ אָריענטאַציע־ליניע נישט געוואָרן. דער פּאָליטישער פּרינציפּ
איז פונדאָסניי איינגעפירט געוואָרן גאַנץ מעכטיק, הגם אין אַ געענדערטער
געשטאַלט, און די פּאַקטישע סכנות פֿאַר דער רעוואָלוציע האָבן אים געגעבן
אַ היפּשע רעכטפֿאַרטיקונג. אַוודאי קאָן מען נישט אָפּפרעגן דעם פּאַקט, אַז
אין דער דעמאָלטדיקער סיטואַציע האָט מען נישט געקאָנט אַפילו טראַכטן
וועגן אַ ראַדיקאַלן אָפּשאַף פונעם פּאָליטישן פּרינציפּ, אָבער וואָס ס׳איז
יעדנפאַלס יאָ מעגלעך געווען איז טאַקע דער איינפיר פון אַן אָריענטאַציע־

ליניע, בהסכם מיט וועלכער ס׳וואָלט געווען מעגלעך געוואָרן אויסצובריי־טערן וואָס ווייטער אַלץ מער די מאַכט־גרענעצן פונעם געזעלשאַפטלעכן פּרינציפּ, לויט ווי דאָס וואָלט דערלויבט געוואָרן דורך דער סיטואַציע. אָבער פּאַסירט האָט דאָ פּונקט דער היפּוך פון דעם. די פאַרשטייער פונעם פּאָלי־טישן פּרינציפּ, דאָס הייסט, בעיקר די „פּראָפעסיאָנעלע רעוואָלוציאָנערן״, האָבן מיט התמדה אָפּגעהיט די אומבאַגרענעצטקייט פון זייער מאַכט־געביט. ס׳איז אמת, אַז זיי האָבן פאַרגרעסערט זייערע שורות מיט פּעזיקע מענטשן פונעם פאָלק; זיי האָבן אויסגעפּילט די אַנטשטאַנענע בלויזן, אָבער די אַריינ־געגומענע אין דער אָנפירונג זיינען ביז אין דער טיפעניש פון זייער נשמה דורכגעדרונגען געוואָרן מיטן חותם פונעם פּאָליטישן פּרינציפּ; זיי זיינען געוואָרן עלעמענטן פון דער מלוכהשער סובסטאַנץ און האָבן אויפגעהערט צו זיין עלעמענטן פון דער געזעלשאַפטלעכער סובסטאַנץ; ווער ס׳האָט זיך אַרויסגעשטעלט קעגן אַט־דער איבעראַנדערשונג, האָט זיך נישט געקאָנט אימפּאָנירן אָדער זיך אָפּגעזאָגט פון זיין כוונה. די מאַכט פונעם געזעלשאַפט־לעכן פּרינציפּ האָט נישט געקאָנט, נישט געטאָרט גערייען. די התחלות פון אַן „אויטאָנאָמער רעגירונג פון די אַרבעטער״, וועלכע זיינען געקומען צום אויסדרוק פאַר דער רעוואָלוציע און דערנאָך, ספּאָנטאַן, בעת איר אויסוויק־לונג, און באַזונדערס די לאָקאַלע סאָוועטן, זיינען, נישט געקוקט אויף זייער מכלומרשטער פריייהייט אַרויסצוזאָגן זייערע מיינונגען און אָנצונעמען באַ־שלוסן, אָפּגעשוואַכט געוואָרן דורך דער זיך אויף אַלעמען אימפּאָנירנדיקער הערשאַפט פון דער פּאַרטיי מיט אירע פאַרשידנדיקע מעטאָדן, אָנזעעוודיקע אָדער נישט־אָנזעעוודיקע, געצוווּנגען געוואָרן איינצוגיין אויף דער דאָקטרין און ווילן פון דער צענטראַלע אַזוי לאַנג, ביז ס׳איז פונעם זאַפט פון יענער „שעפערישער פאָלקסקראַפט״, וועלכע האָט זיי באַשאַפן און אַרויסגעברענגט, מער גאָרנישט געבליבן. די „דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט״ איז פאַקטיש אַ דיקטאַטור פון דער מלוכה איבער דער געזעלשאַפט, פאַרשטייט זיך, אַ דיקטאַטור, וועלכע ווערט אָנגענומען אָדער לפּחות טאָלערירט פון דער איבערוועגנדיקער מערהייט פונעם פאָלק, מחמת עס דערוואַרט און האָפט נאָך אַלץ, אַז אויף דעם וועג וועט פאַרענדיקט ווערן די געגאַרטע סאָציאַלע רעוואָלוציע. דער ביוראָקראַטיזם, וועלכער האָט לעני נען פאַרשאַפט עגמת־נפש, מחמת אים האָט זיך געוואָלט אים אָפּשאַפן, — דער „קאָמונע־שטאַט״ האָט פאַר אים באַטייט פּראָסט און פּשוט דער פון ביוראָקראַטיע באַפרייטער

שטאַט — איז בלויז איינע פון די נייטיקע באַגלייט־דערשיינונגען פון דער אַליינהערשאַפט פונעם פּאָליטישן פּרינציפּ.

איז דאָ כדאַי אונטערצושטרייכן, אַז אין דער פּאַרטיי גופא זיינען כסדר געמאַכט געוואָרן נייע פּרוּוון צו ברעכן דידאָזיקע אַליינהערשאַפט. צום אינ־טערעסאַנטסטן דערפון, ווייל זי קומט פון דער אינדוסטריעלער אַרבעטער־שאַפט, ווייזט זיך מיר אויס צו זיין יענע „אַרבעטערישע אָפּאָזיציע" פון מערץ 1921, וועלכע האָט אַרויסגעשטעלט די טעזע, אַז די צענטראַלע אָרגאַ־נען פאַר דער פאַרוואַלטונג פון דער גאַנצער עקאָנאָמיע פון לאַנד זאָל אויסגעוויילט ווערן דורך די אַרבעטער, וועלכע באַלאַנגען צו פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען. דאָס באַטייט נאָך לגמרי נישט קיין אַליינרעגירונג פון אַרבעטער, עס איז אָבער פונדעסטוועגן יאָ אַ וויכטיקער שריט אין דערדאָזיקער ריכ־טונג, הגם אָן אַ דעצענטראַליסטישן כאַראַקטער. לענין האָט אָפּגעוואָרפן דעמדאָזיקן „אַנאַרכאָסינדיקאַליסטישן אָפּנייג" מיט דער באַגרינדונג, אַז אַ פאַראייניקונג פון פּראָדוצירער וואָלט געקומען אין באַטראַכט פאַר אַ מאַרק־סיסט ערשט אין אַ קלאַסנלאָזער געזעלשאַפט, וועלכע וואָלט באַשטאַנען אויסשליסלעך פון אַרבעטער און פּראָדוצירער, בעת איצט זיינען נאָך אין רוסלאַנד פאַראַן צוויי קלאַסן, פּויערן און אַרבעטער, חוץ רעשטן פון דער קאַפּיטאַליסטישער תקופה. קומט, בכן, אויס, לויט לענינס מיינונג, אַז כל־זמן דער פולשטענדיק פאַרווירקלעכטער קאָמוניזם וועט נישט האָבן פאַרוואַנדלט אַלע פּויערן אין אַרבעטער, קומט נישט אין באַטראַכט קיין אַליינפאַרוואַל־טונג פון דערווירטשאַפט. מיט אַנדערע ווערטער קומט־אויס, (היות דער פאַרווירקלעכטער קאָמוניזם פאַלט־צונויף מיטן אומקום פונעם שטאַט), אַז מ'דאַרף אַפילו נישט טראַכטן וועגן אַ גרינטלעכער רעדוקציע פונעם אינער־לעכן מאַכט־שטח פון דער מלוכה איידער זי וועט האָבן אויסגעהויכט דעם לעצטן אָטעם. אָט־דער פּאַראַדאָקס איז געוואָרן דער פּאַקטישער כלל־גדול אינעם אויפפיר פון דער אָנפירונג פונעם סאָוועטישן סדר. ערשט ווען מ'ווייסט דאָס, קאָן מען פאַרשטיין און באַנעמען לענינס זיך כסדר ענדערנ־דיקע באַציִונג צום קאָאָפּעראַטיוויזם געגנומען ווי אַ קערפּערשאַפט.

אגב האַנדלט זיך דאָ נישט וועגן קריטישן צוגאַנג צו די סתירות. שוין אין יאָר 1918 האָט לענין גופא נישט מיט אומרעכט כסדר אָנגעוויזן אויף דעם, אַז ווען אַ נייער קלאַס קומט־אַרויף אויף דער היסטאָרישער אַרענע ווי אַ פירער פון דער געזעלשאַפט, פּאַסירט עס קיינמאָל נישט אָן אַ תקופה פון עקספּערימענטן און קווענקלענישןביים אָפּקלייב פון נייע מעטאָדן,

וועלכע זאָלן זיין אין איינקלאַנג מיט דער נייער אָביעקטיווער סיטואַציע; דריי יאָר נאָכדעם האָט ער אַפילו איינפאָרמירט, אַז ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, „ווי דאָס פּאַסירט תמיד אין דער געשיכטע פון רעוואָלוציעס, אַז די באַוועגונג וויקלט זיך אויס זיגזאַגיש". ער האָט נישט גענומען אין באַטראַכט, אַז דאָס איז אייגנטלעך נוגע די פּאָליטישע רעוואָלוציעס, אָבער אַז ווען ס'פּאַסירט צום ערשטן מאָל אין דער וועלטגעשיכטע, אַז צו דעם קומט־צו דער עלעמענט פון סאָציאַלן איבערקער אויף אַזאַ גרויספאַרנעמיקן שטייגער, לעכצט אָבער דער מענטשלעכער מין, פּונקט אַזוי ווי דאָס פּאָלק, ביי וועמען דאָס פּאַסירט, און ווי די פעלקער, וועלכע זיינען עדות פון די געשעענישן, נאָך גאולה און וויל פּאָרויסזען אין די אַלע עקספּערימענטן, קווענקלענישן און בלאָנדזשענישן אַ דייטלעכע בשורה מכוח דער צוקונפט, דער ליניע, וואָס זאָל פירן צום סאָציאַליסטישן לעבנסשטייגער, וואָס דאָס וויל זאָגן, אַז מ'וויל געוויר ווערן ווי ס'האַלט מיט דער געזעלשאַפט, וואָס זאָל זיין פונדאַמענטירט אויף פרייהייט. דאָ, אין דעם פאַל, האָבן זיי פון דעם אַלעם גאָר נישט באַמערקט, האָט זיך זיי דאָס אַלעס, וואָס האָט פּאַסירט, געמעגט אויסווייזן נאָך אַזוי אומדערהערט, און לענינס בייטנדיקע שטעלונג צום קאָאָפּעראַטיוויזם איז נאָך איין באַווייז, אַז אַזאַ טענדענץ עקזיסטירט נישט.

אין דער ערב־רעוואָלוציאָנערער תקופה זיינען די קאָאָפּעראַטיוועס בתוך דער בירגערלעכער געזעלשאַפט געווען פאַר לענינען „נעבעכדיקע פּאַליאַטיווע מיטלען" און אַגענטן פונעם קליינבירגערלעכן גייסט. אַ מאָנאַט פאַר דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, אין שייכות מיטן גרויסן עקאָנאָמישן קריזיס, וועלכן רוסלאַנד האָט דעמאָלט דורכגעמאַכט, האָט ער פאָרגעלייגט די אָבליגאַטאָרישע פאַראייניקונג פון דער באַפעלקערונג אין קאָנסום־קאָאָפּעראַטיוועס צווישן די ערשטע „רעוואָלוציאָנער־דעמאָקראַטישע" מיטלען, וועלכע מ'דאַרף אָננעמען. אין יאַנואַר פון קומענדיקן יאָר האָט ער געשריבן אין אַ פּראָיעקט פאַר אַ דעקרעט: „אַלע בירגער פון לאַנד מוזן באַלאַנגען צו אַ לאָקאַלער קאָנסום־קאָאָפּעראַטיווע" און „די עקזיסטירנדיקע קאָנסום־קאָאָפּעראַטיוון ווערן נאַציאָנאַליזירט". אין געוויסן קרייזן פון דער פּאַרטיי איז דידאָזיקע פאָדערונג פאַרשטאַנען געוואָרן ווי אַ פאָדערונג, מיט וועלכער מ'איז אויסן אָפּצושאַפן די קאָאָפּעראַטיוועס און זיי זיינען טאַקע ווי אַזעלכע באַשטעטיקט געוואָרן, מחמת מ'האָט געזען, — ווי אַ באָלשעוויסטישער טעאָרעטיקער האָט זיך אויסגעדריקט, מסתמא מיט רעכט, — אינעם עלעמענט פון דער פרייוויליקער מיטגלידערשאַפט, — דעם נייטיקן סימן מובהק פון אַ

קאָאָפּעראַטיווע. אַ סברה, אַז לענין האָט עס נישט פאַרשטאַנען אַזוי. ס׳איז אמת, אַז די קאָאָפּעראַטיווע, ווי אַ קליינע אינדזל אין דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט, איז געווען, אַזוי האָט ער געזאָגט, „אַ קלייטל“, אָבער דער קאָאָפּעראַטיוויזם, וועלכער נעמט־אַרום די גאַנצע געזעלשאַפט נאָכן אָפּשאַפן דעם פּריוואַטן קאַפּיטאַל, „איז סאָציאַליזם“ און ס׳איז דעריבער דער חוב פון דער סאָוועטישער מאַכט צו פאַרוואַנדלען אַלע בירגער אָן אויסנאַם אין מיטגלידער פון אַן אַלגעמיין־מלוכהשער קאָאָפּעראַטיווע, אַן „איינציקער גרויסער בשותּפותדיקער קאָאָפּעראַטיווע“. ס׳איז, פאַרשטייט זיך, נישט אַרויסגעבראַכט געוואָרן, אַז מיט דעם האָט דער פּרינציפּ פונעם קאָאָפּעראַטיוויזם פאַרלוירן יעדן זעלבסטשטענדיקן אינהאַלט, אַפילו פאַרלוירן זיין עקזיסטענץ ווי אַ פּרינציפּ, און ס׳איז אים פון געבליבן נישט מער ווי אַ מלוכהשע אינסטיטוציע, אַ דורכויס צענטראַליסטיש־ביוראָקראַטישע אונטער אַ נאָמען, וועלכער האָט פאַרלוירן יעדן זין. די פאַרווירקלעכונג פון דעמדאָזיקן פּראָגראַם איז אָנגעהויבן געוואָרן אין די קומענדיקע יאָרן: אַלע קאָאָפּעראַטיווס זיינען צונויפגעגאָסען געוואָרן אונטער דער פירונג פון די קאָנסום־קאָאָפּעראַטיוועס, וועלכע זיינען פאַקטיש פאַרוואַנדלט געוואָרן אין סחורה־לאַגערן פון דער מלוכה. שוין אַפילו צוויי יאָר נאָך דער פאָרמולירונג פון „די אויפגאַבן פון דער סאָוועטישער מאַכט“ האָט לענין נאָך אַלץ נישט געוואָלט איינגיין אויף דער תּיכּפדיקער פּשוטער פאַרשטאַטלעכונג; ער האָט זיך אַרויסגעשטעלט קעגן יענע, וועלכע האָבן בפירוש געוואָלט אַן איינאייניקע נעץ פון מלוכהשע אָרגאַניזאַציעס אויפן אָרט פון די קאָאָפּעראַטיוועס. „דאָס וואָלט געווען גאַנץ גוט, ס׳איז אָבער אוממעגלעך“, האָט ער אַ זאָג־געטאָן און ער האָט דערמיט געמיינט: „דערווייל נאָך אוממעגלעך“. איינציטיק האָט ער זיך געהאַלטן פעסט ביים באַגריף וועגן דעם קאָאָפּעראַטיוויזם ווי אַזעלכן, וועגן וועלכן ער האָט דערקלערט, זיך באַציִענדיק אויף מאַרקסן און אויף זיין אייגענער פּאָזיציע אויפן קאָפּענהאַגער קאָנגרעס פונעם אינטערנאַציאָנאַל (1910) — ווו ער האָט, אַגב, באַטאָנט און אונטערגעשטראָכן די מעגלעך־ווערנדיקע סאָציאַליסטישע ווירקונג פונעם קאָאָפּעראַטיוויזם נאָך דער עקספּראָפּריאַציע פון די קאַפּיטאַליסטן — אַז ער קאָן זיין אַ מיטל פאַרן אַוועקשטעל פון דער נייער עקאָנאָמיע: עס גייט וועגן דעם צו געפינען נייע חברישע, קאָאָפּעראַטיווע פאָרמען, וועלכע זאָלן זיין צוגעפּאַסט צו די עקאָנאָמישע און פּאָליטישע פאַרהעלטענישן פון דער פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור און „פאַרלייכטערן דעם איבערגאַנג צום ווירקלעכן

סאָציאַליסטישן צענטראַליזם". מ'האָט, הייסט עס, געוואָלט, אַז אַן אינסטי־
טוציע, וועלכע איז לויט איר גאַנצן מהות, שפּראָץ און יאָדער אויסן געזעל־
שאַפטלעכע דעצענטראַליזאַציע, זאָל אַזוי אַרום פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ
בויעלעמענט פון אַ נייעם און פעלערלאָזן מלוכהשן צענטראַליזם מיט אַ „סאָ־
ציאַליסטישן חותם". ס'פאַרשטייט זיך, אַז לענין גייט דאָ נישט אַרויס פון
טעאָרעטישע הנחות, נייערט פון די פּראַקטישע באַדערפענישן פון דער שעה,
וועלכע זיינען דעמאָלט, ווי באַקאַנט, געווען גוואַלדיק שווערע און געצוווּנגען
צו די מאַקסימאַלסטע אָנשטרענגונגען. ווען לענין שטעלט־אַרויס דעם פאַר־
לאַנג, אין אַ פאָרמולירונג, וואָס דערמאָנט די פּאָסטולאַטן פון די „אוטאָ־
פּיסטן" און „אַנאַרכיסטן", ווּעמעס זין ער קערט טאַקע באַלד איבער אין אַ
היפּוכדיקן טייטש, אַז מ'זאָל „צונויפקניפּן די פּראָדוציר־ מיט די קאָנסום־
קאָאָפּעראַטיוון", באַגרינדט ער דאָס מיט דער נייטיקייט צו העכערן דעם
סכום פּראָדוקטן; פון דער 2־יאָריקער דערפאַרונג, זאָגט ער, ווייזט זיך
אַרויס די צוועקמעסיקייט פון אָט־דעם מיטל, און מיט אַ יאָר שפּעטער הערן
מיט לענינען שטאַרק פּאָלעמיזירן קעגן די קאָאָפּעראַטיוועס, וועלכע זיינען
אין זייער אַלטער, נאָך נישט איבערגעגאַנגענער פאָרעם אַ „באַהעלטעניש
פון קאָנטראַרעוואָלוציאָנערער אָריענטאַציע". אין דער באַרימטער אַרבעט
וועגן דעם שטייער אין דער פאָרעם פון פּראָדוקטן (נאַטוראַלשטייער) ווייזט
ער בפּירוש אָן אויף דער סכנה, וואָס ליגט אין אַ קאָאָפּעראַטיווע פון קליינע
פּראָדוצענטן; אַז זי שטאַרקט אומבאַדינגט דעם קליינבירגערלעכן קאַפּיטאַ־
ליזם. „פרייהייט און רעכט פון די קאָאָפּעראַטיוועס". זאָגט ער ווייטער,
„באַטייטן ביי די איצטיקע פאַרהעלטענישן אין רוסלאַנד פרייהייט און רעכט
פאַרן קאַפּיטאַליזם. ס'וואָלט געווען אַ נאַרישקייט אָדער אַ פאַרברעך צו
פאַרמאַכן אונדזערע אויגן און נישט וועלן זען דעמדאָזיקן ממשותדיקן אמת".
און ווייטער: „דער קאָאָפּעראַטיווער קאַפּיטאַליזם איז אונטער דער סאָוועט־
טישער מאַכט, אין היפּוך צום פּריוואַטעקאָנאָמישן קאַפּיטאַליזם, אַזאַ מין
וואַריאַציע פונעם מלוכה־קאַפּיטאַליזם און ווי אַזעלכער איז ער פאַר אונדז
לעת־עתה לויִנבאַר און נוצלעך... דאַרפן מיר זיך באַמיִען אַריינצופירן די
אַנטוויקלונג פונעם קאַפּיטאַליזם אינעם בעט פונעם קאָאָפּעראַטיוון קאַפּי־
טאַליזם". דידאָזיקע וואָרענונג און אָנווייז האָט זיך באַנוגנט מיטן אַרויסזאָגן
דאָס, וואָס איז פאַקטיש פּראַקטיצירט געוואָרן אין די יאָרן פונעם פאַלש־
אָנגענומענעם קריגס־קאָמוניזם. (אַגב, האָט לענין גופא אין אָקטאָבער 1921
גערעדט וועגן פעלער, וועלכער איז באַגאַנגען געוואָרן דורך דעם, „וואָס

מיר האָבן זיך פאַרנומען דורכצופירן דעם אוממיטלבאַרן איבערגאַנג צו דער קאָמוניסטישער פּראָדוקציע און פּאַרטייל").

אָבער באַלד האָט זיך אויך דאָ אַנגעהויבן מערקן אַ צוריקלויפערישע טענדענץ, צוזאַמען מיט די אומגינציקע ווירקונגען פון דער עקסטרעמער צענטראַליזאַציע און אין שייכות מיט דער התחלהדיקער „נייער עקאָנאָמישער פּאָליטיק" (נעפּ). צוויי טאָג פאַר לענינס יענער וואָרענענדיקער רעדע איז אַרויסגעלאָזט געוואָרן אַ דעקרעט וועגן אויפלעבן דעם קאָאָפּעראַטיוויזם ווי אַן עקאָנאָמישע אָרגאַניזאַציע אין אירע פאַרשידענע מינים: פאַר קאָנסום, פאַר לאַנדווירטשאַפט און אינדוסטריע. צוויי חדשים נאָך דעם איז אַרויסגעלאָזט געוואָרן אַ דעקרעט, מיט וועלכן ס'איז געמאַכט געוואָרן דער אָנהייב פאַרן אָפּשאַף פונעם פריערדיקן דעקרעט מכוח דער צונויפגיסונג פון אַלע מינים קאָאָפּעראַטיוועס אין איין פאַרבאַנד פון די קאָנסום־קאָאָפּעראַטיוועס, דעם צענטראָסאָיוז. ביים סוף פונעם זעלביקן יאָר האָט דער פּרעזידענט פון דאָזיקן פאַרבאַנד גערעדט וועגן דער לאַגע און מיסיע פון די קאָאָפּעראַטיוועס און זיך אויסגעדריקט, אַז ס'איז נאַטירלעך, אַז דער שטאַטלעכער קאָאָפּעראַטיווער אַפּאַראַט, וועלכער פונקציאָנירט בהסכם מיט אַ פעסטן פּלאַן, זאָל האָבן געוואָרן „ביוראָקראַטיש, נישט עלאַסטיש און אומבאַווועגלעך". ער האָט דערמאָנט די שטימען, „וועלכע האָבן גערעדט וועגן דעם, אַז מ'מוז דעם קאָאָפּעראַטיוויזם באַפרייען פון דער קנעכטשאַפט פון דער מלוכה, און ער האָט אַפילו צוגעגעבן, אַז ס'זיינען געווען מאָמענטן, „ווען מ'האָט געמוזט רעדן וועגן אַזאַ באַפרייאונג". אינדעראמתן האָט די באַפעלקערונג גאַנץ אָפט פאַרגלייכט די אַרויפגעצוווּנגענע אָרגאַניזאַציע מיט דער „פאַנשטשיזנע", ווען ס'האָט געהערשט לייבאייגנשאַפט. נו, פּאַסירט, אַז מ'זאָגט זיך אָפּ, פונקט ווי ס'איז דעמאָלט פון אַן אויטאָריזירטן צד דערקלערט געוואָרן בנוגע די דאָרפישע קאָאָפּעראַטיוועס, „פולשטענדיק און אַן איינזעעניש" פון די אויטאָריטערישע אַריינמישונגען אין זייערע ענינים און מ'באַנוגנט זיך מיט די „אַנדערע מעגלעכקייטן, וועלכע קומען־אַרויס פונעם מלוכהשן קאַפּיטאַליזם, צו באַאיינפלוסן און צו רעגולירן די קאָאָפּעראַטיוועס דורך עקאָנאָמישער ווירקונג", ביז יענע, וועלכע קאָנען נישט אָדער ווילן זיך נישט צופּאַסן, „וועלן צעריבן און חרוב ווערן". אָבער אין יעדן פאַל האָט מען זיך קאָנצענטרירט אויף דעם, אַז ס'זאָלן אין די פאַרוואַלטונגען סיי פון די צענטראַלעס און סיי פון די באַזונדערע פאַריינען אַריינקומען פאַר־

טרוילעכע מיטגלידער פון דער פּאַרטיי און ס׳זיינען צווישן די פּאָרשטייערס פון די קאָאָפּעראַטיוועס דורכגעפירט געוואָרן די נייטיקע „רייניקונגען״.

צוויי יאָר נאָך זיין רעדע וועגן דעם „באַטוראַלשטייער״, אין מיי 1923, האָט לענין, אין זיין גרויסער אַרבעט וועגן די קאָאָפּעראַטיוועס, צוגע־שטעלט דעם טעאָרעטישן יסוד פאַר דער נייער אַנטוויקלונג, וועלכע איז דעמאָלט געשטאַנען אויפן העכסטן פונקט. „ווען מיר זיינען אַריבערגעגאַנגען צו דער נייער עקאָנאָמישער פּאָליטיק״, האָט ער געזאָגט, „האָבן מיר זיך אין דעם פּרט איבערגעאיילט און מיר האָבן פאַרגעסן צו טראַכטן וועגן די קאָאָפּעראַטיוועס״. אָבער ער באַנוגנט זיך איצט באין אופן נישט מיטן בלויזן אָננעמען די קאָאָפּעראַטיווע ווי אַן עלעמענט, וואָס פּאַסט זיך גוט אַריין אין דער מלוכהשער ווירטשאַפט בעת דער איבערגאַנגסצייט. דער קאָאָפּע־ראַטיוויזם שטעלט זיך מיטאַמאָל אַוועק אינעם צענטער פון סאָציאַליסטישן נייעם סדר. די קאָאָפּעראַטיווע גרופּירונג פון דער באַפעלקערונג באַצייכנט לענין איצט ווי „די איינציקע אויפגאַבע, וועלכע איז אונדז נאָך פאַרבליבן״. די קאָאָפּעראַטיוויזאַציע פון רוסלאַנד האָט אין זיינע אויגן באַקומען אַ „קאָלאָסאַלן״, אַ „גיגאַנטישן״, אַ „גרענעצלאָזן״ באַטייט. „דאָס איז״, זאָגט ער, „נאָך נישט דער אויפבוי פון דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט, אָבער דאָס איז דאָס אַלץ נייטיקע און גענוגנדיקע פאַרן אויפבוי פון דער־דאָזיקער געזעלשאַפט״. און ער גייט נאָך ווייטער: די קאָאָפּעראַטיווע איז פאַר אים נישט בלויז אַן אומבאַדינגטער פאַרויסיקער תנאי פונעם סאָציאַלן אויפבוי, נייערט זיין עיקר. „אַ געזעלשאַפטלעכער סדר מיט אַ סך גוט־פונקציאָנירנדיקע קאָאָפּעראַטיוועס״, דערקלערט ער, „מיט אַ בשותפותדיקן אייגנטום פון די פּראָדוצירמיטלען, אויפן סמך פונעם ניצחון פונעם פּראָלעטאַריאַט איבער דער בורזשואַזיע, — דאָס איז אַ סאָציאַליסטישער געזעלשאַפטלעכער סדר״, און ער קומט צו דער ווייטערדיקער מסקנה: „דאָס פּשוטע וואַקסן פונעם קאָאָפּעראַטיוויזם איז פאַר אונדז גלייכבאַטייטנדיק מיטן וואַקסן פונעם סאָ־ציאַליזם״. און נאָך מער: „ביי די אומשטענדן פון פולשטענדיקער פאַרקאָאָ־פּעראַטיוויזאַציע וועלן מיר שוין שטיין מיט ביידע פיס אויף סאָציאַליסטישן באָדן״. אין דעם געפלאַנטן אַלצאַרומנעמענדיקן מלוכהשן קאָפּעראַטיוויזם זעט ער דאָס מקוים־ווערן פון די „חלומות״ פון די אַלטע קאָאָפּעראַטיוויסטן, „אָנגעהויבן פון ראָבערט אָוען״. דאָ דערגייט די סתירה צווישן אידייע און פאַרווירקלעכונג צום קולמינאַציע־פּונקט. דאָס, וועגן וואָס ס׳איז געגאַנגען יע־נע „אוטאָפּיסטן״, אָנגעהויבן מיט ראָבערט אָוען, ווען זיי האָבן אַרויסגעברענגט

זייערע געדאַנקען און פּלענער וועגן צונויפנעמען די מענטשן צווישן זיך, איז געווען דער פרייוויליקער צונויפבונד פון מענטשן אין קליינע זעלבסט־שטענדיקע קערפּערשאַפטן אינעם בשותפותדיקן לעבן און ביים בשותפות־דיקן אַרבעטן און דער פרייוויליקער צונויפנעם אין אַ געזעלשאַפט פון גע־זעלשאַפטן. דאָס, וואָס ווערט מצד לענינען באַצייכנט ווי דאָס מקוים־ווערן פון אָט־דער מחשבה און פון אָט־די פּלענער, איז דער דורכויסיקסטער היפוך פון דעם, איז אַן אומגעהייערער, אַן אומברחמנותדיק־צענטראַליזיר־טער קאָמפּלעקס פון מלוכהשע פּראָדוציר־שטעלן און מלוכהשע פאַרטייל־שטעלן, אַ מעכאַניזם פון ביוראָמעסיק־געפירטע אַנשטאַלטן פאַר פּראָדוק־ציע און קאָנסום, אַריינגענומען איינע אין די אַנדערע לויטן רעדערגעווערק, — פאַר פרייוויליקייט, פאַר פרייען צונויפנעם איז שוין אין ערגעץ נישטאָ קיין פּלאַץ; ס׳איז אַפילו אין ערגעץ נישטאָ קיין מעגלעכקייט צו חלומען וועגן דעם, — מיט דער „דערפילונג” פונעם חלום איז ער שוין „אויסגעחלומט”. אַזוי, על כל פנים, איז געווען לעניגס פאַרשטעלונג מכוח דעם איינשליסונג פונעם קאָאָפּעראַטיוויזם אין דער מלוכה, און ער האָט אָט־דעם קוק אויך נישט אָפּגעלייקנט אין יענעם, אין אַ סך פּרטים ברייטפאַרנעמיקן מאמר, וועלכן ער האָט פאַרעפנטלעכט אַכט חדשים פאַר זיין טויט. ער האָט געוואָלט געבן די ענדגילטיקע טעאָרעטישע באַזע דער באַוועגונג, וועלכע איז שוין געהאַט דערגאַנגען צו איר קולמינאַציע־פּונקט און וועלכע האָט געבערענגט מיט זיך אַ פאַרשמעלערונג פונעם צענטראַליזם אויף אַלע שטחים, אָבער ער האָט איר אָפּגעזאָגט דעם יסוד פון די יסודות, — דעם פּרינציפּ פון דער פרייהייט, אונטערן דרוק פון זיין געדאַנקענגאַנג.

גענוען אַזעלכע, וועלכע האָבן אין לעניגס דאָזיקער אַזוי שטאַרק באַ־טאָנטער ווענדונג צום קאָאָפּעראַטיוויזם געוואָלט זען אַ דערנענטערונג צו די טעאָריעס פון די רוסישע „נאַראָדניקעס”, פאַר וועמען די פאָרמען פון קאָאָפּעראַטיוון, וועלכע זיינען נאָך פאַראַן לעבעדיקע אין פאָלק אָדער האַלטן באַנייס אין אויפקומען, זיינען געווען אַ שטיץ־ און אַרויסגאַנג־פּונקט, אַ יאָדער פונעם צוקונפטיקן געזעלשאַפטלעכן סדר, וועלכן לעניז האָט, אַגב, אַזוי לאַנג באַקעמפט. די קרובעשאַפט איז דאָ אָבער בלויז אַ כלומרשטע. אויך איצט האָט לענין אַפילו איין אויגנבליק נישט געטראַכט וועגן די קאָאָפּעראַטיוועס ווי וועגן אַ ספּאָנטאַנעם, זעלבסטשטענדיקן, פון אייגענעם אימפּולס און בהסכם מיטן אייגענעם געזעץ אַרויסקומענדיקן באַשאַף. דאָס, וואָס ער איז איצט אויסן געווען, טאַקע איצט, נאָך די אַלע שווערע באַמיונ־

גען צו פאַראייניקן דאָס פאָלק אין איין קערפּערשאַפט, וועלכעס זאָל ווי אַזאַ אים נאָכגיין מיט אַן איבערגעגעבענעם ווילן, נאָך די אַלע אַנטוויש ונגען אין די „ביוראָקראַטישע אויסוואוקסן", אַ פאַרמשפּטער פון דער קראַנקייט און אַ נאָענטער צום טויט, איז געווען צו פאַראייניקן צוויי אָביעקטן, וועלכע זיינען אומפאַראייניבאַר, — דעם אַלצפאַרשאָטנדיקן שטאַט און דעם קאָאָפּעראַטיוויזם מיט זיין פולער זאַפטיקייט, דאָס הייסט, דעם צוואַנג און די פרייהייט. אין אַלע צייטן פון דער מענטשלעכער געשיכטע האָבן די קאָאָפּעראַטיוועס און זייערע פאָרויסגייענדיקע געשטאַלטיקונגען זיך געקאָנט באמת אַנטוויקלען נאָר אין יענע שפּאַלטן און לעכער, וועלכע זיינען געבליבן מחוץ דעם ווירקונגסקרייז פון דער מלוכה און פון אירע פאַרשידנדיקע פר:ערדיקע פאָרמען. אַ שפּאַלטנלאָזער און לעכערלאָזער שטאַט שליסט־אויס, לויט זיין וועזנטלעכקייט, יעדע אמתע אַנטוויקלונג פונעם קאָאָפּעראַטיוויזם. לענינס לעצטער רעיון איז געווען: אויסצובר־ייטערן אַזוי שטאַרק דעם פאַרנעם פונעם קאָאָפּעראַטיוויזם און אים אין זיין סטרוקטור אַזוי צו פאַראייניהייטלעכן, אַז ער זאָל זיך אונטערשיידן פון דער מלוכה בלויז פונקציאָנעל, אָבער מאַטעריעל זאָל ער זיין גלייך ווי זי. דאָס איז די קוואַדראַטור פונעם צירקל.

סטאַלין האָט דערקלערט לענינס אויסטייטש פון די קאָאָפּעראַטיוון פון יאָר 1921 ביז 1923 מיט דעם, אַז דער שטאַטסקאַפּיטאַליזם האָט זיך נישט פאַרגרונטפעסטיקט אין דער מאָס ווי דאָס איז געווען ווינטשנסווערט און די צען מיליאָן מיטגלידער פון די קאָאָפּעראַטיוועס האָבן זיך אָנגעהויבן ענג פאַרבינדן מיט דער נייער, זיך אַנטוויקלענדיקער סאָציאַליסטישער אינדוסטריע. דאָס ווייזט אין תוך אויף לענינס פּאַקטישע סיבות, עס איז אָבער נישט גענוג צו דערקלערן זיין פּלוצלינג־אויפגעקומענע התלהבות פאַרן קאָאָפּעראַטיוויזם. מ׳קאָן גיכער אָננעמען, אַז לענין האָט איצט געזען אינעם קאָאָפּעראַטיוון פּרינציפּ אַ קעגנגעוויכט צו דער פּאַר אים אַזוי שווערפאַרטראָגלעכער ביוראָקראַטיע. אָבער דער קאָאָפּעראַטיוויזם האָט געקאָנט ווערן אַזאַ קעגנגעוויכט נאָר אין אַ התחלהדיקער פרייער פאָרעם, אָבער נישט אין דער לעניניסטישער צוואַנגפאָרעם, וועלכער איז פּאַקטיש געווען אָנגעוויזן אויף אַ „גיגאַנטישער" ביוראָקראַטיע.

ווי געזאָגט, איז לענינס צוואַנגסאידייע נישט דערגאַנגען צו איר פולשטענדיקער פאַרווירקלעכונג. די באַוועגונג, וועלכע האָט זיך אָריענטירט אויף צוריק צו דער פאַרגאַנגענהייט, האָט לסוף, אין מיי 1924, דערפירט צום באַנייאיקן איינפיר פון פרייוויליקער מיטגלידערשאַפט, לכתחילה בלויז פאַר

פולשטענדיקע בירגער, דאָס הייסט, וואַלבאַרעכטיקטע, און אין אָנהייב פון 1928 — אויך פאַר אַנדערע אין די דאָרפישע קאָנסום־קאָאָפּעראַטיוועס, הגם מיט אַ באַגרענעצונג פון זייערע רעכט. ביים סוף פון יאָר 1923 האָט יענער פּרעזידענט פונעם „צענטראָסאָיוז” דערקלערט: „מיר מוזן זיך מודה זיין, אַז אָט־דער איבערגאַנג צו פרייער מיטגלידערשאַפט האָט נאָך פריִער געדאַרפט האָבן איינגעפירט געוואָרן. מיר וואָלטן אַזוי אַרום געווען ביכולת אַרויסצוטרעטן קעגן דעמדאָזיקן קריזיס אויף אַ געזיכערטערן פונדאַמענט”. אַן אומדירעקטער צוואַנג איז, פאַרשטייט זיך, אויך דערנאָך געווען דורכן פּריווילעגירטן באַזאָרג פון די קאָאָפּעראַטיוועס. אין 1925 הערן מיר פונעם מויל פון דעמאָלטדיקן פּרעזידענט פון צענטראַלן ראַט פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען, אַז ביים פאַרטייל פון אונטערשטיצונג און הלוואות נעמט מען אין באַטראַכט די אָנגעהעריקייט צו קאָאָפּעראַטיוועס אויף אַזאַ אופן, אַז ס׳איז נאָענט צו געצוווּנגענקייט. און מיט צען יאָר שפּעטער ווערן די שטאָטישע קאָאָפּעראַטיוועס, וועלכע האָבן שוין פון לאַנג פריִער געהאַט אַ סך אויסצושטיין פון דער מלוכהשער אַריינמישונג, מיט איין קלאַפּ אָפּגעשאַפט אין 54 שטעט.

דאָס אַלץ, וואָס איז דאָ געזאָגט געוואָרן, איז גענוג צו באַווייזן, ווי אַזוי דער סאָוועטישער רעזשים האָט זיך כסדר און שטענדיק געוואַקלט צווישן תּיכּפדיקער ראַדיקאַלער צענטראַליזאַציע און פאָרלויפיקער טאָלערירונג פון רעלאַטיוו־דעצענטראַליזירטע געביטן, אָבער ער האָט קיינמאָל נישט, אַפילו נישט אין מינדסטן פּרט, געמאַכט זיך פאַר אַ פּרינציפּ פון זיין אָריענטאַציע יענעם פון מאַרקסן פאָרמולירטן ציל פונעם סאָציאַליזם, וואָס איז געווען „אַוועקוואַרפן די פּאָליטישע הויט”. בכדי צו דערגאַנצן מיט עפּעס די זיך כסדר בייטנדיקע פּאָזיציעס בעתן פינפיאָרפּלאַן 1931—1926 פאַר דער קאָלעקטיוויזאַציע פון די פּויערן דאַרף דאָ נאָך עפּעס צוגעגעבן ווערן. איך באַנוגן זיך דאָ מיט ברענגען אין אַ כראָנאָלאָגישן סדר אייניקע כאַראַקטעריסטישע מאַניפעסטירונגען און האַנדלונגען. ביים סוף פון יאָר 1927 האָט מאָלאָטאָוו אָנגעוויזן אויף דער הינטערשטעליקייט פון דער אַגריקולטור און האָט פאַרלאַנגט זי בייצוקומען דורך אַנטוויקלען דאָרפס־קאָלעקטיוון, וועלכע זיינען אַ ווערטפולער עלעמענט, נישט געקוקט אויף זייערע פעלערן אין פאַרגלייך צום אינדוסטריאַליזאַציע־פּלאַן. אין יוני 1928 האָט סטאַלין דערקלערט פאַר נייטיק אויסצובררייטערן מיט גרויסער אינטענסיוויטעט די פאַראַנענע קאָלעקטיוון און צו גרינדן נייע. אין אַפּריל 1929 איז אויפן פּאַרטיי־

צוזאַמענפּאָר אַרויסגעלאָזט געוואָרן די לאָזונג צו שאַפן נאָך אין צייט פונעם פינפיאָרפּלאַן אַ סאָציאַליזירטן פּראָדוקציע־געביט ווי אַ קעגנגעוויכט צו דער אינדיווידועלערווירטשאַפט. די אַקטיוויטעט פאַר דער קאָלעקטיוויזאַציע האָט באַלד באַקומען אַ מער אָדער ווייניקער בולטע פאָרעם פון גע־צוווּנגענקייט און האָט זיך לכתחילה אויסגעוויזן צו זיין אַזוי מזלדיק, אַז סטאַלין האָט ביים סוף פון זעלביקן יאָר דערקלערט: „אויב די באַוועגונג פאַר דער קאָלעקטיוויזאַציע זאָל ווייטער פּראָגרעסירן אַזוי ווי ביז איצט, וועט די סתירה צווישן שטאָט און דאָרף אין אַ גאָר גיכן טעמפּאָ פאַרשווינדן ווערן״. ביים אָנהייב פון 1930 האָט דער צענטראַלער קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי קאָנסטאַטירט, אַז די צייט, וואָס איז פאָרויסגעזען אינעם פּלאַן, איז אַריבערגעיאָגט געוואָרן, און פּראָקלאַמירט מיט דער שטאַרקסטער באַטאָ־נונג די נייטיקייט פון אַן אַנטשלאָסענעם געראַנגל קעגן אַלע כוונות צו האַמעווען דעם ריטם פון דער באַוועגונג. אין משך פון דריי יאָר צייט האָט געדאַרפט דורכגעפירט ווערן די פולשטענדיקע קאָלעקטיוויזאַציע דורך אי־בערצייגונג און „אונטערגעשטיצט פון געוויסע שטאַבעס״. די עקזעקוטיוו־קאָמיטעטן פון די ראַיאָנען האָבן קאָנקורירט צווישן זיך אין דער גרינט־לעכקייט פון זייערע אַדמיניסטראַטיווע מיטלען; געוויסע ראַיאָנען זיינען נישט זעלטן דערקלערט געוואָרן ווי „דיסטריקטן פון פולשטענדיקער קאָלעק־טיוויזאַציע״, און ווו ס׳האָט נישט געהאָלפן דאָס איבערצייגן, איז מען אי־בערגעגאַנגען צום סטראַשען. ס׳האָט זיך אָבער גאָר אינגיכן אַרויסגעוויזן, אַז דער איינדרוק פון מזל־ברכה, וועלכער האָט זיך געשאַפן פון דער שטאַרק־פאַרגרעסערטער צאָל קאָלעקטיווע קאָלאָניעס, איז געווען אַ פאַלשער פון קוקווינקל פון אמתער הצלחה. די פויערן האָבן רעאַגירט אויף זייער אייגע־נעם אופן, אָנגעהויבן פונעם אויסשעכטן די בהמות ביז צו מאַכן אויפשטאַנדן. אויך די אַקציע, וואָס איז אָנגעהויבן געוואָרן צו באַזייטיקן די רייכע פויערן („קולאַקעס״), האָט נישט אָפּגעשוואַכט די צרה, ווייל גאַנץ אָפט האָבן די פויערן פון מיטלשטאַנד געמאַכט יד־אחת מיט די אַנדערע און אַפילו די רויטע אַרמיי מיט אירע פויערישע זין איז אַרומגעכאַפּט געוואָרן פון דער אומצופרידנקייט. דעמאָלט האָט סטאַלין, אין זיין באַרימטן מאמר „שווינד־לעניש מחמת הצלחה״, דורכגעפירט דעם קער־און־ווענד, וועלכער האָט זיך אויסגעוויזן ווי אַ נייטיקער. די פּאָליטיק פון דער קאָלעקטיוויזאַציע, האָט ער דערקלערט, איז זיך, לויט לעניִנס טעאָריע, סומך אויף דער פרייוויליי־קייט. „מיט געוואַלט קאָן מען נישט שאַפן קיין קאָלעקטיווע קאָלאָניעס. דאָס

וואָלט געווען נאַריש און רעאַקציאָנער". לעניך האָט אויך געלערנט, „אַז ס'וואָלט געווען דער גרעסטער אומזין צו פּרוּוון איינצופירן מיט דער הילף פון דעקרעטן די בשותפותדיקע באַארבעטונג פונעם באָדן". דער פּרינציפּ פון דער פרייוויליקייט איז געשעדיקט געוואָרן, דער ריטם פון דער אַקציע איז נישט געווען בהסכם מיטן ריטם פון דער אַנטוויקלונג און ס'זיינען אי־בערגעשפּרונגען געוואָרן נויטווענדיקע צווישנדיקע עטאַפּן אויפן וועג צו דער פולשטענדיקער דאָרפקאָמונע. האָט דער צענטראַל־קאָמיטעט געהייסן מאַכן אַ סוף צו די געוואַלט־מעטאָדן. אין יולי האָט דער פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר פּראָקלאַמירט, אַז קאָלעקטיווע ישובים קאָנען אויפגעבויט ווערן נאָר אויפן סמך פון פרייוויליקן אַריינטרעטן און אַז יעדער פּרווו אָנצוווענדן געוואַלט אָדער אַדמיניסטראַטיוון כוח „איז אַ פאַרגוואַלטיקונג פון דער אָריענטאַציע פון דער פּאַרטיי און אַ רשעותדיקער אויסנוץ פון דער מאַכט". אין הערבסט האָט דער קאָמיסאַר פאַר לאַנדווירטשאַפט ווידעראַמאָל קריטיקירט די „רויע און אולטראַאַדמיניסטראַטיווע מעטאָדן, וועלכע זיינען אָנגעווענדט געוואָרן לגבי די קאָלכאָזן און זייערע מיטגלידער". אָבער מיט וויניקער ווי פינף חדשים שפּעטער, נאָכדעם ווי אַ היפּשע צאָל פויערן האָט, אַדאַנק דער ברייטערער פרייהייט, פאַרלאָזט די קאָלכאָזן, נישט געקוקט אויף די נייע פּריווילעגיעס, וואָס מ'האָט זיי פאָרגעלייגט, האָט דער נעמלעכער קאָמיסאַר געזאָגט אין זיין אינפאָרמאַציע צום קאָנגרעס פון די קליינע און מיטעלע פויערן, וועלכע האָבן זיך נישט אָנגעשלאָסן אין דער באַוועגונג פון דער קאָלעקטיוויזאַציע, דאָס ווייטערדיקע: „מיט וועמען זיינען זיי, מיט די קולאַקן אָדער מיט די קאָלעקטיוון?... צי איז טאַקע מעגלעך איצט צו פאַרבלייבן נייטראַל?" מיט אַנדערע ווערטער: ווער ס'איז נישט פאַר דער קאָלעקטיווי־זאַציע, דער איז קעגן דעם סאָוועטישן רעזשים. דער קאָנגרעס האָט אָנגע־נומען דידאָזיקע פּאָזיציע. אין די קומענדיקע יאָרן, נאָך די פאַרלייכטע־רונגען, וואָס זיינען געקומען ווי אַ פּועל־יוצא פונעם דוחק אין שפּייזמיטלען, זיינען געקומען נייע האַרבע מיטלען, ביז צום יאָר 1936, ווען בערך 90 פּראָ־צענט פון די פויערן זיינען געווען קאָלעקטיוויזירט, הגם די צאָל פולשטענ־דיקע קאָמונעס האָט אויסגעמאַכט בלויז אַ קליינעם טייל פון זיי.

דאָס אַלטע דאָרפישע רוסלאַנד האָט, בהסכם מיט מאַינאַרדס ריכטיקער פאָרמולירונג, נאָך געלעבט ביזן יאָר 1929. ווען מ'באַטראַכט דעם ענין פון קוקווינקל פון דער עקאָנאָמישער ווירקונג, איז אַ פון זיך אַליין פאַרשטענד־לעכע זאַך, אַז מ'דאַרף מסכים זיין מיטן אָפּשאַץ פון אַזאַ טראַדיציאָנעלן

סיסטעם צו באַאַרבעטן דעם באָדן, וואָס איז געווען איינגעפירט אין רוסלאַנד. ווען מ׳קוקט אָבער אויף דעם פון קוקווינקל פון דער געזעלשאַפטלעכער סטרוקטור, מוז דער ענין בכלל געשטעלט ווערן לגמרי אַנדערש. ווען מ׳קוקט אַזוי אויף דער זאַך, קאָן זיך דאָ נישט האַנדלען וועגן קיין ענטוועדער־אָדער. — דאָ האָט מען זיך געדאַרפט שטעלן די אויפגאַבע צו פאַרוואַנדלען די עקזיסטירנדיקע קערפּערשאַפטן אויף אַזאַ אופן, אַז זיי זאָלן ווערן פאַסיק און דערוואַקסן צו די נייע באַדינגונגען און באַדערפענישן, און זיי, אַגב, אויפצוהאַלטן אין זייער סטרוקטורעלן כאַראַקטער, אין זייער מהות ווי זעלבסטשטענדיקע, זעלבסטאַקטיווע קעמערלעך. אָט־די מיסיע איז נישט דערפילט געוואָרן. מ״האָט אַפילו געטענהט, און מיט רעכט, אַז דער מאַרקסיסטישער געדאַנק, וועלכער שטייט אויפן שטאַנדפּונקט פון דער ראַציאָנעלער, דער גרויספאַרנעמיקער פאָרעם פונעם באַאַרבעטן דעם באָדן, פון דער אינדוסטריאַליזאַציע און טעכניזאַציע פון דער לאַנדווירטשאַפט, האָט זיך אָנגענומען אין דער אַלטער רוסישער דאָרפסגעמיינדע און צוגעווינט די פויערן צו דער בשותפותדיקער באַאַרבעטונג פונעם באָדן. אָבער די טענדענץ, אַ מאָטיווירטע מיט פּאָליטישע סיבות, צו מאַכן פונעם באַאַרבעטן דאָס פעלד אַן אָפּטייל פון דער אינדוסטריע, פון די פויערן צו מאַכן לוינאַרבעטער פון אָט־דער אינדוסטריע, די טענדענץ צו אַן אַלצאַרומנעמענדיקער און אַלצרעגולירנדיקער מלוכהשער ווירטשאַפט, אַ טענדענץ, פון וועלכער די לאַנדווירטשאַפטלעכע קאָאָפּעראַטיווע איז בלויז אַן איבערגאַנג־סטאַדיע צו דער פולשטענדיקער קאָמונע און זי, פון איר זייט, בלויז אַן איבערגאַנג־סטאַדיע צו דער לאָקאַלער פיליאַל פונעם אַגראַראָפּטייל פון דער אוניווערסאַלער מלוכהשער פאַבריק — אָט־די טענדענץ האָט דערשטיקט דעם אייגענעם ווערט, דעם סטרוקטורעלן ווערט פון דער דאָרפישער געמיינדע, זי דערשטיקט און זי געמוזט דערשטיקן. מ׳קאָן נישט באַהאַנדלען אַ געזעלשאַפטלעכן אָרגאַניזם, פּונקט ווי מ׳קאָן דאָס נישט טאָן מיט אַן אינדיווידועלן אָרגאַניזם, סתם אַזוי און אייגנמעכטיק ווי אַ מיטל פאַר אַ צוועק און איינצייטיק נישט באַרויבן אים פון זיין לעבנסעסענץ. „צוגייענדיק צום ענין פון לעניניסטישן קוקווינקל״, האָט סטאַלין געזאָגט אין 1933, „זיינען די קאָלעקטיווע ווירטשאַפטן, פּונקט אַזוי ווי די סאָוועטן, ווען מ׳באַטראַכט זיי ווי אַ פאָרעם פון אָרגאַניזאַציע, אַ געווער און בלויז אַ געווער״. פון אַ ביימל, פון וועלכן מ׳האָט געמאַכט אַ שטעקן, קאָן מען נאַטירלעך נישט דערוואַרטן, אַז ס׳זאָל ווייטער אַרויסברענגען בלעטער.

פיל לענגער ווי ביי וועלכן ס׳איז אַנדערן האָט זיך ביים רוסישן פאָלק אויפגעהיט די „מיטלאַלטערלעכע" נייגונג זיך צונויפצונעמען אין קליינע גרופן פאַר עפּעס אַ בשותּפותדיקער אַרבעט. וועגן דער אייגנטימלעכסטער סאָציאַלער שאַפונג, וועלכע איז אַרויסגעקומען פון אָט־דער נייגונג, דעם אַרטעל, האָט קראָפּאָטקין מיט פּערציק יאָר צוריק געקאָנט זאָגן, אַז ער שטעלט מיט זיך פאָר די אייגנטלעכע סובסטאַנץ פונעם רוסישן פּויערנלעבן: ס׳איז צומאָלס דויערנדיקער און צומאָלס בלויז צייטווייליקער צונויפנעם פון פישערס און יעגערס, פון בעלי־מלאכהס און סוחרים, פון לאַסטטרעגער און פון געוויזענע פאַרשיקטע אין סיביר, פון פּויערן, וועלכע לאָזן זיך אַוועק אין שטאָט, כדי צו אַרבעטן ווי וועבערס אָדער סטאָליאַרעס און פון פּויערן, וועלכע האָבן זיך אין דאָרף געוואָלט אָפּגעבן בשותּפותדיק מיט פאַרזייען תּבואה אָדער האָדעווען בהמות, מאַכנדיק, אַגב, אַ פונאַנדערשייד צווישן בשותּפותדיק און אינדיווידועלן אייגנטום. פאַר דער גרויסער אידייע פון דער רעסטרוקטוראַציע איז דאָ געלעגן אַן אומפאַרגלייכלעך־ווערטפולער בויעלעמענט. די באָלשעוויסטישע רעוואָלוציע האָט דאָס ווי אַזוינס נישט אויסגענוצט. זי האָט נישט געהאַט קיין אָרט, קיין פאַרווענדונג פאַר קליינע געמיינדעס. פון צווישן די טיפּן פונעם „קאָלכאָז" האָט זי ליבערשט געוואָלט „אין איצטיקן אויגנבליק", ווי סטאַלין האָט געזאָגט, דעם לאַנדווירטשאַפט־לעכן אַרטעל, מחמת עקאָנאָמישע טעמים, אָבער זי האָט אין אים, פאַרשטייט זיך, געזען נישט עפּעס אַנדערש ווי אַן איבערגאַנג. איינער פון אירע בעסטע עקאָנאָמישע טעאָרעטיקער האָט אָנגעצייכנט דעם ציל. די באַאַרבעטונג פונעם באָדן, האָט ער געזאָגט, וועט ערשט דעמאָלט קאָנען באַטראַכט ווערן ווי אַ סאָציאַליזירטע, ווען אַלע דאָרפישע אַרטעלן וועלן פאַרביטן ווערן דורך מלוכהשע פאַלוואַרקן, דאָס הייסט, אַז באָדן, מיטלען פון פּראָדוקציע און לעבעדיקער אינווענטאַר וועט באַלאַנגען צו דער צענטראַליזירטער מלוכה. דעמאָלט וועלן די פּויערן, ווי לוינאַרבעטער פון דער מלוכה, וווינען אין בשותּפותדיקע הייזער, אין גרויסע אַגראַרשטעט, אין צענטערס פון ברייט־פאַרנעמיקע עלעקטריפיצירטע ראַיאָנען. דאָס צוגעטראַכטע בילד, צו וועלכן אָט־די פאַרשטעלונג באַלאַנגט, איז אינדערעמתן דאָס בילד פון אַ דעפיניטיוו און לגמרי הרובער געזעלשאַפט. און נאָך מער: ס׳איז דאָס בילד פון אַ מלוכה, וועלכע האָט פאַרשלונגען די געזעלשאַפט.

דער סאָוועטישער רעזשים האָט אויפגעטאָן גרויסע זאַכן אויפן ווירט־שאַפטלעך־טעכנישן און נאָך גרעסערע אויפן מלחמה־טעכנישן געביט. עס

וויַיזט־אויס, אַז זיינע בירגער אַקצעפּטירן אים אין תּוך מכּמה וכמה טעמים, נעגאַטיווע און פּאָזיטיווע, פיקטיווע און רעאַלע. אין זייער האַלטן זיך איז מערקבאַר אַ צעשוווּמענע רעזיגנאַציע געמישט מיט אַ פּראַקטישן בטחון. אין אַלגעמיין קאָן מען דאָך זאָגן, אַז דער אינדיווידואַרפט זיך אונטער אונטער אָט־דעם רעזשים, וועלכער גיט אים אַזוי ווייניק פרייהייט צו דענ־קען און צו טאָן, — קיין צוריק איז נישטאָ און אויפן שטח פונעם טעכנישן אויפטו איז פאַראַן אַ פּאָרויס. אַנדערש איז דער ענין, ווען מ׳באַטראַכט אים אַן פּניות פונעם קוקווינקל פון סאָציאַליזם, וואָס ס׳איז פון אים דאָרט פאַר־ווירקלעכט געוואָרן. פון סאָציאַליסטישע פּאָסטולאַטן — אַ סך; פון סאָציאַליס־טישע שאַפונגען — גאָרנישט. „ווי אַזוי דאַרף אויסזען“, האָט געפרעגט דער גרויסער סאָציאָלאָג מאַקס וועבער אין 1918, „יענע ׳אַסאָציאַציע׳, וועגן וועלכער ס׳רעדט דער „קאָמוניסטישער מאַניפעסט“? וואָס אַזוינס ספּעציעלס, וועלכע זיינען עס די שפּראָצונגען פון אַזעלכע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע דער סאָציאַליזם קאָן אַנווייזן פאַרן פאַל, ווען ס׳זאָל אים פאַקטיש ווען ס׳איז צופאַלן די געלעגנהייט צו פאַרכאַפּן די מאַכט פאַר זיך און דערנאָך צו שאַלטן און וואַלטן לויט זיין ווילן?“ אינעם לאַנד, אין וועלכן ס׳איז דעם סאָציאַליזם אַריינגעפאַלן דידאַזיקע געלעגנהייט אין דער האַנט, זיינען געווען אַזעלכע שפּראָצונגען ווי אין קיין שום אַנדערן לאַנד אין אונדזער תּקופה, אָבער זיי זיינען נישט דערפירט געוואָרן צו זייער אַנטוויקלונג. אָבער פונ־דעסטוועגן איז נאָך פאַראַן צייט פאַר אַ ווענד און קער, — און דערמיט מיינען מיר נישט אַ טאַקטישע, ווי לענין און זיינע מיטאַרבעטער האָבן זי אַ סך מאָל געמאַכט, נייערט אַ פונדאַמענטאַלע. צוריק קאָן זי נישט גייך, נייערט פאָרויס, — אָבער אין אַ נייער ריכטליניע. ס׳איז נאָר אַ שאלה, צי אין דער טיפעניש באַוועגן זיך נאָך אומבאַקאַנטע כּוחות, וועלכע וועלן זיך אַרויסרייסן אויף דער אויבערפלאַך און דורכפירן אָט־דעם קער און ווענד. פון דעם איז געווענדט אַלעס. פּיער לערו, דער מענטש, וועלכער האָט, ווי ס׳וויַיזט־אויס, צום ערשטן מאָל באַנוצט דאָס וואָרט סאָציאַליזם, האָט גע־וווּסט, וואָס ער זאָגט, ווען ער האָט אין יאָר 1848 גערעדט אין דער פראַנ־צויזישער נאַציאָנאַלפאַרזאַמלונג בזה הלשון: „אויב איר ווילט נישט קיין מענטשלעכע געזעלשאַפט, נו, זאָג איך אייך, אַז איר שטעלט־אַוועק די קול־טור פאַרן גורל צו שטאַרבן מיט אַ מאוימדיקער גסיסה“.

# נאָך אַן עקספּערימענט

די תקופה פונעם הויכקאַפּיטאַליזם האָט, ווי מיר האָבן שוין געזען, די געזעלשאַפט דעסטרוקטורירט. די געזעלשאַפט, וועלכע איז געווען פאַר איר, איז געווען צונויפגעשטעלט פון געזעלשאַפטן פון פאַרשידענעם מין; זי איז געווען אַ קאָמפּלעקס און אַ פּלוראַליסטישער באַשאַף. דאָס האָט איר געגעבן די ספּעציפישע סאָציאַלע וויטאַליטעט און זי געמאַכט פעיִק צו שטעלן אַ ווידערשטאַנד דער טאָטאַליטאַרער טענדענץ פונעם ערב־רעוואָלוציאָנערן צענטראַליסטישן שטאַט אַפילו נאָך דעמאָלט, ווען אייניקע פון אירע עלעמענטן זיינען שוין געווען שטאַרק אָפּגעשוואַכט אין זייער זעלבסטשטענדיקן לעבן. די פּאָליטיק פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, וועלכע איז געווען געווענדט קעגן די פּריווילעגיעס פון אַלט־די אַסאָציאַציעס, האָט געבראַכן דעמדאָזיקן ווידערשטאַנד. פון דעמאָלט אָן געלינגט דעם נייעם, דעם הויכקאַפּיטאַליסטישן צענטראַליזם, דאָס, וואָס ס׳איז נישט געלונגען דעם אַלטן, — צו אַטאָמיזירן די געזעלשאַפט. דער קאַפּיטאַל, וועלכער באַהערשט די מאַשינען און מיט זייער הילף די געזעלשאַפט, וויל האָבן פאַר זיך נאָר יחידים, און די מאָדערנע מלוכה העלפט אים צו אין דעם באופן, וואָס זי צעשטערט כסדר דאָס אויטאָנאָמע גרופּירטע לעבן. די קאַמפּס־אָרגאַניזאַציעס, וועלכע דער פּראָלעטאַריאַט שאַפט קעגן קאָפּיטאַל, די עקאָנאָמישע, דעם סינדיקאַט, און די פּאָליטישע, — די פּאַרטיי, זיינען לויט זייער מהות נישט ביכולת קעגנצווווירקן דעמדאָזיקן צעשטערפּראָצעס, ווייל זיי האָבן נישט קיין צוטריט צום לעבן פון דער געזעלשאַפט גופא און צו אירע יסודות — צו דער פּראָדוקציע און קאָנסום. אויך דאָס אַריבערגיין פונעם קאַפּיטאַל אינעם רשות פון דער מלוכה קאָן נישט ברענגען צו קיין רעסטרוקטוראַציע, פּונקט אַזוי ווי דאָס קאָן נישט פּאַסירן, ווען זי באַשאַפט

אַ נעץ פון אונטערגעיאָכטע קאָאָפּעראַטיווען אָן עכטן אויטאָנאָמען לעבן, ווייל ווי אַזעלכע זיינען זיי אומפאַסיק צו ווערן קעמערלעך פון אַ נייער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט.

אַרויסגייענדיק פון אָט־דעם קוקווינקל דאַרף אָנערקענט ווערן דער אָביעקטיווער אינהאַלט פון דער קאָאָפּעראַטיוויסטישער באַוועגונג ווי די טענדענץ פון דער געזעלשאַפט צו דער רעסטרוקטוראַציע, צום באַנייאיקן געווינען דעם אינערלעכן צוזאַמענהאַנג אין נייע טעקטאָנישע פאָרמען, צו אַ נייעם consociatio consociationum. ס׳איז, ווי איך האָב אָנגעוויזן, גרינטלעך פאַלש צו באַטראַכטן דידאָזיקע טענדענץ ווי ראָמאַנטיש אָדער אוטאָפּיש דערפאַר, ווייל זי האָט זיך אין איר התחלה צומאָלס פאַרקניפּט און פאַרבונדן מיט ראָמאַנטישע זכרונות און אוטאָפּישע פאַנטאַזיעס. אין איר סאַמע תוך איז זי בפירוש טאָפּיש און קאָנסטרוקטיוו, דאָס הייסט, אַז זי ליגט־פאָר ענדערונגען, וועלכע זיינען דורכפירבאַר ביי די פאַראַנענע באַדינגונגען און ביי די פאַראַנענע מיטלען. און פּסיכאָלאָגיש איז זי פאַרגרונטפעסטיקט אויף אַן אייביקן, ווען אַפילו זייער אָפּט פאַרדושעטן און מטושטשן באַדערפעניש פונעם מענטשן, — דעם באַדערפעניש צו קאָנען פילן זיין הויז ווי אַ צימער אין אַ גרעסערן פאַרנעמיקן בנין, אין וועלכן ער זאָל זיין ווי אין דער היים און וועמעס איינוווינער זאָלן אים באַשטעטיקן זיין אייגענעם מהות און זיין אייגן לעבן אין זייערע באַגעגענישן מיט אים, אין זייער צוזאַמענאַרבעטן מיט אים. אַ צונויפנעם אויפן סמך פון בלויז בשותפותדיקע מיינונגען און שטרעבונגען קאָן נישט באַפרידיקן דאָס דאָזיקע באַדערפעניש; דאָס טאָן קאָן נאָר אַ צונויפנעם, וועלכער זאָל שאַפן בשותפותדיק לעבן. אָבער אויך די קאָאָפּעראַטיווע אָרגאַניזאַציע פון פּראָדוקציע און קאָנסום ווייזט זיך אַרויס, יעדע פאַר זיך, ווי אַן אומגענוגנדיקע, ווייל זי נעמט־אַרום דעם מענטשן נאָר אין איין באַשטימטן פונקט און נישט אין דער געשטאַלטיקונג פון זיין לעבן גופא; און פונקט אַזוי ווייזן זיי זיך אַרויס ווי אומפאַסיקע צו ווערן קעמערלעך פון אַ נייער געזעלשאַפט טאַקע צוליב זייער טיילווייזן און פונקציאָנעלן כאַראַקטער. ביידע פאָרמען פונעם קאָאָפּעראַטיוויזם האָבן זיך שטאַרק אַנטוויקלט, אָבער די קאָנסום־פאַריינען — בלויז אין פולשטענדיק ביוראָקראַטיזירטע, די פּראָדוציר־פאַריינען — אין פולשטענדיק ספּעציאַליזירטע פאָרמען; דאָס געזעלשאַפטלעכע לעבן קאָנען זיי היינט ווייניקער אַרומנעמען ווי ווען ס׳איז פריִער. אָט־דאָס באַוווסטזיין איז עס, וואָס שטויסט צו דער סינטעטישער פאָרעם — צום אינטעגראַלן

קאָאָפּעראַטיוויזם. זיין מעכטיקסטער פּרווו איז דאָס בשותּפותדיקע דאָרף, אין וועלכן ס׳ווערט געשאַפן אַ בשותּפותדיקער לעבן אויפן סמך פון פאַרבינדונג צווישן פּראָדוקציע און קאָנסום, ביי וואָס, אַגב, מיר דאַרפן פון טערמין פּראָדוקציע נישט פאַרשטיין בלויז פעלדאַרבעט אַליין, נייערט אַן אָרגאַנישע פאַרקניפּונג צווישן אינדוסטריע און מלאכה.

די פאַרשידענע פּרוון, וועלכע זיינען אין משך פון אַנדערהאַלבן יאָרהונדערט געמאַכט געוואָרן אין אייראָפּע און אַמעריקע צו גרינדן דאָרפישע ישובים פון דעם מין, סיי קאָמוניסטישע און סיי קאָאָפּעראַטיוויסטישע אין ענגערן זין, זיינען בדרך כלל דורכגעפאַלן. און מיטן זאָג דורכגעפאַלן מיין איך נישט בלויז יענע קאָלאָניזאַציע־אונטערנעמונגען, וועלכע זיינען נאָך אַ מער־ווייניקער קורצער עקזיסטענץ אָדער לגמרי צעפאַלן געוואָרן אָדער אָנגענומען אַ קאַפּיטאַליסטישן סדר און דערמיט אַריבערגעגאַנגען אינעם קעגנערישן לאַגער; מ׳דאַרף דאָ אויך אַריינרעכענען יענע, וועלכע האָבן זיך אויפגעהאַלטן אויף אַן איזאָלירטן אופן. מחמת די אייגנטלעכע, די רעסטרוקטורירנדיקע אויפגאָב פון די נייע בשותּפותדיקע דאָרף־ישובים הייבט זיך אָן מיט זייער פעדערירונג, דאָס הייסט, מיט זייער צונויפנעמען זיך אונטער איין גלייכן פּרינציפּ, וועלכער איז חל אין זייער אינערלעכער געשטאַלטיקונג. צו דעם איז עס כמעט אין ערגעץ נישט דערגאַנגען, און אַפילו דאָרט, ווו ביי די דוכאָבאָרן אין קאַנאַדע, ווו ס׳איז יאָ פאַראַן אַ פעדעראַטיווער צונויפבונד, פּאַסירט אָבער, אַז די פעדעראַציע גופא האַלט זיך איזאָלירט און האָט נישט קיין צוציִענדיקע און דערציִענדיקע ווירקונג אויף דער אַלגעמיינער געזעלשאַפט, במילא פּאַסירט, אַז די דערפילונג פון דער אויפגאַבע איז נישט אַרויס פון דער התחלה און ס׳קאָן אַפילו נישט זיין קיין רייד וועגן אַ הצלחה אינעם סאָציאַליסטישן זין. איז דאָ כדאי צו באַמערקן, אַז קראָפּאָטקין באַטראַכט אָט־די צוויי פאַקטאָרן, — די איזאָלאַציע פון די ישובים צווישן זיך און זייער איזאָלאַציע פון דער געזעלשאַפט, ווי סיבות אויך אינעם פּראָסט־פּשוטן זין.

די סאָציאַליסטישע אויפגאַבע וועט קאָנען באַטראַכט ווערן ווי אַ דורכגעפירטע ערשט דעמאָלט, ווען דאָס נייע דאָרף, וועלכעס וועט פאַראייניקן די פאָרמען פון דער פּראָדוקציע און פאַרבינדן פּראָדוקציע מיט קאָנסום, וועט האָבן אַ ווירקונג אויף דער געשטאַלטלאָזיק־געוואָרענער שטאָטישער געזעלשאַפט אינעם זין פון דער רעסטרוקטוראַציע. אין דער פולער מאָס וועט די ווירקונג קאָנען זיין אַ פולשטענדיקע ערשט דעמאָלט, ווען און אויף

ווי ווייט די ווייטערדיקע טעכנישע אַנטוויקלונג וועט דערמעגלעכן און אַפילו פאַרלאַנגען די דעצענטראַליזאַציע פון דער שטאָטישער אינדוסטריע. אָבער אַפילו שוין איצט קאָן דאָס מאָדערנע קאָאָפּעראַטיווע דאָרף האָבן אַ ווירקנ־דיקן עפעקט אויף דער שטאָטישער געזעלשאַפט. ווידער מוז אונטערגע־שטראָכן ווערן, אַז ס׳האַנדלט זיך וועגן אַ קאָנסטרוקטיווער און טאָפּישער טענדענץ; ס׳וואָלט געווען ראָמאַנטיש און אוטאָפּיש צו וועלן חרוב מאַכן די שטעט, פּונקט ווי ס׳איז אַמאָל געווען ראָמאַנטיש און אוטאָפּיש צו וועלן צעברעכן די מאַשינען; אָבער ס׳איז קאָנסטרוקטיוו און טאָפּיש צו וועלן אָרגאַניש אַרטיקולירן די שטעט אין אַן ענגן צוזאַמענהאַנג מיט דער טעכ־נישער אַנטוויקלונג און זיי צו פאַרוואַנדלען אין אַגרעגאַטן פון קלענערע קערפּערשאַפטן. היינטצוטאָג זיינען שוין אין געוויסע לענדער פאַראַן וויכ־טיקע התחלות אין אָט־דעם זין.

אינוויווייט ס׳איז אין מיין מעגלעכקייט אַרומצונעמען די געשיכטע און די היינטצוטאָגיקייט קאָן מען נאָר איינאיינציקן אַרומנעמענדיקן פּרווו צו שאַפן אַן אינטעגראַלע קאָאָפּעראַטיווע אַנערקענען אַ געוויסע מאָס הצלחה אין סאָציאַליסטישן זין, — דאָס איז דאָס ייִדישע קאָאָפּעראַטיווע דאָרף אין ארץ־ישראל אין זיינע פאַרשידנדיקע פאָרמען. ס׳איז אמת, אַז אויך אין אים קומט באַהעפט אַ טיפאַרומנעמענדיקע פּראָבלעמאַטיק אין אַלע דריי סעק־טאָרן זיינע, — אינעם סעקטאָר פון די אינערלעכע באַציִונגען, אינעם סעק־טאָר פון דער פעדערירונג און אינעם סעקטאָר פון זיין ווירקונג אויף דער אַלגעמיינער געזעלשאַפט, אָבער אין אַלע דריי סעקטאָרן זיינע האָט עס אַרויסגעוויזן זיין לעבעדיקע עקזיסטענץ — און איז, אַגב, דאָס איינציקע, וואָס האָט אַזעלכעס באַוויזן. אינערגעץ אין דער געשיכטע פון די קאָאָפּעראַ־טיווע ישובים איז נישט געווען צו מערקן דאָס דאָזיקע אומדערמידלעכע זו־כעניש צו געפינען יענע פּאַסיקע פאָרעם פונעם צוזאַמענלעבן, וועלכע זאָל זיין פּאַסיק פאַר אָט־די באַשטימטע מענטשלעכע גרופּירונגען, די דאָזיקע כסדר זיך באַנייענדיקע פּרווון, דאָס באַשטענדיקע ווידמען זיך, זיך אויפ־ברענגען, ווערן פּעסימיסטיש און אָנהייבן פונדאָסניי, דערדאָזיקער כסדר־דיקער אַרויסשפּראָץ פון נייע צווייגן פונעם נעמלעכן שטאַמבוים און פונעם זעלביקן געשטאַלטיקונגס־אינסטינקט. און אינערגעץ איז נישט פאַראַן די־דאָזיקע וואַכעדיקייט לגבי אייגענער פּראָבלעמאַטיק, דאָס זיך כסדר באַניי־איקע פאַרגלייכן מיט איר, דערדאָזיקער עקשנותדיקער ווילן זיך מיט איר מתווכח צו זיין און דידאָזיקע אומאויפהערלעכע ראַנגלעניש זי בייצוקומען,

וועלכעס קומט, אַגב, זעלטן ווען צום אויסדרוק כלפּי חוץ דורכן וואָרט. דאָ, און נאָר דאָ, זיינען דער אַנטשטייענדיקער, דער אויפקומענדיקער קאָאָפּע־ראַטיווער געזעלשאַפט אויסגעוואָקסן אָרגאַנען פון זעלבסטדערקענטעניש, אָרגאַנען, וועמעס עקזיסטענץ דערפירט זיי ביי יעדן מאָל פונדאָסניי צו פאַרצווייפלונג, אָבער דאָס איז פאַרצווייפלונג, וועלכע מאַכט חרוב אַ סענ־טימענטאַלע האָפענונג, בכדי אַרויסצוברענגען אַ העכערע, אַ נייע האָפענונג, אַזאַ, וועלכע קומט־אויף נאָר אויפן באָדן פון פאַרצווייפלונג און וועלכע איז שוין מער נישט קיין געפיל, נייערט דורכוויס אויפטו. דעריבער דאַרף מען זאָגן מיט דער גאַנצער ניכטערקייט ביים מאַכן דעם אַנאַליז און די פאַר־טראַכטונג, אַז אויף אַט־דעם פּונקט פון דער וועלט איז, נישט געקוקט אויף אַלע טיילווייזע דורכפאַלן, צו מערקן אַ נישט־דורכפאַל, — און אַזוי ווי ס׳איז, איז עס אַ מוסטערהאַפטיק נישט־דורכפאַלן.

וועלכע זיינען די סיבות דערפון? נישט פאַראַן קיין בעסערער אויפן צו דערקענען בעסער דעם אייגנאַרטיקן כאַראַקטער פון אַט־דעם קאָלאָני־זאַטאָרישן אויפטו ווי באופן, ווען מ׳גיט זיך אָפּ מיט אַט־די סיבות, הגם ס׳איז אויך מעגלעך אויף אַ פאַרקערטן אופן.

אויף איין פאַקטאָר איז כסדר אָנגעוויזן געוואָרן, אַז דאָס קאָאָפּעראַטיווע דאַרף פון ישראל האָט צו פאַרדאַנקען זיין אַנטשטיי נישט שום דאָקט־רין, נייערט אַ מצב, דער נויט, דעם דרוק, די פאָדערונגען פון דער סיטו־אַציע. אינעם אַנטשטיי פון דער קבוצה, איז געזאָגט געוואָרן, איז נישט געשטאַנען בראש די אידעאָלאָגיע, נייערט דאָס ווערק, דער אויפטו. איז דאָס זיכער אַזוי, אָבער נאָר מיט איין באַוואָרעניש. אַוודאי האָט זיך געהאַנדלט מכוח דעם לייזן באַשטימטע אַרבעט־ און אויפבוי־פּראָבלעמען, וועלכע די ארצישראלדיקע ווירקלעכקייט האָט אַוועקגעשטעלט פאַר די קאָלאָניסטן, און וועלכע מ׳האָט געקאָנט לייזן דורכן צונויפנעמען זיך; דאָס, וואָס אַ צעשוווי־מענער קאָנגלאָמעראַט פון יחידים איז לויט זיין מהות, ביי די דעמאָלט הערשנדיקע באַדינגונגען, נישט נאָר נישט געווען ביכולת דורכצופירן, נייערט ביי יענע תנאים אַפילו נישט געקאָנט פּרווון דורכצופירן, דאָס האָט געוואָגט, געפּרוווט און דורכגעפירט דער קאָלעקטיוו. אָבער דאָס, וואָס מ׳רופט־אָן אידעאָלאָגיע — איך רוף עס ליבערשט אָן מיט אַן אַלטן, הגם נישט אַלטווערנדיקן וואָרט: דאָס אידעאַל — איז נישט געווען פּשוט און פּראָסט עפּעס אַזעלכעס, וואָס איז צוגעקומען נאָך דעם, שפּעטער, עפּעס אַזעלכעס, וועלכעס די פאַקטן האָבן שפּעטער געשאַפן. אינעם גייסט פון די

מיטגלידער פון די ערשטע ארצישראלדיקע קאָמונעס האָבן זיך צונויפגעגומען אידעאַלע מאָטיוון צוזאַמען מיט דעם, וואָס ס'איז געווען דער געבאָט פון דער שעה. דאָס זיינען געווען מאָטיוון, אין וועלכע ס'האָבן זיך אויף אַ משונה־מאָדנעם אופן צונויפגעמישט זכרונות פונעם רוסישן אַרטעל, אייגדרוקן פון די געלייענטע ווערק פון די אַזויגערופענע אוטאָפּישע סאָציאַליסטן און די קוים־מערקבאַרע שפּעטערדיקע ווירקונג פון די תנ"כישע פּסוקים מכוח סאָציאַלער גערעכטיקייט. דאָס אַנטשיידנדיקע אין דעם אַלעם איז, אַז דערדאָזיקער אידעאַלער מאָטיוו האָט כמעט דורכשניטלעך אויפגעהיט אַ לויזן, אַ פּלאַסטישן כאַראַקטער. ס'זיינען געווען אַ סך און פאַרשידמיניקע צוקונפט־חלומות, — מ'האָט זיך פאָרגעשטעלט אַ נייע, פילפאַרנעמיקערע פאָרעם פון דער משפחה; מ'האָט זיך באַטראַכט ווי דער אַוואַנגאַרד פון דער אַרבעטערבאַוועגונג און אַפילו ווי די אוממיטלבאַרע דורכפירער פונעם סאָציאַליזם, ווי דער פּראָטאָטיפּ פון דער נייער געזעלשאַפט; מ'האָט זיך געשטעלט ווי אַ ציל צו שאַפן אַ נייעם מענטש און אַ נייע וועלט. אָבער קיין שום פּרט פון דעם אַלעם איז נישט פאַרשטאַרט, נישט פאַרגליווערט געוואָרן אין אַ פעסטן און פאַרטיקן פּראָגראַם. מ'האָט נישט מיטגעבראַכט מיט זיך, ווי דאָס האָט פּאַסירט אומעטום אין דער געשיכטע פון די קאָאָפּעראַטיווע קאָלאָניעס, אַ פאַרטיקע סכעמע, וועלכע די ממשותדיקע פּרטים האָבן בלויז געדאַרפט אויספילן, אָבער נישט ענדערן; דער אידעאַל האָט אַרויסגעברענגט אימפּולסן, אָבער נישט קיין דאָגמעס; ער האָט סטימולירט, אָבער נישט דיקטירט.

אָבער וויכטיקער פון דעם אַלעם איז, אַז הינטער יענער ארצישראלדיקער סיטואַציע, וועלכע האָט אַוועקגעשטעלט פּראָבלעמען פון אַרבעט און פּראָבלעמען פון אויפבוי, איז געשטאַנען אַ היסטאָרישע סיטואַציע, די סיטואַציע פון אַ פאָלק, וואָס האָט געליטן פון אַ גרויסן אויסערלעכן קריזיס און וואָס האָט געענטפערט אויף אים מיט אַ גרויסער אינערלעכער טראַנספאָרמאַציע, און אַז אָט־דער היסטאָרישער מצב האָט אַרויסגעברענגט אויף דער אויבערפלאַך אַן „עליט", די חלוצים, די פּיאָנערן, וועלכע זיינען געקומען פון אַלע קלאַסן פונעם פאָלק און זיי אַוועקגעשטעלט איבער קלאַסן, אויף יענער זייט פון די קלאַסן. די לעבנספאָרעם, וואָס איז געווען צוגעפּאַסט פאַר אָט־דער „עליט", איז געווען דאָס בשותפותדיקע דאָרף, אַ באַגריף, אונטער וועלכן איך פאַרשטיי נישט אַן איינצלנעם ניואַנס, נייערט די גאַנצע סקאַלע, אַנגעהויבן פון דער סאָציאַלער סטרוקטור פון דער קעגנזייטיקער הילף

ביז צו דער קאָמונע. דידאַקטיקע פֿאָרעם איז געווען די פּאַסיקסטע, די בעסטע פֿאַר דער דערפֿילונג פֿונעם צענטראַלן חלוצישן געדאַנק און זי איז אויך איינצייטיק געווען די פֿאָרעם, אין וועלכער דער סאָציאַלער לעבנסאידעאַל האָט פּאַקטיש געקאָנט דורכדרינגען די נאַציאָנאַלע אידייע. פֿון די היסטאָרישע הנחות איז אַרויסגעקומען, אַז ס׳איז אָט־דער „עליט" און אָט־דער אינערלעכער לעבנספֿאָרעם אירער אינערלעך אוממעגלעך געווען אַריינצופֿאַלן אין סטאַטיק און איזאָלאַציע; זייער מיסיע, זייער אויפֿטו, זייער פּיאָנערטום האָבן זיי פֿאַרוואַנדלט אין צענטערן פֿון צוציִונג און ווירקונג. די חלוציות איז איינגעשטעלט אין יעדן פּרט אויפֿן אויפֿקום פֿון אַ נייעם, אומגעוואַנדלטן פֿאָלקס־ציבור; וואָלט זי זיך געווען קאָנצענטרירט אויף זיך אַליין, זיך באַנוגנט מיט זיך אַליין, וואָלט זי זיך אַליין געווען אויפֿגעגעבן. דאָס קאָלעקטיווע דאָרף, ווי אַ עיקרדיק קעמערל פֿון דער אויפֿקומענדיקער געזעלשאַפֿט, האָט געמוזט ווירקן שטאַרק־צוציִענדיק אויף אָט־די מענטשן, וועלכע זיינען געווען איבערגעגעבן אָט־דעם באַשאַף, און זיך נישט געקאָנט באַגרענעצן בלויז אויף צו דערציִען צום עכטן בשותפֿותדיקן לעבן יענע, וועלכע האָבן זיך איינגעשלאָסן אין די קאָלאָניעס, נייערט אויך געווירקט ווייטער פֿון דאַנען, געווירקט אויף דער סביבה פֿון דער געזעלשאַפֿט אין אויפֿבויענדיקן, סטרוקטורירנדיקן זין. די היסטאָרישע דינאַמיק האָט באַשטימט דעם דינאַמישן כאַראַקטער פֿון דער באַציִונג צווישן דעם קאָלעקטיוון דאָרף און דער געזעלשאַפֿט.

אָט־דער כאַראַקטער איז שטאַרק געמינערט געוואָרן, ווען דער ריטם פֿונעם אויסערלעכן קריזיס איז געוואָרן אַזאַ שנעלער און זיינע אויסערלעכע פֿאָרמען פֿון אויסדרוק זיינען געוואָרן אַזעלכע ראַדיקאַלע, אַז די אינערלעכע איבעראַנדערשונג איז נישט געווען אימשטאַנד, האָט נישט געקאָנט אָנהאַלטן דעמזעלביקן טעמפּאָ. בהסכם דערמיט ווי ישראל איז פֿון אַ לאַנד פֿון עליה פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין איינעם פֿון די איינוואַנדערלענדער, איז נעבן דער עכטער חלוציות אויפֿגעקומען אַזאַ מין האַלב־חלוציות. דער צוציִונגס־כּוח פֿונעם קאָלעקטיוון דאָרף איז נישט פֿאַרמינערט געוואָרן, אָבער זיין דערציִונגס־כּוח איז נישט געווען צוגעפּאַסט צום צושטראָם פֿונעם אַנדערמיניקן מענטשנמאַטעריאַל און ס׳איז דעם לעצטן צומאָלס געלונגען אַרויפֿצולייגן זיין חותם אויפֿן כאַראַקטער פֿונעם קאָלעקטיוון ישוב. און איינצייטיק איז אויך פֿאָרגעקומען אַן ענדערונג אינעם פֿאַרהעלטעניש צו דער אַלגעמיינער געזעלשאַפֿט. בהסכם דערמיט ווי די געזעלשאַפֿט האָט זיך געענדערט אין

איר סטרוקטור, האָט זי זיך אויך וואָס ווייטער אַלץ מער צוריקגעצויגן פֿונעם טראַנספֿאָרמירנדיקן איינפֿלוס פֿון די קערנדיקע קעמערלעך און אַפֿילו אָנגעהויבן האָבן אַן איינפֿלוס אויף די קאָלעקטיוון, אַן איינפֿלוס, וואָס, הגם ער איז נישט תמיד באַמערקט געוואָרן תיכף ומיד, איז ער אָבער היינט שוין גוט אָנזעעוודיק דורך דעם, וואָס זי האָט צוגענומען פֿון אים ווערטפֿולע עלעמענטן און זיי אַסימילירט פֿאַר זיך.

אינעם לעבן פֿון די פֿעלקער, און גאָר באַזונדערס אינעם לעבן פֿון יענע פֿעלקער, וועלכע מאַכן־דורך אַ היסטאָרישן קריזיס, האָט עס אַ גורלדיקן באַטייט, צי אין זיי קומען־אויף עכטע „עליטעס", דאָס הייסט, נישט אוזורפּאַטאָרישע, נייערט אַזעלכע, וועלכע זיינען באַשטימט פֿאַר אַ צענטראַלער פֿונקציע, און צי דידאָזיקע „עליטעס" פֿאַרבלייבן געטריי צו זייער אויפֿגאַבע לגבי דער געזעלשאַפֿט און זיי שטעלן נישט אַוועק אויפֿן אָרט פֿונעם פֿאַרהעלטעניש צו איר אַ פֿאַרהעלטעניש צו זיך גופֿא, און, לסוף, צי זיי זיינען מסוגל זיך אַליין אויפֿן פּאַסיקן אופֿן משלים צו זיין און זיך צו באַנייען ביים דורכפֿירן זייער חוב. דאָס איז מחייב צו צוויי תנאים: צי די „עליטעס" זיינען ביכולת אַזוי צו ווירקן אויף זייער נאַטירלעכן המשך, אַז ער זאָל ווייטער אָנפֿירן אויף אַ געהעריקן אופֿן זייער טעטיקייט, וואָס איז, אגב, תמיד אַ שווער פּראָבלעם, און צי זיי קאָנען דורך אַ ריכטיקן אויסוואַל און אַ ריכטיקער אויסבילדונג זיך באַזאָרגן מיט אַ גייסטיקן המשך, אַ קומענדיקן דור, אין וועלכן ס'זאָלן זיך, לויט מעגלעכקייטן, קאָנצענטרירן אַלע פּאַסיקע עלעמענטן, אָבער אויך לויט מעגלעכקייטן, קיין שום אַנדערע, אָדער גאָר, ווו מ'האָט דאָס נישט געקאָנט פֿאַרמיידן, זוכן צו שאַפֿן אַן אויסגלייך, אַ גלייכגעוויכט, דורך דעם געהעריקן דערציערישן איינפֿלוס. דער היסטאָרישער גורל פֿון דער יידישער התישבות אין ארץ־ישראל האָט אַרויסגערופֿן צום לעבן די חלוצישע „עליט", וועלכע האָט געפֿונען איר עיקרדיקע געזעלשאַפֿטלעכע פֿאָרעם אינעם קאָלעקטיוון דאָרף. און אַן אַנדערע כוואַליע פֿונעם נעמלעכן היסטאָרישן גורל האָט מיטן אַריינפֿיר פֿון די האַלב־חלוצים אַריינגעטראָגן אין דערדאָזיקער „עליט" אַ פּראָבלעמאַטיק, בעסער געזאָגט: דערפֿירט צו דער אַנטוויקלונג פֿון אַ פּאָטענציעלער פּראָבלעמאַטיק, וועלכע זי האָט ביז איצט נישט באַוויזן בייצוקומען און וועלכע זי וועט מוזן בייקומען איידער זי וועט קאָנען דערגיין צום ווייטערדיקן העכערן עטאַפּ אויפֿן וועג פֿון איר ציל. די אינערלעכע שפּאַנונג צווישן יענע, וועלכע נעמען אויף זיך די גאַנצע אחריות פֿונעם קאָלעקטיוו, און יענע, וועלכע זוכן זיך אויף

וועלכן ס׳איז אופן אויסצוהיטן פון איר, קאָן בייגעקומען ווערן נאָר פון אינעווייניק גופא.

דער שטח, אויף וועלכן די פּראָבלעמאַטיק שטעלט זיך אַוועק, איז נישט דאָס פאַרהעלטעניש צו דער אידייע, נישט דאָס פאַרהעלטעניש צו דער געזעלשאַפט און אויך נישט דאָס פאַרהעלטעניש צו דער אַרבעט; אויף אַט־די אַלע שטחים נעמען זיך אויך צונויף די האַלב־חלוצים, זיי שטרעבן זיך אָן און טוען, שלעכט צי גוט, דאָס, וואָס מ׳דערוואַרט פון זיי. דער פּונקט, ביי וועלכן די פּראָבלעמאַטיק שטעלט זיך אַוועק, דער פּונקט, ביי וועלכן ס׳הערשט די חילוקי־דעות, איז די פאַרהעלטעניש צום חבר. איך מיין דאָ בשום אופן נישט דעם ענין, וועלכער איז בשעתו אַזוי שטאַרק אַרומגערעדט געוואָרן, דער ענין מכוח דער אינטימיטעט פון דער „קליינער" קבוצה און דעם פאַרלירן פון אַט־דער אינטימיטעט אין דער „גרויסער" קבוצה; איך מיין דאָ אַזעלכע, וואָס האָט נישט קיין שום שייכות מיטן פאַרנעם פונעם קאָלעקטיוון דאָרף. דאָ גייט נישט וועגן אינטימיטעט — זי ווערט איינגע־פירט דאָרט, ווו זי פירט זיך איין, און פעלט דאָרט, ווו זי פעלט; דאָ האַנדלט זיך וועגן אָפנהאַרציקייט. אַן אמת־עכטער שותפותדיקער ישוב מוז נישט באַשטיין פון מענטשן, וועלכע האָבן שטענדיק און כסדר אַ מגע־ומשא צווישן זיך; זי דאַרף באַשטיין פון מענטשן, וועלכע זאָלן, טאַקע ווי חברים, זיין אָפנהאַרציק צווישן זיך און אויפריכטיק. אַן עכטע קאָמוניטעט איז יענע, וועלכע האָט אויף יעדן פּונקט פון איר עקזיסטענץ פּאָטענציעל דעם כאַראַק־טער פון אַ קאָמוניטעט. די אינערלעכע געזעלשאַפטלעכע פּראָבלעמען פון אַ קאָמוניטעט זיינען במילא פּראָבלעמען מכוח איר עכטקייט און אַזוי אַרום אויך פּראָבלעמען פון איר אינערלעכער קראַפט און איר קיום. דאָס האָבן געוווסט די מענטשן, וועלכע האָבן געשאַפן דאָס יידישע בשותפותדיקע דאָרף אין ארץ־ישראל, עס געוווסט טיף־אינסטינקטיוו; הפּנים, אַז דערדאָזי־קער אינסטינקט איז שוין נישט אַזוי וואַך ווי ער איז געווען. פונדעסטוועגן געפינען מיר אויך אויף אַט־דעם אַזוי וויכטיקן געביט יענע אומברחמנות־דיקע און ווייטזעערישע זעלבסטפאַרטראַכטונג און אַליינקריטיק, אויף וועל־כע איך האָב שוין אָנגעוויזן. בכדי אָבער זי צו פאַרשטיין און זי אָפּצושאַצן ווי ס׳געהער צו זיין, מוז מען זי זען צוזאַמען מיט דער אומפאַרגלייכלעך־פּאָזיטיווער, כמעט רעליגיעזער באַציִונג פון די דאָזיקע מענטשן צום טיפסטן, דעם אייגנטלעכן מהות פון זייער דאָרף. דאָס זיינען צוויי זייטן פון דער זעל־

ביקער נשמהדיקער וועלט און קיין איינע פון זיי קאָן נישט באַנומען ווערן אָן דער אַנדערער.

בכדי צו פאַרשטיין די סיבה פונעם נישט־דורכפאַל פון די יידישע קאָ־לעקטיווע ישובים אין ארץ־ישראל בין איך אַרויסגעגאַנגען פונעם קוקווינקל פונעם אומדאָקטרינערן כאַראַקטער פון זייער אַנטשטיי. דערדאָזיקער כאַראַק־טער האָט אויך בעיקר באַשטימט זייער אַנטוויקלונג. אין פולער פרייהייט האָבן זיך כסדר אָפּגעצווייגט נייע פאָרמען און ווידער נייע צווישנפאָרמען; יעדע איינע פון זיי איז אַרויסגעקומען פון דער אַנטוויקלונג פון סאָציאַלע און נשמהדיקע באַזונדערע באַדערפענישן אין פולער פרייהייט און יעדע איינע האָט זיך אויך באַלד פונעם ערשטן אַנטשטיי אויסגעאַרבעט איר איי־גענע אידעאָלאָגיע; יעדע איינע פון זיי האָט געזוכט אָנהענגער, האָט זיך ממשיך געווען, זיך אויסגעשפרייט, האָט זיך געשאַפן איר אייגענעם גרעסערן אָדער קלענערן תחום, — אַלעס אין פולער פרייהייט. די פאַרשטייער פון די פאַרשידענע פאָרמען האָבן זיך אַרויסגעשטעלט און אַרויסגעזאָגט יעדער פאַר די זייניקע. די מעלות און חסרונות פון יעדער שאַטירונג זיינען צווישן זיך אַרומגערעדט געוואָרן מיט אייפער און אויפריכטיקייט, אָבער דאָס אַלץ אויפן באָדן פון דער מצד אַלעם ווי זעלבסטפאַרשטענדלעך באַגריפענער אייגענער זאַך און בשותפותדיקער מיסיע, בתוך פון וועלכער יעדע פאָרעם האָט אָנערקענט די פאַרהעלטענישמעסיקע באַרעכטיקונג פון די אַנדערע פאָרמען אין זייערע באַזונדערע פונקציעס. דאָס אַלעס איז איינציקאַרטיק אין דער געשיכטע פון די קאָאָפּעראַטיווע ישובים. און נאָך מער ווי דאָס: אינוויזוויַיט מיר איז באַקאַנט איז מען אין דער געשיכטע פון דער סאָציאַ־ליסטישער באַוועגונג אינערגעץ נישט אין סאַמע ברען פונעם דיפערענצי־רונגס־פּראָצעס געווען אַזוי שטאַרק קאָנצענטרירט אויפן פּרינציפּ פון דער אָפּהיטונג פון יעדן איינעמס אינטעגראַציע.

די פאַרשידענע פאָרמען און צווישנפאָרמען, וועלכע זיינען אַזוי אַרום אַנטשטאַנען אין פאַרשידענע צייטן און ביי פאַרשידנדיקע סיטואַציעס, שטעלן מיט זיך פאָר פאַרשידענע געזעלשאַפטלעכע סטרוקטורן, און וועגן דעם זיי־נען די מענטשן, וועלכע האָבן זיי געשאַפן, געווען פונקט אַזוי באַוווסטזיניק ווי וועגן די סאָציאַלע און נשמהדיקע באַזונדערע באַדערפענישן, וועלכע האָבן זיי סטימולירט. נישט בערך אין דערזעלביקער מדרגה זיינען זיי געווען באַהאַוונט מיטן פאַקט, אַז אויף די פאַרשידענע פאָרמען פונעם קאָאָ־פּעראַטיוו פאַלן־אויס פאַרשידענע טיפּן מענטשן; אַז פונקט אַזוי ווי ס'זיינען

פון דער לכתחילהדיקער פאָרעם פון דער קבוצה אויפגעקומען נייע פאָר־מען, אַזוי זיינען אויך פונעם התחלהדיקן טיפּ פונעם חלוץ אַרויסגעקומען נייע טיפּן, יעדער מיט זיין באַזונדערער אייגנאַרטיקייט און זיינע פּאַרלאַנגען, בכדי זיך אויסצולעבן לויט זיין באַזונדערן לעבנסשטייגער. אַוודאי איז אמת, אַז גאַנץ אָפט זיינען עס געווען עקאָנאָמישע און אַנדערע אויסערלעכע פאַק־טאָרן, וועלכע האָבן געפירט צו דעם, אַז געוויסע מענטשן זאָלן זיך אָפּזונ־דערן פון איין פאָרעם און זיך אָנשליסן אין אַן אַנדערער; אָבער אין תוך איז עס געווען אַזוי, אַז יעדער טיפּ האָט געזוכט די סאָציאַלע דערפילונג פון זיין אייגנאַרטיקייט אין אַט־דער באַשטימטער פאָרעם און געוויינלעך פלעגט ער דאָס אויך מער אָדער ווייניקער געפינען. און נישט נאָר איז יעדער פאָ־רעם געווען פאַרגרונטפעסטיקט אויף איין באַשטימטן טיפּ, נייערט זי האָט דערצויגן און דערציט ווייטער אינעם גייסט פון אַט־דעם באַזונדערן טיפּ און איז געווען און איז כסדר פאַראינטערעסירט אים צו אַנטוויקלען; די תקנות. אויסגעשטאַלטיקונג פונעם לעבנסשטייגער און דער דערציִסיסטעם פון יעדער פאָרעם זיינען — נישט קיין חילוק מיט וועלכער מדרגה פונעם באַוווסטזיין — אויף דעם קאָנצענטרירט. אַזוי אַרום איז אויפגעקומען עפּעס אַזעלכעס, וואָס איז גרונטפאַרשידנדיק, אַנדערשדיק פון די אַלע סאָציאַלע עקספּערימענטן אין דער ברייטער און ווייטער וועלט. און דאָס אַלעס — נישט אין לאַבאָראַטאָריעס, ווו יעדער איינער אַרבעט פאַר זיך, אַליין מיט זיינע פּראָבלעמען און פּלענער, נייערט אויפן עקספּערימענטיר־שטח, ווו עס ווערן אויפן בשותפותדיקן באָדן אויסגעפּרוווט פאַרשידענע פּלאַנצונגען לויט פאַרשידענע מעטאָדן איינס נעבן אַנדערן פאַר אַ בשותפותדיקן ציל.

אָבער אויך דאָ האָט זיך געשאַפן אַ פּראָבלעמאַטיק, און דאָס שוין נישט אין סאַמע אינעווייניק פון דער איינצלנער גרופּע, נייערט אין דער באַציִונג פון די גרופּן צווישן זיך; זי איז נישט געקומען פון דרויסן, נייערט פון אינעווייניק, יאָ, טאַקע אַרויסגעקומען פונעם פּרינציפּ פון דער פריי־הייט גופא.

נאָך ווען די קבוצה האָט זיך געפונען אין איר ערשטער אומדיפערענ־צירטער געשטאַלט האָט זי געהאַט אין זיך אַ שטריך, אַ נייגונג צו פעדערי־רונג, צו אַ צונויפבונד פון די קבוצות אין אַ העכערער סאָציאַלער קערפּער־שאַפט; דאָס איז געווען אַ גאָר וויכטיקע כאַראַקטעריסטיק, מחמת אין דעם האָט זיך מאַניפעסטירט, אַז די קבוצה האָט זיך באַטראַכט, אויב נישט בפירוש איז אומבפירוש, ווי אַ קעמערל פון אַ רעסטרוקטוּירטער געזעל־

שאַפט. מיט דער אָפּשפּאַלטונג און אַנטוויקלונג פון די פאַרשידענע פאָרמען, אָנגעהויבן פון די האַלבאינדיווידואַליסטישע, וועלכע היטן־אויף די פּערזענלעכע זעלבסטשטענדיקייט אין דער הויזווירטשאַפט און קינדערדערציונג, און פאַרענדיקט מיט די דורכויס קאָמוניסטישע קבוצות, איז אויפן אָרט פון איין פאַרבאַנד אַנטשטאַנען אַ גאַנצע שורה פאַרבאַנדן, וואָס אין יעדן איינעם פון זיי האָט זיך צונויפגרופּירט פעדעראַטיוו אַ באַשטימטע פאָרעם פון התישבות און במילא אויך אַ באַשטימטער טיפּ מענטשן, און ביי דעם איז נאָך געווען אַ הויפּט־תנאי, אַז די לאָקאַלע גרופּירונגען האָבן זיך געדאַרפט פאַרבינדן צווישן זיך בהסכם מיטן נעמלעכן כלל פון דער בשותּפותדיקייט און דער קעגנזייטיקער הילף, וועלכעס איז געווען חל אין די איינצלנע גרופּירונגען. אָבער איינזייטיק פאַרשווינדט דאָ לגמרי נישט די טענדענץ צו אַן אַרומנעמענדיקער פאַראייניקונג; זי נעמט זיך אָן מיט גרויס האַסטיקייט און שטאַרקייט על כּל פּנים אין דער קיבוציש־קאָלעקטיוויסטישער באַוועגונג; און זי וויל די לאַנד־קיבוצים, די פאַרבאַנדן, אין וועלכע די לאָקאַלע גרופּן זיינען פאַראייניקט לויט זייער מין און שטרעבונגען, אָנערקענען בלויז ווי לעת־עתּהדיקע סטרוקטורן, בלויז ווי סוראָגאַטן פון אַ קאָמונע פון קאָמונעס, ווי ס׳האָט זיך אויסגעדריקט דער באַרימטער לאָזינסקי, אַ באַקאַנטער פאָרשטייער פון דערדאָזיקער באַוועגונג. אָבער נישט רעדנדיק וועגן דעם, אַז איינצלנע פאָרמען, בפרט פון די מושבים, פון די האַלב־אינדיווידואַליסטישע אַרבעטערישע קאָלאָניעס, (וועלכע בלייבן, אַגב, נישט הינטערשטעליק אין דער סאָלידאַרישער אָנפירונג פון דער ווירטשאַפט און בנוגע קעגנזייטיקער הילף לגבי קיין איינער פון די אַנדערע פאָרמען) האָבן זיך שטאַרק דערווייטערט פון דער לכתחילהדיקער פאָרעם, אַז מ׳זאָל זיי קאָנען אַריינגעמען אינעם פאַראייניקונגס־פּלאַן, פּאַסירט, אַז אויך אין דער קיבוצישער באַוועגונג גופא שטייען די טיילווייזע אָרגאַניזאַציעס קעגנעריש אין וועג פון דער אייניקונגס־טענדענץ, וועלכע איז אויסן זיי אַרומצוקרייזן אָדער איינשליסן. יעדע איינע פון זיי האָט אין איר פאַרבאַנד אויסגעאַרבעט און פאַרפעסטיקט איר אייגענעם כאַראַקטער און ס׳איז נישט מער ווי נאַטירלעך, אַז יעדע איינע איז נוטה זיך פאָרצושטעלן די פאַראייניקונג ווי אַן אויסברייטערונג פון זיך גופא. צו דעם האָט אָבער פּאַסירט עפּעס אַזעלכעס, וואָס האָט דערפירט צו אַ געוואַלדיקער שטייגערונג פון דער פּאָזיציע פון די באַזונדערע פעדעראַציעס, — די פּאָליטיזאַציע. מיט צוואַנציק יאָר צוריק האָט נאָך אַ פירער פון אַ גרויסער פעדעראַציע געקאָנט זאָגן מיט אַ שטאַר־

קער באַטאָנונג: „מיר זיינען אַ געמיינדע און נישט קיין פּאַרטיי". דאָס האָט זיך פון דעמאָלט אָן געביטן פון גרונט אויס, און אין דער נעמלעכער מאָס זיינען די באַדינגונגען פאַר אַ פאַראייניקונג היפּש שווערער געוואָרן. פון דעם ווידער איז אַרויסגעקומען דער באַדויערלעכער פאַקט, אַז ס'האָבן זיך שוואַך אַנטוויקלט די שכנישע באַציִונגען, וועלכע זיינען שטאַרק וויכטיק פאַר דער סאָציאַלער רעסטרוקטוראַציע, הגם ס'איז פאַראַן צו פאַרציי־כענען אַ סך פאַלן, אין וועלכע אַ גוט־אַנטוויקלט און רייך דאָרף האָט גע־געבן בשפעדיקע הילף אַ יונגן און אָרעמען דאָרף, וועלכעס האָט באַלאַנגט צו אַן אַנדערער פעדעראַציע. ביי אָט־די אומשטענדן איז נאָך מערקווירדי־קער דער גרויסער געראַנגל, וועלכער איז אַנטשטאַנען, באַזונדערס אין פאַר־גאַנגענעם יאָרצענדליק, אַרום דער ענין פון דער אייניקונג. קיין שום מענטש מיט אַ סאָציאַליסטישן הארץ קאָן נישט לייענען דעם גרויסן דאָקומענט וועגן דעמדאָזיקן געראַנגל, דאָס העברעיִשע זאַמלבוך „הקיבוץ והקבוצה", וועלכעס ס'האָט אַרויסגעגעבן, בעסער געזאָגט, רעדאַקטירט (ס'איז נישט אַרויס פאַר דער עפנטלעכקייט) דער געשטאַרבענער אַרבעטערפירער בערל קאַצענעל־סאָן, נישט אַרומגעכאַפּט צו ווערן פון באַוווּנדערונג צוליב דער שטאַרקער ליידנשאַפט, מיט וועלכער צוויי מחנות האָבן זיך דאָ געראַנגלט צווישן זיך וועגן דער אמתער אייניקייט. די פאַראייניקונג וועט וואַרשיינלעך פאָרקומען נישט אַנדערש ווי דורך אַ נייער סיטואַציע, וועלכע וועט זי מאַכן פאַר אַן אומבאַדינגטער נויטווענדיקייט. אָבער דער פאַקט, אַז מענטשן פון אַ העב־רעיִשן דאָרף האָבן זיך אַזוי שטאַרק געמיט, אַנגעשטרענגט און געראַנגלט קעגנאַנאַנדער און צווישנאַנאַנדער צוליב דעם באַשאַף פון אַ „קאָממוניטאַס קאָממוניטאַטיס", וואָס דאָס באַטייט צוליב דעם אַנטשטיי פון אַ רעסטרוק־טוירטער געזעלשאַפט, — דאָס וועט אין דער געשיכטע פונעם געראַנגל פאַר דער באַנייאונג פון דער מענטשהייט נישט פאַרגעסן ווערן.

איך האָב געזאָגט, אַז איך זע אין דער אויסוויקלונג פון דער געוואַגטער אונטערנעמונג פונעם יידישן פאָלק אַ מוסטערהאַפטן נישט־דורכפאַל. איך קאָן נישט זאָגן אַ מוסטערהאַפט געלינגען. בכדי ס'זאָל ווערן אַזעלכעס, וואָלט נאָך גענאַרפט אַ סך געטאָן ווערן. אָבער פונדעסטוועגן, דווקא אַזוי, מיט אַזאַ ריטם, מיט אַזעלכע דורכפאַלן, אַנטוישונגען, נייע געוואַגטקייטן קומען־פאַר די אמתע איבעראַנדערשונגען אין דער וועלט פונעם מענטש.

אָבער צי דאַרף מען דען זאָגן, אַז דאָסדאָזיקע נישט־דורכפאַלן איז מוס־טערהאַפטיק? האָב איך דאָך אַליין אויף דעם אָנגעוויזן, אַז ס'זיינען געווען

גאַנץ באַזונדערע הנחות און באַדינגונגען, וועלכע האָבן דערפירט צו דעם! און דאָס, וואָס אַ פאַרשטייער פון דער קבוצה האָט וועגן איר געזאָגט, אַז דאָס איז אַ טיפיש ארצישראלער שאַפונג, איז אויך חל אויף דידאָזיקע אַלע פאָרמען.

אָבער ווען אַ פּרוּוו איז ביי געוויסע הנחות און באַדינגונגען אין אַ געוויסער מאָס געלונגען, דעמאָלט קאָן מען דאָך אפשר פּרוּוון, אים אַביסל ענדערנדיק, אויך דורכפירן ביי אַנדערע, ווייניקער גינציקע באַדינגונגען.

ס'קאָן שוין כמעט נישט זיין קיין ספק, אַז דער לעצטער קריג קאָן באַטראַכט ווערן ווי דער סוף פונעם פאָרשפּיל צום וועלטקריזיס *). דער אָנהייב פונעם קריזיס וועט — נאָך דער מוטנער „הפסקה", וועלכע קאָן לאַנג נישט דויערן — מסתמא זיין צו מערקן קודם־כל ביי אייניקע קלענערע פעלקער פון מערב, וועלכע וועלן בלויז מכלומרשטיק זיין אימשטאַנד פונ־דאַסניי איינצואָרדענען זייער צעטרייסלטע עקאָנאָמיע. זיי וועלן זיך זען געצוווּנגען אוממיטלבאַר דורכצופירן ראַדיקאַלע סאָציאַליזירונגען, און פריִער פאַר אַלץ זיך נעמען צו דער עקספּראָפּריאַציע פונעם באָדן. דעמאָלט וועט האָבן אַ דעציזיווע וויכטיקייט, וועט ס'וועט זיין דער ממשותדיקער סוב־יעקט פון דער אומגעוואַנדלטערווירטשאַפט און דער באַלעבאָס פון די סאָ־ציאַלע פּראָדוקציע־מיטלען, — די צענטראַלע מלוכה־מאַכט אין אַ ביז צו־קולמינאַציע צענטראַליזירטן שטאַט אָדער די סאָציאַלע קערפּערשאַפטן פון די בשותפות־לעבנדיקע און בשותפות־אַרבעטנדיקע דאָרף־ און שטאָטאַרבע־טער און זייערע פאַרטרעטנדיקע קערפּערשאַפטן, באופן, אַז די אומגעוואַנדל־טע אָרגאַנען פון דער מלוכה וועלן איצט האָבן נישט קיין אַנדערע פונקציע ווי נאָר אויסצוגלייכן סיכסוכים און צו פאַרוואַלטן. פון אָט־די אַנטשיידונגען און באַשלוסן, נאָך וועלכע ס'וועלן שפּעטער קומען ענלעכע ביי די גרעסערע פעלקער, וועט זיין שטאַרק אָפּהענגיק דער אויפקום פון אַ נייער געזעלשאַפט און אַ נייער קולטור. ס'האַנדלט זיך וועגן דעם באַשלוס מכוח דעם יסודות־דיקן פונדאַמענט, — רעסטרוקטוראַציע פון דער געזעלשאַפט ווי אַ פעדעראַ־ציע פון פעדעראַציעס און רעדוקציע פון דער מלוכה צו דער פאַריינהייט־לעכטער, צונויפהאַלטנדיקער פונקציע אָדער וועגן דער אַבסאָרציע פון דער צעשוומענער געזעלשאַפט דורכן אַלמעכטיקן שטאַט; וועגן סאָציאַליסטישן

*) דידאָזיקע ווערטער זיינען אָנגעשריבן און אַרויסגעזאָגט געוואָרן באַלד נאָכן סוף פון דער מלחמה.

פּלוראַליזם אָדער „סאָציאַליסטישן" אוניטאַריזם; וועגן דער געהעריקער פּראָפּאָרץ צווישן גרופּן־פרייהייט און דעם אַלגעמיינעם סאָציאַלן כלל־סדר, אַ פּראָפּאָרץ, וועלכע וועט יעדן טאָג פונדאָסניי פאַרגלייכט מיט די זיך ענדערנדיקע באַדינגונגען, אָדער דעם אַבסאָלוטיסטישן סדר, וועלכער וואָלט אַרויפגעצווונגען געוואָרן אויף אַן אומבאַשטימטער צייט לטובת אַ מכלומרשט דערנאָך „פון זיך אַליין" קומענדיקער תקופה פון פרייהייט. כל־זמן רוסלאַנד גופא וועט נישט דורכמאַכן אַן עיקרדיקע אינערלעכע איבערקערעניש — און מיר קאָנען דערווייל, לעת־עתה, אַפילו נישט פּרוּוון פאָרויסצוזאָגן ווען און ווי אַזוי דאָס וועט פּאַסירן — מוזן מיר דעם איינעם פון די צוויי פּאָלן פונעם סאָציאַליזם, צווישן וועלכע ס׳דאַרף אויסגעקליבן ווערן, באַצייכענען מיטן מעכטיקן נאָמען „מאָסקווע"; דעם אַנדערן פּאָל וואָג איך, נישט געקוקט אויף אַלץ, אָנצורופן „ירושלים".

# אינעם קריזיס

זינט דריי צענדליק יאָר פילן מיר, אַז מיר לעבן ביי דער התחלה פונעם גרעסטן קריזיס, וואָס איז ביז איצט געווען באַקאַנט פאַרן מענטשלעכן מין. ס׳ווערט אונדז וואָס ווייטער אַלץ קלאָרער, אַז אויך די געוואַלטיקע פאַסירונגען פון די לעצטע יאָרן דאַרפן פאַרשטאַנען ווערן ווי סימנים פון אָט־דעם קריזיס, וועלכער איז לגמרי נישט בלויז דער קריזיס פון אַן עקאָנאָמישן און סאָציאַלן סיסטעם, וועלכער ווערט פאַרביטן דורך אַן אַנדערן, אַזאַ, וועלכער שטייט שוין אויף אַ געוויסן אופן צוגעגרייט פון פריִער, נייערט אַלע סיסטעמען, די אַלטע און די נייע, שטייען אויפן נעמלעכן אופן אין קריזיס. דאָס, וואָס ווערט דאָ אַוועקגעשטעלט אויף משקולת, איז נישט קיין קלענערער ענין ווי די עקזיסטענץ אין אַלגעמיין פונעם מענטש אויף דער וועלט. פון קדמונים אָן, פון צייטן, וועלכע מיר קאָנען נישט אויסרעכענען, האָט זיך דאָסדאָזיקע באַשעפעניש, „דער מענטש“, פאַרנומען אויף זיין דרך; דאָס איז אַן ענין, וואָס ווען מ׳באַטראַכט אים פון נאַטירלעכן צוגאַנג, איז עס אין תוך אַ קוים באַגרייפלעכע אַנאָמאַליע; ווען מ׳גייט־צו צו דעם פון גייסטיקן קוקווינקל, איז עס אַ נישט לייכטער־באַגרייפנדיקע, אפשר אַן איינמאָליקע פאַרקערפערונג; און ווען מ׳נעמט עס אַרום פון בײדע זייטן — איז עס אַן עקזיסטענץ, וועלכע איז לויט איר סאַמע מהות צום שטאַרקסטן באַדראָט אין יעדן אויגנבליק פון דרויסן און פון אינעווייניק און כסדר אויסגעשטעלט צו וואָס ווייטער אַלץ טיפער גרייכנדיקע קריזיסן. אין משך פון די תקופות פון זיין לעבן אויף דער ערד האָט דער מענטש וואָס ווייטער אַלץ מער און מער אין אַן אַלץ שטאַרקערן ריטם פאַרגרעסערט דאָס, וואָס מ׳איז געווינט צו באַצייכענען ווי זיין מאַכט איבער דער נאַטור, און ער האָט דאָס, וואָס מ׳איז געווינט אָנצורופן די שאַפונג פון זיין גייסט,

געפירט פון ניצחון צו ניצחון. איינצייטיק איז אים אָבער אויך אויסגעקומען
דורכצומאַכן איין קריזיס נאָכן אַנדערן און דאָס האָט אים געלאָזט פילן
וואָס ווייטער אַלץ טיפער ווי צעברעכלעך און שוואַך ס׳איז די גאַנצע הער־
לעכקייט, און אין די קלאָרזעענדיקע מאָמענטן האָט ער זיך אויסגעלערנט צו
פאַרשטיין, אַז נישט געקוקט אויף דעם אַלעם, וואָס ער איז געווינט אָנצו־
רופן פראָגרעס פונעם מענטשלעכן מין, גייט ער בשום אופן נישט אויפן
באַקוועם־אויסגעלייגטן וועג, נייערט, אַז ער מוז כסדר באַנייס שטעלן זיינע
שריט אויף אַ שמאָלער סטעזשקע צווישן די אָפּגרונטן. וואָס שווערער ס׳ווערט
דער קריזיס, ווערט פון אונדז פאַרלאַנגט אַלץ ערנסטערע און פאַראַנטוואָרט־
לעכערע באַוווסטזיין־דערקענטעניש; ווייל הגם עס האַנדלט זיך וועגן די
מעשים, גייט עס אָבער וועגן יענע מעשים, וועלכע זיינען געלייטערט געוואָרן
אין דער דערקענטעניש, ווייל נאָר זיי זיינען ביכולת צו העלפן בייקומען
דעם קריזיס. אין דער צייט פון אַ גרויסן קריזיס איז נישט גענוג צוריק־
צוקוקן אינעם נאָענטן עבר, בכדי צו געפינען אַ לייזונג פאַרן רעטעניש
פונעם הווה, — ס׳איז נייטיק צו פאַרגלייכן די פאַזע פונעם וועג, צו וועלכער
דער מענטש איז שוין צוגעקומען, מיט זיינע התחלות, אינוויפוויט מ׳איז
אימשטאַנד דאָס צו טאָן, דאָס זיך פאָרצושטעלן. דאָס וויכטיקסטע פון דעם
אַלעם, וואָס האָט געהאָלפן דעם מענטשן אַמאָל איינצייטיק סיי זיך אַרויסצו־
רייסן פון דער נאַטור און, נישט געקוקט אויף זיין שוואַכקייט ווי אַ נאַטור־
באַשעפעניש, זיך צו אימפּאָנירן איבער איר, וויכטיקער נאָך ווי דאָס מאַכן
אַ „טעכנישע״ וועלט פון ספּעציפיש־געשטאַלטיקטע זאַכן, יאָ, וויכטיקער
ווי דאָס אַלץ איז דאָס, וואָס ער האָט זיך צונויפגענומען מיט זיינסגלייכן
לשם באַשיצונג און געיעג, צו אַרבעטן און אַראָפּנעמען דאָס געראַטעניש
און טאַקע אויף אַזאַ אופן, אַז ער האָט בעת מעשה, אין אַ געוויסן זין, שוין
פון אָנהייב אָן און וואָס ווייטער אַלץ מער, זיך אויסגעלערנט צו באַטראַכטן
די אַנדערע, יעדן איינעם פון די אַנדערע, ווי זעלבסטשטענדיקע באַשעפע־
נישן לגבי אים, און אַזוי אַרום זיך אויסגעלערנט מיט זיי זיך איינצופאַר־
שטיין, צו זיי צו רעדן און דערמעגלעכן זיי רעדן צו אים. אָט־ דאָס שאַפן
אַ „סאָציאַלע״ וועלט מצד פערזאָנען, וועלכע זיינען איינצייטיק אָפּהענגיק און
אומאָפּהענגיק צווישן זיך, האָט זיך לויט זיין מהות אונטערגעשיידט פון אַלע
אַנדערע ענלעכע פּרוון פון די חיות, פונקט אַזוי ווי די טעכנישע אַרבעט
פונעם מענטשן האָט זיך אונטערגעשיידט לויט איר אופן פון אַלע ענלעכע
אויפטוען פון די חיות. אויך די מאַלפּעס באַנוצן זיך מיט אַ צופעליק געפּר־

נענעם שטעקן ווי אַ שטאַנג, ווי אַ רידעל אָדער ווי אַ געווער; אָבער דאָס פּאַסירט נאָר ווי אַ געלעגנהייטלעכע, אַ צופעליקע טואונג; זיי זיינען נישט מסוגל אויסצופּלאַנירן און אויסצואַרבעטן אַ קעגנשטאַנד פאַר זיך, אַז ער זאָל פאַר זיי האָבן אַ דויערנדיקן ווערט און זיין אַזוי ווי זיי ווילן אים און נישט אַנדערש. פּונקט אַזוי לעבן דאָך געוויסע אינסעקטן אין געזעלשאַפטן, וועלכע זיינען אָרגאַניזירט לויט אַ שטרענגער פונאַנדערטיילונג פון אַרבעט; אָבער טאַקע דידאָזיקע פונאַנדערטיילונג פון דער אַרבעט איז עס דער פאַקטאָר, וואָס באַשטימט לגמרי דאָס פאַרהעלטעניש צווישן זיי; אויף אַ געוויסן אופן זיינען זיי אַלע וועקצייג, אָבער די געזעלשאַפט איז עס יענע, וועלכע באַנוצט זיך מיט זיי פאַר אירע אינסטינקטיווע צוועקן; ס'פעלט די אימפּראָוויזאַציע, די אַפילו באַשיידנדיקסטע מאָס פון קעגנזייטיקער אומאָפּהענגיקייט, די מעגלעכקייט זיך ווען ס'איז קעגנזייטיק צו באַטראַכטן ווי „פרייע״ צווישן זיך און דערמיט אויך איינשטעלן די באַציִונגען צווישן זיך. פּונקט אַזוי ווי די ספּעציפישע טעכנישע שאַפונג פונעם מענטשן באַטייט געבן זעלבסטשטענדיקייט די זאַכן, פּנקט אַזוי באַטייט זיין ספּעציפישע סאָציאַלע שאַפונג דאָס געבן זעלבסטשטענדיקייט צו באַשעפענישן פון זיין מין. אויפן סמך פון אָט־דער אייגנאַרט, וואָס נאָר דער מענטש אַליין האָט, דאַרף אויסגעטייטשט ווערן זיין וועג מיט אַלע זיינע עליות און ירידות און במילא אויך אונדזער אייגענער פּונקט אויף אָט־דעם וועג, אונדזער באַזונדערער גרויסער קריזיס.

אין דער ביזאיצטיקער אַנטוויקלונג פונעם מענטשלעכן מין ווי אַזעלכן איז דידאָזיקע ליניע מערקעוודיק, — די ליניע פון שאַפונג און איבערשאַפונג פון געזעלשאַפטן אויפן סמך פון דער שטייגנדיקער פערזענלעכער זעלבסטשטענדיקייט, פון זייער קעגנזייטיקער אָנערקענונג און דער צוזאַמענאַרבעט אויף אָט־דעם יסוד. די צוויי וויכטיקסטע שריט, וועלכע דער מענטש פון די פרימיטיווע צייטן האָט געמאַכט אויף זיין וועג צו דער מענטשלעכער געזעלשאַפט, קאָנען אויף אַ געוויסן אופן אָנגעצייכנט ווערן. איינער פון זיי איז יענער, וואָס בתוך פון יעדער באַזונדערער גרויסער משפּחה, אין אַ פרימיטיוון אופן פון דער פאַרטיילונג פון דער אַרבעט, זיינען די פערזאָנען געווען אָנערקענט און אויסגענוצט לויט זייער פעיִקייט און אַדאַנק דעם האָט די משפּחה וואָס ווייטער אַלץ מער באַקומען דעם כאַראַקטער פון אַ כסדר באַנייטער און זיך באַנייענדיקער פאַראייניקונג פון דורכפירער פון פאַרשידענע פונקציעס; דער צווייטער שריט איז געווען, אַז פאַרשידענע משפּחות

האָבן זיך פאַראייניקט צווישן זיך לויט געוויסע תנאים און הנחות פאַרן בשותפותדיקן זוכן שפּייזמיטלען און זיך אַרויסלאָזן אין קאַמפּעקספּעדיציעס און זיי האָבן אַזוי אַרום פאַרוואַנדלט זייער קעגנזייטיקע הילף אין אַלץ שטאַרקער ווערנדיקע מינהגים און געזעצן און ס'האָט דאָ פאַסירט צווישן געזעלשאַפט דאָס נעמלעכע, וואָס דאָרט צווישן פּערזאָנען, אַז ס'איז אָנגע־נומען און אָנערקענט געוואָרן די פאַרשידנאַרטיקייט אינעם מהות און אין דער פונקציע. דאָרט, ווו ס'האָט זיך פון דעמאָלט אָן אַנטוויקלט אַ עכטע מענטשלעכע קאָלעקטיוויטעט, איז עס פאַרגעקומען אויף די נעמלעכע יסודות פון דער פונקציאָנעלער זעלבסטשטענדיקייט, פון דער קעגנזייטיקער אָנער־קענונג און דער קעגנזייטיקער אחריות, — דער אינדיווידועלער און קאָלעקט־טיווער. ס'איז אמת, אַז פאַרשידנמיניקע מאַכטצענטערס האָבן זיך אָפּגע־שפּאָלטן, פונאַנדערגעטיילט, און זיי האָבן אָרגאַניזירט און גאַראַנטירט די בשותפותדיקע אָרדענונג און זיכערקייט, אָבער קעגן דער פּאָליטישער ספּע־רע אינעם ענגערן זין, קעגן דער מלוכה מיט איר פּאָליציייאישער קראַפט און איר ביוראָקראַטיע, האָט זיך אַוועקגעשטעלט די אָרגאַניש־פונקציאָנעל צונויפגעשטעלטע געזעלשאַפט, וואָס איז געווען אַ געזעלשאַפט אָרגאַניזירט לויטן יסוד פון פאַרשידנמיניקע געזעלשאַפטן, אין וועלכער ס'איז געלעבט און געאַרבעט געוואָרן, אין וועלכער מ'האָט זיך געראַנגלט צווישן זיך און זיך אויך געהאָלפן קעגנזייטיק, און אין יעדער איינער פון די קליינע און גרויסע געזעלשאַפטן, פון וועלכע זי איז געווען צונויפגעשטעלט, אין יעדער איינער פון די דאָזיקע געמיינדעס און קאָאָפּעראַטיווס האָט זיך געפילט די מענטשלעכע פּערזאָן, נישט געקוקט אויף אַלע שוועריקייטן און סיכסוכים אין דער הייב ווי אין דער משפחה; זי האָט זיך געפילט אַקצעפּטירט און באַשטעטיקט אין איר אייגענער פונקציאָנעלער זעלבסטשטענדיקייט און אחריות.

דאָס האָט זיך געענדערט אין דער מאָס ווי דער צענטראַליסטישער פּאָליטישער פּרינציפּ האָט אונטערגעיאָכט דעם דעצענטראַליסטישן געזעל־שאַפטלעכן פּרינציפּ. דאָס אַנטשיידנדיקע דערביי איז נישט געווען דאָס, וואָס דער שטאַט, באַזונדערס אין זיינע מער אָדער ווייניקער טאָטאַליטאַרע פאָרמען, האָט כסדר אָפּגעשוואַכט און פאַרשטויסן די פרייע פאַרבאַנדן; דאָס, וואָס דער פּאָליטישער פּרינציפּ מיט זיין צענטראַליסטישן חותם איז אַריינ־געדרונגען אין די פאַרבאַנדן, איבערגעאַנדערשט זייער סטרוקטור און זייער אינערלעך לעבן און אַזוי אַרום אַלץ מער פאַרפּאָליטישט די געזעלשאַפט

גופא. דאָס, וואָס די געזעלשאַפט האָט זיך אויף אַזאַ אופן און אין אַזאַ מאָס צוגעפּאַסט צו דער מלוכה, איז צו דערקלערן מיטן אומשטאַנד, וואָס ווי אַ פּועל־יוצא פון דער מאָדערנער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג מיט איר אָרגאַניזירטן כאַאָס, פונעם געראַנגל פון אַלע קעגן אַלע צוליבן צוקום צו די רווישטאָפּן און צו אַ בעסערן פּלאַץ אויפן וועלטמאַרק, זיינען אַנשטאָט די אַלטע סתירות צווישן די שטאַטן געקומען סתירות צווישן די געזעלשאַפטן גופא. די אינדיווידועלע געזעלשאַפט, וועלכע האָט זיך שוין איצט געפילט באַדראָט נישט בלויז פונעם אַנגריף־חשק פון די שכנים, נייערט אויך פונעם אַלגעמיינעם מצב פון די עסקים, האָט נישט געזען קיין אַנדערן אופן זיך צו ראַטעווען ווי נאָר זיך פולשטענדיק אונטערצוואַרפן אונטערן פּרינציפּ פון דער צענטראַליסטישער מאַכט; זי האָט אָט־דעם פּרינציפּ פאַרוואַנדלט, אַגב אין דעמאָקראַטישע פאָרמען נישט פיל ווייניקער ווי אין טאָטאַליטאַרע, אין איר אייגענעם פּרינציפּ. אומעטום האָט זיך איצט געהאַנדלט וועגן קאָנצענטרירטער, צונויפגענומענער אָרגאַניזאַציע פון די כוחות, וועגן אומאָפּפּרעגבאַרער אויספאָלגונג פון די לאָזונגען, וועגן דער דורכפירונג פון די ווירקלעכע אָדער כלומרשטע אינטערעסן פון דער מלוכה דורך דער גאַנצער געזעלשאַפט. און צוזאַמען מיט דעם קומט־פאָר אַן אינערלעכע אַנטוויקלונג. אין דעם אומגעהייערן ווידעראַנאַנד פונעם מאָדערנעם לעבן, וועלכער ווערט קוים פאַרדעקט דורכן צוטרוילעך־פונקציאָנירנדיקן עקאָנאָמישן און מלוכהשן אַפּאַראַט, קלאַמערט זיך דער יחיד צום קאָלעקטיוו. די קלייננע געמיינדע, אין וועלכער ער איז געווען אַריינגעדרייט, קאָן אים דאָ נישט העלפן; דאָס קאָנען, לויט זיין מיינונג, נאָר די גרויסע קהילות און ער לאָזט זיך גערן צונעמען די פּערזענלעכע אחריות; איצט וויל ער בלויז פאָלגן. דעריבער גייט צוגרונט די ווערטפולע עשירות, דאָס לעבן צווישן מענטש און מענטש; די אויטאָנאָמישע באַציונגען ווערן נישטיקע, אומוויכטיקע, די פּערזענלעכע באַציונגען ווערן פאַרדאַרט און פאַרקוואַרט, דער גייסט גופא פאַרדינגט זיך ווי אַ פונקציאָנאַר. די מענטשלעכע פּערזענלעכקייט ווערט פון אַ לעבעדיקן גליד פון אַ געזעלשאַפטלעכן קערפּער פאַרוואַנדלט אין אַ רעדל פון אַ „קאָלעקטיווער" מאַשין. און פונקט אַזוי ווי אין דער צעקרומטער טעכניק האָט דער מענטש ביים פאַרלירן דאָס געפיל פונעם ווערק און דאָס געפיל פון דער מאָס, פונקט אַזוי האָט ער אין פאַרלירן אין דער דעגענערירטער געזעלשאַפט דאָס געפיל פון דער בשותפותדיקער געזעלשאַפטלעכקייט. און דאָס פּאַסירט דווקא דעמאָלט, ווען ער איז באַהערשט

פון דער אילוזיע, אַז ער לעבט אין דער פולשטענדיקער איבערגעגעבנקייט צו זיין קהילה.

אַ קריזיס פון דעם מין קאָן נישט בייגעקומען ווערן בלויז מיט דעם, וואָס מ׳איז זיך מכוון אומצוקערן צו אַ פּריִערדיקן פּונקט פונעם וועג, נייערט בלויז בתנאי, ווען מ׳איז אויסן גובר צו זיין די באַטרעפנדיקע פּראָבלעמאַטיק אָן דער כוונה צו מאַכן פּשרות. קיין צוריק איז פאַר אונדז נישט פאַראַן, נייערט אַ דורכרייס פאָרויס. אָבער פאָרויס וועלן מיר זיך דורכרייסן נאָר בתנאי, אויב מיר וועלן וויסן וווּהין מיר ווילן דערגיין.

מיר מוזן אָנהייבן, דאָס איז באַשײַנפּערלעך, מיטן איינשטעלן אַ ווי־טאָלן שלום, ווערלכער זאָל צונעמען ביים פּאָליטישן פּרינציפּ די סוווערעני־טעט איבער דעם געזעלשאַפטלעכן פּרינציפּ. און וויסן דאַרף מען, אַז דעמ־דאָזיקן ערשטן ציל קאָן מען נישט דערגרייכן דורך קיין שום פּאָליטישע אָרגאַניזאַטאָרישע שטיק, נייערט בלויז דורכן שטאַרקן ווילן פון די מענטשן, די פעלקער צו עקספּלואַטירן און פאַרוואַלטן בשותפות דעם פּלאַנעט ערד לויט זיינע טעריטאָריעס, לויט זיינע עשירות אין רוישטאָף און לויט זיין באַפעלקערונג. נו, פּאַסירט אָבער, אַז גראָד דאָ, גראָד פון דאַנען, סטראַשעט אַ גרעסערע סכנה ווי אַלע ביזאיצטיקע, — די סכנה פון אַ גרענעצלאָזן, אומבאַשרענקטן מאַכט־צענטראַליזם, ווערלכער זאָל פאַרשלינגען אַלע פרייע געמיינדעס, יעדע פרייע געזעלשאַפטלעכקייט. עס האַנדלט זיך דאָ, בכן, וועגן דעם, אַז מ׳זאָל די ערד נישט איבערענטפערן אין רשות פונעם פּאָלי־טישן פּרינציפּ.

פאַרוואַלטן בשותפותדיק איז נאָר מעגלעך בתנאי, ווען די פאַרוואַלטונג איז אַ סאָציאַליסטישע. אָבער אויב די גורל־פראַגע פון דער היינטצייטיקער מענטשהייט באַשטייט אין דעם, צי זי וועט זיך קאָנען דעצידירן און דער־ציִען צו אַ בשותפותדיקער סאָציאַליסטישער פאַרוואַלטונג, באַשטייט אָבער די אייגנאַרטיקייט פונעם דאָזיקן פּראָבלעם אינעם עצם סאָציאַליזם, — וואָס פאַרא מין סאָציאַליזם זאָל עס זיין, אין וועמעס נאָמען די בשותפות־דיקע פאַרוואַלטונג פון דער מענטשהייט זאָל פאָרקומען, בתנאי און אויב אַזעלכעס זאָל צושטאַנדקומען.

די צווייִדייטיקייט פון די באַנוצטע באַגריפן איז דאָ גרעסער ווי ערגעצ־אַנדערשוווּ. מ׳זאָגט אַפילו, אַז סאָציאַליזם איז דער איבערגאַנג פונעם באַזיץ פון דער מאַכט איבער די מיטלען פון פּראָדוקציע פונעם רשות פון די אונטערנעמער אין רשות פון דער קאָלעקטיוויטעט. אָבער אַלץ איז דאָ גע־

ווענדט אין דעם, וואָס מ׳פאַרשטייט אונטערן טערמין קאָלעקטיוויטעט. אויב זי איז דאָס, וואָס מיר זײַנען געוווינט אָנצורופן מלוכה, דאָס הייסט, אַן אינסטיטוציע, אין וועלכער אַן עסענציעל נישט געגלידערטער געזאַמל לאָזט פירן זײַנע געשעפטן דורך אַן אַזויגערופענער פאָרשטייערשאַפט, אויב אַזוי וועט זיך דאָס אין אַ סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט האָבן אָנזעעוודיק געענדערט אין דעם זין, אַז די אַרבעטער וועלן זיך פילן רעפּרעזענטירט דורך די אָנפירער פון דער מאַכט, וועלכע וועלן איצט האָבן אין זייער רשות די פּראָדוקציע־מיטלען. אָבער וואָס איז דאָס אַזוינס פאָרשטייערשאַפט? צי ליגט נישט טאַקע און דווקא אין אָט־דעם צו־ווײַטגייענדיקן פּרינציפּ פון זיך לאָזן פאַרטרעטן דער גרעסטער היסרון פון דער מאָדערנער געזעלשאַפט? און צי וועט אין אַ „סאָציאַליסטישער" געזעלשאַפט נישט צוקומען צו דער פּאָליטישער פאָרשטייערשאַפט אויך די עקאָנאָמישע, אַזוי אַז ערשט דעמאָלט וועט שאַלטן און וואַלטן דער פּרינציפּ פון כמעט אומבאַגרענעצטער פאַרטרעטערשאַפט און דערמיט אויך, במילא, דער פּרינציפּ פון אומבאַגרענעצטער מאַכט־אָנזאַמלונג? אָבער וואָס מער אַ מענטשן־געזאַמל לאָזט זיך פאַרטרעטן אין ענין פון דער באַשטימונג פון זײַנע בשותּפותדיקע אינטערעסן און בפרט נאָך פון דרויסנדיקע, פרעמדע, אַלץ ווייניקער בשותּפותדיק לעבן איז אין אים פאַראַן, אַלץ מער מערקט זיך דער דוחק אין געזעלשאַפטלעך־בשותּפותדיקע פאָרמען צווישן אים. ווײַל געמיינשאַפט, בשותּפותדיקע פאָרעם פון לעבן, — נישט די פּרימיטיווע, נייערט יענע, וועלכע איז מעגלעך און צוגעפּאַסט פאַרן הײַנטיקן מענטשן — דריקט זיך קודם־כּל אויס אין דער בשותּפותדיקער אַקטיווער באַהאַנדלונג פונעם בשותּפותדיקן און קאָן נישט עקזיסטירן אָן דעם.

די התחלהדיקע האָפענונג פון יעדן מין געשיכטע איז אַוועקגעשטעלט אויף אַן עכטער, במילא אויף אַ בפירוש בשותּפותדיקייט־אַנטהאַלטנדיקער געמיינדע פונעם מענטשלעכן מין. פיקטיוו, אָפּאַרעריש, אַ גרויסער ליגן אין פּלאַניטאַרישן פאַרנעם וואָלט געווען אַ געמיינדע, וועלכע וואָלט נישט אויפגעבויט געוואָרן אויפן יסוד פון באמתדיקן בשותּפותדיקן לעבן פון די צוזאַמענוווינענדיקע אָדער צוזאַמענאַרבעטנדיקע גרעסערע אָדער קלענערע גרופּן און פון זייערע קעגנזײַטיקע באַציִונגען. עס גייט, בכן, וועגן דעם, אַז די קאָלעקטיוויטעט, אין וועמענס רשות ס׳דאַרף איבערגיין די באַזיצמאַכט איבער די מיטלען פון דער פּראָדוקציע, איר סטרוקטור און אירע אַנשטאַלטן זאָל דערמעגלעכן און שטיצן אַן אמתדיק בשותּפותדיק לעבן פון די פאַרשידנ־

אַרטיקע גרופּן, און נישט נאָר דאָס, נייערט אַז זי אַליין זאָל ווערן דער אייגנטלעכער סוביעקט פונעם פּראָדוקציע־פּראָצעס; אַז דער געזאַמל, די מאַסע, זאָל זיין אַזוי צונויפגעשטעלט און לויט אירע מיטגלידער (די פּאַר־שידנדיקע געמיינדעס) אַזוי מעכטיק ווי נאָר דאָס דערמעגלעכט און דער־לויבט דאָס בשותּפותדיקע פאַרוואַלטן פון דער מענטשהייט; אַז דאָס צענט־ראַליסטישע זיך לאָזן פאַרטרעטן זאָל דערגיין נאָר אַזוי וייט אינוויוויט דער נייער סדר פאַרלאַנגט אומבאַדינגט. די אינערלעכע גורל־פראַגע האָט נישט די פאָרעם פונעם פונדאַמענטאַלן ענטוועדער־אָדער; זי איז דאָס פּראָב־לעם מכוח דער לעגיטימער אָפּגרענעצונג־ליניע, וועלכע מ׳דאַרף אָנצייכענען כּסדר פונדאָסניי, מכוח דעם טויזנטפאַכיקן סיסטעם פון דער אָפּגרענעצונג־ליניע צווישן דעם אומבאַדינגט־נייטיקן צו צענטראַליזירן און די שטחים, וועלכע קאָנען איבערגעלאָזט ווערן פריי; צווישן דער מאָס פונעם הערשן און דער מאָס פון דער אויטאָנאָמיע; צווישן דעם געזעץ פון אייניקייט און דער פּרעטענזיע פונעם כּלל. דער אומאויפהערלעכער אַנאַליז פונעם רעס־פּעקטיוון צושטאַנד פון די זאַכן, בהסכּם מיטן צוגאַנג פון דער פּרעטענזיע פונעם כּלל, אַ פּרעטענזיע, וועלכע די צענטראַלע מאַכט איז תּמיד אַ בעלן צו פאַרגוואַלטיקן; די אָפּהיטונג פונעם פּרינציפּ מכּוח דעם אמת פון די גרענעצן, וועלכער איז פאַרענדערלעך לויט די זיך ענדערנדיקע היסטאָרישע הנחות — דאָס וואָלט געווען די אויפגאַב פונעם גייסטיקן געוויסן פון דער מענטשהייט, אַן אינסטאַנץ פון זעלטענעם, נאָך נישט געוועזענעם מין, ווי אַ פאַרטרוילעכע פאַרשטייערשאַפט פון דער לעבעדיקער אידייע. פאַר די פלאַטאָנישע „וועכטער" איז דאָ פאַרגרייט אַ נייע דערשיינונגס־פאָרעם.

פאַרשטייערשאַפט פון דער אידייע, זאָג איך, — און איך מיין נישט פון אַ פאַרשטאַרטן, פאַרהאַרטעוועטן פּרינציפּ, נייערט פון דער לעבעדיקער געשטאַלט, וועלכע וויל ווערן ממשותדיק טאַקע אינעם שטאָף פון אָט־דעם ערדישן לעבן. אויך כּלל, ציבור טאָר נישט ווערן קיין דאָגמע; אויך ער דאַרף, ווען ער באַווייזט זיך אין לעבן, באַפרידיקן, זיין בהסכּם נישט מיט אַ באַגריף, נייערט מיט אַ סיטואַציע. די פאַרווירקלעכונג פון אַ כּללישער אידייע, פונקט אַזוי ווי די פאַרווירקלעכונג פון יעדן מין, פון וועלכער־ס׳איז אידייע, איז נישט אַזעלכעס, וואָס איז גילטיק איינמאָל פאַר אַלעמאָל און אין אַלגעמיין לעולם ועד, נייערט תּמיד ווי דער מאָמענטאַלער ענטפער אויף אַ מאָמענטאַלער שאלה.

צוליב אָט־דעם לעבנסזין זיינעם מוז פון דער כּלל־אידייע באַזייטיקט

ווערן יעדער מין סענטימענטאַליטעט, יעדער מין איבערטרייבונג און יעדער מין פאַנטאַזירערײַ. כלל־אידייען, קאָלעקטיווקייט איז לגמרי נישט קיין געמיטשטימונג, און אַפילו דאָרט, ווו זיי זיינען יאָ געפיל, איז עס תמיד דאָס געפיל פון תקנותדיקייט. קהילהדיקייט איז די אינערלעכע תקנותדיקייט, די אָרגאַניזאַציע פון אַ בשותפותדיקן לעבן, וועלכעס איז באַקאַנט מיטן טרוקענעם חשבון. מיטן זיך קעגנשטעלנדיקן „צופאַל“, מיט דראָענדיקער „זאָרג“, — איז באַקאַנט מיט זיי און נעמט זיי אַרום. זי איז די בשותפותדיקייט פון נויט און פיין און דערנאָך ערשט אויך בשותפותדיקייט פון גייסט; בשותפותדיקייט פון יגון־ואנחה, און ערשט דערנאָך אויך בשותפותדיקייט פון רעטונג און מזל־ברכה. אויך יענע קאָלעקטיווע געזעלשאַפט, וועלכע באַטראַכט דעם גייסט ווי איר האַר און די מזל־ברכה און רעטונג ווי איר ציל, די „רעליגיעזע“, איז נאָר דעמאָלט אַ קאָלעקטיווע געזעלשאַפט, ווען זי דינט איר האַר בהסכם מיט דער פשוטער, געוויינלעכער, נישט איבערגעטריבענער ווירקלעכקייט, אַ ווירקלעכקייט, וועלכע זי האָט נישט אויסגעווילט, נייערט איז איר גיכער, טאַקע אַזוי, באַשערט געוואָרן; בתנאי, ווען זי לייגט זיך אויס דעם וועג צו איר באַשערטקייט דורכן ווילדגראָז פון אָט־דער אומאיבערשפאַנבאַרער שעה. זיכער, דאָס, וואָס איז דאָ אָנגעמבאַר, זיינען נישט די „ווערק“, אָבער ס'איז יאָ אָנגעמבאַר דאָס ווערק פון אמונה. און אמונה־קאָלעקטיווקייט איז עס באמת נאָר דעמאָלט, ווען ס'איז אויך אַרבעט־קאָלעקטיווקייט.

אַוודאי דאַרף דער אייגנטלעכער מהות פון דער בשותפותדיקייט געזוכט ווערן אין דעם פאַקט, — אָפּענעם אָדער פאַרהוילענעם, — וואָס זי האָט אַ צענטער. אַוודאי קאָן מען באַגרייפן דעם אייגנטלעכן אַנטשטיי פונעם כלל־צונויפנעם נאָר בתנאי, אויב מ'נעמט אין באַטראַכט, אַז זיינע מיטגלידער האָבן אַזאַ בשותפותדיקע באַציִונג צווישן זיך, צום צענטער, וואָס שטייגט אַריבער אַלע אַנדערע באַציִונגען, — דער צירקל ווערט אָנגעצייכנט פון די ראַדיומס און נישט פון די פונקטן פון דער פעריפעריע. און זיכער ווערט די אורשפּרינגלעכקייט פונעם צענטער נישט אָנערקענבאַר, ווען זי ווערט נישט דערקענט ווי דורכזעעוודיק אינעם געטלעכן. אָבער וואָס מער ערדיש, וואָס מער קרעאַטיוו, ממשותדיק דער צענטער שטעלט זיך אַרויס, אַלץ אמתער, אַלץ דורכזעעוודיקער איז ער. דאָס „סאָציאַלע“ באַלאַנגט דאָ אַהער צו דעם. און נישט ווי אַן אָפּטייל, נייערט ווי די וועלט פון דער ווערי־פיקאַציע, — יענער, אין וועלכער ס'ווייזט זיך אַרויס דער אמת פונעם

צענטער. די פּרימיטיווע קריסטן איז נישט געווען גענוג די געמיינדע, וועל־
כע איז געווען נעבן אָדער איבער דער וועלט, און זיי זיינען אַוועק אין דער
מדבר, בכדי צו האָבן אַ בשותּפותדיקייט בלויז מיט גאָט און נישט צו האָבן
פאַר זיך קיין שום שטערנדיקע וועלט. אָבער ס'האָט זיך זיי אויסגעוויזן, אַז
גאָט וויל נישט, דער מענטש זאָל זיין מיט אים אַליין; נו, איז איבער דער
הייליקער אומקאַפּאַציטעט פון דער איינזייטיקייט אויסגעוואָקסן דער ברי־
דערלעכער אָרדן. און לסוף האָט פראַנציסקאָ געשלאָסן דעם בונד מיט די
באַשעפענישן אַריבערשטייגנדיק סאַן בעניטאָס שטח.

אָבער פונדעסטוועגן דאַרף אַ שותּפות־געמיינדע נישט ערשט „גע־
גרינדעט" ווערן. דאָרט, ווו דער געשיכטלעכער גורל האָט אַוועקגעשטעלט
אַ מענטשלעכן געזאַמל אין אַ בשותּפותדיקן נאַטור־ און לעבנס־תּחום, דאָרט
איז געווען פלאַץ פאַרן אַנטשטיי פון דער עכטער געמיינדע; און ס'איז נישט
נייטיק געווען אין מיטן קיין מזבח־עמוד פון אַ שטאָטגאָט, ווען די בירגער
האָבן זיך געפילט פאַראייניקט דורך עפּעס אַזעלכעס, וואָס האָט נישט געהאַט
קיין נאָמען און דורכדעם טאַקע צונויפגעבונדן. ס'איז געהאַט געשאַפן גע־
וואָרן אַ לעבעדיקע און כסדר באַנייטע צווישנאַנאַנדיקע באַציִונג און זי
האָט נאָך געדאַרפט אויסגעקריסטאַליזירט ווערן אין דער אוממיטלבאַרקייט
פון אַלע אַנדערע באַציִונגען. וועגן די בשותּפותדיקע כלל־ענינים האָט מען
זיך דורכגעשמועסט און באַשלאָסן בהסכּם כולם, צווישן זיך, — אין די גליק־
לעכסטע פאַלן נישט דורך פאָרשטייער, נייערט אויף דער פאַרזאַמלונג אויפן
מאַרקפּלאַץ; און די צונויפגעבונדנקייט, וועלכע האָט זיך אויספאָרמירט
בפרהסיא, בפני כל עם ועדה, האָט פון יעדער פּערזענלעכקייט געלאָזט
אַרויסשטראַלן קאָנטאַקט. ס'האָט געקאָנט זיין אַ סכּנה פון איזאָלאַציע, אָבער
דער גייסט האָט זי באַהערשט, דער גייסט, וועלכער האָט דאָ געדייט, ווי אין
קיין שום אָרט ערגעץ אַנדערש, און געעפנט זיינע גרויסע פענצטער אין
די ענגע ווענט מיטן אויסבליק אויף פאָלק, מענטשהייט און קאָסמאָס.

אָבער דאָס איז דאָך שוין — ווערט מיר איינגעווענדט — אַוועק אויף
קיינמאָל מער נישט צוריקצוקומען. די מאָדערנע שטאָט האָט נישט קיין
היינט און דער מאָדערנער מענטש האָט נישט קיין צייט פאַר פאַרהאַנדלונ־
גען, מיט וועלכע ס'קאָנען זיך שוין אָפּגעבן זיינע אויסגעווײַלטע פאַרטרע־
טער. די מעגלעכקייט פון אַ קאָנקרעטן צווישנאַנאַנדעריקן לעבנס־אופן איז
שוין צעשטערט געוואָרן דורכן כּוח פון דער קוואַנטיטעט און דורך דער
פאָרעם פון אָרגאַניזאַציע. די אַרבעט בינדט־צונויף איין מענטש מיטן אַנ־

דערן מער ווי די פרייע צייט; דער ספאָרט — מיט אַנדערע מער, ווי די פּאָליטיק. טאָג און נשמה זיינען געגנוי פונאַנדערגעטיילט, אָבער די פּאַרקני־פו.גען זייגען זייער זאַכלעכע; מ׳רעדט־אַרום צוזאַמען די בשותפותדיקע אינטערעסן און טענדענצן און ס׳איז נישטאָ קיין פּלאַץ פּאַר „אוממיטלבאַר־קייט“. די קאָלעקטיוויטעט איז נישט קיין ענין פון קיין איינגענעמען צונויפּ־קום, נייערט אַ גרויסער עקאָנאָמישער אָדער פּאָליטישער צונויפּנעם פון כוחות, וואָס איז נישט אַזוי פּרוכפּעריק פּאַר אַ ראָמאַנטישן שפּיל פון דער פאָרשטעלונג, אָבער אין איינקלאַנג מיט ציפערן איז זי באַגרייפבאַר; זי דריקט זיך אויס אין מעשים און ווירקונגען און דער יחיד קאָן באַלאַנגען צו איר אָן אינטימקייט, אָבער מיטן באַוווסטזיין פון זיין ענערגעטישן ביי־שטייער. דאָס, וואָס שטעלט זיך אַרויס אין דער געשטאַלט פון „פּאַרבאַנדן“ קעגן דער אומפאַרמיידלעכער אַנטוויקלונג, מוז צערונען ווערן, פאַרשווינדן. ס׳איז אמת, אַז ס׳עקזיסטירט נאָך די פאַמיליע, וועלכע ווייזט־אויס צו פּאַר־לאַנגען און צו פאַרזיכערן אַ געוויסע מאָס פון צוזאַמענלעבן ווי אַ בשותפות־דיקער קאָלעקטיוו, אָבער אויך זי וועט אַרויס פונעם קריזיס, אין וועלכן זי געפינט זיך, אַרויסקומען ווי אַ פאַרבאַנד לשם צוועק אָדער פאַרשווינדן.

כלפּי אָט־דעם מישמאַש פון ריכטיקע טענות און פאַרקערטע מסקנות זאָג איך זיך אַרויס פאַרן ווידערגעבוירן ווערן פון דער געמיינדע. ווידער־געבויר, נישט באַנייאיקער באַשאַף. זי באַשאַפן פונדאָסניי קאָן מען אינדער־אמתן נישט, הגם איך מיין, אַז יעדער אַרויסווייז פון הילפסגרייטער שכנה־שאַפט אינעם בנין פון דער שכנהשאַפט־קאַזאַרמע (דעפּאַרטאַמענט־הייזער). יעדע כוואַליע פון אַ וואַרעמער חברשאַפט בעת די הפסקות אין דער צום שטאַרקסטן ראַציאָנאַליזירטער פאַבריק באַטייט אַ שטייגערונג פון דער געזעלשאַפטלעכער בשותפותדיקייט פון דער וועלט, און הגם מיר ווייזט זיך צומאָלס אויס מער ממשותדיק, ווירקזאַמער, אַ דאָרפגעמיינדע ווי אַ פאַרלאַמענט, איז אָבער דער פאַקט, אַז זי קאָן נישט ווידער פונדאָסניי גע־שאַפן ווערן. אָבער אויב ס׳זאָל פאָרקומען אַ באַנייאיקע געבורט פון דער געמיינדע פון די וואַסערן און פונעם גייסט פון דער זיך דערנענטערנדיקער געזעלשאַפטלעכער איבעראַנדערשונג, מיין איך, אַז פון דעם קאָן זיין אָפּהענ־גיק דער גורל פונעם מענטשלעכן מין. אַן אָרגאַניש ציבורדיק קהילה־וועזן — און נאָר אַזעלכעס קאָן זיך אויסגעשטאַלטיקן און ווערן פאַסיק פאַר אַן אָרגאַניזירטער מענטשהייט — וועט קיינמאָל נישט אַנטשטיין פון יחידים, נייערט פון קליינע און קלענערע געמיינדעס, מחמת אַ פאָלק איז אַ בשותפות־

דיקע קהילה נאָר בתנאי און באופן אויף ווי ווייט ס'אַנטהאַלט אין זיך אַזעל־כע געמיינדעס. אויב די פֿאַמיליע, וועלכע זעט היינט אויס ווי אַ חורבה, וועט נישט אַרויסקומען באַנייס גערייניקט און באַנייט, דעמאָלט וועט די שטאַטלעכקייט זיין נישט מער ווי אַן אַפּאַראַט, וועלכער ווערט געהייצט מיט די לייבער פון די דורות. די געמיינדע, וועלכע קאָן זיך אַזוי אַרום באַנייען, עקזיסטירט נאָך בלויז ווי אַ רעשט. ווען איך רעד וועגן איר ווידערגעבורט, טראַכט איך נישט וועגן דער דויערנדיק־אַנהאַלטנדיקער וועלטלאַגע, נייערט מכוח אַ געענדערטן מצב. מיט די נייע געמיינדעס — מ'מעג זיי אויך אָנרופן די נייע קאָאָפּעראַטיוועס — מיין איך די סוביעקטן פון געענדערטן ווירט־שאַפטלעכן פּאַרוואַלטן, די קאָלעקטיוון, אין וועמעס הענט ס'דאַרף אַרי־בערגיין דער באַזיץ פון די פּראָדוקציע־מיטלען. נאָכאַמאָל: אַלץ איז געווענדט פון דעם, צי זיי זיינען, צי זיי וועלן זיין גרייט.

וויפל פון דער עקאָנאָמישער און פּאָליטישער אויטאָנאָמיע — מחמת זיי וועלן דאָך איינצייטיק מוזן זיין עקאָנאָמישע און פּאָליטישע קערפּערשאַפטן — ס'וועט זיי געגעבן ווערן, דאָס איז אַ טעכנישער ענין, וועלכן מ'וועט תמיד פונדאַסניי מוזן אַוועקשטעלן און אויף אים ענטפערן, אָבער אַוועק־צושטעלן און צו ענטפערן, אַרויסגייענדיק פון דער הנחה, וואָס שטייט איבער דער דערקענטעניש, אַז די אינעווייניקסטע פּאָטענץ פון אַ געמיינדע איז אָפּהענגיק פון איר אויסערלעכער פּאָטענץ. דאָס פּאַרהעלטעניש צווישן צענטראַליזם און דעצענטראַליזם איז אַ פּראָבלעם, וועלכעס איז, ווי שוין געזאָגט, נישט קיין פונדאַמענטאַלס, נייערט אַזעלכעס, וועלכעס דאַרף באַ־האַנדלט ווערן, פונקט ווי אַלעס אַנדערע, וואָס האָט אַ שייכות מיט דער באַציִונג צווישן דער אידייע און דער ווירקלעכקייט, מיטן גרויסן טאַקט פונעם גייסט, מיטן קיינמאָל נישט מיד־ווערנדיקן וועגן און מעסטן דעם לויט רעכט געהעריקן וויפל. צענטראַליזאַציע, יאָ, אָבער בכל האופן נאָר אויף אַזויפיל, אויף וויפל ס'מוז לויט די באַדינגונגען פון צייט און אָרט צענטראַליזירט ווערן; ווען די אינסטאַנץ, וועלכע איז באַשטימט כסדר פונ־דאַסניי אָנצוצייכענען די אָפּגרענעצונגס־ליניעס, וועט זיין געוויסנהאַפט וואַכזאַם, דעמאָלט וועט דער פּאַרטייל צווישן פונדאַמענט און שפּיץ פון דער מאַכט־פּיראַמידע זיין אַ גאַנץ אַנדערער ווי היינט אַפילו אין מלוכות, וועלכע רופן זיך אָן קאָמוניסטיש, דאָס הייסט דאָך געמיינשאַפטלעך. אַ סיס־טעם פון פּאַרטרעטערשאַפט וועט אויך מוזן עקזיסטירן אין דער געזעל־שאַפטלעכער געשטאַלטיקונג, אויף וועלכער איך באַצי זיך; אָבער זי וועט

זיך נישט מאַניפעסטירן, ווי די הײַנטיקע, אין כלומרשטע פּאַרטרעטער פון אָפּגעטעמפּטע ווילערמאַסן, נייערט אין אַזעלכע פּאָרשטייער, וואָס זײַנען אויסגעפּרוווטע אין די פּאַרוואַלטנדיקע געמיינדעס. די פּאַרטראָטענע וועלן שטיין אין פּאַרבינדונג מיט זייערע פּאַרטרעטער נישט ווי הײַנט, דורך פּוסטער אַבסטראַקציע, דורך דער פּראַזעאָלאָגיע פון אַ פּאַרטיי־פּראָגראַם, נייערט ממשותדיק, דורך צוזאַמענדיקער אַקטיוויטעט און צוזאַמענדיקער דערפאַרונג.

דאָס עיקרדיקע אָבער מוז זײַן, אַז דער פּראָצעס פון דער געשטאַלטיקונג פון די געמיינדעס זאָל אָנגיין צוזאַמען מיט די באַציִונגען פון די געמיינדעס צווישן זיך. נאָר אַ געמיינדע פון געמיינדעס וועט קאָנען באַטראַכט ווערן ווי כלל־וועזן.

די בילדערישע צייכענונג, וועלכע איך האָב דאָ אָנגעוואָרפן אין גרויסע שטריכן, פּרעטענדירט צוגעגעבן צו ווערן צו די פּראָטאָקאָלן פונעם „אוטאָפּישן סאָציאַליזם“, ביז דער שטורעם וועט צעפּעפענען אירע בלעטער. פּונקט ווי איך גלייב נישט אין מאַרקס „אויסוואַרעמונג“ פון דער נייער געשטאַלטיקונג, אַזוי גלייב איך אויך נישט אין באַקונינס בתולהשער פרוכפּעריקייט פון סאַמע טראַכט פון דער רעוואָלוציע. אָבער איך גלייב אין דער באַגעגעניש צווישן בילד און גורל אין דער פּלאַסטישער שעה.

MARTIN BUBER

# CAMINOS EN UTOPÍA

Traducido del alemán al idisch por **J. Birnbaum**

●

Editado por:
**"Bujguemeinschaft bai der Idischer Razionalistischer Gueselschaft"**
BUENOS AIRES — 1959